STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00264

MEIR LONDON

Harry Rogoff

Permanent preservation of this book was made possible by
Irving & Ruth Carol
in memory of
Meyer & Esther Carol

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאיר לעווין אין עלטער פון 24 יאר.

מאיר לאָנדאָן

אַ ביאָגראַפיע

פון הלל ראָגאָף

Copyright, 1930, by
Meyer London Memorial Fund, Inc.
New York

ארויסגעגעבן פון

מאיר לאָנדאָן מעמאָריאל פאָנד, אינק.

ניו יאָרק, 1930.

די לעבענס געשיכטע פון מאיר לאָנדאָן

קאפיטעל 1. — די איסט סייד פון נייגצענטען יאָרהונדערט — — 7

קאפיטעל 2. — מאיר לאָנדאָנ׳ס היים, די אלטע און די נייע — 12

קאפיטעל 3. — מאיר לאָנדאָן און דער אויפשטאַנד געגען דע־ליאָנ׳ס טאַקטיק — — — — — — — — — — — — — 18

קאפיטעל 4. — די ערשטע סאָציאַליסטישע קאמפּיינס אויף דער איסט סייד. — לאָנדאָנ׳ס רעדעס — — — — — — — — — 22

קאפיטעל 5. — לאָנדאָן ווערט אן ארבייטער־לאָיער — — — — — 27

קאפיטעל 6. — לאָנדאָנ׳ס ארבייט פאר׳ן „בונד“ — — — — — — 31

קאפיטעל 7. — לאָנדאָן אין די היסטאָרישע סטרייקס פון די קלאָוקמאכער און פאָריער — — — — — — — — — — 37

קאפיטעל 8. — לאָנדאָן אין ארבייטער רינג — — — — — — — 69

קאפיטעל 9. — מאיר לאָנדאָן ווערט ערוויילט צום קאָנגרעס — 75

קאפיטעל 10. — די מלחמה און די סאָציאליסטען. — לאָנדאָנ׳ס אויפנאמע אין קאָנגרעס — — — — — — — — — — 82

קאפיטעל 11. — לאָנדאָנ׳ס קאמף אין קאָנגרעס געגען מיליטאַריזם און געגען מלחמה — — — — — — — — — — — 92

קאפיטעל 12. — לאָנדאָנ׳ס בילס און רעדעס וועגען ארבייטער־פראגען — — — — — — — — — — — — — — 112

קאפיטעל 13. — א שטורם אין קאָנגרעס איבער לאָנדאָנ׳ס א רעוואָלוציאָנערער רעדע — — — — — — — — — 116

קאפיטעל 14. — לאָנדאָנ׳ס שטעלונג צו דער מלחמה — — — — 123

קאפיטעל 15. — לאָנדאָן, די מלחמה און די סאָציאליסטען — — 131

קאפיטעל 16. — לאָנדאָנ׳ס סיכסוכים מיט זיין פארטיי — — — 138

קאפיטעל 17. — לאָנדאָן און די אידישע נאַציאָנאַלע פראגע — — 146

קאפיטעל 18. — „די איינציגע סאָציאליסטישע שטימע“ — — 159

קאפיטעל 19. — לאָנדאָנ׳ס פּראָיעקט פאר א „ליג אָוו נײשאָנס“, 163

קאפיטעל 20. — אין קאמף געגען דער מלחמה־רעאקציע — — 169

קאפיטעל 21. — לאָנדאָן האלט אן ערשטע־מאי רעדע אין קאָנגרעס 177

קאפיטעל 22. — קריטיק אין מלחמה צייט — — — — — — 184

קאפיטעל 23. — ארבייטער בילס אין קאָנגרעס — — — — — — 190

קאפיטעל 24. — לאָנדאָנ׳ס שטעלונג צו דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע — — — — — — — — — — — — — — 196

קאַפּיטעל 25. — דער קאַמפּיין פון 1913. — לאַנדאָן פאַרלירט — 200

קאַפּיטעל 26. — לאַנדאָן און די אַמעריקען פעדערייּשאָן אָוו לייבאָר 210

קאַפּיטעל 27. — די קאָנגרעס זיצונג גלייך נאָך דער מלחמה — 229

קאַפּיטעל 28. — לאַנדאָן ווידער געשיקט אין קאָנגרעס — — — 239

קאַפּיטעל 29. — לאַנדאָנ'ס קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון פּאָ-ליטישע אַרעסטאַנטען — — — — — — — — — — — — — 243

קאַפּיטעל 30. — לאַנדאָנ'ס קאַמף געגען די אימיגראַציאָנס-גזירות — — — — — — — — — — — — — — — — 258

קאַפּיטעל 31. — לאַנדאָנ'ס קאַמף געגען מיליטאַריזם — — — 265

קאַפּיטעל 32. — דער קריזיס און די אַרבייטסלאָזיגקייט נאָך דער מלחמה — — — — — — — — — — — — — — — — 269

קאַפּיטעל 33. — לאַנדאָן אַנאַליזירט דעם ווערסאַילער פרידען — 276

קאַפּיטעל 34. — דער סקאַנדאַליעזער טאַריף ביל — — — — — — 281

קאַפּיטעל 35. — מיליטערישע גלאָרי און אמת'ער פּאַטריאָטיזם — 286

קאַפּיטעל 36. — טעקסעס אויף רייכע און אויף אָרימע — — — 282

קאַפּיטעל 37. — לאַנדאָן האַלט אַ סאָציאַליסטישע לעקציע אין קאָנגרעס — — — — — — — — — — — — — — — — — 297

קאַפּיטעל 38. — לאַנדאָן, דער איינציגער פאַרטיידיגער פון רעגי-רונגס אָנגעשטעלטע — — — — — — — — — — — — — — — 301

קאַפּיטעל 39. — רעגירונגס-הילף פאַר קינדער — — — — — 308

קאַפּיטעל 40. — לאַנדאָן פאָדערט, אַמעריקאַ זאָל אָנערקענען די סאָוועטן רעגירונג — — — — — — — — — — — — — — 312

קאַפּיטעל 41. — לאַנדאָנ'ס אויפפאַסונג פון דער בעגער-פראַגע — 317

קאַפּיטעל 42. — דער ערשטער סאָציאַליסטישער געזעץ געפּאַסט אין די פאַראייניגטע שטאַטען — — — — — — — — — — — — 321

קאַפּיטעל 43. — פאַרוואָס לאַנדאָן איז געווען געגען אַ באָנוס פאַר סאָלדאַטען — — — — — — — — — — — — — — — — 325

קאַפּיטעל 44. — לאַנדאָן, דער פאָרקעמפער פון די קוילען-מאַינערס אין קאָנגרעס — — — — — — — — — — — — — — — — 328

קאַפּיטעל 45. — לאַנדאָנ'ס רעדע וועגען דער קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניגטע שטאַטען — — — — — — — — — — — — — 337

קאַפּיטעל 46. — פאַרזיכערונג פאַר קרבנות פון אַרבייט — — 340

קאַפּיטעל 47 — לאַנדאָן אַלס רעדנער און דעבאַטאַנט אין קאָנגרעס 346

קאַפּיטעל 48. — לאַנדאָן אויף דער וואַך צו שיצען אימיגראַנטען 354

קאַפּיטעל 49. — אַ כאַראַקטער-בילד פון מאיר לאַנדאָן — — — 358

קאַפּיטעל 50. — טעמעני פאַרניכטעט לאַנדאָנ'ס קאָנגרעס-דיסטריקט — — — — — — — — — — — — — — — — — 374

קאַפּיטעל 51. — לאַנדאָנ'ס לעצטע יאָרען און זיין טראַגישער טויט — — — — — — — — — — — — — — — — — 381

באלד דריי יאָר נאָך זיין טראַגישען טויט, ערשיינט פאַר אייך א רעקאָרד פון זיין וואונדערליכען לעבען.

מאיר לאָנדאָן איז געווען איינע פון די אינטערעסאַנטסטע און באַגייסטערענדע פיגורען אין דעם לעבען פון די אידישע מאַסען אין ניו יאָרק. זיין פערזענליכקייט האָט איבערגעלאָזען טיעפע שפורען אויף פילע געביטען פון אונזער לעבען און אי־בערהויפט אויף דעם לעבען פון די אָרגאַניזירטע אידישע ארביי־טער אין ניו יאָרק, און מיר האָפען אז די אַלע וועלכע זיינען גע־קומען אין בארירונג אָדער זיינען באַאיינפלוסט געוואָרען פון מאיר לאָנדאָן, וועלען עם האַלטען פאַר א כבוד צו האָבען א פולען און גרינדליכען איבערבליק איבער זיין לעבען און טעטיג־קייט.

מאיר לאָנדאָן מעמאָריאַל פאָנד, אינק.

נאָרמאַן טאָמאַס, פרעז.

קאפיטעל 1.

די איסט סייד צום סוף פון ניינצענטען יאָר־הונדערט.

די איסט סייד פון ניו יארק איז אין די נייַנציגער יאָרען פון פאַריגען יאָרהונדערט געווען אַן אנטרינונגס פּלאַץ וואו טויזענדער אידען פון די איסט אייראָפּעאישע לענדער זיינען געלאָפען זוכען שוץ געגען אָרימקייט און פארפאָלגונגען. אמעריקא איז פאר זיי געווען ניט בלויז א פּלאַץ פון „פרייהייט און גלייכהייט", נאָר אויך דאָס לאַנד פון גליקען, דאָס לאַנד, „וואו גאָלד האָט זיך געוואַלגערט אין די גאַסען." זיי זיינען אַהער געקומען פול מיט ליכטיגע האָפנונגען און שיינע ערוואַרטונגען.

זייערע זיסע חלומות זיינען אָבער צורונען געוואָרען באַלד נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך אין זייער נייער היים אריינגעקליבען. דאָס לעבען דאָ איז געווען א שרעקליך שווערער, א ברוטאַליזירענדער. דאָס איז געווען די גרויזאַמע צייט פון די טענעמענט הייזער און סוועט שעפּער, פון די באָרדערס און די קאַרטען, פון דיספּעפּסיע, דיספּענסערים און קאָנסאָמפּשאָן. די איסט סייד איז דאמאָלס פאר דעם גאַנצען לאַנד געווען דער סימבאָל פון ליידען און פון מענשליכער דעגענעראַציע.

געוויס זיינען געווען אַזוינע, וואָס האָבען די אומשטענדען באַזיגט און אַזוינע אפילו, וואָס האָבען די אומשטענדען אויסגענוצט זיך ארויפצואַרבייטען. אָבער די צאָל פון באַגליקטע איז געווען פאַרהעלטנישמעסיג קליין און זי איז פאַרטרונקען געוואָרען פון די נייע כוואַליעס פון פרישע אימיגראַנטען. דער טיפּיטשנער איסט סיידער פון יענער צייט איז געווען ענטוועדער א סוועט־שאָפּ ארבייטער, א פּעדלער אָדער א קליינער סטאָר־

קיפּער. אָבער צי ער האָט געהערט צו איין קאַטעגאָריע אָדער צו דער אַנדערער, האָט ער געמוזט פּראַצעווען פון פּאַרטאָג ביז שפּעט ביינאַכט צו פאַרדינען זיין שטיקעל ברויט. די איסט סייד האָט געהאַט ווייניג צייט אויף צו שלאָפען און אויף צו רוען.

אויך גייסטיג איז דאָס לעבען פון די אימיגראַנטען געווען אָנגעפּילט מיט שרעק און פּיין. דער אַלטמאָדישער פרומער איד האָט געמוזט צוזען ווי זיינע טראַדיציעס ווערען פאַרוואָרפען און אויסגעלאַכט. זיינע קינדער זיינען אַוועק אויף אַנדערע וועגען, וועלכע האָבען זיי אַוועקגעפירט ווייט פון אידישקייט, ווייט פון „שטאָט". און אפילו דער מער מאָדערנער איד האָט זיך געשראָקען פאַר דער טענדענץ פון דעם יונגען דור זיך צו אַסימילירען, צו ווערען שנעל אַ האַלב־געבאַקענער יענקי.

דער אַלטער פונדאַמענט פון דער אידישער היים איז דאָ שנעל צוטרייסעלט געוואָרען. דער באָרדער האָט אָפט פאַרשוועכט איר הייליגקייט און די הערצער פון די קינדער זיינען אָפט פאַר־גיפטעט געוואָרען געגען די עלטערען דורך דעם ציניזם פון דער גאַס און דורך דער נייער אויבערפלעכליכער בילדונג פון דער שול. די מאַמעס פון דערוואַקסענע טעכטער זיינען געווען אין שטענדיגען שרעק פאַר דעם נעץ פון די ווייסע שקלאַפען הענד־לער, וואָס איז דאַן געווען אויסגעשפּרייט איבער דעם קוואַר־טאַל, און דער פרומער טאַטע פון דערוואַקסענע זין האָט געציי־טערט טאָמער וועלען זיך זיינע קינדער אָפּקערען פון זיין גאָט, פון זיין פאָלק, און אַוועקשווימען מיט דעם שטראָם פון די זינ־דיגע און פאַרלאָרענע.

די איסט סיידער פּאָעטען פון יענער צייט האָבען געזונגען וועגען די ליידען און די פּראָטעסטען פון די מאַסען; די נאָוועל־ליסטען האָבען געשילדערט די טראַגעדיעס און קאָמעדיעס פון דעם סוועט־שאַפּ און פון דעם טענעמענט הויז. מאָריס ראָ־זענפעלד און ז. ליבין האָבען זיך באַרימט געמאַכט דערמיט וואָס זיי האָבען געגעבען אַ קינסטלערישען אויסדרוק צו די גע־דאַנקען און געפילען פון די אידען פון יענער צייט, און זייערע שאַפונגען זיינען געווען אָנגעזאַפּט מיט טרערען און זיפצען, מיט

וויטאָג און פארצווייפלונג. ראָזענפעלד'ס טעמעס זיינען געווען „דער בלייכער אַפּערייטאָר", „דער טרער אויפ'ן אייזען", „מיין אינגעלע", „דער אַלטער שניידער"; ליבין'ס מעשה'לאך זיינען געווען וועגען „סלעק צייט", „די מעשה מיט אַ אַלטען אָוואָר־קאוט", „טוביה, נעבאך", „צוריק אין דיספּענסערי", „די מאַמע איז געפאַלען".

די אַרומיגע וועלט האָט געוואוסט זייער ווייניג פון דעם אמת'ן לעבען אויף דער איסט סייד, און די איסט סייד האָט גע־האַט אַ קנאַפּע ידיעה פון דעם וואָס עס טוט זיך אויסער אירע גרענעצען. די אַמעריקאַנער צייטונגען פלעגען דערציילען טשי־קאַווע און משונה'דיגע מעשיות פון דער געטאָ — מעשיות וועגען ווילדע מנהגים, קאָמישע טיפּען און „האַרצרייסענדע פאַמי־ליען דראַמעס". די איסט סייד האָט געאורטיילט אַמעריקאַ לויט דער ברוטאַליטעט פון דעם סוועט שאָפּ, די קאָרופּציע פון די טעמעני לידערס וואָס האָבען איבער איר געוועלטיגט, און לויט אַזעלכע „סאָציאַלע אינסטיטוציעס" ווי דער קאָרנער סאַלון, דער מיאוס'ער טאַנץ האַל און די שענדליכע „הייזקעס" מיט וועלכע דער קוואַרטאַל איז פול געווען.

מיט דער צייט האָט דער איסט סיידער איד אָנגעהויבען צו פאַרשטיין אַז די פּראָבלעמען וואָס שטייען אים פאָר זיינען זיינע אייגענע פּראָבלעמען, אַז ער מוז זיי אַליין לעזען. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט זיך ניט אויף וועמען צו פאַרלאָזען. ער האָט אפילו געקוקט מיט אונצוטרויען אויף דער הילף וואָס די דייטשע און שפּאַנישע אידען, די תושבים פון יענער צייט, האָבען אים אָנגעבאָטען.

די לאַגע איז געווען אַ כאַאָטישע. די גרויסע מאַסען, וואָס האָבען געפּראַצעוועט אין די שעפּער און זיך געמוטשעט אין די טענעמענט הייזער האָבען געזוכט אַ רעטונג פון זייער שווערען מאַטעריעלען צושטאַנד. די מער ענערגישע און די ווייניגער געוויסענהאַפטע צווישען זיי האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן די רייען פון די אויסבייטער, זיינען אַליין געוואָרען באַסעס און גענו־מען קאָנקורירען מיט עלטערע באַלעבאַטים. מאַנכע איז עס גע־

לונגען צוצושלאָגען זיך צו פּראָפּעסיעס. אנדערע האָבען זיך אין גאַנצען ארויסגעריסען פון דער געטאָ און זיינע אוועק זוכען זייער גליק אין אַנדערע שטעט. אָבער די גרויסע מערהייט, וועלכע איז ניט געווען בעגאַבט ניט מיט גוטע און ניט מיט שלעכטע אייגענשאַפטען וועלכע זיינען נויטיג פאַר מאַטעריעלען ערפאָלג, האָט געוואַרט אויף אַן ערלייזער, וואָס וועט קומען זי ראַטעווען.

דער וועג ווי אַזוי צו באַפרייען זיך פון שאַפּ־שקלאַפּעריי איז שוין פון פריער ענטדעקט געוואָרען. די אַמעריקאַנער ארבייטער האָבען שוין מיט יאָרען בעפאָר זיך אויסגעלערענט ווי אַזוי צו אָרגאַניזירען יוניאַנס און ווי אַזוי צו קעמפען פאַראייניגט פאַר זייערע רעכטע. אָבער די אידען אויף דער איסט סייד זיינען גע־קומען מערסטענס פון אַ לאַנד, וואו ארבייטער אָרגאַניזאַציע איז באַטראַכט געווען אַלס אַ פאַרברעכען, וואו יוניאַנס זיינען כמעט געווען אַזוי טריף ווי פּאָליטישע בונטען. אָט די אימיגראַנטען פון דער צאַרישער רוסלאַנד האָבען אַליין ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. זיי האָבען געוואַרט אויף אַ שטימע, וואָל זאָל זיי אויפמונטערען, אויף אַ האַנד וואָס זאָל זיי פירען.

אָט די אויפגאַבע האָט אויף זיך גענומען די אידעאַליסטישע אינטעליגענץ, וואָס איז אַהער אָנגעקומען מיט דעם אימיגראַנטען שטראָם פון די אכציגער יאָרען. די אינטעליגענטען זיינען געווען אָנגעהויכט מיט דעם רעוואָלוציאָנערען גייסט. אין דער אַלטער היים זיינען פיל פון זיי געווען ענטוועדער פאַרבונדען אָדער זיי־נען געשטאַנען אין נאָענטע סימפּאַטיעס מיט דער אונטערערדי־שער באַוועגונג וואו זיי האָבען זיך באַקענט מיט די אידעאַלען פון סאָציאַליזם, אינטערנאַציאָנאַליזם און קלאַסען קאַמף.

ליידער אָבער האָבען זייער ווייניג פון די אינטעליגענטען געהאַט אַ חוש פאַר פּראַקטישע זאַכען. זיי זיינען געווען טרוי־מער און ענטוזיאַסטען. די וואונדערליכע דראַמע פון דער רו־סישער רעוואָלוציע, מיט אירע העלדען און מאַרטירער האָט זיי באַצויבערט און זיי זיינען פון דעם צויבער אינגאַנצען באהערשט געוואָרען. זיי האָבען געוואָלט אַז די היגע ארבייטער באַוועגונג און די יוניאַנס וואָס זיי האָבען געהאָלפען גרינדען, זאָלען זיין

הויפּטזעכליך די טרעגער פון די אידעאַלען פון סאָציאַליזם און רעוואָלוציע, אַזוי ווי דאָס זיינען געווען די אידעאַלען פון די אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס אין דער אַלטער היים.

די אינטעליגענטען און די אידעאַליסטען זיינען נאָך דערצו געווען צוטיילט צווישען זיך אין זייערע ראַדיקאַלע אַנשויאונגען. זיי זיינען טאַקע אַלע געווען רעוואָלוציאָנערען. זיי האָבען טאַקע אַלע געשטרעבט צו דער איבערבויאונג פון דער איצטיגער געזעלשאַפט אויף אַ פונדאַמענט פון סאָציאַלען און עקאָנאָמישען יושר און גערעכטיגקייט. אָבער ווי אַזוי דאָס זאָל געטאָן ווערען, וואָס פאַר אַ כאַראַקטער דער קאַמף פאַר דער נייער געזעלשאַפט זאָל טראָגען, איבער דעם זיינען זיי געווען שרעקליך צוריסען צווישען זיך. אַ טייל זיינען געווען סאָציאַליסטען, אַ טייל אַנאַרכיסטען. צווישען די סאָציאַליסטען זיינען געווען מאַנכע פאַנאַטישע מאַרקסיסטען און מאַנכע ליבעראַלערע מאַרקסיסטען. מאַנכע האָבען געגלויבט אַז טרייד יוניאָנס זיינען אַ טייל פון דעם קאַמף וואָס פירט צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, אַנדערע האָבען געהאַלטען אַז יוניאָנס זיינען בלויז אַ צייטווייליגע רפואה צו לינדערען די ליידען פון די אַרבייטער; נאָך אַנדערע האָבען געגלויבט אַז יוניאָנס זיינען אַ שטערונג אין דעם גאַנג פון דער רעוואָלוציע.

אין דער זעלבער צייט וואָס די אינטעליגענטישע פיהרער האָבען געפּריידיגט צו די אַרבייטער די פּרינציפּען פון איינִיגקייט און סאָלידאַריטעט, האָבען זיי געלערענט די אַרבייטער ווי זיך צו אָרגאַניזירען אין גרופּעס און פראַקציעס און ווי צו באַקעמפען איינע די אַנדערע.

די געשיכטע פון די ערשטע יאָרען פון דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג אויף דער איסט סייד איז אַ געשיכטע פון ברודער־קאַמף. יוניאָנס זיינען געגרינדעט געוואָרען, אָבער זיי זיינען שנעל צופאַלען, צוריסען געוואָרען. און יעדער ענטווישענדער פאַרזוך די אַרבייטער צו פאַראייניגען האָט זיי נאָך שוואַכער געמאַכט און זייער לאַגע פאַרערגערט.

קאַפּיטעל 2.

מאיר לאַנדאָן'ס היים, די אַלטע און די נייע.

אין אָט דער איסט סייד איז מאיר לאָנדאָן געקומען דעם ערשטען אָקטאָבער, 1891. ער איז דאמאלס אלט געווען קנאפּע צוואנציג יאָר (ער איז געבוירען געוואָרען דעם 29טען דעצעמבער, 1871). ער איז אהער געקומען צו זיינע עלטערען און זיינע ברי־דער, וועלכע זיינען שוין דאָ געווען פון פריער.

די לאָנדאָן פאמיליע שטאמט פון קאלוואריע, סובאלקער גו־בערניע. דאָרטען איז דער פאָטער, אפרים לאָנדאָן, ערצויגען גע־וואָרען און דאָרטען האָט ער געהייראט; דאָרטען איז מאיר לאָנ־דאָן געבוירען געוואָרען און פארבראכט זיינע קינדער יאָרען. אפרים לאָנדאָן איז געווען א איד א למדן, אָבער ער איז געווען אָנגעשטעקט מיט פראָגרעסיווע און אפיקורסישע געדאנקען. די פרוי זיינע איז שוין געווען, פארקערט, א פרומע אידענע; זי האָט געשטאמט פון א רבנישער פאמיליע און האָט זיך געפירט ווי איר פאָטער האָט איר געלערענט.

אין קאלווריע האָט אפרים ניט געקענט געפינען קיין פרנסה, האָט ער זיך מיט זיין פאמיליע איבערגעקליבען אין דער שטעטעל זענקאָוו, פאלטאווער גובערניע, וואו ער האָט געפּרו־בירט האנדלען מיט תבואה. דאָרטען איז זיין פרוי געשטארבען, איבערלאָזענדיג א הויז מיט קליינע קינדער. אפרים האָט גע־הייראט מיט דער שוועסטער פון דער פארשטאָרבענער, וועלכע האָט געוואוינט ביי אים פון פריער. זי האָט די קינדער ער־צויגען.

עס איז אינטערעסאנט, אז די קינדער האָבען זייער שטיפ־מוטער קיינמאָל ניט גערופען, ניט מאמע, און ניט מומע, נאָר

מיט איר ריכטיגען נאָמען, „פעשע", ווייל אַזוי האָבען זיי איר גערופען ווען זייער מוטער האָט געלעבט און זי איז צוזאַמען מיט זיי אין הויז געווען.

דער געביטענער אָרט האָט אפרים'ן קיין מזל ניט געבראַכט. אין זאנקאָוו איז אים ניט געגאַנגען בעסער ווי אין קאַלוואַריע. ער האָט באַשלאָסען צו פּאָרען זוכען זיין גליק אין דער נייער לאַנד, וואו אידען פון רוסלאַנד האָבען דאַן אָנגעהויבען צו פאָרען אין גרויסע מאַסען. דאָס איז געשען אין יאָהר 1888.

דריי זין האָט אפרים געהאַט פון זיין ערשטע פרוי. מאיר, דער עלטסטער, איז איצט אַלט געווען אַ יאָר זעכצען. פון די אַנדערע צוויי איז דער מיטעלער, לייבעל (דער איצטיגער לואיס לאַנדאָן), אַלט געווען דרייצען יאָר און דער יינגסטער, הערשעל (דער איצטיגער האַרעס), אַ יאָר זיבען. דער פאָטער האָט באַשלאָסען איינעם פון די זין מיטצונעמען קיין אמעריקא. דער פּאַסיגסטער פאַר דעם האָט, פאַרשטייט זיך, געדאַרפט זיין דער עלטסטער, מאיר. אים האָט אָבער דער פאָטער ניט געוואָלט טשעפּען. ער האָט אים ניט געוואָלט אַוועקנעמען פון לערנען. ער האָט בעסער מיטגענומען דעם מיטעלען, דעם דרייצען יאָריגען לייבעל.

פון קינדווייז אָן האָט מאיר לאַנדאָן אַרויסגעוויזען אַ שטאַרקען חשק צום לערנען. זיין פאָטער האָט אים פריער געשיקט אין חדר אַריין, וואו ער האָט געלערענט חומש און תנ"ך און אַביסעל גמרא. שפּעטער האָט ער אים פון חדר צוגענומען און געשיקט אין אַ רוסישער שול. מאיר לאַנדאָן האָט אַרויסגעוויזען גרויסע פייאיגקייטען אין זיין שטודיום. ער האָט אויך געלעזען אַ מאַסע, אַלערליי ביכער, — ליטעראַטור, געשיכטע, וויסענשאַפט. זיין אַמביציע איז געווען צוצוגרייטען זיך פאַר עקזאַמען צו אַכט קלאַסען גימנאַזיע און דערנאָך אַריינטרעטען אין אַ אוניווערזיטעט.

די אַמביציע האָט ער קיינמאָל ניט דערגרייכט אין רוסלאַנד. ווען ער האָט שוין געהאַלטען נאָענט ביים ציל האָט דער פאָטער געשיקט נאָך דער פאַמיליע זי זאָל קומען צו אים קיין אמעריקא.

פריער איז אוועקגעפאָרען „פעשע" מיט די אַנדערע קינדער. מיט עטליכע חדשים שפּעטער איז מאיר זיי נאָכגעפאָרען. ער איז געקומען אהער דער לעצטער פון דער פאַמיליע.

ווען די ערשטע צוואַנציג יאָר פון זיין לעבן האָט מאיר לאָנדאָן אמאָל געמאַכט דעם פאָלגענדען סך הכּל:

„איך בין געבוירען געוואָרען אין רוסלאַנד און געוואוינט אין אוקראַינע ביז דעם עלטער פון 20 יאָר. מיינע עלטערען זיינען געווען לערנער, דענקער. זיי האָבען געזוכט צו פאַרשטיין זאַכען, צו ווּיסען. מיין פאָטער האָט געלערענט פאַר רבנות. ער איז אָבער געווען אַ ראַדיקאַלער מענש. ער איז אוועק קיין אַמעריקא ווען איך בין געווען אַ יאָר זעכצען. ער האָט אַרויסגעגעבען אַ קליינע צייטונג אויף דער איסט סייד. איך בין געבליבען אין רוסלאַנד, וואו איך האָב פאַרגעזעצט מיין לערנען — ליטעראַ־טור, געשיכטע, העברעאיש, תּלמוד. דאָס איז ניט געווען קיין פּראַקטישע פאַרבערייטונג פאַר דעם לעבען, אָבער אונזערע מענשען האָבען דעם פּראַקטישען לעבען ווייניג וואָס פאַרשטאַנען. זייער הויפּט אינטערעס איז געלעגען אין ביכער. איך בין געווען אָרים, פאַרשטייט זיך. מיר זיינען אַלע געווען אָרים. איך האָב זיך ערנערט דורך דעם, וואָס איך האָב געלערענט מיט אַנדערע, זיי גע־געבען לעסאָנס. איך האָב דעמאָלס געהערט צו אַ גרופּע בחורים, וואָס האָבען גערעדט אַ סך וועגען רעוואָלוציע, כאָטש זיי האָבען ניט געהאַט די מינדעסטע אַהנונג, וואָס רעוואָלוציע איז. מיין פאָטער אין אַמעריקא האָט געהערט אַז איך בין רעוואָלוציאָנעריש געניינט. האָט ער מיר געשריבען איך זאָל אונטער קיינע אומ־שטענדען ניט אַריינטרעטען אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרבייט. ער האָט מיר געהייסען פריער לערנען, טראַכטען, בעאָבאַכטען און וואַרטען ביז איך וועל פאַרשטיין דאָס לעבען און די וועלט אַ סך בעסער".

די היים, אין וועלכער מאיר לאָנדאָן איז אַריינגעפאָרען ביים אָנקומען אין אַמעריקא האָט זיך געפונען אויף סאַפאָלק סטריט, אין דער הארץ פון דער איסט סייד. זיין פאָטער האָט אין אַמעריקא קיין גרויסע גליקען ניט געמאַכט. ער האָט דאָ ניט

פראַגרעסירט מאַטעריעל. דערפאַר אָבער האָט ער געמאכט פאַרט־שריט אין זיינע ראַדיקאַלע אידעען. ער איז דאָ געווארען א סאָ־ציאַליסט פון דעם לינקסטען פליגעל. אין יענע יאָרען האָבען די ראַדיקאַלען אויף דער איסט ניט געהאַט קיין קלאָרען באַגריף וועגען דעם אונטערשיד צווישען דעם סאָציאַליזם און אַנאַרכיזם. עס איז אין אַלגעמיין געווען ביי פילע פון זיי א טומאַן אין קאָפּ וועגען די פארשידענע סאָציאַליסטישע פּראָגראַמען. די אינטע־ליגענץ האָט געלעבט מער מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון רוסלאַנד ווי מיט דעם לעבען דאָ אין אַמעריקא.

אפרים לאָנדאָן האָט געהאַט א קליינע דרוקעריי פון אידיש, רוסיש און ענגליש. א קורצע צייט האָט ער ארויסגעגעבען א ראַדיקאַלע וואָכענשריפט מיטן נאָמען „מאָרגענשטערן". די צייַ־טונג איז געווען זיינע א פּריוואַטע אונטערנעמונג, אָבער זי איז געשטאַנען אין דינסט פון די ארבייטער מאַסען. די רעדאַק־טערע און מיטארבייטער פון דעם „מאָרגענשטערן" זיינען געווען אינטעליגענטען פון פארשידענע ראַדיקאַלע פליגלען. דער אַלגע־מיינער טאָן איז אָבער געווען אַן אַנאַרכיסטישער.

ווען דער יונגער מאיר איז אהער געקומען איז שוין די צייַ־טונג מער ניט ערשינען. די פאַמיליע האָט זיך אָבער נאָך ער־נערט פון דער קליינער דרוקעריי. דאָרט, ביי אפרים לאָנדאָן אין געשעפט, פלעגען זיך פארזאמלען יונגע אידישע אינטעליגענטען און ראַדיקאַלען. מאיר לאָנדאָן האָט זיך מיט פילע פון זיי דאָרט באַקענט און פון זיי האָט ער זיך דערוואוסט וועגען דער ראַ־דיקאַלער באַוועגונג אויף דער איסט סייד, איר אינהאַלט, איר באַ־דייטונג, אירע שטרעבונגען און אזוי ווייטער.

וועגען יענע גרינע יאָרען אין אמעריקא האָט לאָנדאָן שפּעַ־טער דערציילט דאָס פאָלגענדע:

„מיר זיינען געווען אָרים. מיין פאָטער האָט געהאַט ניט מער ווי זיין קליינע האַנד־פּרעס. איך האָב געמוזט זוכען עפּעס צו פארדינען. איך האָב געגעבען לעסאָנס, ווען און וואו עס

האָט זיך נאָר געמאַכט. מאַנכע פון מיינע שטונדען פלעגען זיך אָנפאַנגען נאָך צען ביינאַכט און אָנהאַלטען ביז נאָך צוועלף. איך האָב געגעבען לעקטשורס, מייסטענס וועגען ליטעראַטור, וועגען די רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען פון אַזוינע באַרימטע שרייבער ווי דיקענס און קאַרלייל. שפּעטער האָב איך באַקומען אַ שטעלע אין אַ לייברערי, און אַזוי ווי די אַרבייט־שטונדען זיינען דאָרטען ניט געווען קיין לאַנגע, האָב איך צייט געהאַט צו שטודירען. איך האָב געשטודירט פאַר לאָיער".

די ערשטע צייט האָט דאָ לאָנדאָן דורכגעמאַכט דעם זעלבען שווערען קאַמף ווי פיל אַנדערע אינטעליגענטען פון יענער צייט. ער פלעגט אַרבייטען ביי טאָג און זיך לערנען ביינאַכט. אָבער טראָץ דעם, וואָס ער איז געווען אַזוי פאַרנומען מיט אַרבייט און מיט לערנען, האָט ער ניט פאַרנאַכלעסיגט זיין טעטיגקייט אַלס ראַדיקאַל. ער פלעגט געהן צו ראַדיקאַלע פאַרזאַמלונגען און האָט זיך באַטייליגט אין דיסקוסיעס און דעבאַטען איבער ראַדיקאַלע פראַגען. אין אַ קורצער צייט אַרום איז ער געוואָרען אַ באַקאַנטע פיגור ביי די וועכענטליכע פאָרומס וואָס זיינען דאַמאָלס אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין דער עדיוקיישאָנאַל עלייענס. צו די פאָרומס פלעגען קומען אַמעריקאַנער יונגע לייט, סטודענטען און אינטעליגענטען. די דעבאַטען פלעגען אָנגעפירט ווערען אויף ענגליש, און די טעמעס זיינען געווען די צייט־פראַגען פון דעם אַמעריקאַנעם עקאָנאָמישען, סאָציאַלען און פּאָליטישען לעבען.

לאָנדאָן, וועלכער איז נאָך געווען גאָר אַ גרינער, פלעגט זיך אין די דעבאַטען באַטייליגען. זיין ענגליש איז טאַקע געווען אַ גאַנץ אָרימער און שלעכטער, דאָך האָט ער געצווינגען אויפמערקזאַמקייט. וואָס אים האָט געפעלט אין לשון, האָט ער גוט געמאַכט מיט געדאַנקען. יעדעס מאָל ווען ער פלעגט נעמען אַ וואָרט פלעגען אַלע אין זאַל זיך צוהערען. ער האָט געקראָגען די אַנערקענונג אַלס דער בעסטער דעבאַטאַנט אין דעם פאָרום.

די ליבע צו דיסקוסיעס און דעבאַטען און אויך דער טיפער אינטערעס אין דעם עפענטליכען לעבען פון לאַנד, דאָס האָט

מאיר לאָנדאָן אין 1917, ווען אַמעריקא איז אַריין אין קריג.

ווארשיינליך באוואויגעו לאָנדאָנ׳ען ער זאָל זוכען צו מאַכען די לאָא־פּראָפעסיע פאר זיין קאריערע. אין יאָר 1896 איז ער ארייג־געטראָטען אין דער ניו יאָרק יוניווערסיטי. דאמאָלס האָט ער געארבייט אין דער לייברערי. ער פלעגט ארבייטען ביי טאָג און געהן אין אוניווערזיטעט ביינאכט. אין צוויי יאָר צייט האָט ער פארענדיגט זיין קורס. אין יאָר 1898 האָט ער באַקומען זיין אטעסטאט פון דער רעגירונג צו פּראַקטיצירען זיין פּראָפעסיע.

קאפיטעל 3.

מאיר לאָנדאָן אין דעם אויפשטאַנד געגען דע־ליאָן'ס טאַקטיק.

אין די לעצטע יאָרען פון דעם נײַנצענטען יאָרהונדערט איז אין דער סאָציאַליסטיער באַוועגונג פון אמעריקא פאָרגעקומען אַן אינערליכע רעוואָלוציע. די פּאַרטיי האָט זיך דאַן געשפּאָל־טען אין צוויי פליגלען, וועלכע האָבען איינע די אַנדערע ביטער באַקעמפט. די שפּאַלטונג איז פאָרגעקומען איבער פראַגען פון פירערשאַפט און טאַקטיק. דער הויפּט פירער פון דער פּאַרטיי, וועלכע האָט געטראָגען דעם נאָמען די „סאָציאַליסטישע אַרביי־טער פּאַרטיי", איז געוועזען דעניעל דע ליאָן, אַ פאַנאַטיקער און אַ דיקטאַטאָר. ער האָט געפירט אַ קרייץ־צוג געגען יעדער אַר־בייטער פירערשאַפט און אַרבייטער גרופּע, וועלכע האָט זיך ענטזאָגט צו אינדאָרסירען זיין סאָציאַליסטישען פּראָגראַם.

מיט פאַרדאַמען די קאָנסערוואַטיווע אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר האָט זיך דע ליאָן ניט באַנוגענט. ער האָט אָנגע־שטרענגט זיינע אַלע כוחות איר צו פאַרניכטען. ער האָט אָרגאַ־ניזירט אָפּאָזיציאָנס יוניאָנס צו די יוניאָנס פון דער פעדעריי־שאָן און אַרייַנגעטראָגען אַ ברודער קאַמף אין די רייען פון די אַרבייטער אין די שעפּער און פאַבריקען.

דע ליאָן'ס מעטאָדען האָבען אין טעאָריע אַפּעלירט צו די אידישע ראַדיקאַלע אַרבייטער און אינטעליגענטען. עס האָט זיך אין זיי געפילט דער קאָנספּיראַטיווער גייסט פון דער אונ־טערערדישער באַוועגונג אין רוסלאַנד; דער אימיגראַנט האָט אויך טיף אין זיין אינטערבאַוואוסטזיין געהאַט אַ געוויסע באַ־פרידיגונג פון דעם געדאַנק, אַז ער שטעהט גייסטיג העכער ווי

דער אַמעריקאַנער ארבייטער, אז ער איז מער יחסן פאר אים אלס רעוואָלוציאָנער, אלס ראַדיקאַל.

אין דער פּראַקטיק אָבער האָבען ניט די אימיגראַנטען אר־בייטער און ניט די אימיגראַנטען אינטעליגענטען געקענט לאַנג דולדען דע ליאָן׳ס מעטאָדען. דורך די אָפּאָזיציאָנס יוניאָנס האָט דער אַרבייטער שרעקליך געליטען אין פאַבריק. אנשטאָט דעם אז די ארבייטער זאָלען מיט פאַראייניגטע כוחות קעמפען געגען די באַלעבאַטים, האָבען זיי מיט צוטיילטע כוחות געקעמפט איינע געגען די אַנדערע. די אינטעליגענטען האָבען ניט געקאָנט פאַר־טראָגען די דיקטאַטור איבער זייערע געדאַנקען, זייערע מיינונ־גען, זייער געוויסען, וואָס דע ליאָן האָט געהאַט איינגעפירט.

די פּאַרטיי איז צושפּאָלטען געוואָרען. פון אָנפאַנג איז די אָפּאָזיציע געווען שוואַך. דע ליאָנ׳ען איז געלונגען אָנצוהאַלטען זיין קאָנטראָל איבער דער מאַשין אין דער אָרגאַניזאַציע פון דער אַלטער פּאַרטיי. די אָפּאָזיציע איז ארויס מיט גאָרנישט. זי האָט געמוזט אָנפאַנגען צו בויען אַ נייע פּאַרטיי פון סאַמען פונדאַמענט.

אין דער זעלבער צייט וואָס אין דער סאָציאַליסטישער אר־בייטער פּאַרטיי זיינען פאָרגעקומען די אינערליכע רייסערייען און שפּאַלטונגען, האָט זיך אין דער וועסט אָנגעפאַנגען אַ נייע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אונטער דער פירערשאַפט פון יודזשין וו. דעבס.

דעבס האָט זיך באַקענט מיט די סאַציאַליסטישע אידעען זיצענדיג אין פּריזאָן, וואו ער איז פארשיקט געוואָרען אלס רע־זולטאַט פון אַ גרויסען ריילראָוד סטרייק, וועלכען ער האָט אָנ־געפירט אין דער וועסט.

„ארײַן בין איך אין פּריזאָן אַ טרייד יוניאָניסט", — האָט דעבס געזאָגט, — און אַרויס בין איך אַ סאָציאַליסט". אין יאַר 1897 האָט ער, צוזאַמען מיט אַ צאָל ראַדיקאַלען, אָרגאַניזירט די „סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּאַרטיי פון אמעריקא".

דער פּראָגראַם פון דעבס׳ פּאַרטיי איז נאָך ניט געווען ריין סאָציאַליסטיש. אין דער אָרגאַניזאַציע האָבען זיך ארײַנגעכאַפּט

ראַדיקאַלען פון פאַרשידענע שולען און ריכטונגען, און זיי האָ־בען אויסגעווירקט זייער איינפלוס. דעבס אַליין איז נאָך געווען מער אַ שטימונגס־סאָציאַליסט ווי אַ וויסענשאַפטליכער סאָציאַ־ליסט. ער איז געווען באַגייסטערט פאַר דעם אידעאַל, פאַר דעם ציל פון סאָציאַליזם. וועגען די פּראַקטישע מיטלען און מע־טאָדען ווי אַזוי דעם אידעאַל צו דערגרייכען האָט ער ווייניג גע־טראַכט. אים האָט דערפאַר ניט געאַרט ווען אין דעם פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי זיינען אַריינגעשריבען געוואָרען אוטאָפּיסטישע פּלענער, פון וועלכע דער וויסענשאַפטליכער סאָציאַליזם האָט זיך שוין געהאַט לאַנג אָפּגעזאָגט.

דאָך האָט דעבס' באַוועגונג געוואונען אַ סך אָנהענגער צווישען די געוועזענע מיטגלידער פון דער סאָציאַליסטישער אַר־בייטער פּאַרטיי. זיי האָבען עס געהאַלטען פאַר אונגעהייער וויכ־טיג, וואָס אין דער באַוועגונג זיינען די פירער געווען עכטע אמע־ריקאַנער ארבייטער פּאַרשטייער און וואָס די באַוועגונג האָט זיך אָנגעפאַנגען צווישען עכטע אמעריקאַנישע אַרבייטער. זיי זיינען געווען זיכער, אז וואָס אַנבאַלאַנגט דעם פּראָגראַם, איז דאָס נאָר אַ פראַגע פון אויפקלערונג. זאָלען נאָר די איבערצייגטע און וויסענשאַפטליכע סאָציאַליסטען אריין אין דער פּאַרטיי, און עס וועט ניט לאַנג דויערען ביז די פּאַרטיי וועט זיך שטעלען אויף אַ ריין וויסענשאַפטליכען סאָציאַליסטישען פּראָגראַם.

מאיר לאָנדאָן איז געווען איינער פון די ערשטע צווישען די אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרשטייער אין ניו יאָרק, וואָס האָט זיך געשטעלט אויף דעם שטאַנדפּונקט. ער איז פון דער סאָציאַליסטי־שער אַרבייטער פּאַרטיי אַרויס, ווייל ער האָט ניט געקאָנט דולדען דע ליאָן'ס דיקטאַטור און ווייל ער איז געווען געגען אַ ברודער־קריג אין די יוניאָנס. די נייעס אז אין דער וועסט האָט זיך אָנגעהויבען אַ נייע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אונטער יודזשין דעבס, האָט אים באַגייסטערט. ער האָט גלייך אָרגאַניזירט אין ניו יאָרק אַ ברענטש פון דער נייער פּאַרטיי.

סוף יולי, 1897, האָבען די אידישע סאָציאַליסטישע גרופּען, וואָס זיינען אַרויסגעטראָטען פון דע ליאָן'ס פּאַרטיי, אָפּגעהאַל־

טען א קאָנוועגשאָן אין ניו יארק. צו דער קאָנוועגשאָן איז לאָנדאָן געקומען אלס א דעלעגאַט פון „ברענטש 1, סאָציאל־דעמאָקראטישע פארטיי פון אמעריקע”. ער האָט דארטען גע־מאכט א פאָרשלאַג אז די אידישע סאָציאליסטישע גרופען זאָלען זיך אָנשליסען אָן דער נייער דעבס׳ פארטיי. זיין פאָרשלאַג האָט לאָנדאָן פארטיידיגט מיט א שטארקער, געלונגענער רעדע. ער האָט געלייגט דעם געוויכט אויף צוויי פונקטען: ערשטענס, וואָס די נייע סאָציאליסטישע באוועגונג איז אָן עכט אמעריקאַני־שע, ניט קיין אימיגראַנטען באוועגונג; צווייטענס, וואס זי ווערט געפירט פון אזא מענש ווי דעבס, אן אמת׳ער אידעאַ־ליסט, אן אמת׳ער ארבייטער רעוואָלוציאָנער.

לאָנדאָן׳ס פאָרשלאַג איז הייס דעבאַטירט געווארען. ער איז געשטיצט געווארען פון די וויכטיגסטע אינטעליגענטע פירער און איז אנגענומען געוואָרען פון דער קאָנוועגשאָן מיט א גרויסער מאַיאריטעט.

מיט א פאָר יאָר שפעטער איז דעבס׳ פארטיי פארוואַנ־דעלט געווארען אין דער איצטיגער סאָציאליסטישער פארטיי. מאיר לאָנדאָן איז געווען א דעלעגאַט ביי דער קאָנוועגשאָן, וועל־כע האָט געגעבען דער סאָציאליסטישער פארטיי איר איצטיגען נאָמען און איר איצטיגען פראָגראם.

קאַפּיטעל 4.

די ערשטע סאָציאַליסטישע קאַמפּיינס אויף דער איסט סייד. — לאָנדאָן'ס רעדעס.

די ערשטע פּאָליטישע אויפגאַבע, וואָס די סאָציאַליסטען פון דער איסט סייד האָבען זיך געשטעלט, איז געווען צו באַזיי־גען טעמעני האָל. אויף דער איסט סייד האָבען דאַן געוועלטיגט די ערגסטע אטאַמאַנען פון דער פּאָליטישער רויבער־באַנדע, — סילוועד דאָלער סמיט, די סאָליוואַנס, די מאַרטין ענגעלס. ווען די סאָציאַליסטען האָבען אָנגעפאַנגען זייערע ערשטע אָפענע פּאָ־ליטישע קאַמפּיינס, ווען זיי זיינען אַרויס פון זייערע לעקטשור האָלס און זיך געשטעלט אין די גאַסען פּרעדיגען דעם פּאָליטי־שען קאַמף האָבען די טעמעני לידערס דאָס באַטראַכט פאַר א גרויסען שפּאַס. זיי האָבען אַרויסגעשיקט איינגלעך, גאַסען אינגג־לאַך, צו פאַרטרייבען די סאָציאַליסטען. קליינע „לויפערס" האָ־בען באַוואָרפען סאָציאַליסטישע רעדנער מיט שטיינער און די רעדנער האָבען זיך ווירקליך קוים מיט זייערע לעבענס גערא־טעוועט.

מיט דער צייט אָבער האָבען די טעמעני לייט זיך איבער־צייגט, אז דער קאַמף פון די סאָציאַליסטען איז א גאַנץ ערנס־טער. די קאָרופּציע פון טעמעני־האָל האָט געסטראַשעט די היים פון די אימיגראַנטען באַפעלקערונג — קיינער איז ניט געווען זיכער, אז זיין זון וועט ניט אַריינגענאַרט ווערען אין א גאַמבלינג הויז, אז זיין טאָכטער וועט ניט רואינירט ווערען פון ווייסע שקלאַפען־הענדלער. די סאָציאַליסטען האָבען געלערענט דעם עולם צו פאַרשטיין די נאָענטסטע שייכות צווישען קאָרופּטע פּאָליטיק און אָרגאַניזירטע פאַרברעכען. זיי האָבען איבערצייגט

דעם עולם אַז עס איז זיין פליכט ארויסצוטרייבען די פּעסט וואס האָט דעם קווארטאל באַדעקט מיט שאַנד און שמוץ.

די איסט סייד האָט זיך צו די סאָציאַליסטען צוגעהערט און זיי געגלויבט. די מאַסע האָט באַטראַכט די סאָציאַליסטען אַלס זייערע פּאַרקעמפּער, אַלס זייערע מאָראַלע פּאַרטיידיגער. דער גרויסער עולם האָט זיך צו די סאָציאַליסטישע רעדנער צוגעהערט ווי צו גייסטיגע פירער.

אָבער טראָץ זייער מאָראַלען איינפלוס האָבען די סאציאַליס־טען פּאָליטיש כמעט קיין פּאָרטשריט ניט געמאַכט. טעמעני האָט גענוצט דעם באַנוצט א ווירקזאַמען מיטעל. אין די וואָכען פון וואל־קאַמף פלעגט די איסט סייד קאָכען מיט סאָציאַליסטי־שער אַגיטאַציע. די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטען פלעגען אויפ־גענומען ווערען מיט שטורמישע אָוואַציעס, די פאַרזאַמלונגען זיי־ערע זיינען געווען מאָנסטער־דעמאָנסטראַציעס פון צוטרויען און איבערגעבענהייט. די גאַנצע שטאָט פלעגט ווענען די סאָציאַליס־טישע קאַמפּיינס אויף דער איסט סייד ריידען. די צייטונגען, וועלכע האָבען זיך געוויינליך מיט דער איסט סייד כמעט ווי גאָר־ניט אינטערעסירט, האָבען אין די קאַמפּיין וואָכען אַראָפּגעשיקט אהין זייערע מיטאַרבייטער צו באָאָבאַכטען און צו שילדערען די מערקווירדיגע סצענעס וואס האָבען זיך אויף די גאַסען אָפּגע־שפּילט.

די סאָציאַליסטען פלעגען האָבען דעם גאַנצען שלאַכט־פעלד פאַר זיך און פריי אָנגעפירט זייער סטראַטעגיקע די גאַנצע צייט פון קאַמפּיין. אָבער דעם טאָג פון די וואַלען פלעגען די טעמעני פירער און זייערע אַגענטען זיך באַווייזען אין די גאַסען. זיי פלעגען זיך ארויסרוקען פון די סאַלונס, פון די געמבלינג הייזער, פון די טונקעלע האָטעלען און זיך נעמען צו דער ארבייט. זיי פלעגען זיך אויסשטעלען לעבען די שטים־פּלעצער און אין די שטים־פּלעצער. זיי פלעגען קויפען שטימען פרעך און אָפען, זיי פלעגען פעלשעווען, שלאָגען, טעראָריזירען. ביי נאַכט, ווען מען האָט די שטימען געדאַרפט ציילען, פלעגען אריינקומען געניטע גענגסטערס און „אַכטונג געבען" אַז מער ווי א געוויסע צאָל סאָ־

ציאַליסטישע שטימען זאָלען ניט געציילט ווערען. די פּאָליציי פּלעגט אַלעם זען און שווייגען, און ווען נויטיג פּלעגען זיי נאָך די גענגסטערס צוהעלפען.

יעדען יאָר פּלעגט זיך דער קאַמפּיין ענדיגען מיט האַרץ־רייסענדער ענטוישונג פאַר די סאָציאַליסטען. אָבער זיי האָבען די האָפנונג ניט פאַרלוירען. זיי האָבען געוואוסט די אמת'ע אורזאַכען פון זייער דורכפאַל אין די וואַלען. זיי האָבען געוואוסט, אַז טראָץ זייערע נידערלאַגעס, וואַקסט זייער מאַכט אימער גרעסער. די טעמעני לייט, וועלכע האָבען אָפּיציעל פאַרטראָטען די איסט סייד אין סיטי האָל, אין אָלבאַני, אין קאָנגרעס, זיינען ניט ערוויילט געוואָרען פון די אידישע אַרבייטער מאַסען וואָס האָבען אויף דער איסט סייד געוואוינט. דער דורכשניטליכער אַרבייטער בירגער האָט ניט געוואוסט פיל וועגען זיינע פאָרשטייער און האָט ניט געוואָלט וויסען ווער זיי זיינען. צו די סאָציאַליסטען האָט ער, פאַרקערט, זיך צוגעהערט, און איז גרייט געווען צו ענטפערען אויף זייער יעדען רוף. ווען אַ סאָציאַליסטישע צייטונג אָדער אַ סאָציאַליסטישע קערפּערשאַפט האָט געמאַכט אַן אַפּיל פאַר געלט צו העלפען אַן עפענטליכע אונטערנעמונג, האָבען די מאַסען זיך שטענדיג אָפּגערופען מיט אַ ברייטער פריינדליכער האַנט.

די סאָציאַליסטען וועלכע האָבען געפּרעדיגט אַ מאַטעריאַליסטישע פילאָזאָפיע, זיינען געווען די מאָראַלע און די גייסטיגע פירער פון די מאַסען. דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס די מענשען וועלכע האָבען דעם סאָציאַליזם געפּרעדיגט, זיינען אַליין געשטאַנען אויף אַ גייסטיגער און מאָראַלער הויך און האָבען אין זייערע סאָציאַליסטישע אידעען אַריינגעאָטעמט אַ מאָראַלען גייסט, אַ מאָראַלע ערהאַבענקייט.

צווישען די וויכטיגסטע אין דער גרופּע, וועלכע האָבען דעם סאָציאַליזם געפּרעדיגט אַלס אַ הויכע מאָראַלע און עטישע לערע, איז געווען מאיר לאָנדאָן.

לאָנדאָן פּלעגט כמעט יעדען יאָר לויפען אַלס קאַנדידאַט אויף דעם סאָציאַליסטישען טיקעט. דעם ערשטען מאָל איז ער

געווען אַ קאַנדידאַט פאַר אַסעמבלימאַן אין יאָר 1896, ווען ער איז נאָך געווען אַ מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער אַרבייטער פּאַרטיי. אין יענע יאָרען האָט לויפּען אויף דעם סאָציאַליסטישען טיקעט געהאַט בלויז איין באַדייטונג: אַ געלעגענהייט צו אַדרעסירען מאַסען פאַרזאַמלונגען אין די גאַסען און פאַרשפּרייטען די פילאָזאָפיע פון סאָציאַליזם, און דאָס פלעגט לאָנדאָן טאָן. אָבער געטאָן האָט ער עס אויף זיין באַזונדערען שטייגער. ער פלעגט אַריינדרינגען אין די הערצער פון די צוהערער. „ער רעדט ווי אַ נביא”, — פלעגען מענשען זאָגען. זיינע ווערטער פלעגען זיין אָנגעזאַפּט מיט צאָרן געגען די עולות פון דער וועלט, און מיט ליבע און רחמנות צו די קרבנות פון די עולות. זיינע רייד האָבען געברענט מיט ליידענשאַפט. ער האָט גערעדט פון הארצען צום הארצען.

לאָנדאָן'ס פאָרם פון אַגיטאַציע איז אין עטליכע הינזיכטען שוין דאַמאַלס געווען אַנדערש ווי די פאָרם פון פילע פון זיינע קאָלעגען. ער האָט זיך ניט גערעכענט דערמיט וואָס די איסט סייד איז דאַן געווען כמעט דורכאויס אַן אימיגראַנטען קאָלאָניע. ער האָט גערעדט ווי אַן אַמעריקאַנער צו אַמעריקאַנער. אָפט פלעגט ער אַדרעסירען דעם עולם אויף ענגליש, זיינע אַרגומענטען פלעגט ער באַגרינדען אויף פאַקטען און פּאַסירונגען גענומען פון דעם פּאָליטישען און אינדוסטריעלען לעבען פון לאַנד. ער האָט פיינט געהאַט צו זידלען, צו שילטען, צו באַנוצען וואולגאַרע און ביליגע עפעקטען, וועלכע זיינען אין יענער צייט געווען שטאַרק אין דער מאָדע און פלעגען זייער אויסנעמען ביי די צוהערער. לאָנדאָן האָט גערעדט צום עולם, ווי צו מענשען פון זיין גלייכען. ער האָט זיך מיט זיי געטיילט מיט זיינע געפילען און זיינע געדאַנקען.

לאָנדאָן האָט זיך ניט צופרידענגעשטעלט מיט די עלטערע און אינגערע אימיגראַנטען וואָס פלעגען קומען אים הערען. ער האָט געזוכט צוציען דעם אינגערען דור, די מער אַמעריקאַניזירטע. ער האָט אויך געוואָנט צו טאָן עטוואָס וואָס זייער ווייניג האָבען אין יענע יאָרען געוואַגט. ער פלעגט אָפט אַרויסגיין פון די גרע־

ניצען פון דער איסט סייד אין די אַרומיגע גאַסען, וואו עס האָ־בען געוואוינט דייטשען און איירישע, און דאָרט אַגיטירען פאַר די סאָציאַליסטישע אידעען. אין יענע קווארטאַלען איז דאַ־מאָלס אַ איד געווען טריף. און נאָך טריפ׳ער איז געווען אַ אידי־שער סאָציאַליסט. אָבער לאָנדאָן׳ס פערזענליכקייט, זיין מוט, זיין מאַגנעטיזם האָט באַזיגט די דאָפּעלטע שנאה. צו אים האָט מען זיך צוגעהערט. ווען ער האָט גערעדט צו די דייטשע און איירישע מאַסען, האָבען זיי, אויף דער ווייל וויינינגסטענס, פארגעסען אָן זייערע פאָראורטיילען און זיינען געבליבען שטיין און הערען.

די עלטערע ארבייטער און סאָציאַליסטישע פירער פון דער איסט סייד האָבען דאַמאָלס ערווארטעט אז לאָנדאָן וועט צווישען זיי לאַנג ניט פארבלייבען. זיי זיינען געווען זיכער, אז ער וועט אריבערגיין צו דער אַלגעמיינער אַמעריקאַנער ארבייטער באַ־וועגונג און וועט די איסט סייד פארלאָזען. דאָס האָט אָבער ניט פּאַסירט. לאָנדאָן איז, פארקערט, אַלץ מער און מער אריינ־געצויגען געוואָרען אין דער סאָציאַליסטישער און טרייד יוניאָן טעטיגקייט פון דער איסט סייד. ער איז מיט דער איסט סייד פארבליבען זיין גאַנצען לעבען.

קאפיטעל 5.

לאָנדאָן ווערט אַן ארבייטער לאָיער.

נאָכדעם ווי ער איז געווארען א לאָיער, האָט לאָנדאָן פאָרט־געזעצט זיין טעטיגקייט אין דער אַרבייטער און סאָציאַליסטישער באוועגונג אַזוי ווי פריער. זיין לאָאָ־פּראַקטיס איז אויך געווען ענג פארבונדען מיט דער ארבייטער באוועגונג און איז געפירט געווארען אין דעם גייסט פון סאָציאַליסטישער עטיק. ער האָט זיך ספּעציאַליזירט אין ארבייטער קייסעס, האָט פארטראָטען יוניאָנס, באַקעמפט אינדזשאָנקשאָנס, פאַרטיידיגט טענענטס געגען לענדלאָרדס און איז געווען „דער לאָיער פון דעם ארעמאַן״. ער פלעגט קיין מאָל ניט אָננעמען א קייס וואס וואָלט אים געצוואונגען צו פאָדערען אַז א מענש זאָל ארעסטירט ווערען און איינגעשפּאַרט ווערען אין געפענגניש. ער האָט זיך ענטזאגט צו זיין פארבונדען מיט אַ פּראָצעס, וועלכער איז ניט געווען אב־סאָלוט ריין, לויט זיין סאָציאַליסטישען געוויסען.

דער לאָיער, וואס האָט געארבייט פאר אידישע יוניאָנס אין די ערשטע יארען פון צוואנציגסטען יאָרהונדערט, האָט געמוזט זיין גרייט צו ארבייטען שווער, ניט טראַכטענדיג וועגען באַלוי־נונג. פאר דעם סאָרט דינסט איז לאָנדאָן געווען דער ריכטיגער פּערזאָן. ער האָט ווייניג געדאַרפט צום לעבען, ווייל ער האָט געקענט זיך באַגיין אָן די קאָמפאָרטס און פארגעניגענס פון דעם דורכשניטליכען מענשען. די הויז, וואו ער האָט געוואוינט מיט זיין פרוי און איינציגע טאָכטער ,איז געווען איינפאַך מעבלירט. די פרוי וואָס ער האָט געהייראט, האָט געהאַט די זעלבע איינפאַכע פארלאנגען ווי ער. זי האָט געהערט צו דעם זעלבען קרייז פון דער רוסישער אינטעליגענץ פון דער איסט סייד. ווען ער האָט

זיך מיט איר באַקענט, איז זי געווען אַ נוירס. שפּעטער האָט זי אויסגעשטודירט פאַר דענטיסטין און נאָכדעם ווי זיי האָבען געהייראַט, האָט זי אַ צייט לאַנג פּראַקטיצירט איר פּראָפעסיע און מיט אירע פאַרדינסטען האָט זי געהאָלפען ערנערען די פאַ־מיליע.

מאַדאַם לאָנדאָן איז שטענדיג געווען אין פולער סימפּאַטיע מיט איר מאַן'ס בליק אויפ'ן לעבען, מיט זיין ארבייט אין דער באַוועגונג. זי איז אויך געווען אַן איבערצייגטע סאָציאַליסטקע און האָט שטאָלצירט מיט איר מאַן'ס איבערגעבענהייט צו זיינע אידעאַלען.

אַ שטיקעל באַגריף פון דעם, וואָס עס האָט געהייסען אין יענע יאָרען זיין אַ לאָיער פאַר אַ אידישער יוניאָן קען מען זיך מאַכען פון דער פאָלגענדער פּאַסירונג, וואָס אברהם ראָזענבערג, איינער פון די ערשטע פּרעזידענטען פון דער אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואירקערס יוניאָן, דערציילט אין זיין בוך פון ערינערונגען:

„אין מיטען זומער פון יאָר 1908, האָבען מיר צו אונזער דזשאָינט באָארד מיטינג איינגעלאַדען פאַרטרעטער פון דער אַר־בייטער פּרעסע און פון דער ארבייטער באַוועגונג, צו באַראַטען זיך וועגען אַ דזשענעראַל סטרייק אַגיטאַציע. כמעט אַלע האָבען אויף דעם געקוקט, ווי אויף אַן אונמעגליכקייט. איינער פון די איינגעלאַדענע, אַ באַקאַנטער מחותן מיט די קלאָוק מאַכער, האָט געמאַכט די פאָלגענדע באַמערקונג: 'מען דאַרף זיך וועגען דעם דאָס לעבען ניט נעמען. אויב מען קען ניט מאַכען קיין פאָרט־שריט, איז גלייכער אין גאַנצען די קרעמעל צו פאַרמאַכען.'

„איייניגע פון אונזערע לייט האָבען, הערענדיג אַזעלכע באַ־מערקונגען, געוויינט מיט ביטערע טרערען. . . כמעט דער איינ־ציגער, וואָס האָט אונז געגעבען אַ ביסעל קוראַזש איז געווען מאיר לאָנדאָן. ער האָט פון זיין פּאַקעט ארויסגענומען 25 דאָלאַר און עס אונז געגעבען, אַז מיר זאָלען האָבען מיט וואָס צו מופען מיט אונזער אָפיס אין אַ נייעם פּלאַץ, ווייל אין דער אַלטער וואוינונג

האבען מיר מער ניט געקענט זיין. מיר זיינען געווען שולדיג צופיל פאר רענט".

די אידישע יוניאנס פון יענער צייט זיינען געווען זייער שוואך, אין שטענדיגען געפאר צוזאמענצוברעכען. צווישען דער קליינער צאל איבערגעבענע טוער וועלכע האבען געוואכט איבער זיי און געזוכט צו דערהאלטען זיי ביים לעבען, איז מאיר לאנדאן געווען פיליכט דער וויכטיגסטער. ער איז געווען אמבעסטען צוגעפאסט פאר דער אויפגאבע, — א באגייסטערטער רעדנער אויף דער פלאטפארם, א קלוגער בעל־יועץ ביי בעראטונגען, אן אויסגעצייכענטער פארשטייער ביי אונטערהאנדלונגען מיט בעלי־בתים, א פייאיגער פארטיידיגער אין געריכט־זאל.

דערציילען אלץ, וואס מאיר לאנדאן האט געטאן אין יענער פעריאדע פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג איז אונמעגליך. קיינעם איז ניט איינגעפאלען צו פארצייכענען און פארשרייבען, לאנדאנ'ען אליין, אודאי ניט. אבער רעדט מען מיט וועלכען עס איז אלטען טוער אין דער יוניאן־באוועגונג, האט ער עפעס צו דערציילען פון דעם וואס לאנדאן האט געטאן פאר זיין טרייד, פאר זיין ארגאניזאציע. און די געשיכטעס, וואס די אלטע טוער דערציילען, זיינען אלע פון דעם זעלבען כאראקטער — ווי אזוי לאנדאן האט פאר די יוניאנס געארבייט מיט זיין גאנצען הארצען, מיט זיין גאנצער ענערגיע און האט קיין מאל פון באלוינונג אפילו ניט געוואלט הערען.

אט איז א טיפיטשנער פאל פון דעם סארט. דאס דערציילט אן אלטער מיטגליד פון דער דזשולערי וואירקערס יוניאן לאקאל איינס:

„פאסירט האט עס אין יאר 1907. די דזשולערי ארבייטער האבען דאמאלסט אנגעשטרענגט זייערע כחות ווידער אויפצולעבען זייער יוניאן, וועלכע איז צובראכען געווארען אלס רעזולטאט פון א פארצויגענעם סטרייק מיט צוויי יאהר צוריק. מיר האבען ארגאנזשירט א רייע מאס־מיטינגען, וועלכע זיינען אדרעסירט געווארען פון פראמינענטע ארבייטער פירער. ביי איינעם פון די מיטינגען האט גערעדט מאיר לאנדאן. עס איז מיר און־

מעגליך איבערצוגעבען וויפיל לאָנדאָן'ס רעדע האָט פאַר אונז אויפגעטאָן. ער האָט די ארבייטער ארויסגעהויבען פון זייערע פּלעצער. נאָכדעם ווי ער האָט געענדיגט זיינען אלע אין זאַל צוגעלאָפען צו דער פּלאַטפאָרמע. מען האָט אים געטראָגען אייף די אקסלען. מיר האָבען איינפאַך ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט אים.

„ווען ער האָט געדאַרפט אוועקגיין האָב איך, אלס איינער פון דער קאָמיטע, אים אָנגעבאָטען די סומע פון פופצען דאָלער. דאָס איז געווען דער האָנאָראַר וואָס מיר האָבען געצאָלט יעדען רעדנער. ער איז געוואָרען שרעקליך אויפגערעגט, האָט ארויס־גענומען צען דאָלער פון זיין קעשענע און האָט געזאָגט: 'אייער יוניאָן איז רואינירט, אָט איז מיין ביישטייער צו העלפען איר איצט אויפבויען'.

„מיט ניינצען יאָר שפּעטער האָב איך געהאַט אַ געלעגענ־הייט צו דערציילען די פּאַסירונג ביי אַ באַנקעט פון אַ יוניאָן וואו מאיר לאָנדאָן איז געווען אַנוועזענד. ווען ער האָט שפּע־טער געקראָגען דאָס וואָרט האָט ער זיך געווענדט צו מיר און אזוי געזאָגט: 'מיין פריינט, מיר מוזען טראַכטען פון יענע זאַכען וואָס מיר טוען איצטער, אָדער וואָס מיר פּלאַנעווען צו טאָן אין דער צוקונפט. דאָס וואָס האָט פּאַסירט נעכטען מוז מען ארויסשלאָגען פון קאָפּ. ווייל אויב מיר ווילען דאָס ניט טאָן, וועט אין מאַרך ניט זיין קיין פּלאַץ פאַר געדאַנקען וועגען דער געגענוואַרט און וועגען דער צוקונפט".

קאַפּיטעל 6.

לאָנדאָן'ס אַרבייט פאַר'ן „בונד".

די רעוואָלוציע פון 1905 אין רוסלאַנד און אַלע אירע נאָכווייענישען האָבען אויפגעטרייסעלט און געהאַלטען געשפאַנט די אידישע אימיגראַנטען מאַסען אין אמעריקא און איבערהויפּט יענע וואָס האָבען געוואוינט אויף דער איסט סייד. אין יאר 1903 איז פאָרגעקומען דער קישענעווער פּאָגראָם. דאָס איז געווען אומגעפער אין דער זעלבער צייט, ווען רוסלאַנד איז אַזוי מיאוס געשלאָגען געוואָרען אויף דער יבשה און אויפ'ן ים אין איר מלחמה מיט יאַפּאַן. די שרעקליכע מפּלות האָבען אָראָפּגעריסען דעם פאָרהאַנג פון דעם צאַרישען רעזשים און עס איז אויפגעדעקט געוואָרען א כאַאָס פון קאָרופּציע, פאַרראַט און דומהייט אין די העכסטע רעגירונגס קרייזען אין דעם סאַמע קייזערליכען הויף. אין לאַנד האָט זיך גענומען רודערען. די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס זיינען אַרויס אָפען מיט זייערע רעוואָלוציאָנערער אַגיטאַציע.

פּאָגראָמען אויף אידען זיינען געווען דער ערשטער מיטעל וואָס דעם צאַר'ס ראַטגעבער האָבען אויסגעפּרובירט אום אָפּצווענדען דעם צאָרן פון פאָלק. דער מיטעל איז געווען אַן אַלטער, אַן אויסגעפּרובירטער. דעם צאַר'ס אַגענטען, די שוואַרץ־מאַהניקעס, האָבען אויפגעהויבען א געשריי אַז אין די אַלע אומגליקען פון רוסישען פאָלק זיינען שולדיג די אידען. די פּאָגראָמען זיינען געפּלאַנעוועט געוואָרען אין די הויכע רעגירונגס־קרייזען. די אונוויסענדע פּויערים זיינען אויפגעהעצט געוואָרען צו באַפאַלען די אידישע שטעדט און שטעטלאך און הרג'ענען און ראַבעווען.

דער ווײ־געשרײ פון די אידישע קרבנות האָט פאַרהילכט גאַנץ רוסלאַנד און זיך אַריבערגעטראָגען צו זײערע ברידער און שוועס־טער, מאַמעס און קינדער אין אמעריקא.

אָבער דעם מאָל האָבען די פּאָגראָמען אויף די אידען ניט גע־ווירקט דעם פאָלק די קעפּ צו פאַרטומלען. די רעוואָלוציאָ־נערע טעטיגקייט האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט. אין די באַלטישע פּראָווינצען, האָט די רעוואָלוציע פאַרצייכענט אַ רייע מיט זיגען. עס איז זאָגאַר אָרגאַניזירט געוואָרען אַ רעוואָלוציאָנערע רעגי־רונג. די אַרבייטער אויף די באַנען זיינען אַרויס אין אַ גענע־ראַל סטרייק, גערופען פון סאָציאַליסטישע פירער. אין דעם צאַ־רישען הויף האָט מען זיך ערנסט דערשראָקען. דער צאַר האָט זיך דאָס מאָל צוגעהערט צו דער עצה פון די מער ליבעראַלע שטאַטסלייט. ער האָט איינגעווילגט איינצוגיין אויף אַ קאָמ־פּראָמיס מיט די רעוואָלוציאָנערען און האָט פּראָקלאַמירט אַ קאָנ־סטיטוציע, וועלכע האָט געגעבען דעם פאָלק פּאָליטישע רעכט, פּאָליטישע פאַרטרעטערשאַפט אין אַ דומע.

דער זיג פון די פּראָגרעסיווע כחות אין לאַנד און אין דער רעגירונג האָט אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטען. איידער דאָס פאָלק האָט צייט געהאַט צו באַגרייפען די באַדייטונג פון די פּריוויליגיעס מיט וועלכע דער צאַר האָט אים באַשאָנקען, האָט זיך די שטימונג אין הויף ווידער געביטען. די רעאַקציע איז ווידער אַרויף אויפ'ן טראָן און די פאַרפאָלגונגען אויף די רעוואָלוציאָנערען זיי־נען באַנייט געוואָרען מיט מער אכזריות, מיט מער בלוט־דורש־טיגקייט ווי פריער. די קאָנסטיטוציע איז פאַקטיש אונטערדריקט געוואָרען. דעם פּלאַץ האָט פאַרנומען דער קאָזאַק מיט דער נאַגאַיקע.

די אַלע פּאַסירונגען אין רוסלאַנד, — די פּאָגראָמען פון 1903 און 1904, די רעוואָלוציע אין 1905, איר זיג און איר ני־דערלאַגע אין יאָר 1906, — דאָס אַלעס איז מיט אַ פאַרכאַפּטען אָטעם און מיט אויפגערודערטע נערוועז נאָכגעפאָלגט געוואָרען פון די אידישע אימיגראַנטען אין אמעריקא. ווען עס איז דאָ אָנגעקומען די שרעקליכע ידיעס פון די פּאָגראָמען, האָבען זיך

גלייך אָנגעהויבען באַוועגונגען פון פּראָטעסט און באַוועגונגען פאַר הילף. אין די באַוועגונגען האָבען זיך די אידען פון אַלע קלאַסען פאַראייניגט. די איסט סייד האָט פאַרגעסען אירע מחלוקות און די סאָציאַליסטען האָבען פאַרגעסען זייערע אַנטי־נאַציאָנאַלע פּרינציפּען. אַלע זיינען געוואָרען אידען, פאַראייי־ניגט אין דער אַרבייט צו העלפען זייערע ברידער אידען אויף יענער זייט ים. און שפּעטער, ווען די שרעק פון די פּאָגראָמען איז איינגעשטילט געוואָרען און די דראַמע פון דער רעוואָלוציע איז אַרויף אויף דער סצענע, האָבען די סאָציאַליסטישע עלע־מענטען זיך פון ווייטענס באַטייליגט אין דעם שפּיל. זיי האָ־בען אין זייערע הערצער און אין זייער פאַנטאַזיע איבערגעלעבט די פאַלשע פריינד און די אמת'ע וויטאָגען פון דער בלוטיגער טראַגעדיע.

מיט זיין כאַראַקטעריסטישער ענערגיע און ליידענשאַפט האָט זיך לאַנדאַן דאַמאָלס אריינגעוואָרפען אין דעם נייעם פעלד פון געזעלשאַפטליכער און רעוואָלוציאָנערער אַרבייט, וואָס די אַלע פּאַ־סירונגען האָבען דאָ געשאַפען. ער איז געווען איינער פון די הויפּט־רעדנער אויף די פאַרזאַמלונגען, וועלכע זיינען פאַררופען געוואָרען צו זאַמלען פאָנדען פאַר די פּאָגראָם קרבנות און פאַר די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען. ער האָט זיך געשאַפען אַ רע־פּוטאַציע אַלס דער ערפאָלגרייכסטער געלט־זאַמלער אויף דער פּלאַטפאָרמע.

אין יענע יאָרען איז אויסגעשמידט געוואָרען די קייט פון סימפּאַטיע און ליבע צווישען דעם אידישען „בונד“ אין רוס־לאַנד און די אידישע אַרבייטער מאַסען אין אַמעריקאַ. און די קייט איז געוואָרען נאָך שטאַרקער, די ליבע און סימפּאַטיע נאָך טיפער, נאָכדעם ווי די רעוואָלוציע איז דערטרונקען געוואָרען אין בלוט און דער „בונד“, צוזאַמען מיט די אַנדערע רעוואָלו־ציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, זיינען ווידער פאַרטריבען געוואָרען אונ־טער דער ערד. דער „בונד“ האָט זיך איצט מער גענויטיגט אין הילפס־מיטלען ווי פריער. ער האָט גענויטיגט געלט אויף פּראָ־פּאַגאַנדע, אויף העלפען די פאַרשיקטע, אויף פּלאַנעווען און

דורכפירען נייע רעוואָלוציאָנערע טאטען. דער „בונד" האָט אין דער אידישער אמעריקא, אין די אידישע ארבייטער מאסען גע־פונען א קוואל פון הילף און האָט פון דעם קוואל געשעפּט אימער מער און מער.

אום צו שטארקען די קייט פון רעוואָלוציאָנערע אייניגקייט און ברידערליכקייט, האָט דער „בונד" גענומען שיקען אהער זיינע פּראָמינענטע פירער און רעוואָלוציאָנערע העלדען. זיי זיינען אהער געקומען איינער נאָכ'ן אנדערען און זיינען פון די היגע ארבייטער מאסען אויפגענומען געוואָרען מיט אָפענע ארעמס.

דער ערשטער פון די בונדיסטישע אמבאסאדאָרען איז גע־ווען ארקאדי קרעמער, דער גרינדער און הויפּט־פירער פון דער אָרגאַניזאציע. צוזאמען מיט אים איז געקומען עזרא בערג, איי־נער פון די וויכטיגסטע טוער. זיי זיינען אהער אָנגעקומען צום סוף פון יאר 1903. ביי דער ערשטער מאסען־פארזאמלונג, וואס איז פאררופען געוואָרען אלס א קבלת פנים פאר די צוויי געסט, איז מאיר לאָנדאָן געווען איינער פון די הויפּט רעדנער. די צוויי בונדיסטישע פאָרשטייער זיינען פון זיין רעדע באַצויבערט געוואָרען. זיי האָבען געשטוינט פון זיין „רעוואָלוציאָנערע אינ־טואיציע", פון זיין פייאיגקייט אזוי טיף אריינצודרינגען אין דעם גייסט פון דער רוסישער רעוואָלוציע. זיי האָבען געפאָדערט פון לאָנדאָנ'ען ער זאָל ווערען דער הויפּט־רעדנער פאר'ן „בונד" אין אמעריקא און לאָנדאָן האָט אויף זיך די אויפגאבע גענומען. ער האָט זיך אין דער ארבייט פאר'ן „בונד" אריינגעוואָרפען מיט זיין גאַנצער נשמה. דער „בונד" איז פאר די נעקסטע עטליכע יאָר געווארען דער צענטער פון זיין אינטערעס.

מאיר לאָנדאָנ'ס פרוי דערציילט דאָס פאָלגענדע וועגען יע־נער צייט:

„מיר האָבען זיך עטליכע יאָר שטארק אָנגעפּלאָגט. עס איז אונז שווער אָנגעקומען א לעבען צו מאכען. ארום יאר 1905 האָט זיך מאיר'ס פּראקטיק גענומען פארבעסערען. מיר האָבען אָנגעהויבען צו זען לאנד. עס זיינען געקומען די בונדישע שלוחים. עס האָט זיך דאָ גענומען רודערען מיט דער רוסישער

רעוואָלוציע. מאיר האָט אַלעס אוועקגעוואָרפען און זיך איינ־גאַנצען איבערגעגעבען צו דער נייער רעוואָלוציאָנערער אַרבייט. ער פלעגט פאַרלאָזען זיין אָפּיס אויף טעג און וואָכען נאָכאַנאַנד, אַרומגיין צו מיטינגען, אָדער אַרומפאָרען אויף טורס פאַר'ן „בונד". עס פאַרשטייט זיך, אַז קיין באַצאָלט האָט ער פאַר דער אַרבייט ניט באַקומען. אָפט האָט אַ פאַרזאַמלונג אָדער אַ באַנקעט פאַר'ן „בונד" אים געקאָסט געלט פון זיין אייגענער קעשענע. ער פלעגט אַליין געבען אַ גרויסע סומע כדי צו ווירקען אַז אַנדערע זאָלען געבען ענליכע ביישטייערונגען".

טעג און נעכט האָט לאָנדאָן אין יענע יאָרען אוועקגעגעבען פאַר'ן „בונד", פאַר די יוניאָנס, פאַר דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי, פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד און פאַר די רעליף קאַמפּיינס צו העלפען די פּאָגראָם קרבנות. ער איז געווען דער לאָיער פון דעם אָרעמען מענשען און פון דער אָרעמער יוניאָן. עס איז ניט אַ האָר איבערטריבען, וואָס אַ געוועזענער יוניאָן פירער האָט וועגען אים געשריבען נאָך זיין טויט:

„איצטער זיינען מיר געוואוינט צו זען לאָיערס אַלס פאַר־טרעטער פון טרייד יוניאָנס, אָבער אין אַמאָליגע צייטען, ווען יוניאָנס האָבען ניט פאַרמאָגט צו באַצאָלען טויזענדער דאָלער פאַר אַדוואָקאַטען, האָבען זיך די קליגערע, די פּראַקטישערע לאָיערס, געהאַלטען פון דער ווייטענס פון די אָרגאַניזאַציעס. אפילו די ראַדיקאַלע לאָיערס פלעגען קומען אין די יוניאָן העדקוואַרטערס בלויז אין פאַל פון אַ גרויסען סטרייק, ווען מען האָט געקענט קריגען עטליכע דאָלער פאַר מאַכען קאָנטראַקטען און סעטעל־מענטס. לאָנדאָן האָט געשטעלט אין געפאַר זיין לאָיערשע קאַ־ריערע ווען ער איז נאָך געווען אַ גאָר יונגער מאַן, און האָט זיך איבערגעגעבען צו דער דינסט פון די יוניאָנס אַלס אַגיטאַטאָר, אָרגאַנייזער און אונטערהאַנדלער מיט די בעלי־בתים. זיין אי־בערגעבענהייט צו די אַרבייטער איז געווען ניט בלויז מיט'ן מויל נאָר אויך מיט'ן האַרצען".

דער זעלבער געוועזענער יוניאָן טוער זאָגט ווייטער: „אין יענע יאָרען זיינען פילע ראַדיקאַלע לאָיערס רייך געוואָרען. מאַנ־כע פון זיי האָבען געמאַכט פאַרמעגענס פון ריעל עסטייט ספּעקו־לאַציעס, פּראַקטישע מענשען האָבען באַטראַכט לאָנדאָנ'ען פאַר משוגע, ווען זיי האָבען געזען, ווי ער פאַרנאַכלעסיגט זיין פּראַק־טיק מאַנאַטען נאָכאַנאַנד און פאַרט אַרום איבער'ן לאַנד צו זאַמלען פאָנדס פאַר'ן „בונד" אָדער צו פאַרשפּרייטען סאָציאַ־ליסטישע פּראָפּאַגאַנדע. זיי האָבען אים געהאַלטען פאַר אַ נאַר דערפאַר, וואָס ער פאַרברענגט גאַנצע נעכט אין די שמוציגע אַר־בייטער לאָקאַלען און אַגיטירט דאָרט די אידעע פון טרייד־יוניאָניזם פאַר קלאָוק מאַכער, ווייסט מאַכער, שניידער, ביל־דינג טריידס אַרבייטער. ווערענד פילע פון זיינע חברים אין דער באַוועגונג האָבען אויפגעבויט אַ סאָלידען, מאַטעריעלען פונדאַ־מענט פאַר זיך, איז לאָנדאָן פאַרבליבען אַן אָרעמאַן און האָט קוים פאַרדינט געגוג צו ערנערען זיין פאַמיליע".

עס קען זיין אַז עס איז דאָ נאָך אַן אורזאַך, פאַרוואָס מאיר לאָנדאָן האָט געשענקט אַזוי ווייניג אויפמערקזאַמקייט צו זיין לאָאָ פּראַקטיק. ער איז געווען איבערצייגט, אַז דער אָרימער מענש ווערט פון דעם געריכט און פון דעם געזעץ ווייניג וואָס בעשיצט. אין אַ רעדע, וואָס ער האָט אין יענער צייט געהאַל־טען אין עליזאַבעט, האָט ער אויסגעדריקט דעם געדאַנק. ער האָט אַזוי געזאָגט:

„אַן אָרימער מענש האָט אַ קנאַפּען טשענס אין געריכט. פון יעדע הונדערט אורטיילען, וואָס ווערען פון דיכטער אַרויס־געגעבען, זיינען 97 פּאַרטייאיש. איין גאָט ווייסט, וואָס פאַר אַ געזעצען מיר האָבען. איך בין אַ לאָיער, און ווייס, ווי ווייניג מען קען זיך אויף דעם געזעץ פאַרלאָזען און ווי ווייניג מען קען זיך אויף לאָיערס פאַרלאָזען."

קאַפּיטעל 7.

לאָנדאָן אין די היסטאָרישע סטרייקס פון די קלאָוקמאַכער און פאָריער.

די וויכטיגסטע ארבייט אויף דעם טרייד יוניאן געביט האָט מאיר לאָנדאָן געטאָן אין פארבינדונג מיט צוויי ארגאַניזאציעס: מיט דער אינטערנעשאָנאל לידיס גארמענט וואָירקערס יוניאן און מיט דער אינטערנעשאָנאל פאָר וואָירקערס יוניאן. די צוויי יוניאנס האָט ער געהאָלפען אין די וויכטיגסטע און קריטישסטע מאָמענטען פון זייער עקזיסטענץ, אין דער צייט פון זייערע ערש־טע גרויסע סטרייקס דורך וועלכע זיי האָבען פאר זיך אויסגע־קעמפט דאָס רעכט צו עקזיסטירען.

לאָנדאָן איז געווען איינער פון די גענעראלען אין זייערע מלחמות. ער האָט געפירט די ארבייטער ארמייען, געפּלאַנט די סטראַטעגיקע און אויפגעהאלטען די מאָראל פון די סאָלדאַטען. ווען די מלחמות האָבען זיך פארענדיגט, האָט ער געפירט די שלום־אונטערהאנדלונגען. ער איז געווען דער הויפט פאָרשטייער פון די יוניאנס ביי די קאָנפערענצען מיט די בעלי בתים, ער האָט געהאָלפען אויסארבייטען די שלום באַדינגונגען און זיי פאר־טיידיגט געגען די אַטאַקעס פון די בעלי־בתים.

ביי דער אינטערנעשאָנעל לידיס גארמענט וואָירקערס יוניאן איז דער גרויסער דזשענעראל סטרייק פון יאר 1910 געווען דער רעזולטאַט פון אַגיטאַציאָנס־און אָרגאַניזאַציאָנס־ארבייט, וועלכע איז אָנגעפירט געווארען יאָרען לאנג פריער. לאָנדאָן האָט זיך מיט דער יוניאן פארבונדען צום סוף פון ניינצענטען יאָר־הונ־דערט.

„מיר האָבען אים איינגעלאַדען צו זיין אונזער לאָיער," — האָט איינער פון די אַלטע פירער פון דער יוניאָן ערקלערט, — „און ער האָט שוין געטאָן אַלץ, וואס איז נאָר מעגליך געווען".

די יוניאָן איז דאַמאַלס געווען ניט קיין ווירקליכקייט, נאָר א האָפנונג. זייער א קליינע צאָל אַרבייטער אין דעם טרייד זיינען געווען אָרגאַניזירט. שאָפּ סטרייקס פלעגען פאָרקומען אָפט, אָבער געוואונען האָט מען פון זיי זייער ווייניג. די יוניאָן איז קיין מאָל ניט זיכער געווען מיט אירע פאַרשריבענע מיטגלידער. די פאַרשידענע פאַכען אַרבייטער פון דער זעלבער אינדוסטריע זיינען געווען אייפערזיכטיג איינע אויף די אַנדערע, און האָבען איינע די אַנדערע ניט געטרויט. די קאַטערס האָבען זיך באַטראַכט פאַר די אַריסטאָקראַטען און האָבען זיך געהאַלטען פון דער ווייטענס פון די אָפּערייטאָרס, שניידער און די פּרעסער. די אָפּערייטאָרס האָבען זיך באַקלאָגט אויף די שניידער, אַז זיי זיינען ניט פּראָגרעסיוו גענוג און אַז זיי טוען ניט זייער חלק אין דער אָרגאַניזאַציע. די פירער פלעגען אָפט ווערען פאַרצווייפעלט און פאַרלירען דעם גלויבען אין דער אייגענער אַרבייט.

אין יענע יאָרען פון שווערע מי צו לייגען א פונדאַמענט פאַר א יוניאָן, האָט לאָנדאָן געהאָלפען אויפהאַלטען זייער מוט און זייער האָפנונג. ער איז פאַר דעם אַוואַנגאַרד געווען א קוואַל פון אינספּיראַציע. „ער איז געווען ווי א פאָטער צו אונז!" דעם אויסדרוק הערט מען נאָך איצטער פון די אַמאָליגע טוער, וועלכע ווען זיי ריידען פון יענער שווערער צייט. ווי א פאָטער איז ער גרייט געווען צו העלפען מיט ראַט און טאַט און ווי א פאָטער האָט ער אויך צייטענווייז געשטראָפט און גע'מוסר'ט.

אין דער הינזיכט איז לאָנדאָן'ס באַציאונג צו די אַרבייטער געווען זאָנדערבאַר. ער האָט זיי ניט גע'חנפ'ט, ניט געפּיעס־טשעט. ער האָט צו זיי שטענדיג גערעדט אָפענהאַרציג. ווען ער האָט געפילט, אַז די אַרבייטער פון א שאָפּ אָדער פון א לאָקאַל יוניאָן האָבען ניט געטאָן זייער פולע פליכט, אָדער האָבען פאַר־ראַטען די מאָראַל פון דער אַלגעמיינער אַרבייטער זאַך, פלעגט ער צו זיי ריידען מיט'ן האַרבען וואָרט, אַמאָל מיט ביטערען כעס.

עס האָט פּאַסירט, אז ער האָט ארבייטער זאָגאר פאַרדאַמט זיי אין פּנים אריין, זיי אָנגערופען פאררעטער צו זייערע פאַמיליעס, סקעבס, אייזלען. און די שארפע, ביטערע ווערטער פלעגען שטענדיג טרעפען אין ציל. די ארבייטער האָבען גע־וואוסט, אז ער רעדט אַזוי, ווייל זיין הארץ טוט וויי, ווייל ער איז זיי איבערגעבען. זיי האָבען געוואוסט, אז דער מאַן, וואס וידעלט זיי, וואָלט די גרעסטע אָפּפער געבראַכט אום זייער לאַגע צו פארבעסערען, זיי צו ראַטעווען פון זייערע אייגענע שוואַכ־קייטען און פעלערען.

אלס לאָיער פאַר דער יוניאָן האָט לאָנדאָן געהאַט אַלערליי אויפגאַבען. ער פלעגט פארטיידיגען די יוניאָן געגען אינדזשאָנק־שאָנס, פלעגט אויפמאָנען שכירות פון בעלי־בתים, וואס האָבען ניט געוואָלט באַצאָלען (אין יענע יאָרען איז דאָס געווען א זייער אָפטע ערשיינונג). לאָנדאָן האָט געהאַט דעם כבוד צו זיין דער פארטיידיגער פון די קלאָוק מאַכער אין דער ערשטער אינדזשאָנק־שאָן קייס אין דעם פאַך. דאָס האָט פּאַסירט אין הערבסט פון יאָר 1899. די ארבייטער האָבען דאַן געסטרייקט ביי צוויי גרוי־סע קלאָוק פירמעס. ביידע בעלי בתים האָבען צוזאמען זיך גע־ווענדעט אין געריכט נאָך אן אינדזשאָנקשאָן. זיי האָבען דעם אינדזשאָנקשאָן, פארשטייט זיך, געקראָגען. לאָנדאָנ'ען איז אָבער נאָך א צוויי־וואָכיגען קאַמף געלונגען צו איבערצייגען דעם גע־ריכט, אז דער אינדזשאָנקשאָן איז ניט קיין גערעכטער און ניט קיין געזעצליכער און דער ריכטער האָט אים צוריקגערופען.

אויף יענעם סטרייק האָט לאָנדאָן'ס זיג קיין ווירקונג ניט גע־האַט, ווייל אין פארלויף פון די צוויי וואָכען, וואָס דער אינ־דזשאָנקשאָן איז געווען אין קראַפט, איז דער סטרייק דעמאָראַלי־זירט געוואָרען. די ארבייטער האָבען זיך אַזוי דערשראָקען פאַר דעם נייעם סאָרט וואַפע פון די בעלי בתים, אז זיי האָבען פאַר־לוירען דעם מוט ווייטער צו קעמפען. אָבער לאָנדאָנ'ס זיג איז שטאַרק צונוץ געקומען אין די שפּעטערדיגע סטרייקס. דער אינדזשאָנקשאָן האָט שוין זיי ניט אויסגעוויזען אַזוי שרעקליך, ווען ער האָט זיך שפּעטער ווידער באַוויזען.

איין סאָרט לאָיער ארבייט אין פארבינדונג מיט סטרייקס האָט זיך לאָנדאָן ענטזאגט צו טאָן, כאָטש דער צווייג פון אר־בייט האָט זיך זייער גוט באַצאָלט. ער האָט ניט געוואָלט האָבען צו טאָן מיט קייסעס פון ארעסטירטע פיקעטס. פאַר די יוניאָן פירער האָט ער ערקלערט, אז אין אזוינע קייסעס איז דער לאָיער אָפט געצוואונגען צו באנוצען זיך מיט דעם איינפלוס פון פאָלי־טישענס, מיט „פול", און מיט דעם האָט ער ניט געוואָלט האָ־בען קיין שום שייכות. „איך טויג ניט פאַר דעם," — פלעגט ער זאָגען, — „קריגט אימיצען וואָס קען די מלאכה בעסער".

דער יאָר 1910 איז א וויכטיגער דאַטום אין דעם לעבען פון דער אינטערנעשאָנעל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאָן און אין דער געשיכטע פון דער אידישער טרייד יוניאָן באוועגונג פון אמעריקא. אין יענעם יאָר האָבען די קלאוק מאכער פון ניו יאָרק, פופציג טויזענד מאַן, רעוואָלטירט געגען זייערע בעלי־בתים און אָנגעפירט א לאַנגען פארצווייפעלטען קאַמף, וועלכער האָט זיך געענדיגט מיט א זיג. מיט דעם קלאוק מאכער סטרייק פון יענעם יאָר הויבט זיך אָן א גלענצענדער קאַפּיטעל אין דעם לעבען פון די אָרגאַניזירטע ארבייטער צווישען אידען. דער זיג פון די קלאוק מאכער האָט אויפגעוועקט די ארבייטער פון אַלע אנדערע טריידס. אין די נעקסטע עטליכע יאָר האָבען זיי נאָכגעפאָלגט דעם ביישפּיל פון די קלאוק מאכער, זיך אָרגאַניזירט אין יוניאָנס און אויסגעקעמפט די אנערקענונג ביי די בעלי־בתים. אין יאָר 1914 איז די פאראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען באשטאנען פון 105 לאָקאַלע יוניאָנס מיט א מיטגלידערשאַפט פון צוויי הונ־דערט טויזענד ארבייטער. בעפאָר דעם קלאוק מאכער סטרייק פון 1910 זיינען אין אַלע יוניאָנס פון די געווערקשאַפטען געוועזן ניט מער ווי 25 טויזענד מיטגלידער.

די קלאוק מאכער האָבען רעוואָלטירט געגען אונערטרעגליכע אומשטענדען. עס האָט דאַמאָלס עקזיסטירט א סיסטעם פון סאָב־קאָנטראַקטינג אין די שעפּער. דער באָס פלעגט די גאַנצע ארבייט איבערגעבען צו עטליכע אָפּערייטארס און פרעסערס, וועלכע פלע־גען דינגען ארבייטער זיי ארויסצוהעלפען. די יחסן'דיגע סאָב־

קאנטראקטארס און זייערע ליבלינגע פלעגען פארדינען ניש־קשה־דיגע, און אמאל גאנץ הויכע וויידזשעס. אבער די מערסטע אר־בייטער וועלכע פלעגען זיך פארדינגען צו די סאב־קאנטראקטארס אלס ארויסהעלפערס, פלעגען ארבייטען פאר א הונגער־לוין. עס זיינען געווען פאלען, ווען א סאב־קאנטראקטאר פלעגט אוועקגיין אהיים סוף וואך מיט 100, אדער 150 דאלער, ווערענד זיינע ארויסהעלפערס פלעגען קריגען ניט מער ווי זעקס אדער אכט דאלער.

די ארבייטס־שטונדען זיינען געווען אונמענשליך לאנג. אין די סיזאן וואכען פלעגען די ארבייטער אריינקומען אין שאפ פינף פארטאג און זיצען ביז עלף אדער צוועלף ביינאכט. די אר־בייטער האבען ניט געקוקט אויפ'ן זייגער. זיי פלעגען זיצען און ארבייטער אזוי לאנג ווי דער באס האט זיי ערלויבט, ביז וואנען דער באס האט אויסגעלאשען די געז.

די שעפער זיינען געווען שמוציג; מאנכע שעפער האבען זיך געפונען אין געוועזענע טענעמענט הייזער און אין יארד־הייזער. א רעגירונגס קאמיסיע, וועלכע האט אונטערזוכט די קלאוק שעפער פון יענער צייט, האט באריכטעט, „אז פון דעם שטאנדפונקט פון געזונדהייט און פון זיכערקייט געגען פייער־געפאר, האט מען זיי אלע געדארפט צומאכען.” די קאמיסיע האט דעם באריכט אפ־געגעבען נאכדעם ווי זי האט אונטערזוכט צוועלף הונדערט פון די פופצען הונדערט שעפער אין דער אינדוסטריע.

די ארבייטער האבען אליין געמוזט קויפען די מאשינען. אין מאנכע פאלען האבען זיי געדארפט ברענגען זאגאר זייערע אײ־גענע טשערס אין שאפ אריין. אין די גוטע שעפער, וואו דער באס האט באזארגט די ארבייטער מיט מאשינען, האבען די אר־בייטער געמוזט באצאלען פאר פאררינכטען זיי, אויב זיי זיינען קאליע געווארען. די ארבייטער האבען אויך אליין געמוזט קויפען נאדלען, אויל, קאטען און סילק צום נייען. אין די פעקטארים וואו די מאשינען זיינען געטריבען געווארען מיט עלעקטרישער קראפט האבען די ארבייטער געמוזט צאלען פאר עלעקטריציטעט. די בעלי בתים האבען אויך געפאדערט די ארבייטער זאלען איינ־

לייגען אַ דעפּאָזיט פאַר שאַטעלס, באַבענס און אַנדערע טייַלען פון דער מאַשין. די אַלע הוצאות זיינען געפאַלען זייער שווער אויף די ארבייטער, וועלכע האָבען דאמאלס אזוי ווייניג פאַרדינט. עס זיינען זאָגאַר געווען אזויגע בעלי בתים, וואָס האָבען באַשווינדעלט די אַרבייטער אין די רעכנונגען פון די אַלע אויסגאַבען. זיי פלעגען נעמען ביי די אַרבייטער זעקס סענט פאַר אַ ספּול סילק וואָס האָט געקאָסט ניט מער ווי פיר סענט.

דער גענעראַל סטרייק האָט זיך געדאַרפט אָנהויבען דאָנערשטאג, דעם 7טען יולי, פּונקט צוויי אזייגער נאָכמיטאָג. א רויטע אויסגאַבע פון דעם יוניאָן אָרגאַן, „די נייע פּאָסט", איז אויסגעטיילט געוואָרען צו די אַרבייטער צוועלף אזייגער, ווען זיי זיינען אַרויס פון די שעפּער צו עסען מיטאָג. די צייטונג האָט ענטהאַלטען דעם סטרייק-רוף. די בעאַמטע פון דער יוניאָן האָבען ניט געוואוסט צי די אַרבייטער וועלען זיך אָפּרופען צי ניט. מאָנאַטען לאַנג האָבען זיי אָנגעפירט אַ הייסע סטרייק-אַגיטאַציע. אין די שעפּער האָט זיך געדודערט. עס האָט זיך געפילט אַן אומרואיגקייט אין דער לופט. דאָך האָבען פילע געצווייפעלט צי עס וועט געלינגען אַראָפּצונעמען אַ באַדייטענדע צאָל פון די אַרבייטער פון די שעפּער.

דער דאַמאַלסדיגער פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנעל, אברהם ראָזענבערג, דערציילט ווי אזוי די פירער פון דער יוניאָן האָבען געפילט אין דעם קריטישען מאָמענט. אָט וואָס ער שרייבט:

„נאָענט צו צוויי אַ זייגער זיינען אייניגע מעמבערס פון דער סטרייק-קאָמיטע, צוזאַמען מיט פילע פאַרטרעטער פון דער פרעסע אַרונטערגעגאַנגען אין קלאָוק דיסטריקט זען אויף ווי ווייט די קלאָוק און סקוירט מאַכער וועלען זיך אָפּרופען אויף דעם אָרדער פון דער יוניאָן אַרונטערצוגיין אין סטרייק. צווישען די, וואָס זיינען נייגעריג געווען צו זען ווי די מאַסען אַרבייטער וועלען אַרונטערגיין, זיינען געווען די גענאָסען אַב. קאַהאַן און ב. שלעזינגער, דער רעדאַקטאָר און דער מענעדזשער פון „פאָרווערטס". אונזערע לייט זיינען נאַטירליך געשטאַנען מיט קלאַ-

פענדע הערצער און האָבען שוין געוואָלט דערלעבען זען דעם רע־זולטאַט. יעדע מינוט וואָס איז אריבער האָט ביי אונז אויס־געזען א יאָר, און ווען דער זייגער איז שוין געווען צען מינוט נאָך צוויי און מען האָט נאָך קיינעם ניט געזען, האָט געגאָסע קאַהאַן געפרעגט אונזערען א מאַן: 'נו, וואו זיינען אייערע סטריי־קערס?' און ביי יענעם האָט זיך פשוט דאָס הארץ אָפּגעריסען. אין דער זעלבער מינוט האָט מען אָבער דערזען פון וויטען א כוואַליע מענשען זיך ציען פון אַלע זייטען גאַסען, אין דער פינפ־טער עוועניו אריין, גייענדיג צו דאָן טאָון צו. מיט יעדער מי־נוט איז די מאַסע געוואָרען גרעסער און אַלע האָבען זיך גע־צויגען צו איין פונקט. האַלב נאָך צוויי זיינען אַלע גאַסען אין ניו יאָרק, פון דער 34טער סטריט ביז צום איסט ריווער, אָנגעפּאַקט געוואָרען מיט טויזענדער ארבייטער. אין פילע גאַ־סען זיינען אַלע קארס און עקספּרעס וועגענער אָפּגעשטעלט גע־וואָרען צוליב דעם גרויסען געדראַנג פון מענשען. יעדער איי־נער פון די סטרייקער האָט מיט זיך מיטגעטראָגען זיין פּעקעל געצייג. איך ווייס ניט, אויב פיל מענשען האָבען אַזאַ סצענע שוין ווען בייגעוואוינט. פילע פון אונזערע איבערגעבענע מיט־גלידער האָבען געוויינט מיט פריידען טרערען, זעענדיג אַז זייער לאַנג־יאָריגע ארבייט איז ענדליך געקרוינט געוואָרען מיט ער־פאָלג. אין מיין געדאַנק האָב איך מיר דאַמאַלס פאָרגעשטעלט אַז אַזאַ סצענע האָט נאָר געקענט פאָרקומען ווען די אידען זיי־נען ארויס פון מצרים".

דער קלאוק פאַך איז פאָלשטענדיג אָפּגעשטעלט געוואָרען. די ניו יאָרקער צייטונגען האָבען באַצייכענט דעם סטרייק אַלס א ריזיגען אויפשטאַנד פון א פאָלק געגען זייגע אונטערדריקער.

עטליכע טעג נאָכדעם, ווי דער סטרייק איז ערקלערט געוואָ־רען, האָט מאיר לאָנדאָן, אַלס לאָיער פון דער יוניאָן, ארויס־געגעבען א לאַנגע ערקלערונג צום פּובליקום אין נאָמען פון דער סטרייק קאָמיטע. אָט איז אַן אויסצוג פון דער ערקלערונג:

„... מיר ענטשולדיגען זיך ניט פאַר דעם וואָס מיר האָ־בען דעם גענעראַל סטרייק ארויסגערופען. אויב מיר זיינען אי־

מיצען שולדיג אָן ענטשולדיגונג איז דאָס צו די טויזענדער עקס־פּלואַטירטע אַרבייטער, מענער און פרויען דערפאַר וואס מיר האָבען מיט דעם סטרייק אַזוי לאַנג געוואַרט... אין דעם קלאוק פאַך איז די לאַגע אַזאַ אַז נאָר אַזאַ בעלי־בית קען עקזיסטירען, וועלכער באַהאַנדעלט זיינע אַרבייטער אַם שענדליכסטען. יענע בעלי בתים, וועלכע שניידען וויידזשעס אָן רחמנות, וועלכע ציען אויס די אַרבייט־שטונדען אָן מיטלייד, וועלכע לאַכען זיך אויס פון אַלע מענשליכע געזעצען אין זייערע האַנדלונגען מיט די אַר־בייטער — זיי מאַכען דעם גרעסטען ערפאָלג. דער בעל־בית וואָס איגנאָרירט די סאַניטאַרע פאָדערונגען פון זיין שאָפּ, וועלכער נעמט געלט ביי די אַרבייטער אַלס סעקיוריטי, לייגט אויף זיי אַרויף אָפּצאָלונגען פאַר דער פאַרברויכטער עלעקטריציטעט און באַנוצט דאָס געלט פאַר זיין געשעפט, דער בעל־בית איז אַ גע־פאַר ניט נאָר פאַר די אַרבייטער נאָר אויך פאַר אַלע אַנשטענדיגע בעלי־בתים אין דער אינדוסטריע. . . מיר באַשולדיגען די בעלי־בתים, אַז זיי האָבען רואינירט די גרויסע קלאוק אינדוסטריע, וועלכע איז אויפגעבויט געוואָרען דורך דער פּראַצע פון די אַר־בייטזאַמע אימיגראַנטען. מיר באַשולדיגען זיי, אַז זיי האָבען קאָ־רופּטירט די מאָראַל פון טויזענדער, וואָס זיינען מיט דער אינ־דוסטריע פאַרבונדען. דער אַרבייטער וואָס קושט די שטיוועל פון דעם באַלעבאָס, דער וואָס אַרבייט ווי אַ פערד, און רעכענט זיך ניט, ניט מיט צייט און ניט מיט באַדינגונגען, ער ווערט דעם באָס' ליבלינג. די בעלי־בתים זוכען צו ווירקען אויף די אַר־בייטער זיי זאָלען איינער די אַנדערע פאַרראַטען, איינע די אַנדערע שפּיאָנירען.

„דער גענעראַל סטרייק איז מער ווי אַ יוניאַן אונטערנעמונג. עס איז אַ פאָלקס־באַוועגונג. עס איז אַ מעכטיגער פּראָטעסט געגען אומשטענדען, וועלכע קענען מער ניט געדולדעט ווערען. דער גענעראַל סטרייק איז דער ערשטער פעסטער פאַרזוך צו רע־גולירען די באַדינגונגען אין פאַך, אָפּצושאַפען דעם כאַאָס אין דער אינדוסטריע, דורך וועלכער עס איז געשאַפען געוואָרען אַ לאַגע, אַז אַ טייל פון די אַרבייטער פּראַצעווען אין די הייסטע

זומער מאָנאַטען זעכצען שעה א טאָג אין דער זעלבער צייט וואָס טויזענדער אַנדערע ארבייטער גייען ארום ליידיג.

„מיר קענען זיך ניט פארלאָזען אויף די פריינדליכקייט פון די בעלי־בתים. צום באַדויערען האָבען מיר זיי געטרויט צו לאַנג. מיר פאָדערען מענשליכע באַהאַנדלונג. מיר פאָדערען א רעכט אויף לעבען. מיר ווילען זיך ניט לאָזען פארניכטען. מיר ווייסען אז אונזער רעטונג קען נאָר קומען דורך פאראייניגונג. מיר ווייסען, אז די סימפּאַטיע פון יעדען וואָס פארדינט געהויבען צו ווערען מענש, איז מיט אונז. מיר ווייסען, אז די אָרגאַניזירטע ארבייט פון גאַנצען לאַנד וועט אַפּלאָדירען אונזער אונטערנע־מונג. מיר אַפּעלירען צום אמעריקאַנער פאָלק נאָך הילף אין אונזער קאַמף".

פון אָנפאַנג האָבען די בעלי־בתים ניט פארשטאַנען ווי ערנסט דער סטרייק איז. זיי האָבען ערוואַרט, אז די באַגייסטערונג פון די ארבייטער וועט זיך שנעל אָפּקילען און אז זיי וועלען צו־ריקקומען אין די שעפּער. זיי האָבען די האָפנונג געבויט אויף די אָרעמקייט פון די ארבייטער און אויף דער אָרעמקייט פון דער יוניאָן קאַסע, אָבער ווען א וואָך איז פאָריבער און די פרעסע האָט געמאָלדען אז עס זעט זיך ניט קיין סימן פון שוואַכקייט צווישען די סטרייקער, און אז זיי ווערען נאָך פאר־קערט, מער ענטשלאָסען און מער אַגרעסיוו, האָבען דאַן די בעלי־בתים גענומען טראַכטען וועגען אונטערהאַנדלען מיט דער יוניאָן. דעם ערשטען שריט האָבען זיי געמאַכט דעם צענטען טאָג פון סטרייק און פון דאַן אָן האָבען זיך די צוויי צדדים געדוקט אַלס נעענטער און נעענטער צו אַן אויסגלייך און צו א פארשטענדניס.

לייכט איז דאָס ניט אָנגעקומען. עטליכע מאָל האָט די לאַגע אויסגעזען האָפנונגסלאָז. פּראָמינענטע אידען האָבען זיך אריינ־געמישט. לואיס ד. בראַנדייס איז געקומען פון באָסטאָן, און לואיס מארשאַל האָט אָנגעבאָטען זיין דינסט אין נאָמען פון א גרופּע אידען, וואָס האָבען זיך צו אים געווענדט. ווערענד די אַלע אונטערהאַנדלונגען און שתדלנות זיינען אָנגעגאַנגען איז דער קאַמף אויף די גאַסען געוואָרען ביטערער און פארצווייפעלטער.

די בעלי־בתים האָבען זיך, ווי דער שטייגער איז, געווענדט נאָך הילף צו דער פּאָליציי און צו דעם געריכט, און זיי האָבען דאָרט געקראָגען אַלץ וואָס זיי האָבען פאַרלאַנגט. די ריכטער האָבען ארויסגעגעבען אינדזשאַנקשאָנס צו פארבאָטען די אַרבייטער צו פּיקעטען, די פּאָליציי איז געווען אַזוי ברוטאַל ווי זי האָט נאָר געקענט. די אַלע מיטלען האָבען אָבער ניט געהאַט די ווירקונג וואָס די בעלי־בתים האָבען ערוואַרטעט. די ארבייטער זיינען גע־בליבען איינגע׳עקשנ׳ט און זיינען אַנגעגאַנגען מיט זייער קאַמף.

אין די ערשטע בריף, וואָס די בעלי־בתים האָבען געשיקט צו דער יוניאַן מכח אונטערהאנדלונגען האָבען זיי געשטעלט די באַ־דינגונג אַז ביי די קאָנפערענצען זאָל מען וועגען יוניאַן קאָנטראָל אין די שעפּער אפילו ניט ריידען. די בעלי־בתים האָבען ער־קלערט אַז זיי זיינען גרייט צו דיסקוטירען וועגען ארבייטס־באַ־דינגונגען, וועגען וויידזשעס און שטונדען אָבער וועגען קיין אַנ־דער זאַך ניט. פון דער שטעלונג האָבען זיי זיך ביסלעכווייז צו־ריקגעצויגען. זיי האָבען ענדליך איינגעוויליגט אַנצונעמען דאָס וואָס מען האָט דאמאלס גערופען „אַ פּרעפּערענשעל יוניאָן שאַפּ״. זיי האָבען אויך צוגעשטימט צו דעם אַז די סכסוכים צווישען אר־בייטער און בעלי־בתים זאָלען געשליכטעט ווערען פון קאָמיטעס צונויפגעשטעלט פון אַ גלייכע צאָל פאַרשטייער פון ביידע צדדים. דער פּרעפּערענשעל יוניאָן שאַפּ איז געווען אַ פאַרמאַסקירטער „קלאָוזד שאַפּ״. דער בעל־בית האָט זיך פאַרפּליכטעט צו דינגען בלויז יוניאַן ארבייטער, אָבער ער האָט געהאַט אַ רעכט אויסצו־קלייבען זיך דעם יוניאָן מאַן, וועלכער איז אים בעסער געפעלען. וואָס אַנבאַלאַנגט די אַלע איבלען צוליב וועלכע דער סטרייק איז לכתחילה ארויסגערופען געוואָרען, זיינען זיי טיילווייז אָפּגעשאַפט געוואָרען און טיילווייז געלינדערט געוואָרען. די שכירות זיינען באַדייטענד געהעכערט געוואָרען און די ארבייטס־צייט איז גע־קירצט געוואָרען.

מאיר לאָנדאָן, אַלס דער לאָיער פון דער יוניאַן, האָט אָנ־געפירט די אַלע אונטערהאנדלונגען. ער איז געווען ביי די אַלע קאָנפערענצען מיט די פארשידענע גרופען בעלי־בתים און כלל־

טוער. ער האָט אויסגעאַרבייט פּאַרשידענע פּלענער פון סעטעל־מענט און ער האָט געהאַט פּילייכט דעם גרעסטען חלק אין פאַר־מולירען דעם לעצטען אָפּמאַך, דעם פּראָטאָקאָל, אויף וועלכעןביידע צדדים האָבען זיך ענדליך געאייניגט און וועלכער האָט פאַרענדיגט דעם סטרייק.

אָבער די אונטערהאַנדלונגס ארבייט איז געווען אַ קליינ'ער טייל פון דעם וואָס לאָנדאָן האָט געטאָן אין פאַרלויף פון דעם סטרייק. ער איז פאַרשטייט זיך געווען אין געריכט ווען נאָר מען האָט דאָרט געדאַרפט די יוניאָן אָדער די סטרייקערס פאַר־טיידיגען. די וויכטיגסטע טייל פון דער אַרבייט איז אָבער באַ־שטאַנען אין באַזאָרגען די ארבייטער מיט די מאָראַלע און מאַ־טעריעלע שטיצע אָן וועלכע זיי וואָלטען זייער קאַמף ניט געקענט אָנהאַלטען. ער האָט צו די ארבייטער גערעדט, זיי באַגייסטערט, זיי ערמוטיגט. ער האָט אויך געהאָלפען פאַר זיי קריגען געלט־שטיצע, וועלכע האָט מעגליך געמאַכט פאַר זיי און זייערע פאַ־מיליעס ווי עס איז צו עקזיסטירען.

אין דער פינפטער וואָך פון סטרייק האָט די סאָציאַליסטישע טעגליכע צייטונג, די ניו יאָרק „קאָלל”, געדרוקט אַן ארטיקעל אין וועלכען עס איז געשילדערט געוואָרען לאָנדאָן'ס ראָלע אין דעם סטרייק. אָט זיינען איינינע שטעלען פון דעם ארטיקעל:

„'פרעגט לאָנדאָנ'ען וועגען דעם' — די פראַזע הערט מען בסדר פון יעדען איינעם פון די עטליכע און פופציג טויזענד פון קלאָוק מאַכער סטרייק. ווען זיי זיינען אין צווייפעל וועגען עפּעס אָדער זיי ווייסען ניט עפּעס, הייסען זיי גיין צו לאָנדאָנ'ען... מאֵיר לאָנדאָן איז דער רעדנער, דער פּראָפעט, דער זייל וואָס באַלייכט דעם וועג, וואָס פירט די פופציג טויזענד קלאָוק מאַכער אין זייער איצטיגען ביטערען קאַמף... ער איז אין אָפּים מיט דער סטרייק קאָמיטע פון אינדערפרי ביז שפּעט ביינאַכט. און אַמאָל איז ער דאָרט ביז אינדערפרי פון צווייטען טאָג.

„מאֵיר לאָנדאָן איז דער לאָיער פאַר די סטרייקענדע קלאָוק

מאכער, אָבער אויב איר מיינט אַז ער איז נים מער ווי אַ לאָיער האָט איר אַ טעות. ער איז פיל מער ווי דאָס. ער איז אַ ברו־דער פון די סטרייקערס, אַ חבר זייערער, אַ מיט־סטרייקער. ווען ער וואָלט געווען בלויז אַ לאָיער וואָס ארבייט פאַר אַ קליענט, פאַר אַ באַלוינונג וואָלט איר אים ניט טרעפען אכצען שעה און אַמאָל גאַנצע פיר־און־צוואַנציג שעה אַ מעת־לעת צווישען די סטרייקערס אָדער ביי אַ קאָנפערענץ מיט אימיצען וועגען דעם סטרייק.

„צייטענווייז ווען אַלע סטרייק געשעפטען זיינען פאַרענ־דיגט און די באַריכטען פון דעם שלאַכט פעלד זיינען גינסטיגע רוט זיך לאָנדאָן אָפּ אויף אַ פערטעל שטונדע. ער זעצט זיך אַוועק אויף אַ טשער ערגעץ אין אַ ווינקעל, פאַררויכערט אַ שטאַרקען שוואַרצען סיגאַר און קוקט אויף דער מאַסע אין האָל. ער קוקט אויף זיי מיט בליקען פון נייגער און באַוואונדערונג, אַזוי ווי זיי וואָלטען מיט זיך פאָרגעשטעלט עטוואָס אויסערגע־וויינליכעס, מערקווירדיגעס.

„אַ פאָרשטייער פון דער „קאָלל“ איז אריינגעקומען אין צי־מער גראָד אין אַזאַ מאָמענט. ‚באַטראַכט נאָר די מענשען‘, האָט אים לאָנדאָן געזאָגט, ‚מיין אָטעם פאַרכאַפּט מיר אַזש, ווען איך טראַכט וועגען דעם ערהאַבענעם קאַמף וואָס זיי פירען, ווען איך דערמאָן זיך וועגען דער ריזיגער צאָל היימען, וואָס זיי־נען פון דעם סטרייק געטראָפען געוואָרען, וועגען די קינדער וואָס פרעגען זייערע פאָטערס יעדען טאָג צי האָבען זיי שוין דעם קאַמף געוואונען, וועגען די פרויען וואָס שיקען זייערע מענער יעדען טאָג אויף דער פיקעט ליין מיט ערמוטיגונג כאָטש דער בוטשער און גראָסערימאַן וויל זיי שוין מער ניט באָרגען. ווען איך טראַכט פון די אַלע זאַכען קען איך גאַנצע נעכט ניט שלאָפען‘.

„די ווערטער לאָנדאָן׳ס קענען אפשר קלינגען סענטימענטאָל, ניט פּאַסיג פאַר אַ לאָיער, פאַר אַ פראַקטישען מענשען, איר קענט אָבער ניט לאָנדאָנ׳ען. לאָנדאָן איז טאַקע אַ לאָיער, דאָס איז זיין פראָפעסיע, ער איז אָבער אַ מענש מיט אַ הייסע מענשליכע הארץ. ‚מיין פריוואַט פראַקטיק איז אין גאַנצען רואינירט גע־

ווערען צוליב דעם סטרייק', — האָט לאָנדאָן געזאָגט. —'איך בין שוין וואָכען־לאַנג אין מיין אָפיס ניט געווען. אָבער ווער קען טראַכטען וועגען אייגענע געשעפטען אזוי לאַנג ווי דער קאַמף גייט אָן'."

אברהם ראָזענבערג דערציילט דאָס פאָלגענדע:

„די זיבעטע וואָך פון סטרייק האָבען מיר זיך געכאַפּט אַז לאָנדאָן האָט די גאַנצע צייט ניט גענומען קיין סענט פאַר זיין ארבייט. ניט פאַר די סטרייק־וואָכען און ניט פאַר די לאַנגע מאָנאַטען ווען דער סטרייק איז צוגעגרייט געוואָרען. מיר האָבען געוואוסט, אז ער איז ניט קיין רייכער מאַן, מיר האָבען אויך געוואוסט, אז צוליב דעם סטרייק האָט ער פּאַקטיש אויפגעגעבען זיין פּריוואַט פּראַקטיק, אז ער האָט פּאַקטיש זיין אָפיס פאַרשלאָסען. מיר האָבען באַשלאָסען אים צו געבען צוויי טויזענד דאָלער, און איך האָב אים דעם טשעק אַוועקגעטראָגען.

„ווען איך בין צו אים געקומען און אים דערציילט דעם צוועק פון מיין שליחות, האָט ער זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. ער האָט ווירקליך געמיינט אַז איך שפּאַס. ווען איך האָב אים ערקלערט, אַז איך מיין עס ערנסט האָט ער מיר שטרענג געזאָגט: 'ניט דאָס געלט צו די סטרייקערס, איך דאַרף עס ניט'. איך האָב געוואוסט פריער אַז לאָנדאָן וועט אזוי האַנדלען. מיר האָבען געהאַט גענוג ערפאַרונג פון דעם סאָרט מיט לאָנדאָנ'ען. דעם מאָל זיינען מיר אָבער געווען ענטשלאָסען אַז לאָנדאָן זאָל די געלט יאָ נעמען. איך האָב אים ערקלערט, דאָס די קאָמיטע האָט אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז אין פאַל ער וועט זיך ענטזאַגען צו נעמען באַצאָלט, וועט זי אָנשטעלען אַן אַנדער לאָיער אויף זיין פּלאַץ. דער סטראַשונאַק האָט געווירקט — דאָס איז די איינציגע זאַך, וואָס האָט אויך לאָנדאָנ'ען געקענט ווירקען".

אין פאַרלויף פון דעם סטרייק האָט מאיר לאָנדאָן געהאַט אַ געלעגענהייט אויפצוטרעטען אין סופרים קאָורט פון ניו יאָרק צו פאַרטיידיגען די יוניאָן געגען אַן אינדזשאָנקשאָן פון די בעלי־בתים. די רעדע וואָס ער האָט דאָרט געהאַלטען צייכענט זיך אויס מיט איר ראַדיקאַליזם, מוטיגקייט

און יורידישע קענטנים. ער האָט גערעדט צו די הויכע ריכטער מיט אַ פעסטען טאָן, אונערשראָקען. „דער הויכער געריכט איז טאַקע הויך״, — האָט ער אַנגעפאַנגען זיין רעדע, — „אָבער ער שטייט ניט העכער ווי דער ווילען פון פאָלק, וואָס איז פאַרקערפערט אין אונזערע געזעצען. מיר זיינען ענטשלאָסען צו באַנוצען די רעכטען וואָס די געזעצען און די קאָנסטיטוציע גיבען אונז. מיר ווילען ניט לאָזען אַז קיין געריכט זאָל ביי אונז די רעכטען צונעמען״.

ער האָט דאַן אַנאַליזירט די טענות פון די בעלי־בתים וואָס האָבען זיך נאָך דעם אינדזשאַנקשאָן געווענדעט. „די בעלי־בתים פאַרלאַנגען פון געריכט אַז ער זאָל פאַרבאָטען די אַרבייטער זיך צו באַנוצען מיט געוואַלד מיטלען. צו וואָס איז אויף דעם אַן אינדזשאַנקשאָן נויטיג? דאָס איז דאָך שוין לאַנג פאַרבאָטען געוואָרען דורך דעם געזעץ. ווילען די בעלי־בתים זאָגען, אַז די אַלטע געזעצען ווירקען שוין מער ניט, אַז די פּאָליציי האָט ניט מער די מאַכט די אַלטע געזעצען דורכצופירען אין קראַפט?

„וואָס איז די כונה פון די באַלעבאַטים? זיי זוכען מיט דעם אינדזשאַנקשאָן עטוואָס אַנדערש. זיי זוכען אָוועקצונעמען פון די אַרבייטער זייער רעכט אויף צו סטרייקען. מיין געגנער זאָגט טאַקע אין זיין ווענדונג צום געריכט, אַז די יוניאָן זוכט צו מאַכען אַן אָנפאַל אויף אַרבייט און אַז דער סטרייק איז אַ פאַר־שווערונג געגען די בעלי־בתים. ער טענה׳ט, אַז מיר זיינען אַ טראָסט, אַ טראָסט פון אַרבייט, און אַז דערפאַר זיינען מיר פאַר־ברעכער. וואָס פאַר אַ מאָדנע לאָגיק דאָס איז! ער גיט צו, אַז יוניאָנס מעגען עקזיסטירען, אָבער ער טענה׳ט, אַז זיי טאָרען ניט דורכפירען דאָס, צוליב וואָס זיי זיינען אָרגאַניזירט. ער זאָגט צו אונז אַזוי: איר מעגט אָרגאַניזירען יוניאָנס, איר מעגט אַרויסרופען סטרייקס, איר טאָרט אָבער ניט מאַכען קיין שטאַרקע יוניאָנס, איר טאָרט ניט פירען קיין זיגרייכע סטרייקס. אַזוי שנעל, הייסט עס, ווי אַלע אַרבייטער טרעטען אַריין אין דער יוניאָן, ווערט די יוניאָן אַ טראָסט, אַ מאָנאָפּאָל. און אַ טראָסט איז פון געזעץ פאַרבאָטען. אַזוי שנעל ווי דער סטרייק

וועדט ווירקזאַם, שטעלט אַפּ די גאַנצע אינדוסטריע, מוז דער געריכט אים פאַרבאָטען. מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס, אַז מיר מעגען האָבען בלויז שוואַכע יוניאָנס, מיר מעגען רופען בלויז אַזוינע סטרייקס, וועלכע קענען ניט געוואונען ווערען."

לאָנדאָן באַווייזט דאַן פון געזעץ־ביכער אַז אַ יוניאַן מעג צווינגען דעם בעל־בית איינצופירען אַ קלאָוזד שאַפּ. „אַ קאָנ־טראַקט צווישען אַ יוניאַן און אַ באָס, אַז ער זאָל באַשעפטיגען בלויז יוניאַן ארבייטער, איז אַ געזעצליכער קאָנטראַקט. מען רעדט אַלץ וועגען די רעכטען פון ניט־יוניאַן לייט, ווען די יוניאַן לאָזט ניט ארבייטען פאַר די נאָבעלע און גוטהערציגע בעלי־בתים. וואו זיינען דאָס אַזוינע ניט־יוניאַן לייט, וואו זיי־נען זייערע פאָרשטייער, וואו זיינען זייערע קלאַגען?"

עס איז ניט אמת, אַז די יוניאַן פאַרווערט אימיצען צו ארבייטען. די ניט־יוניאַן לייט האָבען זיך ניט געווענדט אין קאורט פאַר אַן אינדזשאָנקשאָן. געקומען אין קאורט זיינען די בעלי־בתים דערפאַר, וואָס זיי קענען קיין סקעבס ניט קריגען. „זאָגט דעם אמת, אייער קלאַגע איז, וואָס איר קענט ניט קריי־גען קיין ניט־יוניאַן לייט, איר ווילט, אַז דער געריכט זאָל אייך צושטעלען סקעבס. איר האָפט, אַז מיט דעם אינדזשאָנקשאָן וועט איר ערשט צווינגען ארבייטער צו גיין סקעבען. וואָס פאַר אַ זאָנדערבאַרע אויפגאַבע דאָס איז פאַר דעם סופּרים קאורט. ניין, דער געריכט וועט אייך ניט באַפרידיגען. אַלע קלאָוק מאַכער פון ניו יארק זיינען מיטגלידער פון דער יוניאַן. איר קענט זיי סטראַשען מיט אינדזשאָנקשאָנס, אָבער איר וועט זיי ניט אריינקריגען צוריק אין די שעפּער, סיידען איר וועט פריער נאָכגעבען זייערע פאָדערונגען".

און לאָנדאָן שליסט זיין רעדע מיט די שטאַרקע, טיף־פילענ־דע ווערטער:

„די ארבייטער געטרויען ניט די בעלי־בתים. זיי האָבען געהאַט גענוג ערפאַרונג מיט זיי. דאָס וואָרט פון דעם דורכ־שניטליכען בעל־הבית האָט אַזוי פיל ווערט ווי זיינער אַן אונ־טערשריפט, און זיינער אַן אונטערשריפט האָט אַזוי פיל ווערט ווי

זיין וואָרט. מיר ווייסען, אַז ווען ער רעדט וועגען זיין ליבע צו אַמעריקאַנער פרייהייט, טראַכט ער נאָר וועגען דעם אַמערי־קאַנער דאָלער. מיר קענען ניט איבערלאָזען דעם הילפלאָזען אימיגראַנט אויף הפקר ביים הארצלאָזען בעל־הבית אין די הענט. די אינטערעסען פון דער געזעלשאַפט פאָדערען אַז גוט־אָרגאַניזירטע און אינטעליגענט געפירטע יוניאָנס זאָלען באַשיצען די אַרבייטער, זיי לערנען און פירען. די יוניאָן איז ניט נאָר אַ נויטווענדיגקייט, זי איז אַ ברכה".

די ראַדיקאַלע גרופען צווישען די אַרבייטער האָבען אויפגע־נומען דעם סעטעלמענט מיט געפילען געמישט פון פרייד און שרעק. זיי האָבען זיך געפרייט דערמיט, וואָס די בעלי־בתים האָבען זיך אונטערגעגעבען, וואָס פילע פון די איבלען פון די שע־פער זיינען אָפגעשאַפט געוואָרען, וואָס די ווייַדזשעס זיינען גע־העכערט געוואָרען און די שטונדען געשניטען געוואָרען, וואָס די יוניאָן האָט געוואונען אין פּרעסטיזש און זיך באַפעסטיגט צווי־שען די אַרבייטער אין פאַך.

זיי האָבען זיך אָבער געשראָקען פאַר די נייע אידעען און מעטאָדען, וואָס דער סעטעלמענט האָט אריינגעפירט. דער גרונט פון פּראָטאָקאָל איז געווען דער געדאַנק, אַז עס זאָל הערשען שטענדיג שלום צווישען די אַרבייטער און די בעלי־בתים, אַז די יוניאָן זאָל זיך אָפּזאָגען פון סטרייקס, און אַז אַלע סכסוכים זאָלען געשליכטעט ווערען אויף אַ פרידליכען אופן דורך אויסגלייך־קאָמיסיעס. די ראַדיקאַלע אַרבייטער האָבען אָבער אימער באַ־טראַכט סטרייקס אַלס אַן אַרבייטער אינסטיטוציע. פאַר זיי איז אַ סטרייק ניט געווען אַ געפערליכע אונטערנעמונג וואָס דאַרף אויסגעמיטען ווערען ווען נאָר מעגליך, און וואָס דאַרף אנגעווענדעט ווערען בלויז אַלס אַ לעצטע ברירה. זיי האָבען באַ־טראַכט אַ סטרייק אַלס אַ רעוואָלוציאָנערען אַקט; דורך אַ סטרייק ווערט געשטאַרקט דער רעוואָלוציאָנערער גייסט ביי די אַרבייטער, דורך אים ווערט אויפגעהאַלטען ביי די אַרבייטער דער

צאָרן געגען דעם איצטיגען סיסטעם און דערפאַר איז נויטיג צו האָבען סטרייקס טאַקע וואָס אָפטער.

דער פּראָטאָקאָל האָט ענטהאַלטען נאָך אַ נייעם געדאַנק — אַז די יוניאָן זאָל האַנדלען ניט מיט יעדען בעל־הבית באַזונ־דער נאָר מיט אַלע בעלי־בתים צוזאַמען, מיט אַ פאַרבאַנד פון בעלי־בתים. דאָס האָט אויך געשיינט פאַר מאַנכע צו זיין אַ פאַרלעצונג פון דעם רעוואָלוציאָנערען פּרינציפּ, וועלכער האַלט, אַז די בעלי־בתים זיינען שטענדיגע שונאים פון די אַרבייטער. וויבאַלד זיי זיינען די שונאים פון די אַרבייטער, טאָ ווי אַזוי ערלויבט די יוניאָן זיי זאָלען זיך פאַראייניגען, ווי אַזוי דער־לאָזט די יוניאָן אַז דער שונא זאָל דורך פאַראייניגונג שטאַרקער ווערען?

די ראַדיקאַלע גרופּען האָבען זיך אויך געשראָקען פאַר דעם, וואָס דער פּראָטאָקאָל האָט ניט עטאַבלירט קיין שטרענגען יוניאָן שאַפּ אונטער אַן אַבסאָלוטען יוניאָן קאָנטראָל. דער פּראָטאָקאָל האָט געגעבען דעם באָס געוויסע רעכטען אין אויסקלייבען זיינע אַרבייטער, ער האָט אויך באַשטימט, אַז ערנסטע טרייד סכסוכים זאָלען געשליכטעט ווערען דורך אַן אומפּאַרטייאישען טשערמאַן, וועלכער ווערט אויסגעקליבען פון ביידע צדדים. די רעוואָלוציאָ־נערע אַרבייטער האָבען זיך געשראָקען פאַר די טאָלעראַנטע באַ־ציאונג צו די בעלי־בתים. זיי זיינען געווען איבערצייגט, אַז די בעלי־בתים וועלען דעם צוטרוי און די טאָלעראַנץ אויסנוצען כדי די אַרבייטער צו באַשווינדלען, זיי אָפּצונאַרען.

די פּאַסירונגען אין די שפּעטער באַלד נאָך דעם סעטעלמענט האָבען באַוויזען דאָס די מורא איז ניט געווען אין גאַנצען אונ־באַגרינדעט. פילע פון די בעלי־בתים האָבען טאַקע ניט אויסגע־פאָלגט די באַדינגונגען פון דעם פּראָטאָקאָל און האָבען אָנגע־ווענדט אַלערליי ביטערע און שווינדלערישע מיטלען די אַרבייטער אָפּצונאַרען. די פירער און די בעאַמטע פון דער יוניאָן האָבען פאַר זיך געהאַט אַן אומגעהייער שווערע אויפגאַבע. פון איין זייט האָבען זיי געמוזט באַרואיגען די אַרבייטער, אויף זיי ווירקען זיי זאָלען זיין געדולדיג און געלאַסען און פון דער אַנדער זייט

האָבען זיי געדאַרפט ווירקען אויף די בעלי־בתים זיי זאָלען אויס־פאָלגען דעם אָפּמאַך און זאָלען ניט טרייבען די ארבייטער צו א צווייטען אויפשטאַנד. די מאַשינערי וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרען אין איילעניש צו שליכטען סכסוכים אין שעפּער האָט ניט געארבייט גלאַט. צייטענווייז האָט זי נאָך געשטערט און געהאָלפען די באַציאונג ערגער צו מאכען. עס זיינען פאָרגעקומען מער צוזאַמענשטויסען צווישען ארבייטער און בעלי־בתים ווי די פירער פון ביידע צדדים האָבען ערוואַרט. די קאָמיסיעס, וועלכע האָבען געדאַרפט די סכסוכים אונטערזוכען און שליכטען האָבען זיך פּשוט ניט געקענט ספּראַווען מיט אַזוי פיל ארבייט. מען האָט געמוזט די מאַשינערי אויסבעסערען, איבערבויען, און דאָס האָט גענומען צייט, און געפירט צו נייע שטרייטיגקייטען.

לאָנדאָן האָט געהאַט ארבייט איבער׳ן קאָפּ. די אַלע רייבונגען און צרות האָט ער געמוזט ווי עס איז ברענגען אין אָרדנונג. ער האָט פאַרטיידיגט די יוניאָן פאַר די אַלע אומפּאַרטייאישע קאָמיסיעס. ער האָט אויסגעארבייט נייע מעטאָדען צו סעטלען סכסוכים. ער איז אַרויסגעטראָטען פאַר אַלע פאַרשידענע באָארדס און קאָמיסיעס, וואו יוניאָן פראַגען און ארבייטער קריוור־דעס זיינען פאַרהאַנדעלט געוואָרען. ער איז געווען דער פּראָקוראָר פון דער יוניאָן, איר פאָרקעמפּער, איר מליץ יושר.

און ער האָט אין די אויפגאַבען זיך אַרויסגעוויזען פּונקט אַזוי פייאיג און פּונקט אַזוי ערפאָלגרייך ווי אין זיינע אויפגאַבען אַלס סטרייק פירער. לאָנדאָן האָט די יוניאָן פאַרטראָטען מיט שטאָלץ און ווירדע. ער האָט געפאָדערט גערעכטיגקייט פאַר די ארבייטער. ער האָט באַוויזען, אַז וויפיל זיי קריגען איז אַלץ וויינִיג. ניט זעלטען פלעגט עס פּאַסירען אַז ביי אַ קאָנפערענץ מיט בעלי־בתים פלעגט אין אים אויפלאַמען זיין רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליסטישער גייסט און ער פלעגט זיינע פאָדערונגען שטעלען מיט שאַרפע, ברויזענדע ווערטער.

אָבער טראָץ דעם האָט ער אין אַ גאָר קורצער צייט געוואונען דעם טיפסטען רעספּעקט פון די פאָרשטייער פון די בעלי־בתים און פון די אומפּאַרטייאישע קאָמיטע־לייט. זיי האָ־

בען אנערקענט זיין אויפריכטיגקייט, זיין ערליכקייט. זיי האָבען געוואוסט, אז ער איז ליידענשאַפטליך איבערגעבען צו די אינטערעסען פון די ארבייטער און אז אלעס וואס ער זאָגט קומט פון א ריינעם, ערליכען געוויסען. די אנערקענונג און אכטונג וואס לאָנדאָן האָט פאַר זיך געוואונען האָבען פאַר דער יוניאָן געבראַכט די גרעסטע נוצען.

אין די ערשטע צוויי יאָר אונטער דעם פּראָטאָקאָל איז די יוניאָן פיל פאַרשטאַרקט געוואָרען. דער קלאָוזד שאַפּ, פאַר וועלכען די בעלי־בתים האָבען זיך אזוי געשראָקען און וועלכען זיי האָבען געהאַפּט אויסצומיידען דורך דעם פּראָטאָקאָל, איז פאַקטיש עטאַבלירט געוואָרען אין דער קלאָוק אינדוסטריע. די יוניאָן האָט אריינגעצויגען אין אירע רייען אלע מענער און פרויען וואָס זיינען געווען באַשעפטיגט אין די שעפער פון דעם פאַך. די ארבייטער האָבען זיך געפילט מעכטיג און זיי האָבען געוואָלט זייער מאַכט אויסנוצען. טאַקע דערפאַר, וואָס די יוניאָן איז אזוי שטאַרק געווען, האָבען די ארבייטער ניט געקענט דולדען די באַגרענצונגען, וואָס דער פּראָטאָקאָל האָט אויף זיי ארויפגעצוואונגען.

די רייבונגען צווישען די ארבייטער און די בעלי־בתים האָבען ניט אויפגעהערט. מיט דעם לויף פון דער צייט זיינען די נערוועז פון ביידע צדדים געוואָרען מער און מער אויפגערייצט. די בעלי־בתים האָבען שטילערהייד געזוכט אונטערצוגראָבען די יוניאָן. די פּראָטאָקאָל־מאַשינערי מיט אלע אויסבעסערונגען וואָס זיינען אין איר געמאַכט געוואָרען, האָט ניט געאַרבייט ווי עס בעדאַרף צו זיין. עס האָבען זיך אָנגעזאַמעלט גאַנצע בערג מיט קריוודעס פון די ארבייטער געגען די בעלי־בתים. עס האָט זיך ענטוויקעלט א געפיל צווישען די מאַסען יוניאָן מיטגלידער אז דורך פרידליכע מעטאָדען איז אונמעגליך פאַר ארבייטער צו קריגען יושר און גערעכטיגקייט.

א שטיק צייט האָבען די בעאַמטע פון דער יוניאָן געהאלטען אַז עס איז זייער פליכט שטרענג דורכצופירען די פונקטען פון

פּראָטאָקאָל. זיי האָבּען פאַרזיכערט די אַרבייטער, אַז מיט דער צייט וועט זיך אַלץ אויספּרעסען, אַז אַלע פּלאָנטערס און שטערונגען וועלען פאַרשווינדען. די פירער זיינען געווען אויפ־ריכטיג, זיי האָבּען געגלויבּט דאָס די איינפלוסרייכע פּאַר־שטייער פון די בעלי־בּתים מיינען צו זיין לאָיאַל צום פּראָטאָ־קאָל און אַז זיי וועט געלינגען איבּערצוגעווינען די אַנדערע מיט־גלידער פון דער באָסעס אַסאָסיאיישאָן.

דער קריזיס איז געקומען אין יאָר 1913. אין דער יוניאָן איז דעמאָלט פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג איבּער דער פראַגע פון פּראָטאָקאָל און די שטעלונג צו די בעלי־בּתים. די „אינטערנע־שאָנעל" בּעאַמטע האָבּען געגלויבּט אַז מען מוז ווייטער אָנהאַל־טען די אַלטע מעטאָדע פון פרידליכע בּאַציאונגען און פרידליכע אונטערהאַנדלונגען. געגען דעם איז אַרויסגעטראָטען די דזשאָינט באָארד פון די קלאָוק מאַכער. זי איז געשטאַנען פאַר אַ נייער פּאָליסי, אַ מער אַגרעסיווע, אַ מער קעמפערישע.

די „אינטערנעשאָנעל" בּעאַמטע האָבּען געפילט, אַז זיי זיי־נען פאַראַנטוואָרטליך פאַר דעם שיקזאַל פון די קלאָוק מאַכער. די „אינטערנעשאָנעל" האָט דאָך די קלאָוק מאַכער יוניאָן אָר־גאַניזירט. זי האָט דאָך געפּלאַנט און אַרויסגערופען דעם סטרייק פון יאָר 1910. זי האָט דאָך דעם סטרייק דערפירט בּיז אַ זיג־רייכען סוף. די „אינטערנעשאָנעל" האָט דעם סעטעלמענט גע־מאַכט. צוזאַמען מיט דער באָסעס אַסאָסיאיישאָן האָט זי אויס־געאַרבּייט די פּונקטען פון דעם פּראָטאָקאָל, און זי האָט אונטער־געשריבּען דעם אַגרימענט פאַר די אַרבּייטער. די דזשאָינט בּאָארד איז געוואָרען אַ מאַכט ערשט שפּעטער, נאָכדעם ווי די לאָקאַלס פון די קלאָוק מאַכער זיינען אָרגאַניזירט געוואָרען אונטער דעם פּראָטאָקאָל און אַ דאַנק דעם זיג פון 1910.

די אינטערנעשאָנעל בּעאַמטע זיינען געווען צוגעבּונדען צום פּראָטאָקאָל צוליב עטליכע טעמים. ערשטענס איז ער טיילוויז געווען זייער שאַפונג, צווייטענס האָבּען זיי געהאַט די בּיטערע ערפאַרונג פון פירען אַ גרויסען סטרייק און זיי האָבּען זיך גע־שראָקען פאַר נאָך אַזאַ ערפאַרונג. דריטענס, זיינען זיי ניט גע־

קומען אין באַרירונג מיט די אַרבייטער אין די שעפּער, און דער־פאַר האָבען זיי אויף דער לאַגע געקענט קוקען רואיג, אָן אויפ־רעגונג. די דזשאָינט באָארד מיטגלידער זיינען געווען די אַק־טיווע און אָנגרעסיווע אַרבייטער אין די שעפּער. זיי זיינען גע־ווען יונגע מענשען מיט הייסע טעמפּעראַמענטען, זיי זיינען אַליין געזעסען אין די שעפּער און האָבען געזען וואָס דאָרט טוט זיך אָפּ, ווי די אַרבייטער ווערען באַהאַנדעלט. דער דזשאָינט באָארד מיט־גליד האָט דעם בעל־הבית געקענט אַלס דעם האַרטען עקספּלואַ־טאַטאָר פון שאַפּ; די „אינטערנעשאָנעל" האָט אים געקענט אַלס דעם דזשענטעלמען פון קאָנפערענץ־צימער.

ווען די אַרבייטער אין די שעפּער זיינען מיד און ענטוישט געוואָרען פון דעם פּראָטאָקאָל, האָבען זיי זיך אָפּגעקערט פון דער „אינטערנעשאָנעל" און האָבען געזוכט סימפּאַטיע און הילף ביי דער דזשאָינט באָארד. די דזשאָינט באָארד האָט זיך דער־פילט שטאַרקער און גענומען ריידען צו די בעלי־בתים מיט אַ שטרענגערען טאָן ווי די בעלי־בתים זיינען געוואוינט געווען צו הערען. דער אָפּיציעלער אָרגאַן פון דער דזשאָינט באָארד, „די נייע פּאָסט", איז געגאַנגען נאָך ווייטער ווי די בעאַמטע. זי האָט באַשולדיגט די בעלי־בתים אַז זיי באַנוצען זיך מיט אונערליכע מעטאָדען ארויסצודרייען זיך פון זייערע פאַרפּליכטונגען אין פּראָטאָקאָל. איין לייט אַרטיקעל אין דער „נייער פּאָסט" האָט געטראָגען דאָס קעפּעל „לא תגנב", גנב'עט ניט.

די בעלי־בתים האָבען זיך געפונען שטאַרק באַליידיגט פון די אַטאַקעס. זיי האָבען אויפגעפאָדערט די „אינטערנעשאָנעל" זי זאָל דיסציפּלינירען די דזשאָינט באָארד. זיי האָבען גע־טענה'ט, אַז דער פּראָטאָקאָל איז אַ קאָנטראַקט צווישען דער אַסאָסיאיישאָן און דער „אינטערנעשאָנעל" און אַז דערפאַר קענען זיי, די בעלי־בתים, זיך ענטזאגען צו האַנדלען מיט דער דזשאינט באָארד. זיי האָבען געסטראַשעט, אַז אויב די דזשאָינט באָארד וועט ניט ענדערען איר טאָן וועלען זיי עס טאַקע טאָן.

די סכסוכים אין די שעפּער זיינען געווען הויפּטזעכליך איבער פּרייזען פון אַרבייט, איבער ווידזשעס, איבער אָפּגעזאָגטע

ארבייטער, איבער דיסקרימינאציעס געגען טעטיגע יוניאן לייט און איבער אלגעמיינע ארבייטער באדינגונגען. אבער אין די ריין מאטעריעלע פראגען זיינען אריינגעמישט געווארען פראגען פון פרינציפ, פון טעארעטישע ארבייטער פראבלעמען. דער הויפט פארשטייער פון דער „אינטערנעשאנאל" איז דאמאלס געווען דזשאן דייטש, א קאנסערוואטיווער טרייד־יוניאניסט פון גאמ־פערס' שניט. ער פלעגט שטענדיג זיך קריגען מיט די סא־ציאליסטען און פלעגט פארטיידיגען די פאליסים פון דער אמע־ריקען פעדערייש‍אן אוו לייבאר. איצטער, האט ער גע'טענה'ט, זיינען די ארבייטער און די דזשאינט באארד ניט צופרידען מיט דעם פראטאקאל דערפאר, ווייל זיי זיינען צו רעוואלוציאנער, ווייל זיי זיינען אנגעשטעקט מיט דעם גייסט פון דער רוסישער רעוואלוציע.

אין א לייט־ארטיקעל אין דעם ארגאן פון דער „אינטערנע־שאנעל", וועלכען דייטש האט רעדאגירט, האט ער געשריבען: „מיר זיינען זיך מודה, אז מיר האבען ניט נאכגעפאלגט די לי־טעראטור וועגען קלאסען־קאמף. די פראבלעמען מיט וועלכע די בעאמטע פון דער „אינטערנעשאנעל" האבען זיך פארנומען, זיינען געווען הויפטזעכליך ווי אזוי צו פארבעסערען די לאגע פון איהרע מיטגלידער, ווי אזוי עס מעגליך צו מאכען פאר זיי צו קריגען בעסער באצאלט פאר זייער ארבייט. פאר דעם, און ניט פאר קיין אנדער צוועק, זיינען זיי ערוויילט געווארען צו זייערע עמ־טער. . . מיר גיבען צו, אז ווען מיר האבען באשלאסען אונטערצו־שרייבען דעם פראטאקאל און שליסען דעם שלום־אפמאך מיט די בעלי־בתים האט אונז ניט געארט צי דאס וועט זיין אין איינ־קלאנג מיט די פרינציפען פון דער סאציאל־דעמאקראטישער פאר־טיי אין דייטשלאנד און אין אמעריקא".

די עלטערע און מער פראקטישע סאציאליסטען האבען זיך געפונען אין א שווערער לאגע.ביידע צדדים זיינען זיי ניט גע־ווען אין גאנצען צום הארצען. פון אנפאנג זיינען זיי געניינט געווען צו האלטען מיט דער דזשאינט באארד און האבען געראטען די ארבייטער צו נעמען א מער אגרעסיווע שטעלונג צו דער אסא־

סיאיישאָן און נים לייגען צופיל געוויכט אויפ'ן פּראָטאָקאָל. מאיר לאָנדאָן, אלס דער לאָיער פוןביידע קערפּערשאַפטען, אי פון דער „אינטערנעשאָנעל" אי פון דער דזשאָינט באָארד, האָט זיך אין דער מחלוקה ניט געמישט. ער האָט אָבער אויך סימפּאַטיזירט מיט דער דזשאינט באָארד. ער האָט געוואוסט, אז די קריוודעס פון די ארבייטער זיינען גערעכטע און דאָס איז פאר אים געווען דאָס וויכטיגסטע. ער וואָלט פארקוקט די אַטאַקעס וואָס די „אינטערנעשאָנעל" פירער האָבען געמאכט אויף זיין פּארטיי, ער וואָלט פארקוקט די פארלעצונג פון די סאָציאַליסטישע טעאָריעס וועגען קלאסען קאמף, ער האָט אָבער ניט גע־קענט פארקוקען די עולות וואָס זיינען באַגאַנגען געווארען אין די שעפּער.

ליידער אָבער האָט דער קאמף אָנגענומען א ווענדונג וואָס האָט געצוואונגען די עלטערע סאָציאַליסטען און לאָנדאָנ'ען צו נעמען א באַשטימטע שטאַרקע שטעלונג און דוקא אויף דער זייט פון דער „אינטערנעשאָנעל". די דזשאָינט באָארד איז אריינ־געפאַלען אין די הענט פון עקסטרעמיסטען. די איצטיגע פירער האָבען זיך ניט באנוגענט מיט האָבען אַנדערע מיינונגען ווי די „אינטערנעשאָנעל". זיי האָבען זיך אויך ניט באנוגענט מיט קריטיקירען דעם פּראָטאָקאָל און מיט אטאַקירען די בעלי־בתים. די דזשאָינט באָארד האָט איצטער ערקלערט קריג אי דער „אינ־טערנעשאָנעל" אי די באָסעס אסאָסיאיישאָן. זי האָט פארדאַמט די „אינטערנעשאָנעל" בעאמטע אלס פאררעטער און געפאָדערט אז דער פּראָטאָקאָל זאָל אָפּגעשאַפט ווערען. די שטעלונג האָט געשמעקט מיט געפאַר. די עלטערע סאָציאַליסטען, און לאָנדאָן צווישען זיי, האָבען געוואוסט צו וואָס דאָס וועט מוזען פירען. זיי האָבען שוין פריער געהאַט ערפאַרונגען מיט עקסטרעמיס־טען און זיי האָבען געוואוסט, אז אזא פירערשאַפט מוז ברענגען רואינע פאַר דער יוניאָן. די בעלי־בתים האָבען ערקלערט אַז זיי וועלען מיט דער דזשאָינט באָארד קיין מגע ומשא ניט האָבען אזוי לאַנג ווי זי וועט שטעהן אונטער דעם קאָנטראָל פון די עקסטרעמיסטען. די שטעלונג פון די בעלי־בתים איז אייגענטליך

געוועזן אַן אולטימאַטום צו אַ קריגס־ערקלערונג. אויב די דזשאָינט באָארד בלייבט איינגעשפּאַרט איז אַ סטרייק אומפאַרמיידליך. און אונטער די אומשטענדען, מיט דער פּירערשפּאַט פון דער יוניאַן אַ צושפּאָלטענע, און די מיטגלידער צוטיילט אין צוויי לאַגערען, וואָלט דער סטרייק געמוזט גײן פאַרלוירען.

לאָנדאָן איז אַריבער אין גאַנצען אויף דער זייט פון דער „אינטערנעשאָנעל". ער האָט רעזיגנירט אַלס לאָיער פון דער דזשאָינט באָארד און האָט זיך אַריינגעוואָרפען מיט אַלע כחות אין דעם קאַמף געגען די עקסטרעמיסטען פון דער דזשאָינט באָארד. דער קאַמף איז געפירט געוואָרען ביז אַ גרויסען גראַד דורך די צייטונגען. דער „פאָרווערטס" איז געשטאַנען מיט דער „אינטערנעשאָנעל" און מיט לאָנדאָנ'ען. די קאָנסערוואַטיווע „ווארהייט", צוזאַמען מיט דער אַנאַרכיסטישער „פרייע אַרבייטער שטימע", האָבען געשטיצט די דזשאָינט באָארד. ביידע צדדים האָבען אַפּעלירט צו די מיטגלידער פון דער קלאוק מאַכער יוניאַן, צו דער עפענטליכער מיינונג פון די אידישע אַרבייטער פון אַלע אַנדערע יוניאַנס.

דער לאַנגער און ביטערער קאַמף, וועלכער האָט צוטרייסעלט די אָרגאַניזאַציע ביז'ן סאַמע פונדאַמענט, האָט זיך געענדיגט מיט אַ זיג פאַר די קילערע און פּראַקטישערע גרופּען אין דער באַוועגונג. די קאָנסערוואַטיווע פון דער „אינטערנעשאָנעל" האָבען זיך אָבער געמוזט צוריקציען פון זייערע עמטער צוזאַמען מיט די עקסטרעמיסטען פון דער דזשאָינט באָארד.

די קאָנווענשאָן פון דער „אינטערנעשאָנעל" אין קליוולאַנד, אין יאָר 1914, וועלכע האָט געבראַכט דעם אינערליכען קאַמף צו אַ שלום, האָט אויך אויסגעדריקט איר צוטרויען און איר דאַנקבארקייט צו מאיר לאָנדאָן. די קאָנווענשאָן האָט כמעט איינשטימיג באַשלאָסען איינצולאַדען לאָנדאָנ'ען צו די זיצונגען. ער איז געקומען דעם דריטען טאָג אין דער פרי. אָט וואָס דער פּראָטאָקאָל פון דער קאָנוועשאָן דערציילט וועגען דעם:

„מאיר לאָנדאָן איז אַריינגעקומען אין האָל אין דער באַגלייטונג פון אַ קאָמיטע, וואָס איז אַפּאָינטעד געוואָרען אים צו באַ־

געגענען. ער איז באַגריסט געוואָרען מיט לאַנגע אַפּלאָדיסמענ־טען און הורא געשרייען. . . פּרעזידענט ראָזענבערג האָט אויפגע־נומען לאָנדאָנ׳ען אין נאָמען פון דער קאָנווענשאָן און האָט ער־קלערט, דאָס די דעלעגאַטען ערוואַרטען ער זאָל פאַרבלייבען מיט זיי און העלפען טאָן די קאָנווענשאָן אַרבייט”.

אויף מאָרגען איז לאָנדאָן איינגעלאַדען געוואָרען צו באַגרי־סען די קאָנווענשאָן. ער האָט גערעדט אָפען און אונערשראָקען. ער האָט דאַן געוואוסט דאָס גאָר אין קורצען וועט ער זיך נוי־טיגען אין דער הילף פון די אַרבייטער מאַסען און ספּעציעל פון די איבערגעבענע און באַגייסטערטע סאָציאַליסטען, ווייל עס איז שוין דאַן געווען אַזוי גוט ווי זיכער, אַז ער וועט לויפען פאַר קאָנגרעסמאַן אויף דער איסט סייד. ער האָט געוואוסט, דאָס די בעסטע קאַמפּיין־טוער זיינען גראָד די עקסטרעמע, די רעוואָ־לוציאָנער־געשטימטע סאָציאַליסטען, דאָך האָט ער קענען זיי אין זיין איצטיגער רעדע געזאָגט זיין אויפריכטיגע מיינונג, וועלכע איז גאָרניט געווען קיין שמייכלענדע. ער האָט זיי אָנגעוויזען אויף זייער אונפאַראַנטוואָרטליכע האַנדלונג אין דעם ערשט געשלאָסע־נעם ברודער קאַמף. די פאָלגענדע שורות געפינען זיך אין דעם פּראָטאָקאָל פון דער קאָנווענשאָן:

„פּרעזידענט ראָזענבערג: מיט צוויי טעג צוריק האָבען מיר כמעט איינשטימיג באַשלאָסען איינצולאַדען לאָנדאָנ׳ען צו דער קאָנווענשאָן. איך האָב איצט דעם פאַרגעניגען אייך פאָרצושטע־לען אונזער פריינד און גענאָסע, ברודער מאיר לאָנדאָן.

„לאָנדאָן האָט עטליכע מינוטען ניט געקענט אָנפאַנגען זיין רעדע צוליב די אַפּלאָדיסמענטען און הוראס וואָס האָבען באַ־גריסט זיין אויפטריט אויף דער פּלאַטפאָרמע.

„מאיר לאָנדאָן: מר. טשערמאַן, דאַמען און הערען, שוועס־טער און ברידער. — מיין האַרץ איז צו פול איך זאָל קענען ריידען אַזוי פריי און אַזוי אויספירליך ווי איך וואָלט וועלען. איך בין אייך זייער דאַנקבאַר פאַר דער דעמאָנסטראַציע. איך בין

זיכער אַז דאָס איז אין גאַנצען איבעריג, ווייל וואָס עס זאָל ניט פּאַסירען צווישען מיר און דער קלאוק מאכער יוניאָן, אָדער צווי־שען מיר און אירגענד וועלכער אַנדער יוניאָן, בין איך זייערער און זיי זיינען מיינע. איך וויל נאָר זאָגען, ברידער און שוועס־טער, דאָס איך טראָג ניט קיין כעס, קיין פאַריבעל צו די מענשען, וואָס שטימען ניט מיט מיינע מיינונגען. עס איז דאָ בלויז איין שונא מיט וועמען דער ארבייטער קלאַס דאַרף קעמפען; עס איז דאָ בלויז איין געפערליכער איינפלוס, וועלכען די אַרבייטער דאַר־פען אויסראָמען, ווי דער דייטשער מאַרסילעז דריקט זיך אוים: 'דער פיינד, וועלכען מיר מוזען האַסען, איז די אונוויסענהייט פון די מאַסען'; דער זיג וואָס מיר דאַרפען זען געווינען, איז דער זיג פון יענעם טייל פון דעם ארבייטער קלאַס, וואָס איז וואַך, וואָס איז אינטעליגענט, וואָס האָט זיך באַפרייט פון די קייטען פון אונוויסענהייט. דער מענש, וואָס ווערט אין כעס אויף דער אַרבייטער באַוועגונג, אויף די אַרבייטער, אָדער אויף דער יוניאָן, קען פאַר זיי ווייניג וואָס טאָן.

„מיר טאָרען ניט פאַרגעסען אויף איין מאָמענט, דאָס מיר האָבען בלויז איין שונא, און דאָס איז דער שונא וואָס נעמט ביי די אַרבייטער אַוועק די געלעגענהייט צו זיין פריי, וואָס נעמט ביי אים אַוועק די געציייג מיט וועלכע ער אַרבייט און צווינגט אים זיך צו פאַרדינגען אַלס שקלאַף.

„איך האָף אַז די קאָנווענשאָן וועט צוריקברענגען פאָלשטענ־דיגע איינינקייט. איך האָף, דאָס איר וועט האָבען מוט צו דיס־קוטירען אַלע פראַגען אָפען און אָפענהערציג, אָן ביטערקייט און פאָראורטיילע. דער פייגלינג איז דער געפערליכסטער מענש פאַר דער אַרבייטער באַוועגונג. איך שטים ניט איין מיט מאַנכע פון די זאַכען וואָס מאַנכע פון אייערע בעאַמטע האָבען געטאָן. דאָך רעספּעקטיר איך הונדערט מאָל מער יענעם בעאַמטען, וואָס האָט מיך אָפען באַקעמפט, אויב איך וויים נאָר אַז ער איז הונדערט פּראָצענט ערליך און גלויבט יעדען וואָרט וואָס ער זאָגט. מיר מוזען האָבען אבסאָלוטע ערליכקייט אין אונזער באַוועגונג, דעם סאָרט ערליכקייט, וואָס האָט פאַר קיינעם קיין מורא ניט, אפילו

ניט פאַר די ציַיטונגען. מיינונגס־פאַרשידענהייטען מוזען זיין, אָבער די מיינונגס־פאַרשידענהייטען טאָרען ניט אָפּווענדען אייער אויפמערקזאַמקייט פון די הויפּט־פראַגען, וואָס שטייען פאַר אייך.

„איך דאַנק אייך, ברידער, פאַר אייער פריינדליכקייט צו מיר. כ'האָב קיין איין מינוט ניט געטראַכט פון די קלאָוק מאַכער אוועקצוגיין, אָבער ווען איך האָב געזען, אז די שיף אייערע ברענט און זי ווערט געפירט פון אַ בלינדען קאַפּיטאַן און פון שכור'ע מאַטראָזען, האָב איך געטראַכט אז עס איז גלייכער אָפּצוטרעטען אָן אַ זייט און וואַרטען ביז דעם פּאַסיגען מאָמענט, ווען איך וועל קענען קומען העלפען די שיף ראַטעווען. זאָל מיין האַנט אָפּדאַרען אויב איך וועל ווען עס איז זיך אָפּזאָגען צו געבען דאָס בעסטע וואָס איך פאַרמאָג צו העלפען דעם ארבייטער קלאַס אין אַמעריקאַ.“

אין דעם קאָנגרעס קאַמפּיין, וועלכער האָט זיך אָנגעפאַנגען קורץ נאָכדעם, ווי די קאָנווענשאָן פון דער „אינטערנעשאָנעל“ האָט זיך געשלאָסען, האָבען אַלע — די „אינטערנעשאָנעל“, די דזשאָינט באָארד און די מיטגלידערשאַפט פון דער יוניאָן, איבערצייגט לאָנדאָנ'ען אז די באַגייסטערטע אויפנאַמע ביי דער קאָנווענשאָן איז ניט געווען קיין געקינסטעלטע און אויך ניט קיין דיפּלאָמאַטישער זשעסט. זיי אַלע האָבען זיך אין דעם קאַמפּיין אריינגעוואָרפען מיט'ן גאַנצען הארצען און געארבייט מיט אַלע כחות אים צו ערווייילען.

נאָכדעם ווי דער קאַמפּיין האָט זיך געענדיגט האָט דער אָרגאַן פון דער „אינטערנעשאָנעל“ באַגריסט לאָנדאָן'ס זיג אַלס „דער שטאָלץ פון דער אָרגאַניזאַציע“.

אָט וואָס דער זשורנאַל האָט דאַן געשריבען עדיטאָריעל:

„מאיר לאָנדאָן'ס זיג אין צוועלפטען קאָנגרעס דיסטריקט, איז אַ זיג פאַר דעם סאָציאַליזם און די ארבייטער. די ארבייטער האָבען אים ערווייילט, ווייל זיי קענען אים אינטים און האָבען צו אים דעם פולסטען צוטרויען, אז ער וועט טאָן זיין בעסטעס אין קאָנגרעס פאַר דער ארבייטער זאַך. די ארבייטער פון דער איסט סייד שטאָלצירען מיט לאָנדאָן'ס זיג. זיי פילען, דאָס

זיי קענען ניט האָבען קיין פּאַסיגערען פאַרשטייער צו ריידען פאַר זיי אין קאָנגרעס. לאָנדאָן איז געווען זייער פריינט ווען זיי האָבען געקעמפּט פאַר אַ בעסערען לעבען; ער איז געווען מיט זיי אין די פאַרצווייפעלטע מאָמענטען; ער האָט פאַר זיי געוואונען פילע זיגען. ער איז פאַקטיש געווען איינער פון די ארבייטער מאַסען".

וועגען דעם וואָס לאָנדאָן האָט בייגעשטייערט צו דער גרינ־דונג און דער אויפבויאונג פון דער צווייטער גרויסער „אינטער־נעשאָנעל", די פאָריער וואָירקערס יוניאָן, דערציילט איזידאָר קאָהען, דער ערשטער פּרעזידענט פון דער אָרגאַניזאַציע, דאָס פאָלגענדע:

„מיר האָבען אָנגעהויבען ווידער צו אָרגאַניזירען די פאַר־ארבייטער אין יאָר 1910, נאָכדעם ווי דער פאַך האָט זיך גענר־מען ערהאָלען פון דעם קריזיס וואס ער האָט דורכגעמאַכט אין די פריערדיגע יאָרען. מאָנאַטען לאַנג האָט אַ קליינע גרופּע פון איבערגעבענע יוניאָן טוער אין טרייד געאַרבייט מיט אַלע כוחות אויפצואוועקען די מאַסען און זיי אריינציען אין אונזערע רייען. מיר האָבען ניט געהאַט ניט די מאַטעריעלע מיטלען און ניט די גייסטיגע פירערשאַפט פאַר אונזער אונטערנעמונג און דערפאַר איז אונז יעדער טריט אָנגעקומען אזוי שרעקליך שווער.

„דאַן איז צו אונז געקומען מאיר לאָנדאָן. מיר האָבען אים איינגעלאַדען צו אַדרעסירען די ערשטע פאַרזאַמלונג פון דער ווידער־אָרגאַניזירטער יוניאָן. די פאַרזאַמלונג האָט געדאַרפט פאָרקומען אין אַ האָל אויף דער איסט סייד, עטליכע טעג נאָכ־דעם טראַגישען טרייענגעל פייער, און האָט געדאַרפט זיין ביידע זאַכען, אי אַ מעמאָריעל מיטינג פאַר די קרבנות פון דער טראַ־געדיע, אי אַן אויפרוף צו אונזערע ארבייטער זיך צו ארגאַני־זירען. לאָנדאָן איז געווען אונזער הויפּט־רעדנער. דעם איינ־דרוק וואס ער האָט מיט זיין רעדע געמאַכט איז מיר אונמעגליך איבערצוגעבען. ער האָט אריינגעבלאָזען אַ נייע נשמה פון מוט

און אידעאַליזם אין אונזערע מענשען. ער האָט אונז אָנגעפילט מיט פרישע ענערגיע, מיט אַ ווילען צו לעבען און קעמפען.

„אָבער וויכטיגער ווי דאָס, וואָס ער האָט יענעם אָווענט פאַר אונז געטאָן, איז געווען דאָס ווייטערדיגע. ער איז פאַרבליבען מיט אונז. ער האָט די קליינע עופה'לע פון אונזער ערשט־געבוי־רענער אָרגאַניזאַציע גענומען אויף זיינע הענט און פאַר איר גע־זאָרגט מיט דער ליידענשאַפטליכער איבערגעבענהייט און ליבע פון אַ מוטער. מיר האָבען מיט אים קיין אָפּמאַך ניט געהאַט וועגען דער ארבייט וואָס ער זאָל פאַר אונז טאָן און וועגען באַלוי־נונג פאַר דער ארבייט. ער האָט אונז אַדאָפּטירט פאַר זיין קינד און מיר האָבען אים אַדאָפּטירט פאַר אונזער פאָטער. ער האָט פאַר אונז געארבייט טאָג און נאַכט. די טירען פון זיין היים זיי־נען שטענדיג געווען אָפען פאַר אונזערע קאָמיטעס צו קומען ווען זיי האָבען נאָר געדאַרפט און פאַרברענגען מיט אים אַזוי לאַנג ווי זיי האָבען דאָס געפונען פאַר נויטיג. זיין גאַנצע צייט און זיין גאַנצע ענערגיע האָט ער פּאַקטיש איבערגעגעבען אין אונזער רשות.

„דאַן איז פאָרגעקומען דער היסטאָרישער סטרייק פון יאָר 1912, דער קאַמף, וועלכער איז געווען די געבורט־וויעג פון אונ־זער יוניאַן. צוועלף וואָכען האָבען אונזערע זיבען טויזענד אַר־בייטער זיך געראַנגעלט מיט הונגער אין דער היים, און מיט פּאָ־ליציייסקער ברוטאַליטעט אויף דער פּיקעט ליין. ווען דער סטרייק איז אַרויסגערופען געוואָרען, האָט די יוניאַן געהאַט אין דער קאַסע די סומע פון זעקס הונדערט דאָלער. די הוצאות פון סטרייק האָבען אָנגעטראָפען טויזענדער דאָלער אַ טאָג. מיר האָבען אויך געמוזט קריגען רעליף פאַר די הונגעריגע פרויען און קינדער פון די סטרייקערס.

„לאָנדאָן האָט געקעמפט און געליטען מיט אונז אַלעמען. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסען דעם פאָלגענדען קליינעם אינ־צידענט, וועלכער האָט פּאַסירט אין דער פערטער וואָך פון דעם סטרייק :

„מיר זיינען געקומען צו לאָנדאָנ'ען מיט אונזער געוויינלי־

בען פעקעל צרות. מיר האָבען אים דערציילט וועגען דער פאַר־צווייפעלטער לאַגע פון די סטרייקענדע פאַמיליעס. אויפ'ן טיש ליגט אים איז געלעגען אַ געז־ביל פון אכצען דאָלער און אַ פעס־בוך פון אַ באַנק. ער האָט גענומען דעם בוך, אים געעפענט און אריינגעקוקט. דאַן האָט ער אַ קוק געטאָן אין טשעק בוך. ווען ער איז פאַרטיג געוואָרען, האָט ער אונז געזאָגט אז זיין באַלאַנס אין באַנק איז פיר־און־דרייסיג דאָלער. ער האָט אויפגעשרי־בען אַ טשעק פאַר דער סומע און עס אונז געגעבען.

„אין פאַרלויף פון די סטרייק וואָכען האָט לאָנדאָן זיך פאַר־געסען אָן זיין לאָאָ אָפיס, אָן זיין פאַמיליע, אָן זיינע פערזענליכע אַנגעלעגענהייטען און זיך אונז איבערגעגעבען מיט לייב און לע־בען. ער האָט געהאַלטען רעדעס צו די סטרייקערס צו שטאַרקען זייער מוט; ער האָט אויסגעארבייט די סטרייק־פּלענער צוזאַ־מען מיט די פירער; ער איז ארומגעגאַנגען זוכען הלוואות און שטיצע פאַר דער יוניאַן צווישען די אַנדערע ארבייטער אָרגאַני־זאַציעס און אין די בענקס. און ווען דער סטרייק האָט זיך גע־ענדיגט האָט ער געפירט די אונטערהאַנדלונגען מיט די בעלי־בתים און אויסגעארבייט די באַדינגונגען פון דעם סעטעלמענט.

„נאָכדעם ווי דער קאַמף האָט זיך געענדיגט מיט אַ זיג און די אַרבייטער זיינען געווען אויף זייערע פּלעצער אין די שע־פּער און די יוניאַן איז געווען סאָליד עטאַבלירט, האָבען די בעאַמ־טע זיך דורכגערעדט צווישען זיך וועגען באַצאָלען לאָנדאָנ'ען פאַר זיין לאַנגע, שווערע און ערפאָלגרייכע ארבייט. מיר האָ־בען גאַנץ גוט געוואוסט, אז ער וועט ביי אונז קיין מאָל קיין געלט ניט בעטען און אז עס וועט קיין מאָל ניט מעגליך זיין פון אים צו קריגען א חשבון. מיר האָבען אויך געוואוסט, אז עס וועט ניט מעגליך זיין אים צו באַוועגען צו נעמען אַזאַ סומע ווי די צוויי יאָר אַרבייט זיינע איז ווערט געווען. מיר האָבען דער־פאַר באַשלאָסען צו האַנדלען דיפּלאָמאַטיש. מיר האָבען אין איי־נעם פון אונזערע פעקטאָרים באַשטעלט אַ פאַר־קאוט פאַר מיסעס לאָנדאָן. מיר האָבען פאַר לאָנדאָנ'ען געקויפט אַ גאָלדענעם

זייגער און אויסגעמאַכט אַ טשעק פאַר צוויי טויזענד דאָלער. מיר האָבען דאָס אַלעס אַוועקגעשיקט צו אים אַהיים.

„אויף מאָרגען האָט ער אונז אָפּגערופען אויפ'ן טעלעפאָן און געבעטען אַ קאָמיטע זאָל קומען אים זען אין זיין אָפיס. מיר האָבען אים געפונען אַן אויפגערעגטען. ער האָט זיך אויף אונז צושריען: ווי וואַגען מיר אים צו שיקען געלט, ווען ער האָט דאָס ניט פאַרלאַנגט? אים האָט עס טיף ווייי געטאָן. ער האָט זיך געפונען באַליידיגט דערפאַר, וואָס מיר האָבען רעדוצירט זיין אידעאַליסטישע אַרבייט צו דאָלערס און סענטען. מיר האָבען אים אויסגעהערט און גאָרניט געענטפערט. מיר האָבען געוואוסט ווי אויפריכטיג ער איז. מיר האָבען ניט געהאַט דאָס האַרץ אים צו ווידערשפּרעכען.

„שפּעטער האָבען מיר אויסגעפונען, אַז ער האָט דאָס געלט צוטיילט פאַר דער סאָציאַליסטישער און אַרבייטער באַוועגונג. דעם גאָלדענעם זייגער האָט ער אַוועקגעגעבען צו אַן אָרעמען אַרבייטער, וואָס האָט זיך געפונען אין נויט. בלויז דעם פאָר קאָוט האָט ער ניט געטשעפּעט. וואַרשיינליך דערפאַר, וואָס מיר האָבען אים וועגען דעם ניט דערציילט. מיר האָבען געוואָרענט מיסעס לאָנדאָן זי זאָל אים ניט זאָגען אַז דער קאָוט קומט פון דער יוניאָן".

די נאַכט פון דעם סעטעלמענט האָבען די אַרבייטער געמאַכט דעמאָנסטראַציעס פאַר זייערע פירער און פאַר זייערע פּאַרקעמפער. פון דעם האָל, וואו זיי האָבען די נייעס פון סעטעלמענט באַקומען, האָבען זיי אַוועקגעמאַרשירט פריער צום „פאָרווערטס", און דאָרטען געמאַכט אַ דעמאָנסטראַציע. דאַן זיינען זיי אַוועק צו מאיר לאָנדאָן'ס וואוינונג. יענע נאַכט איז לאָנדאָן געגאַנגען פרי שלאָפען, נאָכדעם ווי ער האָט פאַרענדיגט די לאַנגע, שווערע, נערווען־רייסענדע אונטערהאַנדלונגען מיט די בעלי־בתים. די גרויסע מאַסע אַרבייטער האָבען אים אויפגעוועקט מיט זייערע הוראַ־געשרייען. ער האָט זיך געמוזט אָנטאָן און אַרונטערגיין אין נאַס האַלטען אַ רעדע.

לאָנדאָן איז פאַרבליבען דער לאָיער און דער פירער פון

דער פּאָריערס יוניאָן יאָרען לאַנג. די פּאָריערס זיינען צו אים געווען צוגעבונדען ווי צו א געטרייען, איבערגעבענעם פאָטער. אין אלע זיינע פּאָליטישע קאמפּיינס האָבען די פּאָריערס אים געגעבען די פולסטע מאַטעריעלע און מאָראַלע שטיצע.

קורץ נאָכדעם ווי דער סטרייק איז געסעטעלט געוואָרען האָט די ביי־געבווירענע פּאָריערס יוניאָן געקראָגען די ערשטע געלע־גענהייט אויסצודריקען פאר דער עפענטליכקייט אירע געפילען צו לאָנדאָנ׳ען. דאָס איז געווען אין דעם קאמפּיין פון יאָר 1912. לאָנדאָן איז דאַן געלאָפען פאַר קאָנגרעס. דער פּרעזי־דענט פון דער אינטערנעשאָנאַל פּאָריערס יוניאָן האָט ארויסגע־שיקט אַן אַפּיל צו אַלע מעמבערס אין דער אָרגאַניזאַציע, אין וועל־כען ער האָט געזאָגט דאָס פאָלגענדע:

„איר האָט זיכער ניט פארגעסען אונזער דזשענעראַל סטרייק. מיר האָבען אונזער זיג געוואונען נאָך א שווערען קאַמף. געוויס האָבען מיר דעם זיג צו פארדאַנקען פריער פון אַלץ דעם מוט, די זעלבסט־אָפּפער פון דער מיטגלידערשאַפט פון דער אָרגאַניזאַ־ציע. אָבער אויב עס איז דאָ איין מענש, וואָס פארדינט דאַנק־באַרקייט פאר אונזער טריאומף, איז דער מענש מאיר לאָנדאָן. מאיר לאָנדאָן האָט זיך פאר אונז מקריב געווען. ער האָט אונז געשענקט אַלעס, וואָס ער האָט פארמאָגט: זיין צייט, זיין געלט, זיין ענערגיע. אלס רעזולטאַט פון זיין ארבייט פאר אונז אין דער צייט פון סטרייק און מאָנאַטען לאַנג נאָכ׳ן סטרייק, האָט ער צוזאַמענגעבראָכען פיזיש. ער האָט דעם שווערען, ביטערען קאַמף דערפירט צו אַן ענדליכען זיג“.

קאַפּיטעל 8.

לאָנדאָן און אַרבייטער רינג.

אין אַלע פּאָרטגעשריטענע לענדער פון אייראָפּא האָט די אַרבייטער באַוועגונג זיך ענטוויקעלט אין דריי ריכטונגען: די פּאָליטישע, טרייד יוניאָניסטישע און קאָאָפּעראַטיווע. די אידישע אימיגראַנטען האָבען זיך אָפּגעלערענט פון די פּראָגרעסיווע אַרבייטער אויף יענער זייט ים און האָבען געזוכט צו גיין אויפ'ן זעלבען וועג ווי זיי. אָבער ניט אין אַלע האָבען זיי געהאַט דעם זעלבען ערפאָלג. דעם בעסטען ערפאָלג האָבען זיי געמאַכט אויף דעם אינדוסטריעלען פעלד. זיי האָבען אויך געהאַט א טיילווייזען ערפאָלג אויף דעם פּאָליטישען געביט. אָבער אין קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען זייען זיי געוועזען א פּאָלשטענדיגער דורכפאַל. יעדער פּאַרזוך זייערער אויפצובויען א קאָאָפּעראַטיוו אין פּראָדוקציע אָדער אין ביזנעס האָט זיך געענדיגט מיט ענטוישונג.

מיט איינע פון די קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען אין די ערשטע יאָרען פון צוואַנציגסטען יאָר־הונדערט איז לאָנדאָן'ס נאָמען געוועזען פאַרבונדען. און לאָנדאָן האָט פון איר אפּגעשניטען זייער שלעכט. ער האָט געמוזט באַצאָלען א שטראָף — א שטראָף, וואָס ער האָט אויף זיך אַליין ארויפגעלייגט. דער אינצידענט גופא איז אַן אונבאַדייטענדער. אין אים שפּיגעלט זיך, אָבער, אַפּ לאָנדאָן'ס אידעאַליסטישע באַציאונג צו דער אַרבייטער באַוועגונג, א באַציאונג וואָס ער האָט ניט געענדערט ביז'ן סוף פון זיין לעבען.

דאָס האָט פּאַסירט אין יאָר 1906. א גרופּע אקטיווע מיט־

גלידער פון דער קלאוק מאכער יוניאן האָט באשלאָסען צו גרינ־דען א קאָאָפּעראטיווען קלאוק־שאָפּ און ריטעיל קלאוק־סטאָר אויף דער איסט סייד. דער ציל איז געווען זייער א גוטער. דער שאָפּ האָט געזאָלט דינען אלס א רעטונגס־אָרט פאר די אר־בייטער, וועלכע האָבען צוליב זייער יוניאָן־טעטיגקייט ניט גע־קענט קריגען קיין דזשאב ביי א פּריוואטען בעל־הבית. די קאָ־אָפּעראטיווע סטאָר האָט געזאָלט פארקויפען קליידער צו די פרויען און קינדער פון ארבייטער, וועלכע האָבען ניט געקענט צאָלען די הויכע פּרייזען אין די פּריוואטע סטאָרס. די גרינדער האָבען אויך געהאָפּט אז פון דעם קליינעם אָנפאנג וועט ארויסוואקסען א גרויסע קלאוקס־פאבריק פון ארבייטער פאר ארבייטער.

די מענשען, וועלכע האָבען די אונטערנעמונג געפּלאנט, האָבען זיך בעראטען מיט לאָנדאָנ׳ען. ער האָט זיי דערפון אפּגערעדט. ער האָט געצווייפעלט אין די ביזנעס־פייאיגקייט פון די מענ־שען און האָט זיי דאָס אָפען ערקלערט. זיי זיינען אָבער געבלי־בען איינגעשפּארט און לאָנדאָן האָט זיי געהאָלפען מיט אַלץ, וואס ער האָט געקענט. ער איז אליין ניט געווארען קיין מיט־גליד פון דער אָרגאניזאציע, ער איז אָבער געקומען צו די מיטינ־גען און האָט ארויסגעוויזען אינטערעס אין דער אונטערנעמונג.

מיט דעם קלאוקס קאָאָפּעראטיוו האָט פּאסירט דאָס זעלבע, וואָס מיט אַלע אנדערע קאָאָפּעראטיווען אויף דער איסט סייד אין יענער צייט. אין א שיינעם פרי־מאָרגען, האָט לאָנ־דאָן באקומען אן איינלאדונג צו א מיטינג אויף וועלכען די קאָ־אָפּראטיווע האָט זיך געדארפט ענדליך אויפלייזען. ביים מי־טינג האָבען די בעאַמטע דערציילט די אַלט־באקאנטע געשיכטע, וועגען פעלערען, וואס זיינען געמאכט געווארען, און וועגען שלים׳מזל׳דיגע צופאלען. דער באריכט האָט זיך פארענדיגט מיט דער ערקלערונג אז די קאָאָפּעראטיווע האָט א דעפיציט פון זיבען הונדערט דאָלער און אז עס זיינען קיין שום אויסזיכ־טען ניטאָ דאָס געלד צו קריגען. אַלע אנוועזענדע האָבען גע־שטימט צו גונסטען דעם פאָרשלאג, אז די קאָאָפּעראטיווע זאָל זיך ערקלערען באנקראָט.

לאָנדאָן האָט גענומען דאָס וואָרט. ער האָט באַמערקט, דאָס אַזאַ האַנדלונג וועט דיסקרעדיטירען די אַרבייטער באַוועגונג. אַן אָרגאַניזאַציע פון אַרבייטער, האָט ער געזאָגט, ווען זי גייט אַריין אין אַ ביזנעס־אונטערנעמונג, איז פאַרפליכטעט צו באַשיצען דעם גוטען נאָמען פון דעם גאַנצען אַרבייטער קלאַס. ער האָט דערפאַר פאָרגעשלאָגען, אַז די חובות זאָלען באַצאָלט ווערען אין גאַנצען. ער האָט אָנגעבאָטען בייצושטייערען פאַר דעם צוועק אַזוי פיל געלט ווי פיל ער האָט דאַמאָלס פאַרמאָגט, הונדערט דאָלער, און ער האָט אויפגעפאָדערט אַז אַלע פון די אַנוועזענדע זאָלען געבען ווי פיל זיי קענען. דער אַפּיל האָט געווירקט. די סומע איז געזאַמעלט געוואָרען און דער קאָאָפּעראַטיוו איז ליקווידירט געוואָרען ערליך און ערענהאַפט ווי עס פּאַסט פאַר אַרבייטער.

אנשטאָט קאָאָפּעראַטיווען האָט די אידישע ראַדיקאַלע באַוועגונג אויפגעבויט אַן אינסטיטוציע, וואָס האָט ניט קיין גלייכען אין דער אַרבייטער באַוועגונג פון דער וועלט, — אַן אינסטיטוציע פאַר דעם צוועק פון געגענזייטיגער הילף, קולטורעלער אַנטוויקלונג און גייסטיגער פירערשאַפט, — דעם אַרבייטער רינג. פאָרמעל און לעגאַל איז דער אַרבייטער רינג בלויז אַן אָרדען צו פאַרזיכערען די מיטגלידער מיט בענעפיטס אין פאַל פון קראַנקהייט און טויט, אָבער פאַקטיש איז ער אַ סך מער ווי דאָס. ער איז אַ טייל פון דער סאָציאַליסטישער און אַרבייטער באַוועגונג. ער איז פונקט אַזוי פאַראינטערעסירט מיט דעם פאָרטשריט פון דעם פּאָליטישען און אינדוסטריעלען קאַמף פון אַרבייט אַזוי ווי מיט די בענעפיט־אַנגעלעגענהייטען. און דאָס איז נאָך ניט אַלץ. איינע פון די וויכטיגסטע צווייגען פון זיין טעטיגקייט איז די אויסבילדונג פון די מיטגלידער און זייערע קינדער. אין זיין פּרינציפּען־ערקלערונג ווערט געזאָגט אָט וואָס:

„דער אַרבייטער רינג איז אַן אָרגאַניזאַציע פון פּראָגרעסיווע אַרבייטער פאַר דעם צוועק פון געבען הילף און זעלבסט־ענטוויקלונג. זיינע טעטיגקייטען זיינען אַזוי ברייט און אַזוי

טיף ווי דער גאַנצער ארבייטער לעבען. זיין פעלד פון ארבייט שליסט איין די מאַטעריעלע, מאָראַלע און געזעלשאַפטליכע אינ־טערעסען פון פּראָגרעסיווע מענשען".

צווישען די דריי צווייגען פון דער אידישער ארבייטער באַ־וועגונג איז דער ארבייטער רינג פון אָנפאנג געווען דער שוואַכ־סטער. א גרויסער טייל פון דער ארבייטער מאַסע און פון די פירער האָבען זיך דאַן באַצויגען גלייכגילטיג און זאָגאַר עטוואַס נעגנעריש צו אים. ער איז אָבער אויסגעוואַקסען גרויס און מעכ־טיג און האָט אריבערגעיאָגט די אַנדערע ארבייטער אָרגאַניזאַציעס. ער האָט אויפגעטאָן א סך מער ווי זיינע הייסעסטע אָנהענגער האָבען ערווארטעט. ווען ניט דער ארבייטער רינג וואָלטען ניט די יוניאָנס און ניט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי געקענט דורכפירען פילע פון זייערע אַמביציעזע אונטערנעמונגען. א סך סטרייקס האָבען געהאַט צו פאַרדאַנקען זייער ערפאָלג דער הילף וואָס דער ארבייטער רינג האָט זיי געגעבען. דער ארבייטער רינג האָט אויך געזאַמעלט א גרויסען טייל פון די פאָנדען פאַר פּאָליטישע קאַמפּעינס און פאַר רעוואָלוציאָנערע הילפס־ארבייט. דער אר־בייטער רינג איז אימער געשטאַנען ווי א טורעם געגען די אַטאַ־קעס, וואָס זיינען אויף דער באַוועגונג געמאַכט געווארען, סיי פון אויסווייניג, סיי פון אינווייניג. דער ארבייטער רינג איז דער איינציגער צווייג פון דער אידישער ארבייטער באַוועגונג וואָס האָט זיך ניט געבויגען אונטער דעם אָנפאַל פון די עקס־טרעמיסטען, וואָס האָט זיך קיין מאָל ניט אָפּגעווענדעט פון זיין גלייכען, גראַדען וועג.

גייסטיג און קולטורעל האָט דער ארבייטער רינג דערגרייכט א סך מער ווי זיינע גרינדער האָבען זיך אין זייער פאַנטאַזיע פאָרגעשטעלט. ער האָט געגרינדעט ראַדיקאַלע שולען פאַר די קינדער און האָט אָרגאַניזירט און אָנגעפירט פאָרומס און לעק־טשור קורסען פאַר דערוואַקסענע. ער האָט געשאַפען א גאַנצע ביבליאָטעק פון נייע ווערק אויף פאַרשידענע וויסענשאַפטליכע געגענשטאַנדען. ער האָט צוגעגרייט א פּלאַטפאָרמע פאַר קולטור־טרעגער, פאַר לערער און פאַר אידעאַל־פּרעדיגער. ער האָט זיי

געגעבען די מעגליכקייט צו ריידען צו די צענדליגע טויזענדער אַר־בייטער, וואָס באַלאַנגען צום אָרדען און וואָס שטייען נאָענט צום אָרדען. יעדען מאָל ווען די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אָדער אידישע יוניאָנס האָבען איבערגעלעבט אַ גייסטיגען קריזיס, האָט דער אַרבייטער רינג געדיענט אַלס אַ טרייסט און ערמוטיגונג פאַר ווייטערע אַרבייט און אויפלעבונג.

דער אַרבייטער רינג איז אָרגאַניזירט געוואָרען אין אָנפאַנג פון צוואַנציגסטען יאָר הונדערט. אין די ערשטע יאָרען האָט ער געהאַט ווייניג פריינד צווישען די ראַדיקאַלע אינטעליגענטען, וועלכע האָבען אים באַטראַכט אַלס צו ווייניג רעוואָלוציאָנער. אין יענער צייט האָבען די אינטעליגענטען איבערהויפּט געקוקט קרום אויף יעדער טעטיגקייט פון די אַרבייטער, וועלכע האָט ניט דירעקט געפירט צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. מיט דער צייט אָבער האָט דער אַרבייטער רינג געצוואונגען מען זאָל אים שענקען אויפמערקזאַמקייט און געבען פולע אַנערקענונג. דער אַר־בייטער רינג איז דער איינציגער צווייג פון דער אידישער אַר־בייטער באַוועגונג וואָס האָט זיין עקזיסטענץ צו פאַרדאַנקען אין גאַנצען דער פשוט'ער מאַסע, דער „רענק און פייל". דער אַר־בייטער רינג איז די איינציגע אַרבייטער אינסטיטוציע, וואָס איז אויסגעפלאַנעוועט געוואָרען אין די מוחות פון דער „רענק און פייל" און וואָס איז געבויט געוואָרען פון דעם פונדאַמענט ביז'ן דאַך דורך דער ענערגיע פון דער „רענק און פייל".

דער איינציגער פון דער פּראָמינענטער אינטעליגענץ וועמען דער אַרבייטער רינג האָט איינגעשלאָסען אין זיין פירערשאַפט, איז געווען מאיר לאָנדאָן. דער אָרדען האָט איינגעלאַדען לאָנ־דאָנ'ען ער זאָל ווערען זיין לאַיער.

דאָס האָט פּאַסירט אין יאָר 1905, דאָס יאָר ווען דער אַר־בייטער רינג איז געוואָרען לעגאַליזירט אַלס אַ פאַרזיכערונגס־אָרדען. פון יענעם יאָר אָן איז לאָנדאָן פאַרבליבען אין דעם אַמט אַזוי לאַנג ווי ער האָט געלעבט. זיינע פליכטען און אויפגאַבען אַלס לאַיער זיינען ניט געווען דער עיקר פון דער אַרבייט, וואָס ער האָט פאַר דעם אַרבייטער רינג געטאָן. ער איז געווען הויפּטזעכ־

ליד דער גייסטיגער פירער און ראַט־געבער. ער איז אויך געווען די קייט, וואס האָט פארבונדען דעם ארבייטער רינג מיט די אנ־דערע צווייגען פון דער באוועגונג — מיט דער סאָציאַליסטישער פארטיי און מיט די טרייד־יוניאַנס. לאָנדאָנ׳ען האָט דער אר־בייטער רינג אויך ביז א גרויסער מאָס געהאַט צו פארדאַנקען דאָס, וואס אים איז געלונגען אויסצומיידען די געפארען פון די עקסטרעמיסטען. און א דאנק לאָנדאָנ׳ען האָט דער ארבייטער רינג אויך אויסגעמיטען די פארקערטען געפאר, — די געפאַר פארגליווערט צו ווערען אין ריין מאטעריעלע אויפגאבען פון העלפען קראנקע און שטיצען אלמנות און יתומים.

אין א פאָליטישען פאמפלעט, וואָס דער ארבייטער רינג האָט אָפגעדרוקט אין לאָנדאָן׳ס קאמפיין פון יאָר 1916, ווערט גע־זאָגט דאָס פאָלגענדע :

„לאָנדאָן איז געווען דער גייסטיגער פירער פון דעם אָרדען. ער איז אנוועזענד געווען ביי יעדער פון אונזערע קאָנווענשאָנס, אויף אלע קאָמיטע־ און סאָב־קאָמיטע־מיטינגען. די עצות וואָס ער האָט אונז געגעבען האָבען אימער געטראָגען דעם שטעמפעל פון אידעאליזם. די מאָגערע באלוינונג וואָס ער האָט פאר זיין ארבייט באקומען האָט ער אָפט צוריקגעגעבען אין דער פאָרם פוןביישטייערונג צו פארשידענע פאָנדען וואס דער ארבייטער רינג האָט געזאמעלט.״

קאַפּיטעל 9.

מאיר לאָנדאָן ווערט ערווילט צום קאָנגרעס.

אין די פיר יאָר פאַר דעם אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה, האָבען די סאָציאַליסטישע און טרייד יוניאָניסטישע באַוועגונגען צווישען די אידישע מאסען אין ניו יאָרק דערגרייכט דעם העכ־סטען פּונקט פון זייער ענטוויקלונג אין וואוקס, סיי פיזיש, סיי גייסטיג. אין די פיר קורצע יאָר האָבען אַלע יוניאָנס אין דעם נידעל פאַך קריסטאַליזירט זייערע קרעפטען דורך לאַנגע און פאַרצווייפעלטע סטרייקס, וועלכע האָבען זיך געענדיגט מיט זיגען. צוויי פון די סטרייקס, איינער פון די וויסט מאַכער, אין יאָר 1909, און דער צווייטער פון די קלאוק מאַכער, אין יאָר 1910, האָבען אויפגערודערט די גאַנצע שטאָדט און געוואונען די סימ־פּאַטיע און שטיצע פון פילע יונגע אידעאַליסטען פון די רייכערע קלאַסען. דורך די סטרייקס זיינען געבוירען געוואָרען די מעכטיגע נאַציאָנאַלע יוניאָן אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבען גע־שפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג פאַר די נעקסטע צען יאָר.

אַלע אידישע יוניאָנס זיינען געווען באַזעעלט פון סאָציאַליס־טישע אידעאַלען און זיינען געפירט געוואָרען פון סאָציאַליסטען. דער כאַראַקטער פון דער אימיגראַציע אויף דער איסט סייד האָט זיך געענדערט זייט דעם אָנפאַנג פון דעם צוואַנציגסטען יאָר־הונדערט. די נייע אימיגראַנטען זיינען געווען יונגע ראַדיקאַלען, וועלכע זיינען נאָך אין דער אַלטער היים געשטאַנען אונטער דעם איינפלוס פון סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס. זיי זיינען אַהער געקומען דיסציפּלינירטע סאָלדאַטען פון דער ראַדיקאַלער אַרמיי און האָבען געזוכט אַ געלעגענהייט זיך אָנצושליסען אין דער

זעלבער ארמיי אין דער נייער היים. אין די פריערדיגע יאָרען איז דער פרישער אימיגראַנט געווען א געפאר פאר די יוניאנס, א שטערונג פאר דעם ארבייטער פראָגרעס; איצטער אָבער איז ער געווען א הילף און אן אינספּיראַציע. דער איצטיגער אימי־גראנט האָט ניט בלויז זיך אָנגעשלאָסען אין די רייען און גע־מארשירט מיט זיי, ער איז אין די מערסטע פאלען געווען נאָך מער באַגייסטערט, נאָך מער אָפּפערווילליג ווי זיינע אויסגעגרינטע חברים.

די עלטערע אימיגראַנטען און זאָגאר די היגע ערצויגענע ארבייטער האָבען אויך געפאָלגט די סאָציאַליסטישע פירער. מען דארף געדענקען, דאָס די סאָציאַליסטען און אנדערע ראדיקאלען זיינען געווען די ערשטע וואָס האָבען אויף דער איסט סייד גע־בראַכט די לערע פון טרייד יוניאניזם. די סאָציאַליסטישע פרעסע איז פון שטענדיג אָן געווען די פאָרשטייערין און די פראָפּאגאנ־דיסטין פון די יוניאנס. און די סאָציאַליסטישע אגיטאַטאָרס זיי־נען געווען די יעניגע, וואס האָבען צוגעגרייט דעם באָדען פאר די טרייד יוניאנס.

די גרויסע יוניאָנס, אונטער דעם סאָציאַליסטישען איינ־פלוס, זיינען געווארען דער וויכטיגסטער פאקטאָר אין דעם גע־זעלשאַפטליכען לעבען פון די אידישע קווארטאלען. דער „פאָר־ווערטס” האָט געשאפען די עפענטליכע מיינונג אין סאָציאלע, פאָליטישע און עקאָנאָמישע אנגעלעגענהייטען. דער ארבייטער רינג איז געגאַנגען פאראויס אין עפענטליכע און קולטורעלע טע־טיגקייטען, וועלכע זיינען שטענדיג באַטראַכט געווארען אויסער דעם פראָגראַם פון אָרגאַניזאַציעס פון דעם סאָרט. קיין וויכטיגע עפענטליכע ארבייט האָט ניט געקענט אונטערנומען ווערען אדער דורכגעפירט ווערען ערפאָלגרייך אָן דער שטיצע פון אָרגאַניזיר־טע ארבייטער פון דער סאָציאַליסטישער פרעסע.

די איסט סיידער קאמפּיינס פאר קאָנגרעס זיינען מיט דעם גאַנג פון די יאָרען געוואָרען מער און מער דראַמאַטיש. די רע־פּובליקאנישע קאנדידאַטען האָבען זיך צוריקגעצויגען צום הינטער־גרונד. די צוויי קעמפענדע פּאַרטייען זיינען געווען טעמעני האָל,

פון איין זייט, און די סאָציאַליסטען פון דער צווייטער זייט. אַזוי ווי אימער, האָבען די סאָציאַליסטען אלס זייער קאמפּס־מיטעל באַנוצט אויפקלערונג און פּראָפּאַגאַנדע, ווערענד טעמעני האָט זיך פאַרלאָזען אויף דער טונקעלער ארבייט פון אירע אַגענטען אין עלעקשאָן טאָג. מיט דער צייט איז דער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס קאמפּיין אויף דער איסט סייד געווארען דער סימ־באָל פאַר דעם קאמף פאַר ערליכע וואַלען. די ליבעראַלען און פּראָגרעסיסטען און זאָגאַר מאַנכע קאָנסערוואַטאָרען, וועלכע האָבען געלעגט געוויכט אויף ערליכקייט אין פּאָליטיק, האָבען גענומען א טיפען אינטערעס אין די סאָציאַליסטישע קאַמפּיינס. פּראָמינענטע פּערזאָנען פון יענע גרופּען האָבען אָנגעבאָטען זייער הילף צו די סאָציאַליסטען. די איסט סייד איז געווארען די ארענא פאַר יונגע אידעאַליסטען און עלטערע ליבעראַלען, וועל־כע זיינען אַהין געקומען קעמפען געגען טעמעני, די אָרגאַניזאַ־ציע וואָס האָט געמאַכט צו שאַנד די אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע.

דאָס וואָס די פרעמדע אידעאַליסטען און ליבעראַלען האָ־בען ניט געקענט באַווייזען אויפצוטאָן האָבען ענדליך באַוויזען די מיטגלידער פון די טרייד יוניאַנס, וועלכע די אימיגראַנטען האָבען אויפגעבויט. ווען מאיר לאָנדאָן איז געלאָפען צום דריי־טען מאָל פאַר קאָנגרעס אין יאָר 1914, זיינען די יוניאָנס פון די קלאוק מאַכער, פּאָריערס און שניידער, געווען אין זייער גלאַנץ. יעדע פון די יוניאַנס און פילע אַנדערע אויף דער איסט סייד, האָבען ערשט געהאַט פאַרצייכענט גרויסע זיגען און זיי האָבען זיך געפילט שטאַרק און שטאָלץ אין זייער מאַכט. זיי האָבען אויך אַלע געפילט זיך צוגעבונדען צו דער סאָציאַליסטי־שער פּאַרטיי און דאַנקבאַר צום קאַנדידאַט פון דער סאָציאַליס־טישער פּאַרטיי. די מיטגלידער פון די יוניאָנס האָבען גע־וואוסט וואָס לאָנדאָן האָט געטאָן פאַר זייערע אָרגאַניזאַציעס. זיי האָבען אים געליבט און געאַכטעט. איצט האָבען זיי געפונען די געלעגענהייט זייער ליבע און אַכטונג אים אַרויסצואווייזען, פאַר זיין ארבייט אים צו באַלוינען.

די יוניאָנס האָבען אָרגאַניזירט ספּעציעלע קאָמפּיין קאָמיטעס,

האָבען געזאַמעלט געלט אין די שעפּער, זיי האָבען געשיקט זיי־ערע מענשען צו דינען אַלס וואַטשערס אין די שטים־פּלעצער און די מענשען האָבען איבערציינט די טעמעני־לייט, אַז זיי זיינען ניט קיין שרעקעדיגע און אַז ביי זיי וועט מען ניט קענען אַזוי גרינג גנב׳ענען שטימען. צום ערשטען מאָל האָט טעמעני באַגעגענט אויף דער איסט סייד אַ מאַכט, מיט וועלכער זי האָט זיך געמוזט רעכענען.

די נאַכט פון עלעקשאָן־טאָג איז די איסט סייד געווען אין אַ העכסט אויפגערעגטען צושטאַנד. דעם גאַנצען טאָג האָבען זיך אין דעם קוואַרטאַל אַרומגעטראַגען קלאַנגען וועגען געוואַלט־טאַטען און פאַלשקייטען וואָס די טעמעני־לייט באַגעהען. די סאָ־ציאַליסטישע העדקוואַרטערס זיינען געווען פול מיט פריייוויליגע טוער, מענשען פון פאַרשידענע שיכטען זיינען געקומען אָנבאָטען זייער דינסט. עס איז געווען אַ פריייוויליגע לאָיערס־קאָמיטע, אַ פריייוויליגע וואַטשערס קאָמיטע, אַ פריייוויליגע קענוועסער־קאָ־מיטע. די איסט סייד איז געווען ענטשלאָסען, אַז דעם מאָל זאָל טעמעני איר ניט שטערען פריי אויסצודריקען איר ווילען ביי די וואַלען.

פאַרנאַכט, נאָך איידער די שטים פּלעצער האָבען זיך גע־שלאָסען, האָבען גרויסע מאַסען זיך פאַרזאַמעלט אין פראָנט פון דער „פאָרווערטס״ געביידע, אויף ראַטגערס סקווער. ווען עס איז געוואָרען פינסטער און מען האָט שוין גענומען ברענגען די רע־זולטאַטען פון די וואַל־פּלעצער, איז די מאַסע געווען אַזוי גרויס און געדיכט, אַז זי האָט אָנגעפילט דעם גאַנצען סקווער, דעם סו־אַרד פּאַרק, און באַדעקט די זייטיגע גאַסען, פון וואַנען מען האָט כמעט גאָרניט געקענט זען דעם לייווענט אויף וועלכען די צי־פערען פון די שטימען זיינען געוויזען געוואָרען. דריי לאַנגע שטונדען זיינען פאַריבער איידער די ציילער אין די שטים־פּלע־צער זיינען צוגעקומען צו לאָנדאָן׳ס נאָמען אויף דעם לאַנגען שטים־צעטעל און אָנגעפאַנגען זיינע שטימען צו ציילען. די מאַסען זיינען די גאַנצע צייט געשטאַנען ווי צוגעשמידט צו זייערע פּלעצער, און אַז דאָס ציילען האָט זיך געענדיגט, זיינען די רעזולטאַטען

פון די איינצעלנע פּלעצער ארויסגעגעבען געווארען זייער לאנג־זאם. דעם סך־הכל פון די שטימען איז אונמעגליך געווען צו קריגען. עס האָבען זיך פארשפּרייט קלאַנגען אז די טעמעני משרתים זו־כען צו מאכען א שווינדעל ביים צוזאמענרעכענען די ציפערען. עלף א זייגער ביינאכט האָט דאָס „טאָגעבלאַט“, א קאָנסערוואַ־טיווע אידישע צייטונג, וועלכע האָט געשטיצט דעם טעמעני קאַנ־דידאַט, ארויסגעגעבען אן „עקסטרא“ מיט די נייעס אז לאָנדאָן איז דורכגעפאלען.

דער גרויסער עולם האָט זיך ענטזאגט דעם באריכט צו גלויבען. די מענשען זיינען געשטאנען און געוואַרט אויף א באשטימטען וואָרט פון „פאָרווערטס“. ערשט צוויי א זייגער אין דער פרי האָט די סאָציאליסטישע צייטונג געקראָגען די אָפי־ציעלע ציפערען פון אלע שטים־פּלעצער אין דעם דיסטריקט. די ציפערען האָבען באוויזען אז מאיר לאָנדאָן איז ארויס דער זיגער.

אזוינע סצענען, ווי די, וואָס האָבען זיך דאָן אָפּגעשפּילט אויפ׳ן גאָס, האָט מען קיינמאָל ניט געזען אויף דער איסט סייד. מענשען האָבען פשוט געטאנצט פאר פרייד, מען האָט איינע די אנדערע געדריקט די הענט, זיך געקושט. די פרייד דעמאָנ־סטראַציעס האָבען אָנגעהאלטען ביז אין דער פרי. לאָנדאָן איז געבראכט געווארען אויפ׳ן סקווער און איז ארומגעטראָגען גע־ווארען אויף די אקסלען פון די מאסען. פּראָמינענטע סאָציאַ־ליסטען האָבען געהאלטען רעדעס. ווען די זון האָט אָנגעהויבען אויפצוגיין האָט מ. זאמעטקין, וועלכער האָט גראָד דאָן געהאלטען אין מיטען ריידען, אויסגעשריען: „זעט, די זון גייט אויף אויפ׳ן הימעל, און די זון גייט אויך אויף אויף דעם אידישען קווארטאל, אויף דער איסט סייד!“

אין דער פרי האָבען די ענגלישע צייטונגען געדרוקט די נייעס אז אויף דער איסט סייד איז פאר קאָנגרעס ערוויילט געווא־רען מ. גאָלדפאָגעל, דער קאנדידאט פון טעמעני האָל. דער טעות איז געווען כאראקטעריסטיש פאר דער באציאונג פון דער שטאָטישער פּרעסע צו די אימיגראנטען קווארטאלען. די פּאָלי־

טישע רעדאקטאָרען פון די צייטונגען האָבען גארניט געוואוסט פון דער גרויסער פּאָליטישער דראמע, וואס שפּילט זיך אָפּ אויף דער איסט סייד. זיי האָבען די סאָציאַליסטישע ציפערען ניט גענומען אין אנבעטראכט. זיי האָבען בלויז פארגליכען די צאָל פון דע־מאָקראַטישע שטימען און די צאָל פון רעפּובליקאַנישע שטימען. און אזוי ווי די דעמאָקראַטישע ציפערען זיינען געווען גרעסער, האָבען זיי געמאָלדען אז דער דעמאָקראַטישער קאנדידאַט איז ער־וויילט געוואָרען.

ווען די צייטונגען האָבען זיך שפּעטער דערוואוסט דעם אמת, האָבען זיי זיך אין דער פּאסירונג שטאַרק פאראינטערעסירט. צום ערשטען מאָל איז עס געשען, אז די גרויסע שטאָט ניו יאָרק, די גרעסטע און רייכסטע שטאָט אין לאַנד, שיקט אַ אַ סאָציאַליסט אין קאָנגרעס. און נאָך אַ וואונדער, אַ סאָציאַליסט האָט איינ־גענומען איינע פון די שטאַרקסטע טעמעני פּעסטונגען.

צייטונגען האָבען געדרוקט לאַנגע נייס־באַריכטען און לייט־אַרטיקלען וועגען דער גרויסער סענסאַציאָנעלער געשעעניש. די מערסטע רעדאַקטאָרען האָבען זיך צו לאָנדאָנ׳ען באנומען פריינד־ליך; מאַנכע האָבען אים זאָגאַר גראַטולירט. די „טיימס” האָט אים מכבד געווען מיט אַ לאַנגער דרשה און געלערענט ווי אזוי ער זאָל אין קאָנגרעס האנדלען. זי האָט אים געראַטען, אז ער זאָל זיין פּאָרזיכטיג, ער זאָל ניט זוכען ארויפצואצווינגען זיינע אידעען אויף זיינע קאָלעגען; ער זאָל זיין געלאַסען און טאַקטיש, אויב ניט, האָט די „טיימס” אים געוואָרענט, וועלען די קאָנגרעס־לייט אים אויסלאַכען און באַטראַכטען ווי אַ „קלאָון”.

דעם זונטאָג נאָך די וואַלען האָט די איסט סייד געפייערט לאָנדאָן׳ס ערוויילונג מיט אַ מאסען־פאַרזאמלונג אין דעם ריזיגען מעדיסאָן סקוועיר גאַרדען. שטונדען לאַנג איידער די טירען פון דעם גאַרדען האָבען זיך געעפענט זיינען זיי געווען באַלאַגערט פון טויזענדער מענער און פרויען. רעדעס זיינען געהאַלטען געוואָרען פון די פּראָמינענטסטע סאָציאַליסטען און טרייד יוניאָן פירער. לאָנדאָן אַליין האָט געזאָגט בלויז עטליכע ווערטער:

„איך ערוואַרט ניט אויפצוטאָן וואונדער אין קאָנגרעס. איך

וועל אָבער דאָרטען זאָגען אַ נייעם וואָרט. און איך וועל אויך אויפטאָן איין זאַך, וואָס שטייט ניט געשריבען אין דער פּלאַט־פאָרמע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. איך האָף, אַז מיין פּערזאָן וועט מיט זיך פאָרשטעלען אַ גאַנץ אַנדער טיפּ אידען ווי דער, וואָס דער קאָנגרעס איז ביז איצט געוואוינט געווען דאָרט צו זען".

לאָנדאָן'ס קאַריערע אין קאָנגרעס האָט באַוויזען, אַז די עצה, וואָס די „טיימס" האָט אים געגעבען, איז געווען איבעריג און אַז זיין אייגענע פאַרשפּרעכונג איז געווען צו באַשיידען.

קאפּיטעל 10.

די מלחמה און די סאָציאַליסטען. — לאָנדאָנ׳ס אויפנאַמע אין קאָנגרעס.

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין אמעריקא איז געווען אויס־געשפּראָכען געגען דער מלחמה די גאַנצע צייט, וואָס די מלחמה איז אָנגעגאַנגען. זי האָט איר שטעלונג פאָרמולירט און פּראָ־קלאַמירט קורץ נאָכדעם, ווי די פעלקער פון אייראָפּא האָבען ארויסגעשיקט זייערע ארמייען אויף די שלאַכט־פעלדער און זי האָט די שטעלונג ניט געביטען אויך נאָכדעם, ווי די פאַר־אייניגטע שטאַטען האָט באַשלאָסען אין דעם בלוט־באָד אויך אריינצוטרעטען.

דעם 12טען אוגוסט, 1914, האָט די עקזעקוטיווע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי ארויסגעגעבען א מאַניפעסט, וועלכער האָט ערקלערט:

1) אז די מלחמה איז פאַראורזאַכט געוואָרען פון אַמבי־ציעז־פאַר׳שיכור׳טע קעניגע, אינטריגאַנטישע פּאָליטיקער און שווינדלערישע קאַפּיטאַליסטען;

2) אז די ארבייטער פון די לענדער, וואָס זיינען אין דער מלחמה פאַרמישט, האָבען ניט קיין קריוודעס איינע געגען די אַנדערע. דאָס די איבלען פון וועלכע זיי ליידען: אָרימקייט, ארבייטסלאָזיגקייט און אונטערדריקונג, זיינען ניט אָנגעשיקט געוואָרען אויף זיי דורך די ארבייטער פון די אַנדערע לענדער, נאָר דורך די הערשענדע קלאַסען אין זייער אייגענעם לאַנד, און

3) אז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון די פאַראייניגטע שטאַטען פאָדערט אויף אַלע פרעמד־געבוירענע ארבייטער, וועל־כע וואוינען דאָ, צו פאַררופען מאַסען־פאַרזאַמלונגען מיט׳ן צוועק

צו אונטערשטרייכען די ברידערליכקייט און סאָלידאַרישקייט פון אַלע ארבייטער אָן אונטערשיד אין קאָליר, גלויבען, ראַסע אָדער נאַציאָנאַליטעט.

אין דעם זעלבען מאַניפעסט האָט די סאָציאַליסטישע פּאַר־טיי אויפגעפאָדערט די נאַציאָנאַלע רעגירונג אין וואשינגטאָן, „זי זאָל איבערצייגען דער וועלט אז זי איז אויפריכטיג מיט איהרע ערקלערונגען וועגען פרידען און זאָל גלייך אָנהויבען אונטערהאַנד־לונגען מיט די קריגערישע לענדער וועגען מאכען אַ פּשרה צווישען זיי און זאָל אָנווענדען אַלע כוחות צו זען אז די מלחמה זאָל זיך וואס שנעלער ענדיגען".

צוויי טעג שפּעטער, האָט אַ ספּעציעלע קאָמיטע פון דער סאָציאַליסטישער פּארטיי ארויסגעגעבען נאָך אַ מאַניפעסט, וועל־כער האָט אויפגעפאָדערט די וואַשינגטאָנער רעגירונג „זי זאָל פּארכאַפּען אַלע פּאַבריקען און אינדוסטריען, וואס זיינען פּאַר־אַנטוואָרטליך פאר געהעכערטע פּרייזען פון לעבענסמיטלען און זאָל זיי אליין פּארוואַלטען פאר'ן וואוילזיין פון פאָלק."

דער מאַניפעסט האָט אויך געפאָדערט, אז די רעגירונג זאָל פּארבאָטען ארויסצושיקען פון דאַנען געלד און אַמוניציע צו די קריגערישע לענדער. דער מאַניפעסט האָט ערקלערט, אז ווען די לענדער וועלען ניט האָבען קיין עסען און קיין קריגס־מיטלען פון אַמעריקא, וועלען זיי געצוואונגען זיין צוריקצוציען זייערע ארמייען פון די שלאכט־פעלדער.

אין מאָנאט סעפּטעמבער האָט די סאָציאַליסטישע פּארטיי פון אַמעריקא געזוכט צו פּועל'ען ביי די סאָציאַליסטישע פּאַר־טייען פון די קריגס־לענדער, זיי זאָלען אָנפאַנגען אַ באוועגונג פאר פרידען. זי האָט אויפגעפאָדערט יענע פּארטייען זיי זאָלען ווירקען אויף זייערע רעגירונגען איינצוגיין אויף אַ פּשרה־פּאָר־שלאג פון די פאראייניגטע שטאַטען. שפּעטער האָט די אמערי־קאַנער פּארטיי געזוכט צונויפצורופען אַן אינטערנאַציאָנאַלען סאָ־ציאַליסטישען קאָנגרעס און האָט אָנגעבאָטען צו באצאָלען די הוצאות פון די דעלעגאַטען, אויב דער קאָנגרעס וועט שטאַטפינ־דען אין וואשינגטאָן. אין דעם אפּיל צו די סאָציאַליסטישע

פארטייען פון די קריגס־לענדער האט די היגע פארטיי ערקלערט: „מיר ווייסען, אז איר זייט קרבנות פון דעם איצטיגען שלעכטען אינדוסטריעלען, פאליטישען און מיליטערישען סיסטעם. . . מיר אפעלירען צו אייך אין נאמען פון סאציאליזם, מיר בעטען אייך צו העלפען אפשטעלען דעם מאסען־מארד".

אין מאי פון יאר 1915, איז די „לוסיטאניא" פארזונקען געווארען. דער אינצידענט איז געווען א סיגנאל פאר א פארשטארקטער אגיטאציע געגען דייטשלאנד. די סאציאליסטישע פארטיי האט אבער ווידער פעסטגעשטעלט איר פאזיציע אין א נייעם מאניפעסט, וואס זי האט ארויסגעלאזען אין פארלויף פון א מאנאט צייט. דער מאניפעסט האט ערקלערט:

„קיין אומגליקס־פאל, ווי שוידערליך ער זאל ניט זיין, קיין פארברעכען, ווי שרעקליך ער זאל ניט זיין, קען ניט רעכטפערטיגען דאס אויסקוילען פון פעלקער און די פארניכטונג פון לעבענס".

דער מאניפעסט האט זיך געשלאסען מיט א ווארנונג צו די ארבייטער: „מיר רופען ספעציעל צו די ארבייטער פון אמעריקא, צו שטיין געגען מלחמה און געגען יעדע אגיטאציע פאר מלחמה. לאמיר פראקלאמירען מיט א שטימע פון פעסטער ענטשלאסענהייט: די האנד פון אן ארבייטער זאל ניט אויפגעהויבען ווערען צו טויטען זיין ברודער ארבייטער אין א צווייטער לאנד און זאל זיך ניט באוועגען צו שאפען טויט־אינסטרומענטען אדער מלחמה־סחורה. ארונטער מיט דעם קריג! פארווערטס צום אינטערנאציאנאלען פרידען און צו דער אלוועלטליכער סאלידאריטעט פון אלע ארבייטער!"

אומגעפער אין דער זעלבער צייט האט די סאציאליסטישע פארטיי אויסגעארבייט א פרידענס־פראגראם, אין וועלכען עס זיינען פארמולירט געווארען די פרינציפען וואס זיינען אין די שפעטערדיגע יארען געווארען בארימט. דער פראגראם האט געפאדערט פרידען אן אנעקסיעס און אן שאדענערזאץ; ענטוואפענונג, אלגעמיינע שטימרעכט; די אפשאפונג פון געהיימע דיפלאמאטיע; דעם פארבאט צו פראדוצירען אמוניציע פאר

פריוואַטען פּראָפיט; אינדוסטריעלע דעמאָקראַטיע און אַן אינ־טערנאַציאָנאַלער פאַרבאַנד פון די פעלקער פון דער וועלט.

יעדער מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז געווען פאַרפּליכטעט צו פירען אַן אַגרעסיווען קאַמף געגען דער מלחמה. די עקזעקוטיוו קאָמיטע האָט אָנגענומען די פאָלגענדע רעזאָלוציע, וועלכע די מיטגלידער האָבען גוטגעהייסען מיט עלף טויזענט שטימען געגען ווייניגער ווי אכט הונדערט: „א מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואס ווערט ערוויילט צו אַן אַמט, אויב ער וועט שטימען צו באַוויליגען געלד פאַר מיליטערישע אדער פּאָליטישע צוגרייטונג פאַר קריג, זאָל אויסגעשלאָסען ווערען פון דער פּאַרטיי."

דאָס איז געווען די אָפיציעלע שטעלונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי צו דער מלחמה, ווען דער קאָנגרעס האָט אָנגעפאַנגען זיינע זיצונגען אין דעצעמבער, 1915, און מאיר לאָנדאָן האָט דאָרטען פאַרנומען זיין פּלאַץ אלס דער איינציגער סאָציאַליסטישער פאַרטרעטער. לאָנדאָן'ס לאַגע איז געווען ניט קיין לייכטע. אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און צווישען די בירגער פון זיין דיסטריקט האָט זיך שוין גענומען טומלען. די איינוואוינער פון דער איסט סייד האָבען אין טעאָריע אונטערשטיצט דעם סאָציאַליסטישען שטאַנדפּונקט וועגען מלחמה אין אַלגעמיין און וועגען דעם איצטיגען קריג, אָבער פילע האָבען זיך ניט געקענט באַפרייען פון זייערע געפילען צו דער אָדער יענער לאַנד. די אימיגראַנטען פון רוסלאַנד האָבען געוואָלט אַז דער צאַר זאָל די מלחמה פאַרלירען; די אימיגראַנטען פון עסטרייך האָבען געוואָלט אַז פראַנץ יאָזעף זאָל געווינען. די רוסישע אידען האָבען נאָך געדענקט זייערע צרות אין דער אַלטער היים און זיי האָבען געהאָפט, אַז אויב רוסלאַנד וועט געשלאָגען ווערען וועט דאָס פאָלק ענדליך רעוואָלטירען געגען דעם צאַריזם. די גאַליציאַנער אידען זיינען, פאַרקערט, דאַנקבאַר געווען צו דער עסטרייכישער רעגירונג, וועלכע האָט שטענדיג זיך באַנומען פאַרהעלטניסמעסיג גוט צו אידען.

די איסט סייד האָט פאַרדאַמט די מלחמה אַלס אַ קאַפּי־טאַליסטישען פאַרברעכען און אַלס אַ מאַסען־מאָרד, וואָס די הערשער פון אַלע לענדער האָבען גוזר געווען. צו דער זעלבער צייט איז אָבער די איסט סייד געווען ווייט פון גלייכגילטיג צו דעם, וואָס אויף די שלאַכט־פעלדער איז פאָרגעקומען. די איסט סייד איז ניט געווען פּראָ־דייטשלאַנד; זי איז אָבער געווען שטאַרק אַנטי־רוסלאַנד און ביז אַ געוויסען גראַד פּראָ־עסטרייך.

אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז געווען אַ צומישעניש. פילע מיטגלידער האָבען זיך פּראָטעסטירט געגען דער שטעלונג צו דער מלחמה. זייערע פאַמיליעס אין דער אַלטער היים זיינען געשטאַנען אין געפאַר פאַרניכטעט צו ווערען פון קוילען און פון הונגער; זייער פאָטערלאַנד האָט זיך געבאָדען אין בלוט. ווי אַזוי האָט די פּאַרטיי געקענט ערוואַרטען פון זיי זיך איינצואוויקלען אין זייערע רעוואָלוציאָנערע פּרינציפּען און ניט ארויסווייזען קיין סימפּאַטי צו זייערע אייגענע? נאָך שטאַרקער האָבען פּראָטעסטירט די היגע אינטעליגענטען, וועלכע זיינען ביסלעכוויז באַאיינפלוסט געוואָרען פון דער פּראָפּאַגאַנדא וועלכע די היגע פּרעסע האָט פאַרשפּרייט, די פּראָפּאַגאַנדא וואָס האָט „באַוויזען" אַז די מלחמה איז אַ דייטשע פאַרשווערונג צו פאַרניכטען אונזער ציוויליזאַציע.

די מלחמה פּראָפּאַגאַנדא און די מלחמה פּסיכאָלאָגיע האָבען אָנגעמאַכט אַ חורבן אין די רייען פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. די שוואַכערע גייסטער זיינען פון דער פּאַרטיי אין גאַנצען אוועק. מאַנכע פון זיי האָבען זיך זאָגאַר אָנגעשלאָסען אָן די געגנער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און זיי געהאָלפען די פּאַרטיי צו באַקעמפען. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט אָבער זיך ניט געוואַקעלט. זי איז געבליבען פעסט אין איר פּאָזיציע און פאָרטגעזעצט איר קאַמף פאַר איר פּראָגראַם און פאַר אירע פּרינציפּען.

און לאָנדאָן, דער איינציגער פאָרשטייער פון דער פּאַרטיי אין קאָנגרעס, האָט אונערשראָקען און מוטיג ערקלערט און פאַרטיידיגט דעם פּראָגראַם און די פּרינציפּען פון דער סאָציאַליסטי־

שער פּאַרטיי. די ערשטע צייט זיינען זיינע אין קאָנגרעס געווען נאָך א קליינע צאָל מיטגלידער, וואס זיינען געשטאַנען געגען דער טע־טיגקייט פון די מיליטעריסטען. אָבער זייערע מאָטיווען זיינען גע־וועזן אנדערע ווי זיינע. לאַנדאָן האָט שטענדיג גערעדט אין קאָנגרעס ווי א סאָציאַליסט, האָט שטענדיג אָנגעוויזען אויף דעם פונדאמענטאַלען אונטערשיד צווישען זיין פילאָזאָפיע, זיין שטאַנדפּונקט און די פילאָזאָפיע און שטאַנדפּונקט פון די אנדערע, וועלכע האָבען גראד געשטימט איבער מיליטערישע פראגען אזוי ווי ער.

די אומשטענדען זיינען געווען זייער אומגינסטיג פאר לאָנ־דאָנ'ען. ער האָט פאַרטראָטען א דיסטריקט, וואס האָט גע־האט אין לאנד א רעפּוטאציע פאר „אימפּאָרטירען פרעמדע, נים אמעריקאנער אידעען". זיינע וויילער זיינען געווען אין גרעס־טען צאָל אימיגראַנטען. די לופט אין לאנד איז פול געווען מיט קאָנסערוואטיזם, מיט רעאקציע. די מיליטעריסטען און די שאָוויניסטען האָבען זיך שנעל גערוקט צום אויבען אָן.

דאָך האָט לאָנדאָן זיך געפילט פּאָלקאָם זיכער, ביי זיך אין דער היים, ווען ער איז אין קאָנגרעס אריינגעקומען. ער האָט געהאט צוטרויען צו דער יושר'דיגקייט און דעם דעמאָקרא־טישען גייסט פון די עכטע אמעריקאנער. ער האָט זיך אויך פארלאָזען אויף זיך אליין, אויף זיין טאקט און אויף זיין פּער־זענליכקייט. ער האָט זיך אין קאָנגרעס פון דעם ערשטען טאָג אָן געפילט פריי, האָט גערעדט אָפען, קיינעם ניט געשאָנעוועט. ער האָט אָבער זיינע קאָלעגען איבערצייגט מיט זיינע ערשטע רעדעס, אז ער טשעפּעט זיך ניט גלאט אין דער וועלט אריין, אז ער אטאקירט ניט אוים פּערזענליכע אָדער פּאַרטייאישע מאָ־טיווען. זיי האָבען זיך איבערצייגט, אז ער איז פאראינטערע־סירט אין פאקטען, אין פּרינציפּען, אין אידעען, אז ער איז געקו־מען אין קאָנגרעס מיט א פּראָגראַם, מיט א פּלאַטפאָרמע.

צוויי טעג נאָכדעם, ווי די זיצונג פון קאָנגרעס האָט זיך געעפענט, האָט לאָנדאָן פאָרגעשלאָגען זיין פרידענס־רעזאָלוציע. ער האָט אויפגעפאָדערט דעם קאָנגרעס אז ער זאָל אויפפאָדערען

דעם פּרעזידענט גלייך צו פאררופען א קאָנפערענץ פון די נייטראַלע לענדער מיט דעם צוועק צו מאכען שלום צווישען די קריגס־לענדער. אין דער רעזאָלוציע האָט לאָנדאָן פאָרגעלייגט די באדינגונגען אויף וועלכע די נייטראַלע לענדער זאָלען זיך באמיען דעם שלום צו שליסען. לאָנדאָן האָט אין דעם צעטעל פון זיינע באדינגונגען איינגעשלאָסען די וויכטיגסטע באדינגונגען וואס די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט פאָרמולירט אין איר מאַניפעסט מיט איניגע מאָנאַטען פריער.

מיט צען טעג שפּעטער האָט לאָנדאָן זיך צום ערשטען מאָל פאָרגעשטעלט פאר זיינע קאָלעגען אין קאָנגרעס, און האָט פאר זיי געהאַלטען זיין ערשטע רעדע. ווי אזוי דאָס איז פאָרגעקומען, דער אינהאַלט פון דער רעדע, און וואָס פאר אַן איינדרוק די רעדע האָט געמאכט, — דאָס אלעס ווערט אויף אַן אינטערעסאנטען אופן דערציילט אין אַ טעלעגראַמע, וואס דער וואַשינגטאָנער קאָרעספּאָנדענט פון דער ניו יארקער „איוונינג וואָירלד", האָט וועגען דעם זעלבען טאָג געשיקט. די צייטונג האָט די טעלעגראמע אָפּגעדרוקט אונטער דעם קעפּעל: „מאיר לאָנדאָן מאכט אַ 'היט' מיט זיין ערשטער רעדע אין קאָנגרעס".

און אָט וואָס אין דער טעלעגראמע אליין שטייט:

„מאיר לאָנדאָן, פון דער ניו יארקער איסט סייד, דער איינציגער סאָציאַליסטישער מיטגליד אין קאָנגרעס, האָט נעכטען נאָכמיטאָג געהאַלטען זיין ערשטע רעדע אין דער האוז אָוו רעפּרעזענטאַטיוום און האָט מיט זיין פּערזענליכקייט, מיט זיין הומאָר און מיט זיין קורצקייט, געוואונען אַן אויפמערקזאַמען צוהערער און אַ וואַרימען אַפּלאָוז, ספּעציעל פון דער דעמאָקראַטישער מאַיאָריטעט. אין מיטען פון אַ היציגער, אויפגערעגטער דעבאַטע איבער דעם טעקס ביל אין וועלכען בלויז די פּאַרטיי־פירער און די וועטעראַנען פון דער „הויז" האָבען זיך באַטייליגט, האָט מאיר לאָנדאָן זיך פּלוצלונג אויפגעשטעלט, האָט אויפגעהויבען זיין האַנד פאַרשעמטערהייד און ווי אַ אינגעל אין שול האָט ער געזאָגט: 'איך בעט די מיטגלידער זיי זאָלען מיר איינשטימיג געבען ערלויבניש צו אַדרעסירען די „הויז"'.

„קאָנגרעסמאַן פיטשדזשעראַלד, וועלכער איז געווען דער פאָר־זיצער, האָט ניט געוואוסט ווער לאָנדאָן איז, און האָט אים גע־פרעגט זיין נאָמען און וועגען וואָס ער וויל ריידען. קאָנגרעס־מאַן קיטשין, פון נאָרט קאַראָליינא, דער דעמאָקראַטישער לידער, קאָנגרעסמאַן ווין, פון אילינאָי, דער רעפּובליקאַנישער לידער און נאָך אַ צענדליג קאָנגרעסלייט האָבען אויסגעשריען: „ווער איז ער?"

„מיין נאָמען איז לאָנדאָן. איך בין פון ניו יאָרק", האָט דער נייער קאָנגרעסמאַן געענטפערט.

„אָ, דער סאָציאַליסט!" — האָבען די לידערס זיך אָפּגע־רופען.

„קיטשין האָט זיך איבערגעקוקט מיט מען'ען, צי זיי זאָלען ערלויבען לאָנדאָנ'ען צו ריידען. 'זאָל ער ריידן', 'זאָל ער ריידען' האָט זיך געהערט פון אַלע זייטען. לויט די רעגעלען און פּרע־צעדענטען פון קאָנגרעס איז לאָנדאָן בארעכטיגט געווען צום וואָרט. ער איז דאָך געווען דער לידער פון אַ פּאַרטיי, כאָטש די גרופּע זיינע איז באשטאַנען אין גאַנצען פון איין מיטגליד, פון אים אַליין. קאָנגרעסמאַן מען האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ צו קאָנגרעסמאַן קיטשין און דער סאָציאַליסט האָט גענומען ריידען צו דער „הויז". זיין שטימע איז געווען נידעריג און אין זיין ענגליש האָט זיך געמערקט אַ פרעמדער אקצענט.

„איך וועל שטימען פאַר דער רעזאָלוציע, כאָטש זי לייגט אַרויף אוננויטיגע שוועריגקייטען אויפ'ן פאָלק", האָט ער געזאָגט. די דעמאָקראַטען האָבען אים באַגריסט מיט אַ הורא. „איך גלויב ניט אין דער אויפריכטיגקייט פון דער רעפּובליקאַנער אָפּאָזיציע", האָט לאָנדאָן פאָרטגעזעצט, „עס שלאָגט צום האַרצען פון זייער איין שרייען „טאַריף" און ווידער „טאַריף".

די דעמאָקראַטען האָבען ווידער אַפּלאָדירט.

„איך גלויב אין אַן אינקאָם טעקס," — האָט לאָנדאָן ווייטער גערעדט. „אבער איך גלויב אויך אין אַ ירושה טעקס, וועלכער זאָל אוממעגליך מאַכען פאַר אַ טויגעניכטס צו ירש'ענען מיליאָ־נען דאָלערס דערפאַר, וואָס דער צופאַל האָט אים געגעבען ריי־

כע עלטערען". — לאָנדאָן האָט געזאָגט נאָך עטליכע ווערטער און פּלוצלונג אויפגעהערט. דער עולם האָט ניט געוואוסט, צי ער האָט זיך אָפּגעשטעלט דערפאַר, וואָס ער האָט ניט געהאַט מער וואָס צו זאָגען, אדער ווייל ער האָט פארלוירען דעם מוט. דאַן האָט לאָנדאָן אַ לאַך געטאָן און געזאגט: „איך האָב גערעדט גענוג. איך קען ווענען דער טעמא ריידען א סך מער, אָבער פאַר היינט וועט זיין גענוג. איך האָב נאָר געוואָלט ער־קלערען מיין שטעלונג צו דער רעזאָלוציע. איך דאַנק אייך".

„די „הויז" האָט לאָנדאָנ'ען געגעבען אַ ברייטע, פריינדליכע אויפנאַמע. מעמבערס האָט אים געזאָגט, אז ער איז „אָל רייט", און אַלע זיינען איינשטימיג אז לאָנדאָן וועט קריגען דאָס וואָרט ווען ער וועט נאָר וועלען".

עטליכע מאָנאַטען שפּעטער האָט אַ מיטאַרבייטער פון דער צייטונג „פרייע פּרעסע" אין דעטראיט צוגעגעבען אינטערעסאַנ־טע איינצעלהייטען ווענען דעם עפּיזאָד. ער האָט געשריבען:

„אין די באַריכטען וואָס קומען יעדען טאָג אָן פון וואשינג־טאָן ווענען דער ארבייט פון קאָנגרעס, באַמערק איך מיט גרויס אינטערעס, אז אין זיי ווערט אָפט דערמאָנט דער נאָמען מאיר לאָנדאָן. איך עראינער זיך אָן אַ געשפּרעך וואָס איך האָב גע־האט מיט דעם מאַן, וועלכען איך באַטראַכט אַלס איינעם פון די אינטערעסאַנטסטע פּערזענליכקייטען אין וואַשינגטאָן. . . איך גע־דענק, אז איך האָב אים געפרעגט וואָס פאר אַן איינדרוק קאָנ־גרעס האָט אויף אים געמאַכט. איך האָב ביי זיך געטראַכט, אָט איז אַ מאַן, וואָס האָט אין פארלויף פון זיין פּאָליטישער קאַ־ריערע כמעט שטענדיג אַטאַקירט די ארבייט פון דער אמעריקאַ־נער רעגירונג. האָט זיין פּערזענליכע באַרירונג מיט דער רע־גירונג אין וואשינגטאָן באַשטעטיגט זיינע מיינונגען? ווי עס ווייזט אויס, ניט. אָט וואָס ער האָט מיר דערציילט:

„קאָנגרעס איז אויפריכטיג. איך האָב ניט ערוואַרטעט פיל אויפריכטיגקייט אין קאָנגרעס. געפונען האָב איך א סך. איך האָב געפונען דאָס פילע פון די קאָנגרעסלייט וואָס האָבען פונקט פאַר־קערטע מיינונגען ווי מיינע, זיינען אזוי פאַרקאַכט אין זייערע

מיינונגען, אז זיי האָבען מיך איבעררראשט. איך געדענק, דאָס ווען איך האָב געהאלטען מיין ערשטע רעדע, איז איינער פון די עקסטרעמע רעפּובליקאַנער צוגעגאנגען נאָענט צו מיר, מיר אריינגע־קוקט אין פּנים אריין. ער האָט געוואָלט זען הפּנים צי בין איך ניט עפּעס א משונה'דיג באשעפעניש פון אן אנדער פּלאַנעט. יענער קאָנגרעסמאַן איז געווען איבערצייגט אז עס איז אוממעגליך פאר א מענש מיט א קלאָרען פארשטאַנד צו האָבען אנדערע מיינונגען ווי זיינע. אין וואשינגטאָן זיינען דאָ א פולע אזוינע מענשען ווי יענער קאָנגרעסמאַן.״

קאַפּיטעל 11.

לאָנדאָן'ס קאַמף אין קאָנגרעס געגען מיליטאַריזם און געגען מלחמה.

לאָנדאָן האָט זיך אריינגעוואָרפען אין דעם קאמף פאר פרידען און געגען דער אַגיטאַציע פאר „פּריפּערעדנעס", פאר מיליטע־רישע פאָרבערייטונגען, וואס האָט שוין געהאט פארפלייצט דאָס לאַנד. זיין סעקרעטאר האָט אין שפּעטערדיגע יארען, שוין נאָך לאָנדאָן'ס טויט, דערציילט, דאָס ווען לאָנדאָן האָט צוגעגרייט די פרידענס רעזאָלוציע „איז ער געזעסען גאַנצע נעכט און געלע־זען אַלעס וואָס ער האָט נאָר געקענט באַקומען וועגען דער פראַ־גע". לאָנדאָן האָט זיינע פליכטען אין קאָנגרעס גענומען זייער ערנסט און ער האָט ניט אונטערשאַצט די פּייאיגקייטען פון די פירענדע גייסטער אין דעם „הויז", וועלכע האָבען אין דער פראַגע מיט אים ניט איינגעשטימט.

דעם 18טען יאַנואר, 1916, האָט לאָנדאָן אַדרעסירט די „הויז" איבער די צוויי ברענענדע פראַגען אין יענעם מאָמענט — „פּריפּערעדנעס" און פרידען. דאָס איז געווען זיין ערשטע פאָרמעלע רעדע. אין איר האָט ער פּרובירט ערקלערען און פאַרטיידיגען די סאָציאַליסטישע שטעלונג צו קריג און צו באַ־וואפענונג. ער האָט גערעדט ווי א געלערטער און א שטאַטס־מאַן. ער איז געווען זייער פאָרזיכטיג ניט אויפצורייצען די אָנהענגער פון איין צד אָדער דעם צווייטען אין דער אייראָפּע־אישער מלחמה. ער האָט גערעדט מיט א פעסטען, אָבער א באַשיידענעם טאָן. ער האָט געזוכט צו איבערציינגען, און ניט זיך צו קריגען אָדער צו פאַרדאַמען.

אין איין פּלאַץ אין דער רעדע האָט ער אָפען ערקלערט, ווי אַזוי ער האָט געפילט שטייענדיג אליין, איין איינציגער סאָ־ציאַליסט געגען אַ גאַנצער „הויז“. ער האָט געזאָגט אַזוי:

„איך באַטראַכט עס פאַר אַן אומגליק פאַר דער סאָציאַליס־טישער באַוועגונג אין אמעריקא, וואָס זי האָט בלויז איין פאַר־טרעטער אין קאָנגרעס צו טאָן זיין פליכט אַלס סאָציאַליסט. איך פיל זיך זייער אונבאַקוועם, וואָס איך בין געצוואונגען, זייַ־ענדיג נאָך אַ „גרינער“ דאָ, אַרויסצוטרעטען מיט אַ רעדע. גלויבט מיר, מיינע הערען, אַז איך טו עס ניט ווייל איך וויל זיך פאַר אייך אויספיינען, אָדער ווייל איך האָב ליב צו הערען זיך אַליין ריידען. איך האָב, פאַרקערט, פיינט דעם פּראָצעס פון ריידען. ריידען האָט אַ ווערט נאָר דאַן, ווען עס פירט צו טאַטען. אָבער איך האָב אַ הייליגע פליכט, וועלכע צווינגט מיך אויסצודריקען צו אייך אין נאָמען פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אמעריקא, אין נאָמען פון דער אינטערנאַציאָנאַ־לער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, מיין עקעל פאַר דער פּריפּע־רעדנעס־אַגיטאַציע און צו פּראָטעסטירען געגען דער אַגיטאַציע, ווייל די אַגיטאַציע וועט אונז מוזען ענדליך אַריינציען אין דער וועלט מלחמה“.

פילע פון די מיינונגען, וואָס לאָנדאָן האָט אַרויסגעזאָגט אין דער רעדע, וועלען דעם איצטיגען לעזער קלינגען שאַבלאָן. די וועלט פּאַסירונגען פון די לעצטע צענדליג יאָר האָבען געעפענט די אויגען פון גרויסע מאַסען צו די אמת׳ן, וועלכע בלויז אַ קליינע גרופּע פון סאָציאַליסטען און פּאַסיפיסטען האָבען גע־פּריידיגט אין דער צייט פון דער מלחמה. לאָנדאָן׳ס פרידענס־פּראָגראַם און זיין פרידענס־רעזאָלוציע וועלען אויך צום היינ־טיגען לעזער קלינגען אַלט, ווייל מאַנכע פון די באַדינגונגען אין לאָנדאָן׳ס פּראָגראַם האָבען באַקומען אַ סך „פּובליסיטי“ אין דער צייט פון דעם ווערסאַלער פרידענס־קאָנפערענץ. אָבער דאַמאָלס, ווען לאָנדאָן האָט געהאַלטען זיין רעדע, איז זיין שטי־מע געווען די איינציגע, וואָס האָט די אמת׳ן אַרויסגעשריען

און זייער ווייניג מענשען האָבען וועגען זיינע פּרינציפּען גע־וואוסט און געוואָלט וויסען.

„אין אַלע פּאַרלאַמענטען פון דער וועלט“, — האָט לאָנדאָן געזאָגט, — „איז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי געשטאַנען נעגען באוואפענונג און האָט אָנגעוויזען אויף דעם, אז גרויסע ארמייען זיינען דער גרעסטער געפאַר פאַר דעם פרידען פון דער וועלט. א סך מענשען מיינען, אז די איצטיגע מלחמה איז אַ צופאַל. זיי שטעלען זיך פאָר, אז אימיצער איז פּלוצלונג משוגע געוואָרען, — דער אימיצער איז עס אַ געוויסער הערשער מיט לאַנגע מיליטערישע וואָנצעס, — ער איז פּלוצלונג אראָפּ פון זינען און האָט אָנגעהויבען די מלחמה. דאָס איז לעכערליך. אזוי קענען ריידען בלויז בייבים. דאָס איז אָבער דער איינדרוק וואָס מיר באקומען לעזענדיג אונזערע צייטונגען.

„טראַכט זיך אריין אין דעם, שטודירט די פאַקטען, און איר וועט געפינען אז די מלחמה איז ניט געווען קיין סיבה. זי איז דער דירעקטער רעזולטאַט פון אַן ערנסטען צוזאמענשטויס פון די עקאָנאָמישע אינטערעסען פון פעלקער. די מלחמה איז אַ קאַמף פון פעלקער, יעדער פון זיי אַן עקאָנאָמישע איינהייט, וואָס זוכט זיך אויסצושפּרייטען, זיך פריי צו ענטוויקלען. די קליינע, אָרימע סערביען האָט געזוכט אַן ארויסגאַנג צום אדריאַ־טישען ים אום זיך צו באפרייען פון די טאַריף אָפּצאָלונגען, וועלכע די ארומיגע לענדער האָבען אויף איר ארויפגעצוואונגען. רוסלאַנד, מיט אירע הונדערטער מיילען לאַנד־גרענעצען אויף איין מייל פון ים־ברעג, אָן איין איינציגען ווארימען האַפען, מיט אַ באפעלקערונג פון 190 מיליאָן מענשען וואָס באוואוינט אַ ניינטעל פון דעם ציוויליזירטען טייל פון ערד־קוגעל, — רוס־לאַנד האָט געשטרעבט צו קריגען האפענס אין וואַסערען וואָס זיינען ניט פארפראָרען אין די ווינטער מאָנאַטען. די שטרע־בונג איז געווען אַ פּראַקטישע און אַ גערעכטע. דייטשלאַנד, מיט איר וואונדערליכער ציוויליזאציע און קולטור, דייטשלאַנד מיט איר פּראַכטפולער ליטעראַטור און פילאָזאָפיע, מיט איר רי־זיגער אינדוסטריעלער ענטוויקלונג, מיט אַן אינטעליגענטען, גע־

בילדעטען אַרבייטער קלאַס — דייטשלאַנד האָט געזוכט אַ מעג־ליכקייט זיך אויסצושפּרייטען. זי האָט געוואָלט נאָך קאָלאָניעס. אירע אַמביציעס זיינען געקומען אין צוזאַמענשטויס מיט די אינטערעסען פון ענגלאַנד, וועלכע האָט זיך געהאַלטען פעסט אָן אירע קאָלאָניעס אין אַלע ווינקלען פון ערד קוגעל.

„דער קריג איז, אַלזאָ, ניט געווען אַ צופאַל, אַ סיבה. אפשר וואָלט מעגליך געווען דעם מאָמענט פון דער קאַטאַסטראָפע אָפּ־צושטופּען אויף שפּעטער, אָבער אויסמיידען אים אויף שטענ־דיג איז אונמעגליך געווען. די מלחמה איז אין גרונד אַן עקאָ־נאָמישער קאַמף, דער אויסערליכער אויסדרוק פון אַן עקאָנאָמישען קאַמף.

„געוויס זיינען אין דער מלחמה אַריינגעמישט אויך אַנ־דערע פאַקטאָרען. אין דעם עקאָנאָמישען און פּאָליטישען לעבען פון פעלקער ווירקען אַזוי פיל פאַרשידענע כוחות. עס איז אין דער מלחמה פאַרמישט דער עלעמענט פון ראַסען פּראָאורטייַ־לען און ראַסען האַס. יעדער שוטה קען לייכט אויסנוצען נאַ־ציאָנען און ראַסען האַס פאַר אירגענד וועלכען לומפּיגען צוועק. אין דייטשלאַנד איז געווען נאָך אַן עלעמענט, וואָס האָט די לאַגע ערגער געמאַכט: די מיליטערישע קאַסטע, אַ קאַסטע וואָס איז ערצויגען געוואָרען אויף דעם געדאַנק, אַז דער מענש, וועל־כער טראָגט ניט קיין מיליטערישען מונדיר איז אַ נידעריגערע באַשעפעניש. אין רוסלאַנד ווידער האָבען מיר געהאַט אַזאַ מין צושטאַנד: דריי־פערטעל פון דער באַפעלקערונג אונוויסענדע מענשען, וועלכע האָבען געגלויבט אַז דער צאַר איז גאָט'ס פאַר־טרעטער אויף דער וועלט.

„די אַלע זאַכען האָבען געווירקט צו מאַכען די לאַגע מער קאָמפּליצירט. אָבער די גרונד אורזאַכע פון דער מלחמה איז דער עקאָנאָמישער קאַמף פון די פעלקער. אָבער דער קאַמף, מיינע הערען, וואָלט ניט געווען אַזוי געפערליך, ווען עס וואָל־טען ניט עקזיסטירט די גרויסע אַרמייען און פלאָטען. ווען צוויי מענשען צוקריגען זיך, איז אויב זיי האָבען ניט קיינע רע־וואָלווערס, שלאָגען זיי זיך אין רעוואָלווערען; אָבער אויב זיי

האבען רעוואלווערען און אמוניציע און גרויסע זאפאסען פון פולווער—דאמאלס, ווען זייערע אינטערעסען קומען אין צוזאמענ־שטויס, וועלען זיי עס באנוצען איינער דעם אנדערע צו פאר־ניכטען.

„אין אלע פארלאמענטען פון דער וועלט האבען מיר, סאָ־ציאליסטען, פראטעסטירט געגען מלחמה. מיר סאציאליסטען זיי־נען ניט באגאנגען קיין זינד געגען דער געשיכטע. די סאציא־ליסטען האבען ניט געקאנט אפשטעלען די מלחמה צוליב דעם פשוט'ן טעם, ווייל עס זיינע ניט געווען גענוג סאציאליסטען אין די לענדער. זיי האבען געטאן אלץ, וואס זיי האבען גע־קענט. זיי האבען גערעדט ערליך און ניט ווי שאוועניסטען, ווי פראפעסיאנעלע פאטריאטען.

„ביים עולם איז אנגענומען אז פאטריאטיזם איז אן ער־האבענע זאך. עס איז זייער גרינג צו זיין א פאטריאט — יעדער שוטה קען זיין א פאטריאט. יעדער לומפ קען זיך פראקלאמירען פאר א פאטריאט. יעדער אויסוואורף קען זינגען נאציאנאלע לידער און פאכען מיט א פאן. ניט אלע קענען און ווילען אבער ברענגען אפפער פאר די בעסטע אידעאלען פון זייער לאנד, אדער ליידען פאר די בעסטע טראדיציעס פון זייער לאנד. דער מענש, וואס טוט עס יא, איז, נאך מיין מיי־נונג, דער אמת'ער פאטריאט.

„איך ווייס ניט וואס פאר א באדייטונג דער ווארט „אמע־ריקאניזם" האט פאר אנדערע; איך פארשטיי אונטער דעם ווארט „אמעריקאניזם" ניט בלויז א געלעגענהייט צו טאן בעסער ווי אנדערע, נאר א פליכט צו זיין בעסער ווי אנדערע. די סאציאליסטען זיינען געווען די אמת'ע פאטריאטען און פריינד פון די פעלקער, ווייל זיי זיינען איבעראל געווען געגען דער מלחמה.

„און איצט, מיינע הערען, וויל איך ערקלערען דעם אמע־ריקאנער פאלק ווי וויכטיג עס איז צו באקעמפען די משוגעת פון „פריפערעדנעס". די משוגעת דארף באקעמפט ווערען דורך א מעכטיגער פאדערונג פאר אינטערנאציאנאלען פרידען. דאס

איז געווען די אורזאכע פאַר וואָס איך האָב אריינגעטראָגען די רעזאָלוציע, וועלכע פאָדערט אויף דעם פּרעזידענט ער זאָל פאררופען א קאָנגרעס פון אלע נייטראַלע לענדער און אז דער קאָנגרעס זאָל אָנבאָטען צו מאכען שלום צווישען די קריגערישע פעלקער.

„די סענטימענטען, וואס איך האָב אויסגעדריקט אין דער רעזאָלוציע שטאַמען נים פון דער פאַנטאַזיע. זיי שטיצען זיך אויף א גרינדליבער אויספאָרשונג פון דעם עקאָנאָמישען קאמף אין אייראָפּאַ. די אינטערנאציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנגרעסען, וואס זיינען אָפּגעהאלטען געוואָרען פאַר דער מלחמה און אין פאַרלויף פון דער מלחמה, האָבען אָנגענומען די זעלבע פּרינציפּען. מיין רעזאָלוציע לייגט פאָר א לאָגישע, אינטעליגענטע מעטאָדע ווי אַזוי צו האַנדלען מיט די פּראָבלעמען פון אַן אינטערנאציאָנאַלען פרידען.

„עס זיינען פיליכט פאַראַן אזוינע וואָס דענקען אז דאָ, אין דעם קאָנגרעס, איז נים דער פּלאַץ צו ריידען וועגען אינטערנאציאָנאַליזם. האָבען זיי א טעות. אַלעס וואָס איז עפּעס ווערט, איז אינטערנאציאָנאַל. עס זיינען דאָ נאציאָנאַלע פאָראורטיילען, נאציאָנאַלע האַסען, אָבער די וויסענשאַפט איז אינטערנאציאָנאַל; די קונסט איז אינטערנאציאָנאַל; די מוזיק איז אינטערנאציאָנאַל; די רעליגיע איז אינטערנאציאָנאַל... לאָמיר אוועקוואַרפען דעם שמאָלען באגריף פון פּאַטריאָטיזם וואָס באשטייט פון דער לערע: „מיין לאַנד איבער אַלעס, צי גערעכט, צי אומגערעכט". אנשטאָט דעם, לאָמיר אוועקשטעלען די ערהאבענערע לערע: „מיין לאַנד מוז שטענדיג האַנדלען גערעכט".

דער פאַרהער איבער לאָנדאָן'ס פרידענס רעזאָלוציע איז פאָרגעקומען פאַר דער קאָמיטע פון אויסערליכע אנגעלעגענהייטען פון דער „האוז אָוו רעפּרעזענטאַטיוום". ער האָט אָנגעהאַלטען צוויי טעג. פילע פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס און טרייד יוניאָנס האָבען געשיקט דעלעגאַציעס צו ריידען און אַפּעלירען

פאר דער רעזאָלוציע. אָבער די רעזאָלוציע איז אין דער קאָמיטע דערשטיקט געוואָרען.

לאָנדאָן איז איצט געוואָרען דער וואָרט־פירער פון אַלע אנטי־מלחמה און אנטי־מיליטאַריסטישע גרופּען אין גאַנצען לאַנד. זיין רעדע געגען „פּריפּערעדנעס" איז פאַרטיילט געוואָרען אין א האַלבען מיליאָן עקזעמפּלאַרען. פון אַלע ווינקלען פון לאַנד זיינען אים אָנגעקומען בריף און טעלעגראַמען מיט ערמוטיגונג און גראַטולאַציאָנען.

דעם 30טען יוני האָט לאָנדאָן באַקומען דעם פאָלגענדען בריף פון הענרי פאָרד'ס סעקרעטער:

„מר. פאָרד האָט באַקומען א קאָפּיע פון אייער רעדע וועגען פּריפּערעדנעס, וואס איר האָט געהאַלטען אין קאָנגרעס דעם 18טען יאַנואַר. ער דאַנקט אייך און ער ווינשט צו קריגען דאָס רעכט פון אייך צו באַנוצען געוויסע שטעלען פון דער רעדע אין אַדווערטייזמענטס, וועלכע ער גייט אריינשטעלען אין די צייטונגען".

הענרי פאָרד איז אין יענער צייט געוועזן א פּאַסיפיסט און האָט פאַרשפּרייט פּאַסיפיסטישע פּראָפּאַגאַנדא דורך אַדווערטייזמענטס אין דער פּרעסע.

אויף פאָרד'ס בריף האָט לאָנדאָן'ס סעקרעטער געשיקט דעם פאָלגענדען ענטפער:

„מר. לאָנדאָן האָט ניט אויסצוזעצען געגען דעם, אז טיילען פון זיין רעדע זאָלען ציטירט ווערען אין מר. פאָרד'ס אַדווערטייזמענטס. עס פאַרשטייט זיך, אז דאָס רעכט ווערט געגעבען בלויז אויף דער באַדינגונג, אז דער ציל פון דעם אַרטיקעל אין וועלכען די ציטאַטען וועלען ערשיינען, זאָל זיין אין איינקלאַנג מיט דעם אינהאַלט פון דער רעדע".

דאָס אַמעריקאַנער פאָלק איז געשטויסען געוואָרען צום קריג פון צוויי ריכטונגען. דער פּרעזידענט האָט געהאַלטען אין איין פאָדערען אז דייטשלאַנד זאָל רעספּעקטירען די „נייטראַלע רעכטע" פון די פאַראייניגטע שטאַטען און דער קאָנגרעס האָט געפאָדערט, אז מער און מער געלד זאָל אויסגעגעבען ווערען אויף

באַוואָפענונג. אין מאַנאַט מערץ, 1916, האָט לאָנדאָן באַהאַנדעלט די צוויי זאַכען אין רעדעס און רעזאָלוציעס אין קאָנגרעס. די ערשטע רעדע האָט ער געהאַלטען דעם 6טען פונ׳ם מאָנאַט. זי האָט זיך באַצויגען אויף אַ רעזאָלוציע, וועלכע ער האָט פאָרגע־שלאָגען מיט עטליכע טעג בעפאָר. ווען מען לייענט די רעזאָ־לוציע און די רעדע אין דעם ליכט פון שפּעטערדיגע פּאַסירונ־גען, זעט מען ווי גוט לאָנדאָן האָט פאַרשטאַנען די לאַגע, ווי ריכטיג ער האָט באַגריפען ווילסאָן׳ס דיפּלאָמאַטי פון יענער נערוועזער צייט. לאָנדאָן האָט שוין דעמאָלט דערשפּירט דאָס, וואָס היסטאָריקער גיבען איצטער צו, אַז ווילסאָן׳ס דיפּלאָמאַטי איז פון אָנפאַנג אָן געווען איינזייטיג, דאָס ווערענד ער האָט געהאַנדעלט מילד מיט ענגלאַנד און פראַנקרייך ווען זיי האָ־בען פאַרשוועכט די נייטראַלע רעכט פון אַמעריקאַ, איז ער גע־ווען זייער שטרענג מיט דייטשלאַנד. „מיר קענען זאָגען מיט אַבסאָלוטער זיכערקייט”, — שרייבט פּראָפעסאָר הערי עלמער באַרנס, אין זיין בוך „דער אָנפאַנג פון דער מלחמה”, — „דאָס די סאָבמארין פּאָליסי פון דייטשלאַנד, וועלכע האָט אריינגע־שטויסען אַמעריקאַ אין דער מלחמה, איז געשאַפען געוואָרען דורכדעם, וואָס אַמעריקאַ איז ניט געווען נייטראַל, דורכדעם וואָס די וואַשינגטאָנער באַאַמטע האָבען געהאַנדעלט אָן מוט און אָן פייאיגקייט אין באַצוג צו ענגלאַנד, יעדעס מאָל ווען זי האָט איבערגעטרעטען דעם אינטערנאַציאָנאַלען געזעץ. . . דער תמצית פון דער גאַנצער זאַך שיינט צו זיין, דאָס ווילסאָן אַליין האָט ניט אָפּגעהיט די נייטראַליטעט, וואָס ער האָט באַפוילען זיין לאַנד אָפּצוהיטען ביים אויסברוך פון קריג.”

אָט דעם אמת האָט לאָנדאָן דערשפּירט מיט אַ יאָר איידער אַמעריקאַ איז אין דעם קריג אריינגעפירט געוואָרען. ער האָט עס אָנגעדייטעט אין זיין רעזאָלוציע. ער האָט דאָרטען אָנגעוויזען אויף דעם, וואָס דער פּרעזידענט באַשטייט בלויז אויף די פאַר־לעצונגען פון די נייטראַלע געזעצען וואָס דייטשלאַנד באַגייט, און פאַרגעסט די פאַרלעצונגען וואָס ענגלאַנד באַגייט, כאָטש די ענגלישע פאַרלעצונגען זיינען אַ סך ערנסטערע, פון דעם שטאַנד־

פונקט פון אינטערנאַציאָנאַלען געזעץ. און ער זאָגט, אז די האַנד-לונג פון פרעזידענט מאַכט פילע מענשען צום גלויבען, אז אַמע-ריקא ווערט געשטויסען צו אַ קריג. דערפאַר פאָדערט ער אין זיין רעזאָלוציע, אז דער קאָנגרעס זאָל ארויסזאָגען קלאָר די פּאָליסי פון אמעריקא און די שטעלונג פון לאַנד צו די קריי-גערישע לענדער.

אין דער רעדע וואָס לאָנדאָן האָט געהאַלטען אין קאָנגרעס צו ערקלערען און צו פארטיידיגען די רעזאָלוציע, ווייזט ער אָן אז שולדיג אין דער לאַגע איז דער פאַקט, וואָס עס פעלט דע-מאָקראַטיע אין אינטערנאַציאָנאַלע באַדינגונגען. ער פאָדערט אויף דעם קאָנגרעס, ער זאָל זיך ארויסזאָגען אין די פראַגען איבער וועלכע די דיפּלאָמאַטען פירען זייערע פארהאַנדלונגען און ער זאָל דאָס טאָן איידער עס ווערט צו שפּעט, איידער דער פרע-זידענט האָט דערפירט דאָס לאַנד צום שוועל פון קריג. ער פאָ-דערט אויף דעם קאָנגרעס צו האַנדלען ווי רעאַל-פּאָליטיקער, און ניט ווי לאָיערס, וואָס פּלפּול'ען זיך איבער דעם טייטש פון ווער-טער און פראַזען.

„די גרויסע מאַסען פון פאָלק זיינען ניט פאַראינטערעסירט אין פּלפּולים איבער אינטערנאַציאָנאַלען געזעץ. נאָך אַלעמען איז דאָך דער אינטערנאַציאָנאַלער געזעץ מער אדער ווייניגער אַ מיף. ער עקזיסטירט נאָר אין ביכער. עס איז ניטאָ קיין איין פאָלק, וואָס האָט ניט פארלעצט די עלעמענטאַרע פּרינציפּען פון אינטערנאַציאָנאַלען געזעץ, ווען דאָס האָט זיך אים געלוינט צו טאָן, אין צייט פון פרידען אָדער פון קריג. אין אינטערנאַ-ציאָנאַלע באַציאונגען גילט נאָך אַלץ דער אַלטער געזעץ, דער פשוט'ער געזעץ אז די וואָס האָבען די מאַכט, יענע נעמען.

„דער אינטערנאַציאָנאַלער געזעץ איז אַ שווינדעל מיט וועלכען דיפּלאָמאַטען באַנוצען זיך. דאָס פאָלק פאַרשטייט עס נים. זיי האָבען אָבער מורא, אז די דיפּלאָמאַטישע סכסוכים איבער די אינטערנאַציאָנאַלע געזעצען וועלען זיי אריינטרייבען אין אַ מלחמה. און די מורא מוז אָפּגעשאַפט ווערען. מיר מוזען ערקלערען פאַר דער וועלט, דאָס ווערענד מיר זאָגען זיך

ניט אָפּ פון אונזערע רעכטען אַלס א נייטראַלע לאַנד, ווילען מיר זיך אָבער ניט באַנוצען מיט פיזישע מאַכט, ווילען מיר ניט אָנווענדען אונזער ארמיי אָדער פלאָטע צו צווינגען אַנדערע לענדער איינצוגיין אויף אונזער אויפפאַסונג פון אונזערע רעכטען...

„מיר דאַרפען קלאָר ערקלערען, דאָס מיר האָבען ניט קיינע תביעות צו די פעלקער פון די אייראָפּעאישע לענדער; דאָס די סכסוכים, וואָס מיר פירען מיט דער אָדער יענער רעגירונג פון די קריגערישע לענדער זאָלען נאָך דער מלחמה, ווען די ליידענשאַפטען וועלען זיין אפּגעקילט, פאַרגעלייגט ווערען פאַר אַן אונפּאַרטייאישער קאָמיסיע; דאָס מיר ענטזאָגען זיך צו באַנוצען פיזישע מאַכט אַלס א מיטעל צו צווינגען רעספּעקט פאַר אונזערע רעכטען.

„מיר טאָרען ניט דערלאָזען, אַז דער פּרעזידענט זאָל אָנפירען זיין דיפּלאָמאַטי אין געהיים, ווי אים ווילט זיך און ווי ער פאַרשטייט".

און לאָנדאָן גיט דאָ בקיצור אַן אויסגעצייכענטען סך הכל פון דער געשיכטע פון געהיימע דיפּלאָמאַטיע און די געפאַרען, וואָס זיינען מיט דעם פאַרבונדען.

„געהיימע דיפּלאָמאַטי, די אַבוועזענהייט פון דעמאָקראַטי אין אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען, איז די קללה פון דער מענשהייט. דיפּלאָמאַטי איז ענטשטאַנען אין די קליינע איטאַליענישע שטאַטען און האָט זיך ענטוויקעלט צו איר איצטיגער וויכטיגקייט ווען די מערסטע לענדער אין אייראָפּא זיינען געווען מאָנאַרכיעס. דיפּלאָמאַטי איז געוואָרען א קונסט. דער דיפּלאָמאַט האָט געשפּילט די ראָלע פון א שפּיאָן. ער איז באַטראַכט געוואָרען ווי א שפּיאָן. דער דיפּלאָמאַט האָט אין טעאָריע פאַרטראָטען דאָס פאָלק: אין דער אמת'ן אָבער האָט ער פאַרטראָטען דעם קעניג. ער האָט געדאַרפט דורכפירען דעם קעניג'ס פּלענער, זיינע אינטריגעס. מערקווירדיג איז, אַז דער באַגריף פון דיפּלאָמאַטיע, — אַז דער דיפּלאָמאַט פאַרטרעט ניט דאָס פאָלק נאָר דעם הערשער פון פאָלק, — עקזיסטירט נאָך איצטער אפילו אין אונזער דעמאָקראַטישער לאַנד".

דעמאָקראַטי אין אינטערנאַציאָנאַלע אנגעלעגענהייטען מיינט, אז דער קאָנגרעס זאָל זיין דער וועגווייזער פון דעם פּרעזידענט אין זיינע דיפּלאָמאַטישע האנדלונגען; דאָס מיינט, אז דער קאָנגרעס זאָל אין דעם איצטיגען פאַל, אין דעם סכסוך מיט דייטשלאַנד, באַשטימען די גרענעצען פון דעם פּרעזידענט׳ס פאָדערונגען און פון זיינע אַרגומענטען. לאָנדאָן פאָדערט אויף דעם קאָנגרעס ער זאָל שוין איצטער איינפירען אזא דעמאָקראַטי אין דער אמעריקאנער דיפּלאָמאַטי און זאָל שוין איצטער אָנצייכענען דעם גרענעץ פאַר דעם פּרעזידענט — און אז דער גרענעץ זאָל זיין „קיין מלחמה“. און לאָנדאָן אַנאַליזירט דעם כאַראַקטער פון דעם שאָדען וואס אמעריקא האָט געליטען דורך דייטשלאַנד׳ס אָנגריפען אויף אונזערע רעכטע און ער באַווייזט דאָס דורך אַ מלחמה קען סיי ווי דער שאָדען ניט פאַרריכט ווערען.

און לאָנדאָן שליסט זיין רעדע מיט אַן ערקלערונג וועגען אינטערנאַציאָנאַלע גערעכטיגקייט, ווי די סאָציאַליסטען קוקען אויף דעם; ווייל נאָר דאן וועלען מלחמות אויפהערען ווען די סאָציאַליסטישע אויפפאַסונג וועט אינדאָרסירט ווערען פון די פעלקער פון דער וועלט.

„די סאָציאַליסטישע באַוועגונג, אין וועמעס נאָמען איך רייד, איז אין אַלע לענדער און אין אַלע צייטען געווען געגען מלחמה און געגען אַלעם וואס האָט געפירט צו מלחמה. זי איז געגען די אונטערדריקונגען פון נאַציאָנאַליטעטען; געגען אַרמייען און פלאָטען; זי פאָדערט דאָס אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען זאָלען געפירט ווערען אָפען און דורך די פאַרטרעטער פון די פעלקער. זי פאָדערט אַז יעדעס פאָלק, ווי קליין עס זאָל ניט זיין, מוז האָבען די פולע פרייהייט צו ענטוויקלען זיין נאַציאָנאַלען וועזען.

„די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט קיינמאָל ניט פערפעלט אַראָפּצורייסען די מאַסקע פון היפּאָקריטסטווא, וועלכע האָט אין נאָמען פון געזעץ ערלויבט די שטאַרקע צו אונטערדריקען די שוואַכע. זי האָט שטענדיג פאַרדאַמט אַלס היפּאָקריטסטווא דעם

אינטערנאַציאָנאַלען געזעץ וואס ערלויבט אז די שוואַכע פעלקער זאָלען אונטערדריקט ווערען פון די שטאַרקע. זי האָט שטענדיג געקעמפט פאר אינטערנאַציאָנאַלע מאָראַלע געזעצען, וואָס זאָלען מעגליך מאַכען די פעלקער פון דער וועלט צו לעבען אין פרידען און שליכטען זייערע סכסוכים דורך אינטערנאַציאָנאַלע געריכטען און ניט דורך מלחמות.

„שטענדיג, ווען איך וועל נאָר האָבען די געלעגענהייט, וועל איך פאָדערען א העכערע עטיק אין אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען; שטענדיג וועל איך ווידערהאָלען די ווארנונג פון די סאָציאַליסטען — די ווארנונג, וואָס איז איגנאָרירט געוואָרען פון די פעלקער פון אייראָפּא — דאָס עס קען ניט זיין קיין אמת'ע ציוויליזאַציע, סיידען די מענשען אין יעדען לאַנד זיינען אַלע פריי און אַלע לענדער זיינען פריי פאַראייניגט אין א ברידערליכען פאַרבאַנד".

לאָנדאָן'ס צווייטע רעדע, געהאַלטען דעם 13טען מערץ, איז געווען געריכטעט געגען א ביל צו פאַרגרעסערען די ארמיי פון לאַנד מיט 40 טויזענד מאַן. דעם פאָרשלאַג האָבען געמאַכט די מיליטאַריסטען אין קאָנגרעס; דאָס איז געווען זייער ערשטער ברייטער טראָט אין דער ריכטונג פון מלחמה. עס פאַרשטייט זיך, אז די פאַרטיידיגער פון דעם ביל האָבען געלייקענט, אַז דאָס איז זייער ציל. זיי האָבען געשוואוירען אז זיי ארבייטען אין די אינטערעסען פון פרידען. אין זיין רעדע האָט לאָנדאָן אַראָפּגעריסען די מאסקע פון די מיליטאַריסטען און האָט באַוויזען, אז א פאַרגרעסערטע ארמיי קען דינען בלויז איין צוועק — צו פירען מלחמה געגען אַנדערע לענדער.

„איך גלויב, אַז מיר שטימען איין, אז דאָס בעסטע וואָס קען געזאָגט ווערען וועגען דער ארמיי און דער פלאָטע איז, דאָס זיי זיינען נויטיגע איבלען. מיר טאָרען דעם איבעל ניט פאַרגרעסערען, סיידען מען מוז: איידער מיר באַשליסען צו פאַרגרעסערען די ארמיי, מוזען מיר פריער וויסען צי דאָס איז אַבסאָלוט נויטיג צו פאַרטיידיגען אינטערנאַציאָנאַלע אינטערעסען. קיינער זאָגט ניט, אז מיר נויטיגען זיך אין אַ גרעסערער ארמיי

צו אונטערדריקען אינערליכע אומרוען. די פארטיידיגער פון דעם ביל מוזען אונז באווייזען, אז די ארמיי מוז פארגרעסערט ווערען צוליב אומשטענדען אין אונזערע אינטערנאציאנאלע באציאונגען.

„מאנכע זאָגען, אז די מלחמה אין אייראָפּא איז א באווייז, דאָס מיר מוזען האָבען „פּריפּערעדנעס". איך צי א גאנץ אנדער לעסאָן פון דער מלחמה. די מלחמה איז צוגעגרייט געווארען פונקט אזוי ווי אַן אויפריים ווערט צוגעגרייט, ווען א סך אויפריים מאטעריאל ווערט אָנגעזאמעלט אויף איין פּלאץ. די גרויסע ארמייען אין די אייראָפּעאישע לענדער האָבען מעגליך געמאכט די מלחמה, האָבען די מלחמה געמאכט אונפארמיידליך. ווער אימיצער מיר דאָ זאָגען, אז די גאנצע וועלט וואָלט היינט ניט געווען גליקליכער, ווען עס וואָלטען ניט געווען קיין ארמייען אין אייראָפּא אין אויגוסט, 1914?

„אזוי לאנג ווי די שריפה וועט ברענען אין אייראָפּא וועלען מיר דאָ ריידען וועגען „פּריפּערעדנעס". עס וועלען זיך פאָדערען אלע כוחות פון שטארקע מענשען בייצוקומען די אָנפאלען, ניט פון א פרעמדען שונא, ניט פון א מיליטערישער מאכט, נאָר פון מיליטערישע אידעען. אזוי לאנג ווי די מלחמה האלט אָן, וועלען זיך געפינען מענשען צווישען אונז פאר וועמען קיין ארמיי וועט ניט זיין גרויס גענוג; וועלכע וועלען אימער פאָדערען נאָך פּריפּערעדנעס, נאָך סאָלדאטען, נאָך קריגס־שיפען — און וואָס מער מען וועט זיי געבען אלץ מער וועלען זיי פאָדערען.

„מען זאָגט אונז אז מלחמות קענען ניט פארמידען ווערען, אז מלחמות קענען ניט פאראויסגעזען ווערען, אז זיי קומען אָן פּלוצלונג און אַז זיי באפרידיגען א געוויסע פאָדערונג פון דער מענשליכער נאטור.

„די איצטיגע מלחמה איז זיכער ניט אָנגעקומען פּלוצלונג. האָט זיך גאנץ אייראָפּא ניט געגרייט צו איר פאר די לעצטע 25 יאָר? מלחמה איז פונקט אזוי אונפארמיידליך ווי א מגפה איז אונפארמיידליך. מלחמה, די ליידענשאפט פאר מלחמה, איז

פונקט אזוי אַ טייל פון דער מענשליכער נאַטור, ווי די לייד־דענשאַפט צו פאַרברעכען מכשפות. מענשען זיינען אומגעקומען פון מגפות, ווייל זיי זיינען געווען אונוויסענד. מענשען האָבען פאַרברעגט מכשפות, ווייל זיי זיינען געווען אונוויסענד. אזוי שנעל ווי מענשען האָבען ענטדעקט די אורזאכען פון מגפות, זייד נען מגפות אויסגעראָטען געוואָרען. ווען מענשען וועלען פאַר־שטיין די אורזאכען פון מלחמות וועלען מלחמות אויסגעראָטען ווערען.

„די פאַראייניגטע שטאַטען דאַרף זיך פאַר קיינעם ניט שרע־קען. קיין לאַנד קען צו איר ניט צושטיין. מיר נויטיגען זיך ניט אין אַ גרעסערער ארמיי אדער פלאָטע — סיידען מיר זוכען צו ווערען א וועלט מאַכט און אוועקנעמען ביי אַנדערע לענדער זייער מאַרק און אויפבויען א קאָלאָניאַלע אימפּעריע. מיר זייד נען איצטער אויך אַ וועלט מאַכט, אָבער צום גוטען, ניט צום שלעכטען. דער דורכשניטליכער אַמעריקאַנער וויים ניט אויף ווי ווייט אונזער רעפובליק איז געווען א קוואַל פון באַגייסטערונג פאַר די ליבהאָבער פון פרידען אין דער גאַנצער וועלט. לאָמיר אַזא סאָרט וועלט־מאַכט פאַרבלייבען אויף ווייטער, פריי פון דעם גיפט פון די מיליטאַריסטישע שטרעבונגען״.

לאָנדאָן איז איצט געשטאַנען איינער אַליין געגען דער גאַנ־צער „הויז״. ווען דער ביל צו פאַרגרעסערען די ארמיי פון 100 טויזענט מאַן אויף 140 טויזענט איז גענומען געוואָרען צום אָפּשטימונג, האָבען בלויז צוויי מיטגלידער געשטימט דאַגעגען. לאָנדאָן האָט געשטימט געגען, ווייל ער האָט ניט געוואָלט די ארמיי זאָל פאַרגרעסערט ווערען; קאָנגרעסמאַן בריטען, פון אי־לינאָי, האָט געשטימט געגען, ווייל ער האָט געהאַלטען אז 40 טויזענט איז צו ווייניג, אז די אַרמיי מוז פאַרגרעסערט ווערען אויף אַ סך מער. די וואַשינגטאָנער קאָרעספּאָנדענטען האָבען געמאָלדען אין זייערע צייטונגען איבער׳ן לאַנד, דאָס „בלויז איין שטימע איז אין קאָנגרעס אויפגעהויבען געוואָרען געגען פּריפּע־רעדנעס אלס אַ נאַציאָנאַלע פּאָליסי — די שטימע פון מאיר

לאָנדאָן, דער איינציגער סאָציאַליסטישער מיטגליד פון קאָנ־גרעס".

ווען די „הויז" האָט פאַרהאַנדעלט דעם פּלאַטען ביל האָט ענגליכעס פּאַסירט. דער ביל האָט פאָרגעשלאָגען אַז די רעגי־רונג זאָל באַוויליגען 285 מיליאָן דאָלער אויף בויען נייע קריגס־שיפען. אַלע גרופּען אין קאָנגרעס האָבען דעם פאָרשלאַג גע־שטיצט. לאָנדאָן האָט געוואוסט אַז באַקעמפען דעם ביל וועט ער ניט קענען. ער האָט אים פאַרדאַמט אין אַ קורצער רעדע איי־דער די „הויז" האָט דעם ביל גענומען צום אפּשטימען:

„איך גראַטוליר די נעשאָנעל סעקיוריטי ליג מיט איר ער־פאָלג. איך גראַטוליר דעם שטאָל-טראַסט און די פאַבריקאַנ־טען פון אַמוניציע. זיי ערוואַרטעט איצט אַ פעטער ביסען. זיי האָבען געזיגט. זיי האָבען געשאַפען אין לאַנד אַ היסטע־רישען צושטאַנד. קאָנגרעס האָט זיך אונטערגעגעבען, און מיין שטים פון פּראָטעסט איז ווי אַ קול אין מדבר".

לאָנדאָן׳ס שטים איז ווירקליך געווען אַ קול אין מדבר. כמעט איינשטימיג האָט דער קאָנגרעס אָנגענומען איין ביל נאָכ׳ן אנדערען אויסצוגעבען נאָך און נאָך מיליאָנען אויף אַ גרעסערער ארמיי, אַ גרעסערע פלאָטע, מער אַמוניציע, מער פעסטונגען. איין גרופּע קאָנגרעסלייט האָט געזוכט צו איבערשטייגען די אַנ־דער גרופּע אין פאָדערען וואָס גרעסערע סומען געלט פאַר די מיליטאַריסטישע צוועקען. לאָנדאָן איז אָבער ניט מיד געוואָרען פון פּראָטעסטירען, ניט מיד געוואָרען צו וואָרנען געגען דער קריגס-משוגעת, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט פון קאָנגרעס-זאַל איבער׳ן גאַנצען לאַנד. ער האָט געוואוסט, אַז די משוגעת וועט אַם ענדע אַריינשלייַדערען אמעריקא אין דעם אייראָפּעאישען בלוט-באָד און ער האָט עס געהאַלטען פאַר זיין העכסטער פליכט אַלס אַן אמעריקאַנער, אַלס אַ סאָציאַליסט, אַלס אַ מענש אויסצושרייען זיין וואָרנונג. ער האָט ניט אויפגעהערט צו ווי־דערהאַלען אין קאָנגרעס די סאָציאַליסטישע אַרגומענטען וועגען די אורזאַכען פון מלחמות, וועגען די געפאַרען פון באַוואָפנונג

און אָנצודייטען אויף דעם איינציגען וועג, וועלכער פירט צו פרידען.

אין יאָר 1916 איז פאָרגעקומען דער פרעזידענט קאמפיין. ווילסאָן איז געלאָפען פאר א צווייטען טערמין און דער הויפט ארגומענט פון זיינע קאמפיין רעדנער איז געווען, אז ער האָט „אויסגעהיט דאָס לאַנד פון דער מלחמה". מיליאָנען בירגער האָבען פאר אים געשטימט ווייל זיי האָבען געגלויבט, אז ער איז אבסאָלוט ענטשלאָסען ניט צו דערלאָזען, אז אמעריקא זאָל אין דעם קריג אריינגעצויגען ווערען.

גלייך נאָך די וואַלען אָבער האָט ווילסאָן גענומען שטויסען אמעריקא אין קריג. דער קאָנגרעס האָט זיך פארזאמעלט אין דעצעמבער 1916 און זיך געשלאָסען דעם 4טען מערץ, 1917. ווילסאָן האָט פאררופען א ספעציעלע זיצונג פון דעם נייעם קאָנגרעס אויף אפריל דעם 2טען. ביי די זיצונגען האָט דער קאָנגרעס פארהאנדעלט א גאנצע רייע בילס פון א מיליטערישען כאראקטער און בילס וואָס האָבען געשמעקט מיט מלחמה. לאָנ־דאָן האָט גערעדט געגען יעדען פון זיי. ער האָט אָנגעוויזען די אמת'ע באַדייטונג זייערע, וואוהין זיי צילען, און האָט אויפגע־פאָדערט אז דער פרעזידענט און זיין פארטיי זאָלען האַלטען זייערע קאמפיין־פארשפרעכונגען און ניט אריינטרייבען אמעריקא אין דער וועלט־מלחמה.

לאָנדאָנ'ס נבואה איז מקוים געוואָרען. גלייך ווי די ספע־ציעלע זיצונג פון דעם ניי־ערוויילטען קאָנגרעס האָט זיך גע־עפענט, אין אָנפאַנג אפריל, 1917, האָט ווילסאָן ביי אים גע־בעטען דאָס רעכט צו ערקלערען קריג געגען דייטשלאַנד. לאָנ־דאָן האָט זיין רעדע געגען דעם פרעזידענט'ס פארלאַנג אָנגע־פאנגען מיט אַן ערקלערונג, וואָס אַלע קאָנגרעסלייט האָבען גע־וואוסט איז אמת. ער האָט געזאָגט:

„מר. טשערמאַן און מיינע הערען. עס טוט מיר לייד, וואָס איך האָב ניט צוגעגרייט קיין רעדע. איך האָב אַזוי פיל מאָל גערעדט איבער דער טעמע, אז מיין מאַרך קען שוין מער קיין נייעם וואָרט ניט שאפען. וואָס קען איך זאָגען צו א מענשען,

וועלכער איז פאר מלחמה ? איך קען דעם גאנצען ענין פון מלחמה ניט באגרייפען. איך ווייס אויך, אז עס וועט מיר ניט געלינגען איצטער אימיצען פון אייך צו איבערצייגען, אז ווי איך דענק איז ריכטיג. איך פיל אָבער א פליכט צו זיך אליין נאָכאמאָל צו ערקלערען פאר אייך מיין שטעלונג.“

אין זיין לעצטען אפיל צום קאָנגרעס געגען קריגס־ערקלערונג האָט לאָנדאָן גערעדט הויפטזעכליך פון דעם שטאנדפונקט פון מאָראָל, פון מענשליכקייט. ער האָט פארדאמט מלחמה אלס א פאר־ברעכען, אלס א מאסען־מאָרד. ער האָט געזוכט אויפצואוועקען דעם באוואוסטזיין פון זיינע קאָלעגען; ער האָט זיך געבעטען ביי זיי, זיי זאָלען פארגעסען זייערע פאָליטישע אינטערעסען, זיי זאָלען טראכטען וועגען העכערע, נאָבעלערע אינטערעסען; ער האָט ארויפגעריסען דעם פאָרהאנג פון שיינע פראזען, מיט וועלכע דער פרעזידענט האָט אין זיין מלחמה מעסעדזש געזוכט צו פאר־שטעלען די שרעקען פון דעם שריט וואָס ער האָט געהייסען דעם קאָנגרעס מאכען.

„דער פרעזידענט זאָגט אז מיר האָבען גארנישט צום דייטשען פאָלק“, — האָט לאָנדאָן געזאגט, — „פונקט אזוינע ווערטער האָבען מיר געהערט פון דעם ענגלישען פרעמיער אין פארלאמענט. און דער ענגלישער פרעמיער איז מסתמא געווען אויפריכטיג, ווען ער האָט עס געזאָגט. אין יאר 1914, ווען דער קריג איז ערקלערט געווארען, האָבען טאקע די פעלקער איינע די אנדערע ניט געהאסט. בלויז די רעגירונגען האָבען זיך געקריגט צווישען זיך. אָבער מיט יעדען פרישען קבר, מיט יעדען פארקריפעלטען און צוקאָליעטשעטען און בלינדען, וואס איז פון שלאכטפעלד אהיימגעקומען, איז דער האס ביי די פעלקער אויפגערייצט געוואָרען. און איצטער האָט דער צאָרן זיי אלע־מען פארוואנדעלט אין חיות. זיי זיינען ניט מער דייטשען, זיי זיינען ניט מער פראנצויזען, זיי זיינען ניט מער ענגלענדער... דער האס האָט אין זיי ערוועקט זייערע פרימיטיווע, בעסטיאלישע אינסטינקטען. ערגער ווי די ווילדע חיה אין וואלד איז דער מענש וואָס האסט“.

און דאָן האָט לאָנדאָן געזוכט צו באַווייזען, אז דאָס פאָלק אין אמעריקא איז געגען מלחמה, אז דער פּרעזידענט ווייס עס און שרעקט זיך זאָגאר פאר דעם.

„דער פּרעזידענט האָט אין זיין מעסעדזש דערמאָנט די רוסישע רעוואָלוציע. קיין וויכטיגערע געשעעניש איז אין די לעצטע הונדערט יאָר אויף דער וועלט ניט פאָרגעקומען... דער עפעקט פון דער רעוואָלוציע פילט זיך שוין אויף דעם גאנצען אייראָפּעאישען וועלט־טייל. צום ערשטען מאָל זייט דעם אויסברוך פון דער מלחמה האָבען איצטער די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטען איינשטימיג געשטימט געגען דעם מיליטערישען בודזשעט. זייט דער רעוואָלוציע האָבען די סאָציאַליסטען אין עסטרייך גענומען פאָדערען פרידען. אין אַלע אנדערע לענדער פון אייראָפּא פאָדערט דאָס פאָלק מער דעמאָקראַטי אין אינטערנאַציאָנאַלע אנגעלעגענהייטען.

„מען פרעגט דאָ, פון וואנען ווייס מען, אז דאָס פאָלק איז געגען מלחמה? געוויס ווייסען מיר עס. און איך האָב מורא, אז דער פּרעזידענט צווייפעלט זייער צי דאָס פאָלק וויל אין דער מלחמה אריין. ער האָט עס צוגעגעבען מיט זיין רעקאָמענדאַציע אז עס זאָל גלייך איינגעפירט ווערען געצוואונגענע מיליטער־דינסט... קיינער וואגט ניט צו ריידען וועגען פרייווילליגע סאָלדאַטען. זיי ווייסען, אז פרייוויליגע וואָלט מען געקענט קריגען דאָן, ווען דאָס פאָלק וואָלט געפילט א וואונש צו קעמפען פאר די זאכען, פאר וועלכע דער פּרעזידענט הייסט אים גיין קעמפען".

לאָנדאָן איז גרייט געווען צוצוגעבען, אז די גרויסע מאסען אין לאַנד האָבען סימפּאַטיזירט מיט די עליים, צוליב פארשידענע אורזאכען, היסטאָרישע, נאַציאָנאַלע און גייסטיגע.

„אָבער אויב מיר ווילען העלפען די עליים, מוז עס דוקא זיין אין דער פאָרם פון מלחמה? פאר וואָס שלאָגט ניט אימיצער פאָר, זיי צו העלפען דורך פרידליכע מעטאָדען? פאר וואָס דארפען מיר זיך באַנוצען מיט דעם פאַרצווייפעלטען, שווערליכען מיטעל איידער מיר האָבען פּרובירט אנדערע מיטלען? פאר וואָס האָט דער פּרעזידענט ניט אויסגענוצט די

איצטיגע דעמאקראטישע כוואליע אין אייראפא און ניט פרו־בירט נאכאמאל צו מאכען א פרידענס־אנבאט? פאר וואס האט דער פרעזידענט ניט פרובירט צו פארופען די פעלקער צו א פרידענס קאנפערענץ? פאר וואס שלאגט ער ניט פאר א וואפען־שטילשטאנד? פאר וואס שלאגען מיר ניט פאר צו די קריגערישע לענדער זיי זאלען אפשטעלען די שחיטה אויף צוויי אדער דריי מאנאטען, כדי די פארשטייער פון די לענדער זאלען קענען אויסנוצען די געלעגענהייט און זיך צוזאמענקומען און פארהאנדלען די פראגע פון פרידען?"

לאנדאן איז אויך גרייט געווען צוצוגעבען, דאס די דייטשע רעגירונג איז באגאנגען עולות נעגען אונזער לאנד, אבער די מלחמה וועט דאך ניט זיין געריכטעט נעגען דער רעגירונג. ליידען פון איר וועלען דאך די מאסען, און זיי זיינען דאך אומשולדיג.

„איך האב אויף זיך גענומען א זייער ניט־דאנקבארע אויפ־גאבע. אבער איך וואלט פאר זיך קיין רעספעקט ניט געהאט ווען איך וואלט געשטימט פאר דעם קריגס־פארשלאג. די פרא־גע, ווי איך פאס איר אויף, איז ניט צי אמעריקא איז גערעכט אדער דייטשלאנד איז גערעכט. די פראגע איז, וועלכע פון די צוויי אמעריקאס איז גערעכט? עס איז דא איין אמעריקא, וואס גלויבט, אז איר אויפגאבע דארף זיין צו בעאיינפלוסען די וועלט צום גוטען, אז זי דארף זיין א פרייע דעמאקראטי, אן אמת'ע דעמאקראטי, אז זי דארף מארשירען פארווערטס צו נאבעלע און שיינע אידעאלען, כדי די גאנצע וועלט זאל זיך פון איר אפלערנען; און עס איז דא אן אמעריקא, וואס גלויבט אז איר אויפגאבע איז צו גיין אין די טריט פון די אייראפעאישע לענ־דער און איבערנעמען דעם זשארגאן פון דער אייראפעאישער דיפלאמאטי וועגען „נאציאנאלער ערע און נאציאנאלען שטאלץ".

„מיר מוזען אפטיילען די צוויי דייטשלאנדס איינע פון דער אנדערער. עס איז דא א דייטשלאנד פון דעם קייזער, א דייטשלאנד פון דער לאנד אריסטאקראטי, א דייטשלאנד פון דעם פרייסישען מיליטעריזם; און עס איז דא א צווייטע דייטשלאנד.

א דייטשלאַנד פון פרייליגראַט, פון היינע, פון בעבעל, פון ליב־קנעכט; א דייטשלאַנד פון מיליאָנען סאָציאַל־דעמאָקראַטען, וועלכע קעמפפען פאַר די זעלבע אידעאַלען ווי די, פאַר וועלכע מיר שטייען. צום אומגליק קענען מיר ניט טרעפען דעם קייזער סיידען מיר שלאָגען פריער דאָס דייטשע פאָלק, סיידען מיר מאָרדען פריער יענע מענשען, וואָס האָבען די זעלבע אידעאַלען, די זעלבע שטרעבונגען ווי דאָס אַמעריקאַנער פאָלק.

„מיינע הערען, פיליכט איז נאָך ניט צו שפּעט, פיליכט איז מיין שטימע דאָך ניט א קול אין מדבר; אפשר וועט איר דאָך באַווייזען דער וועלט א ביישפּיל פון אמת׳ער דעמאָקראַטי.

„דער פּרעזידענט פאַרלאַנגט פון אונז, די ערוויילטע פאַר־שטייער פון א פרייען פאָלק, אַז מיר זאָלען אונטערשטיצען דעם געדאַנק פון מלחמה. זאָל יעדערער פון אונז ענטפערען: ניין, איך וועל ניט מאָרדען, איך וועל בעסער ליידען איידער טויטען, איך וועל ניט לאָזען אַז אימיצער זאָל מיר הייסען גיין הרג׳ענען א צווייטען מענשען.

„מר. טשערמאַן, מלחמה איז א פאַרברעכען. ניטאָ קיין שום ענטשולדיגונג, קיין שום פאַרטיידיגונג פאַר מלחמה. לאָמיר זיין שטאַרק. לאָמיר זיך אָפּזאָגען פון אונזערע פּאָליטישע אַמ־ביציעס, לאָמיר זיך אפזאגען פון אונזערע שאַנסען ווידער־ערוויילט צו ווערען. דאָס פאָלק וועט סוף כל סוף דאַנקבאַר זיין צו יעדען פון אונז, וואָס וועט אַרויסווייזען מוט אין דעם איצטיגען קריטישען מאָמענט״.

קאַפּיטעל 12.

לאַנדאָן'ס בילס און רעדעס וועגען ארבייטער־פראַגען.

די מיליטערישע און מלחמה פראַגען האָבען פאַרנומען דעם ערשטען פּלאַץ אויף לאַנדאָן'ס פּראָגראַם ערשט שפּעט אין יאָר 1916. די ערשטע מאָנאַטען פון יאָר האָט לאַנדאָן געשענקט זיין הויפּט אויפמערקזאַמקייט צו סאָציאַלע פּראָבלעמען, צו פּראַגען וואס רירען אָן די אינטערעסען פון די גרויסע מאַסען אין דעם אַלטעגליכען לעבען. אין פעברואר האָט ער אריינגעטראָגען אַ ביל אין קאָנגרעס, וועלכער האָט פאָרגעשלאָגען אַז אַ קאָמיסיע זאָל באַשטימט ווערען אויסצואַרבייטען אַ פּלאַן וועגען אַ נאַציאָנאַלען פאָנד צו פאַרזיכערען די איינוואוינער געגען אַר־בייטסלאָזיגקייט און אנדערע אומגליקען. ער האָט געגלויבט, אַז עס איז מעגליך אַזאַ רעפאָרם דורכצופירען און ער האָט זיך אריינגעוואָרפען אין דער אַרבייט מיט אַלע זיינע כוחות.

אין מאָנאַט אַפּריל האָט ער געהאַלטען אַ לאַנגע רעדע אין קאָנגרעס וועגען דעם פאָרשלאַג. אין מאַי האָט ער וועגען אים אָנגעפירט אַ פאַרהער, וועלכער האָט זיך געצויגען צוויי טעג, פאַר דער ארבייטס־קאָמיטע. אים איז ענדליך געלונגען צו ווירקען אַז די קאָמיטע זאָל זיין פאָרשלאַג גוטהייסען און אים רעקאָ־מענדירען צום קאָנגרעס.

אין יאַנואר און פעברואר האָט ער גערעדט אין קאָנגרעס וועגען נאָך צוויי סאָציאַלע פּראָבלעמען — וועגען קינדער אַר־בייט און וועגען אינדוסטריעלע קלאַסען. אין די צוויי רעדעס האָט ער ערקלערט די סאָציאַליסטישע לערען וועגען קלאַסען־קאַמף, וועגען די פאַרברעכענס פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרד־

גונג. די רעפאָרמס וועלכע לאָנדאָן האָט געפאָדערט — די אָפּ־שאפונג פון קינדער ארבייט און אינשורענס פאר די ארבייטער, — זיינען אויך געפאָדערט געוואָרען פון פארשידענע פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס, אַזוינע וואָס האָבען אין סאָציאַליזם ניט גע־גלויבט. צווישען זיי און אים איז אבער געווען אַ גרויסער חילוק. לאָנדאָן האָט געפאָדערט די רעפאָרמס ניט פון דעם שטאַנדפּונקט פון רחמנות אָדער הילף, נאָר פון דעם שטאַנד־פּונקט פון גערעכטיגקייט. ער האָט אויפגעפאָדערט די געזעל־שאַפט זי זאָל אָפּשטעלען אירע פארברעכענס געגען די קינדער, אירע זינד געגען די ארבייטער מאסען.

אין זיין רעדע וועגען קינדער ארבייט האָט ער אַזוי גע־זאָגט: „איך שטיץ דעם ביל, אָבער איך שטיץ אים מיט ד'עם געדאנק, אז עס איז בלויז איין טריט פאָרווערטס. דער ביל שלאָגט פאָר דאָס קינדער ארבייט זאָל באגרענעצט ווערען, זאָל רעגולירט ווערען. אָבער רעגולירען קינדער ארבייט, הייסט רעגולירען אַ זינד; און ווען איר רעגולירט אַ זינד, הייסט עס אז איר ערלויבט די זינד זאָל עקזיסטירען. מיר האָבען געדארפט אנדערש טאָן: ניט רעגולירען קינדער ארבייט, נאָר זי אין גאַנצען אויסראָטען. מיר האָבען געדארפט מאכען קינדער אר־בייט אונמעגליך אין אמעריקא״.

אָבער אפילו מיט דעם איז אויך לאָנדאָן ניט געווען צו־פרידען. מיט אָפּשאַפען קינדער ארבייט איז די פּראָבלעם נאָך ניט געלייזט אין גאנצען:

„מיר דארפען זאָרגען פאר דעם, אז דאָס קינד, וואָס ווערט באפרייט פון דער פאבריק אָדער פון דער מינע זאָל קריגען אַ געהעריגע ערציאונג. מיר מוזען העלפען די עלטערען וועלכע זיינען געווען געצוואונגען צו שיקען די קינדער ארבייטען, זיי זאָלען איצטער האָבען די מעגליכקייט צו שיקען זייערע קינדער אין שול. דאָ איז פארגאָסען געוואָרען אַ סך קראָקאָדיל־טרערען איבער די אָרימע קינדער, מען האָט דאָ גערעדט אַ סך בלאָפע־רישע רייד, אַ סך היפּאָקריטישע רייד. קאָנסטרוקטיווע הילף פאר קינדער האָט קיינער ניט פאָרגעלייגט. מיר מוזען אָפּשאַ־

פען קינדער ארבייט. מיר מוזען אָבער אויך אויסבילדען די קינדער און מיר מוזען אויך העלפען די עלטערען פון די קינדער אין זייער קאמף פאר עקזיסטענץ".

פון דעם סאָציאליסטישען שטאנדפונקט האָט לאָנדאָן אויך־באַהאנדעלט דאָס פּראָבלעם פון אינשורענס געגען ארבייטסלאָזיגקייט, עלטער, קראנקהייט און אומגליקס־פאלען ביי דער ארבייט.

„ארבייטסלאָזיגקייט איז ניט קיין סיבה, ניט קיין צופאל; דאָס איז אן אינצידענט אין אינדוסטרי. אין די סיזאָן־אינדוסטריען ווייסט מען פאראויס ווען די ארבייטער וועלען ארומגיין ליידיג. יעדע נייע ערפינדונג אין אן אינדוסטרי פאראורזאכט ארבייטסלאָזיגקייט. ארבייטסלאָזיגקייט קומט מיט יעדער ענדערונג אין דעם טאריף, מיט יעדער ענדערונג אין וועלט האַנדעל, מיט יעדען קריזים". די געזעלשאפט פאראורזאכט ארבייטסלאָזיגקייט און דערפאר מוז די געזעלשאפט לייזען דעם פּראָבלעם פון ארבייטסלאָזיגקייט.

און דאָס זעלבע איז מיט קראנקהייט און מיט אַלטקייט.

„אן ארבייטער ווערט צו אַלט פאר זיין דזשאב דאן, ווען דער דזשאב פאָדערט פון אים מער כוחות ווי ער פארמאָגט. ווען אונזערע אינדוסטריען וואָלטען ניט פארוואלטעט געווארען בלויז פאר פּראָפיטען, וואָלט געווען דאָרטען פּלאַץ פאר יעדען איינעם וואָס וויל ארבייטען; מען וואָלט דאן געקענט געפינען וואָס צו טאָן פאר יעדען, לויט זיינע כוחות און מענשען וואָלטען ניט ארויסגעוואָרפען געווארען אין גאַס ווייל זיי האָבען באגאנגען דעם פארברעכען צו ווערען אַלט.

„די פראגע: וואָס טוט מען מיט דעם אַלטען ארבייטער?' קימערט ווייניג דעם באַלעבאָס. דער באַלעבאָס האָט נאָר אין זינען דעם פאקט, אז ווען ביי דער מאשין זיצט אן ארבייטער, וועלכער איז צו אַלט צו פּראָדוצירען א סך, זיינען זיינע „אָווערהעד" עקספּענסעס צו גרויס. מיר דארפען אויך ניט נעמען אין אנבאַטראַכט דאָס, וואָס מאַנכע רייל־ראוד קאָמפּאַניעס און קאָרפּאָריישאָנס האָבען אליין איינגעפירט פּענסיעס פאר אַלטע ארבייטער. ווען א פּריוואַט קאָמפּאַני גרינדעט אן אייגענעם פאָנד

פאַר די ארבייטער, הייסט עס, אַז זי זאָגט דערמיט צו אירע ארבייטער אַזוי: אויב איר וועט זיין געהאָרכזאַם צו דער קאָמפּאַני אין אייערע יונגע יאָרען, אויב איר וועט טאָן אַלץ, וואָס זי וועט אייך באַפעלען בעת איר זייט שטאַרק און פריש, דאַן וועט די קאָמפּאַני אייך צואוואַרפען אַ ביינדעל ווען איר וועט דערגרייכען די עלטער פון פופציג אָדער זעכציג יאָר — נאָכדעם ווי איר וועט פאַר דער קאָמפּאַני אָפּגעארבייטעט פופצען אָדער צוואַנציג אָדער דרייסיג יאָר נאָכאַנאַנד. — דאָס איז אַ פּענסיע פאַר אַלטע לייט, דאָס איז אַ ביסעל היי פאַר אַן עזעל".

עס איז דאָ בלויז איין גערעכטער וועג, איין מענשליכער וועג ווי אַזוי דעם איבעל אָפּצושאַפען:

„מען טאָר ניט פאָדערען פון דעם ארבייטער אַז ער זאָל טראָגען דעם גאַנצען יאָך, אַז ער זאָל אויף זיך נעמען אַלע ריזיקעס פון דער מאָדערנער אינדוסטרי. איך ווייס, אַז אפילו ווען מען וועט איינפירען דעם רעפאָרם פון אינשורענס פאַר ארבייטער וועט נאָך אַלץ דעם ארבייטער'ס שיקזאַל זיין אַ ביטערער. איך ווייס, אַז די באַפרייאונג פון די מאַסען וועט קומען ערשט דאַן ווען עס וועט אָפּגעשאַפט ווערען דער סיסטעם וועלכער מאַכט מעגליך אַז דער קלאַס וואָס באַזיצט דאָס לאַנד און די פּראָדוקציאָנס מיטלען זאָל באַהערשען דעם קלאַס וואָס ארבייט. די פּענסיעס וועלען דעם ארבייטער ברענגען ווייניג מאַטעריעלע הילף. זיי וועלען אָבער אריינטראָגען אַן עטישען פּרינציפּ אין אינדוסטרי, זיי וועלען אריינטראָגען אַ ביסעל מאָראַל אין יענער וועלט, וואו עס הערשט בלויז די ברוטאַלע מאַכט.

„די מענשליכע געזעלשאַפט דאַרף זיין עטוואָס בעסער ווי אַ סטאַדע חיות, וואָס זוכען איינער דעם אַנדערען צו פאַרצערען".

קאַפּיטעל 13.

אַ שטורם אין קאָנגרעס איבער לאַנדאָנ׳ס אַ רעוואָלוציאָנערע רעדע

אין דעם סכסוך מיט מעקסיקאַ, אין יאר 1916, איז לאָנ־דאָן ווידער געשטאַנען איינער אַליין געגען אַ פאראייניגטען פראָנט פון דעמאָקראטען און רעפּובליקאַנער. ווען דער פּרע־זידענט האָט געבעטען ביים קאָנגרעס ערלויבנים צו שיקען אַן עקספּעדיציע קיין מעקסיקא, איז לאָנדאָן געווען דער איינציגער, וואָס האָט געשטימט דאגעגען.

צווייי וואָכען שפּעטער האָט ער גערעדט אין קאָנגרעס וועגען דער באַציאונג פון די פאראייניגטע שטאטען צו מעקסיקא. אין פארלויף פון די פארגאנגענע צוויי וואָכען איז אן אמעריקאנער ארמיי אריינגעשיקט געווארען אין מעקסיקא צו כאפּען דעם מעקסיקאנער גענעראל ווילא און די עקספּעדיציע איז צוריק־געקומען מיט ליידיגען. לאָנדאָן האָט אין אָנפאנג פון זיין רעדע אָנגעדייטעט אויף דער פּאסירונג אלס באווייז, דאָס „איך בין געווען גערעכט, און ניט איר. דער פּרעזידענט מוז איצט איינזען, אז דעם גרעסטען פעלער, וואס ער האָט געמאכט אין זיין גאנצער פעלערהאפטער האנדלונג מיט מעקסיקאַ, איז געווען די אזוי־גערופענע שטראָף־עקספּעדיציע.“ ער האָט דאן באוויזען צו וואס פאר אַ געפערליכע רעזולטאטען אזא שריט קען פירען. „די איצטיגע שריפה אין אייראָפּא האָט זיך אָנגעהויבען מיט אַ שטראָף־עקספּעדיציע, וואס עסטרייך האָט געשיקט געגען דער הילפלאָזער סערביע. לייענט די געשיכטע פון דער קאָלאָניאלער אויסשפּרייטונג אין די לעצטע פופציג יאָר, און איר וועט גע־

פינען אז אַ העלפט פון די מלחמות זיינען ארויסגעקומען פון שטראָף־עקספּעדיציעס".

אין אָנפאַנג מאַנאַט מאַי האָט לאָנדאָן אָנגעפירט אין קאָנגרעס א העפטיגען קאַמף פאַר אַ צווייטען שוואַכען פאָלק, וואָס האָט זיך דאמאלס געווערט געגען אן אָנפאַל פון אמעריקאנעם אימפּעריאַליזם. די „הויז" האָט פארהאַנדעלט דעם „דזשאָונס" ביל צו אָרגאַניזירען אַ רעגירונג אין פּאָרטאָ ריקאָ. דער ביל האָט פאָרגעשלאָגען, אז שטימרעכט אין פּארטא ריקא זאָלען האָבען בלויז די געבילדעטע קלאסען און די רייכע, וועלכע צאָלען הויכע שטייערען. די פּארטיידיגער פון דעם פאָרשלאַג האָבען צוגעגעבען, אז לויט דעם געזעץ וועלען פיר־פינפטעל פון דער פּאָרטאָ־ריקער באַפעלקערונג ניט קענען שטימען.

דער קאָנגרעס האָט זעלטען ווען בייגעוואוינט אַזאַ טומעל ווי דער, וואָס איז פאַראורזאַכט געוואָרען פון לאָנדאָן'ס רעדע געגען דעם ביל. לאָנדאָן איז אפּגעשטעלט געוואָרען אין מיטען ריידען, און די קאָלעגען זיינע האָבען אַ לאַנגע צייט דעבאַטירט צווישען זיך, צי מען זאָל אים ערלויבען פאָרטצוזעצען. איינער פון די מיטגלידער פון קאָנגרעס האָט אויסגעשריען: „הלואי וואָלט איך געקענט מאַכען אַ פאָרשלאַג אז מען זאָל אים פון קאָנגרעס אינגאַנצען אויסשליסען!" ענדליך איז לאָנדאָנ'ען באַוויליגט געוואָרען דאָס רעכט זיינע ווערטער צו ערקלערען און זיין רעדע צו ענדיגען.

דער טומעל איז ארויסגעקומען פון עטליכע שאַרפע פראַזען, וואָס האָבען געקלונגען אזוי ווי דער רעדנער העצט צו טעראָר. ווי עס שיינט, האָט ענטוועדער לאָנדאָן אליין, אָדער די סטענאָגראַפּערין אויסגעלאָזט געוויסע ווערטער אין אַ פּאָר פּלעצער און דאָס האָט אביסעל געענדערט דעם זין פון דער רעדע. לויט דעם רעקאָרד ווי די סטענאָגראַפערין האָט פאַרגעלייענט, האָט לאָנדאָן אזוי געזאָגט:

„איך זאָג אז איר ערמאָרדעט די רעכטע פון די פּאָרטאָריקער, דורכדעם וואָס איר נעמט אַוועק ביי דריי־פערטעל פון דער באַפעלקערונג דאָס רעכט צו שטימען. און אָט וואָס איר

וועט אויפטאָן דערמיט: איר וועט מיטברענגען אז אין פּארטאַ ריקאָ זאָל אָרגאַניזירט ווערען אַן אויפשטאַנד. די דריי־פערטעל פון דעם פאָלק, וואס וועלען בארויבט ווערען פון זייערע רעכטע וועלען האָבען דאָס רעכט צו באַנוצען אַ רעוואָלווער, זיי וועלען האָבען דאָס רעכט צו באַנוצען געוואַלט, זיי וועלען האָבען דאָס רעכט צו ערמאָרדען די גאָווערנאָרס (וואָס אַמעריקאַ וועט אהין שיקען). איר נעמט צו ביי זיי די מעגליכקייט אויסצו־דריקען זייערע מיינונגען אויף אַ ציוויליזירטען אופן, דורך דעם שטימקאַסטען. זיי וועלען האָבען דאָס רעכט זיך צו באַנוצען מיט וואָס פאַר אַ וואָפען זיי וועלען קענען. דער מאַן, ביי וועמען איר נעמט אוועק די שטימע, וועט האָבען אַ רעכט אַריינ־צורוקען אַ מעסער אין האַרץ פון אירגענד וועלכער פּערזאָן, וואָס וועט מאַכען אַ פּאַרזוך איבער אים צו רעגירען".

ביי דעם פּונקט האָט אַ קאָנגרעסמאַן פון טעקסעס אונ־טערבראָכען לאָנדאָנ'ען און געפאָדערט פון טשערמאַן, אַז מען זאָל אים ניט ערלויבען פּאָרטצוזעצען. דער ספּיקער, מר. קלאַרק, איז גראָד ניט געווען אין „הויז" און אַן אַנדערער האָט געפירט דעם טשער. עס איז געוואָרען אַ טומעל. אַ לאַנגע צייט האָבען זיך די קאָנגרעסלייט אַרומגעריסען צווישען זיך איבער די פּאַרלאַמענטאַרישע געזעצען אין אַזאַ פאַל. דערווייל איז דער ספּיקער אָנגעקומען און האָט פאַרנומען דעם טשער. די רעפּובליקאַנער מינאָריטעט האָט געפאָדערט אַז די גאַנצע אַנגעלעגענהייט זאָל אָפּגעלייגט ווערען אויף אַ צווייטער זיצונג. הפנים זיי האָבען געוואָלט האָבען צייט זיך מישב צו זיין וואָס מען זאָל טאָן מיט לאָנדאָנ'ען. ספּיקער קלאַרק, וועלכער איז אימער געווען פריינדליך צו לאָנדאָנ'ען און האָט פון לאָנדאָנ'ען שטאַרק געהאַלטען, האָט ניט צוגעלאָזען דערצו. ענדליך האָט לאָנדאָן באַקומען דאָס רעכט צו ערקלערען, צי ער האָט טאַקע געמיינט צו העצען צו טעראָר, צי ניט. ער האָט אַזוי גע־זאָגט:

„עס טוט מיר לייד, אויב מיינע ווערטער האָבען אימיצען אין „הויז" פאַראורזאַכט אונאַנגענעמליכקייט. עס איז קלאָר,

אז ווען עס וואָלטען אין די פאָרגעלעזענע זאצען מיינע געשטאָנען צוויי אָדער דריי פארבינדונג-ווערטער וואָלט קיינער געגען זיי ניט געהאט וואָס אויסצוזעצען. ווי זיי לעזען זיך איצט, זעט אויס, אז איך אגיטיר צו די פארטאַ-ריקער זיי זאָלען זיך באַנוצען מיט געוואלד אויב זיי וועלען ניט קריגען קיין שטימרעכט.

„וואָס איך האָב ווירקליך געוואלט זאָגען איז אָט וואָס: אין אַלע דעמאָקראַטישע לענדער האָבען די בירגער א געלעגענהייט אויסצודריקען זייערע פּאָליטישע איבערצייגונגען דורך דעם שטימצעטעל; אין די לענדער אָבער וואו די בירגער האָבען ניט אזא געלעגענהייט אויף אויסצודריקען זייערע איבערצייגונגען, מוזען זיי זיך באַנוצען מיט אַנדערע מיטלען, און זיי באַנוצען זיך מיט אַנדערע מיטלען״.

לאָנדאָן האָט ווייטער ערקלערט, אז וואַרשיינליך זיינען זיינע ווערטער ניט ריכטיג פארשריבען געוואָרען פון דער סטענאָגראַפערין. „סטענאָגראַפערס זיינען מיינע שונאים. איך רעד זייער שנעל. ווען איך רייד גיי איך ארום. דער סטענאָגראַפער וואָס וויל כאַפּען יעדען וואָרט מיינעם, מוז מיר נאָכלויפען אויף רעדלאַך. אבער דער סך הכל איז דער: איך אַגיטיר ניט פאר געוואלד. איך בין א סאָציאַליסט. איך גלויב אין פּאָליטישער אקציאָן. דעם גרעסטען טייל פון מיין לעבען האָב איך געווידמעט אויף צו באַקעמפען די, וואָס אגיטירען פאר געוואלד. איר האָט מיך געהערט דאָ אין „הויז״, ווי איך האָב ווידער און ווידער פארדאַמט געוואלד. איך גלויב אין אויפקלערונג און אין ליבע... אויפקלערונג, ליבע און בילדונג זיינען די וויכטיגסטע כוחות אין דער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט״.

די ערקלערונג האָט ניט באַרואיגט לאָנדאָן׳ס פארביסענע געגנער. זיי האָבען געפאָדערט, אז ער זאָל זיך ענטשולדיגען פאר׳ן קאָנגרעס און זאָל אויך צושטימען דערצו, אז זיינע „העצע ווערטער״ זאָלען אויסגעמעקט ווערען פון די קאָנגרעס פּראָטאָקאָלען. אויף דעם האָט לאָנדאָן געענטפערט: „דאַכט מיר,

אז איך האָב זיך שוין ענטשולדיגט". ער האָט ניט געהאַט דאַגעגען, אז יענע שטעלע פון זיין רעדע, וואָס האָט ארויסגערופען דעם שטורם, זאָל אין פראָטאָקאָל ניט אריין. די „הויז" האָט דאַן אָנגענומען א פאָרשלאַג מיט 76 שטימען געגען 18, אז לאָנדאָן זאָל זיין רעדע פאָרטזעצען.

דער טומעל האָט קענטיג אויף לאָנדאָנ'ען געהאַט א קליינע ווירקונג. ער האָט זיין רעדע פאָרטגעזעצט מיט דער זעלבער שטאַרקייט ווי פריער.

„מיט דעם וואָס איר עטאַבלירט דעם פרינציפּ, אז בלויז איין פערטע טייל פון דער באַפעלקערונג אין פאָרטאָ ריקאָ זאָל באַרעכטיגט זיין צו שטימען, לעבט איר אויף דעם אַלטען פרינציפּ, אז שטימרעכט האָט ניט דער מענש, נאָר דאָס אייגענטום. איר ווייסט דאָך מסתמא אז נאָכדעם ווי די קאָנסטיטוציע איז פאַרפאַסט געוואָרען, אין יאָר 1787, איז אין פילע פון די אמעריקאַנער סטייטס אָנגעגאַנגען א קאַמף פאַר דער אָפּשאַפונג פון אייגענטום־באַגרענצונגען אויף שטימרעכט. אין ראָוד איילענד איז זאָגאַר פאָרגעקומען אן אויפשטאַנד איבער דעם. שרעקט זיך ניט פאַר דעם וואָרט „אויפשטאַנד", איך בעט אייך. איך מיין ניט צו פריידיגען רעוואָלוציע. מיט אייער האַנדלונג פאַרזעעט איר קערענדלאַך פון אונצופרידענהייט. וואָס פאַר אנדערע מיטלען וועלען די פאָרטאָ־ריקער האָבען אויסצודריקען זייערע מיינונגען? וואָס פאַר אנדערע מיטלען וועלען זיי באַזיצען צו געבען אויסדרוק צו זייערע וואונשען און צו זייערע פּאָליטישע איבערצייגונגען?"

די פאָרטאָ־ריקער פראַגע איז פאַרהאַנדעלט געוואָרען נאָך צוויי מאָל, דעם 20טען און דעם 22טען פון מאָנאַט. און ביי ביידע געלעגענהייטען האָט לאָנדאָן ווידער געפאָדערט גערעכטיגקייט און דעמאָקראַטי פאַר די פאָרטאָ־ריקער מאַסען. דעם 20טען האָט ער געמאַכט א פאַרזוך צו אַמענדירען דעם פאַרגעשלאָגענעם געזעץ וועגען קינדער־ארבייט אויף דעם אינזעל. ער האָט געזאָגט:

„דער פאָרגעשלאָגענער געזעץ האָט קיין ווערט ניט. ער

לייענט זיך אזוי: קינדער אונטער פערצען יאָר זאָלען ניט ארבייטען ביי טריידס וואס זיינען שעדליך צום געזונד אָדער צו דער מאָראַל אָדער זיינען געפערליך פאר די אברים אָדער פאר׳ן לעבען. וואָלט דער געזעץ זיך געלעזען פשוט, אז קינדער אונ־טער פערצען יאָר טאָרען ניט ארבייטען, וואָלט מען געוואוסט, אז עס איז אַ באַשטימטע באַגרעניצונג. איר טוט עס אָבער ניט. איר באַגרעניצט די באַגרעניצונג. איר פארבאָט קינדער אר־בייט מיט געוויסע באַדינגונגען. איר פארצאמט דעם פארבאָט. אזא געזעץ האָט קיין שום ווערט ניט אין דער פראַקטיק."

דעם 22טען איז לאָנדאָן צוריקגעקומען צו דער פראַגע פון שטימרעכט.

„דער ביל איז נאַריש און רעאַקציאָנער. אונטער שפּאַניען זיינען די פּאָרטאָ־ריקער רעגירט געוואָרען פון א בלוט־אריסטאָ־קראַטי. מיר ווילען אויף זיי ארויפצווינגען די עקעלהאפטע געלד־אריסטאָקראַטי. איר ווילט מאַכען א געזעץ, דאָס פאר א רעגירונגס אמט זאָל מעגען לויפען בלויז אזא בירגער, וועלכער האָט אייגענטום אין ווערט פון טויזענט דאָלאַר. דאָס הייסט, ווי קולטורעל, ווי געבילדעט איינער זאָל ניט זיין, אויב ער פאַרמאָגט ניט קיין טויזענט דאָלאַר, טאָר ער ניט פארטרעטען זיינע מיטבירגער. איר ווילט איבערקערען דאָס געזעץ פון פּראָגרעס. איר ווילט ארויפצווינגען אויף פּאָרטאָ ריקאָ א סיס־טעם פון וועלכער מיר האָבען זיך נאָך לאַנגער און שווערער מי באַפרייט. רייכטום איז סיי ווי שטאַרקער ווי אָרימקייט. איצט ווילט איר די רייכע נאָך שטאַרקער מאַכען דערמיט וואָס איר וועט זיי געבען די אויסשליסליכע רעכט צו מאַכען די געזעצען פון לאַנד. איר ווילט איינטיילען די פּאָרטאָ־ריקער אין קלאַסען. איין קלאַס זאָל מאַכען די געזעצען און דער צווייטער קלאַס זאָל די געזעצען פאָלגען. אָט אזא פרינציפּ וויל דער קאָנ־גרעס אונזערער גוטהייסען אין דעם יאָר 1916. וואס פאר אַ מאָדנע דעמאָקראַטען איר זייט! וואָס פאר אַ מאָדנע רעפּוב־ליקאַנער!"

דער זעלבער קאָנגרעסמאַן, וועלכער האָט אָפּגעשטעלט לאָנ־

דאָנ'ען אין מיטען זיין רעדע מיט עטליכע טעג פריער, האָט זיך איצטער אויך ניט געקענט איינהאלטען. דעם מאָל האָט ער געמאכט אויף לאָנדאָנ'ען אן עקעלהאפטע אטאקע. ער האָט אויסגעשריען: „מר. טשערמאן, דער ביל ווערט רעקאָמענדירט איינשטימיג פון דער קאָנגרעס קאָמיטע, סיי פון די דעמאָקראַטען, סיי פון די רעפובליקאנער. ער ווערט געשטיצט פון דעם פארטא־ריקער פארטרעטער אין קאָנגרעס. אויב ער איז צופרידענשטעלענד פאר די בירגער און פארטרעטער פון פארטא ריקא, דארף דער הער, וואס פארטרעט די איסט סייד פון ניו יארק האַלטען זיין מויל".

דערפאר וואס לאָנדאָן האָט געוואגט צו פארטיידיגען אן אונטערטעניגען פאָלק איז ער באַליידיגט געווארען פון זיינע אייגענע קאָלעגען. אָבער דאָס לאנד, פאר וועלכען ער האָט זיך אָנגענומען איז לאָנדאָנ'ען געווען דאנקבאר. עטליכע וואָכען נאָכדעם, ווי דער קאמף איז געווען פאָראיבער, האָט לאָנדאָן ערהאַלטען דעם פאָלגענדען בריף פון דעם סעקרעטער פון דער סאָציאַליסטישער פארטיי אין סאן יואן, די הויפט שטאָט פון פאָרטאָ ריקאָ:

„ווערטער הער: איך בין בעאויפטראגט פון דער עקזעקוטיווע אויסצודריקען צו אייך אונזער דאנק פאר פארטיידיגען אונזער לאנד. אייער טעטיגקייט אין אונזערע אינטערעסען ווערט פון אונז ריכטיג אָפגעשאצט. מיר אַלע דאנקען אייך".

ענליכע דאנק־געפילען צו לאָנדאָנ'ען זיינען געדרוקט געוואָרען אין דער סאָציאליסטישער פרעסע פון פארטאָ ריקאָ. אָבער אין דער צייטונג „טיימס", וואס ווערט אין פארטא ריקא ארויסגעגעבען פאר די אמעריקאנער אויסבויטער, וועלכע וואוינען דאָרטען, איז לאָנדאָנ'ס רעדע כאראקטעריזירט געווארען אלס „העצעריש און בלוט־דורשטיג." די צייטונג האָט אויך דערציילט אירע לעזער, אז „אזא שרעקליכע רעדע ווי לאָנדאָן'ס האָט מען אין קאָנגרעס זייט פילע יאָרען ניט געהערט, און פיליכט קיינמאָל ניט".

קאפיטעל 14.

לאַנדאָנד'ס שטעלונג צו דער מלחמה

די סאָציאַליסטישע פּארטיי האָט ניט געענדערט איר שטעלונג צו דער מלחמה אפילו נאָכדעם, ווי אמעריקא איז אין דער מלחמה אריין. עטליכע טעג נאָך דער אָפיציעלער קריגס-ערקלערונג האָט זיך אין סט. לואיס פארזאמעלט א ספּעציעלע קאָנווענשאָן פון דער סאָציאַליסטישער פּארטיי. דאָרטען זיינען פּאָרגעשלאָגען געווארען צוויי רעזאָלוציעס, א מאַיאריטעט רעזאָלוציע, וועלכע האָט באקומען 149 שטימען, און א מינאָריטעט רעזאָלוציע, וועלכע האָט געקראגען ניט מער ווי 50 שטימען. די מאַיאָריטעט רעזאָלוציע, וועלכע איז שפּעטער גוטגעהייסען געווארען פון די מיטגלידער פון דער פּארטיי, האָט זיך געלעזען ווי פאָלגט:

„די סאָציאַליסטישע פּארטיי פון די פאראייניגטע שטאַטען איז באַשטימט געגען דער סיסטעם פון אויסבייטונג און קלאַסען-הערשאפט, וועלכע ווערט אויפגעהאַלטען און געשטארקט דורך דער מיליטערישער מאכט און דורך פאַלשען נאַציאָנאַלען פּאַטריאַטיזם. מיר פאָדערען דערפאר אויף די ארבייטער פון אַלע לענדער זיך אָפּצוזאָגען פון שטיצען זייערע רעגירונגען אין די מלחמות וואָס זיי פירען. די מלחמות פון די נאַציאָנאַלע גרופּען קאַפּיטאַליסטען זיינען ניט די זאַך פון די ארבייטער.

„דער ארבייטער קלאַס פון די פאראייניגטע שטאַטען קריגט זיך ניט מיט דעם אַרבייטער קלאַס פון דייטשלאַנד, אָדער פון אַן אַנדער לאַנד. מיר שטעמפּלען די קריגס-ערקלערונג פון אונזער רעגירונג אַלס א פארברעכען געגען דעם אמעריקאַנער פאָלק און געגען די פעלקער פון דער וועלט. אין דער גאנצער געשיכטע

פון דער מאָדערנער צייט איז ניט געפירט געוואָרען אזא אונ־בארעכטיגטע מלחמה ווי די, אין וועלכער מיר האלטען ביים אריינטרעטען".

די רעזאָלוציע האָט געבראכט דער פארטיי א ים מיט צרות, פון וועלכע זי איז ארויס א צושלאָגענע, אן אָפגעצערטע, קוים א לעבעדיגע. מאנכע פון אירע וויכטיגסטע טוער און פירער האָבען איר פארלאָזען; אייניגע פון זיי האָבען איר זאָגאר גענומען באקעמפען. די פארטיי איז געווארען דער ציל־ברעט פון פראָ־פעסיאָנעלע פאטריאָטען און פאטריאָטישע אָרגאניזאציעס. זי איז פארדאמט געוואָרען, פאָגראָמירט געווארען.

די אויגען פון גאנצען לאַנד זיינען געווען געריכטעט אויף דעם איינציגען סאָציאליסט אין קאָנגרעס. ווי וועט ער האנד־לען? וועט ער פאָרטזעצען דעם קאַמף פאר די פרינציפען פון זיין פארטיי און וואגען זיך צו שטעלען געגען דעם האס פון די „פאטריאָטען" וועלכע האָבען דאן באהערשט די עפענטליכע מיינונג? אָדער וועט ער זיך וואקלען, וועט זוכען צו מאכען קאָמפּראָמיסען, פשרות?

לאָנדאָנ'ס כאראַקטער האָט זיך אָפגעשפּיגעלט אין זיינע האנד־לונגען אין קאָנגרעס אין פארלויף פון די נעקסטע צוויי יאָר — די צוויי שווערסטע, קריטישסטע און צוטומעלטסטע יאָרען פון זיין גאנצער קאריערע. די מלחמה משוגעת האָט פארטריבען פון לאַנד יעדען סימן פון טאָלעראנץ. לאָנדאָן איז אין קאָנגרעס גע־ווען ווי א פרעמדער, ווי א פארשטויסענער. די פרעסע האָט „געהאלטען איר אויג" אויף אים. יעדעס מאָל ווען ער האָט פארטיידיגט זיינע פרינציפּען איז ער פארדאמט געווארען אלס א ניט־אמעריקאנער, אלס א פאררעטער.

די פארפאָלגונגען האבען אים פון זיין פאָזיציע ניט אראָפּ־געטריבען. ער איז געבליבען שטיין אויף זיין פאָסטען און האָט זיך ניט אָפּגעווענדט ניט אויף רעכטס און ניט אויף לינקס. ער האָט געטאָן זיין פליכט, ווי זיין געוויסען האָט דיקטירט. ער האָט פאָרטגעזעצט זיין קאמף פאר'ן אמת, פאר יושר און גערעכטיגקייט, קימערענדיג זיך ווייניג פאר די מיינונגען און

אָנפאַלען פון די נעגנער. ער האָט געוואוסט, דאָס אין אזוינע מאָמענטען מוז יעדער מענש פאָלגען די שטימע פון זיין אייגען הארץ און נשמה. ניט אין יעדען פאַל איז ער טריי געווען די פרינציפּען פון דער פּאַרטיי. ניט אין יעדען פאַל זיינען די עקסטרעמיסטען אין זיין אָרגאַניזאַציע, די רעכטע אדער די לינקע, געווען צופרידען מיט זיין האנדלונג. ער איז אָבער איימער געווען אויפריכטיג מיט זיך אליין, טריי צו זיינע אייגענע איבערצייגונגען, וועלכע זיינען געווען טיף איינגעוואָרצעלט און האָבען געצויגען זייער יניקה פון א סאָציאַליסטישען באָדען, פון אן אידעאַליסטישען באָדען.

ער האָט ניט פארבאָרגען פון קיינעם, דאָס טראָץ זיין אָפּאָזיציע צו אמעריקא׳ס אריינטריט אין דער מלחמה, זיינען זיינע סימפּאַטיען געווען אויף דער זייט פון די עליים. דאָס איז געווען איינע פון די אורזאכען, פאר וואָס ער האָט ניט געשטימט „ניין" אין דער פראגע פון מלחמה־הוצאות. ער האָט זיך בעסער צוריקגעהאלטען אין גאנצען פון שטימען. ער האָט זיך אויך צוריקגעהאלטען פון שטימען איבער די קריגס־בודזשעטען. ער האָט ערקלערט, אז וויבאלד דער קריג איז א פאַקט, וויל ער ניט שטערען די אמעריקאנער פון צו קריגען די נויטיגע פּראָוויאנט. די האנדלונגען זיינע זיינען שטארק קריטיקירט געוואָרען פון די לינקע אין דער סאָציאַליסטישער באוועגונג. ער איז אויך פון די זעלבע עלעמענטען אטאַקירט געוואָרען דערפאַר, וואָס ער האָט עפענטליך געשטיצט די „דרייווס" פאר פארקויפען די „מלחמה באָנדס".

עס מוז אָבער אונטערשטראָכען ווערען, אז די „רעכטע" האנדלונגען לאָנדאָנ׳ס האָבען זיך אין קאָנגרעס כמעט ווי ניט אָנגעזען. זיין הויפּט טעטיגקייט איז באַשטאַנען אין באַקעמפען די רעאַקציאָנערע בילס און אין פאָדערען אַז דער קריג זאָל אָפּגעשטעלט ווערען און פרידענס־פארהאנדלונגען זאָלען זיך גלייך אָנפאנגען.

אין דער זעלבער נאַכט ווען אמעריקא האָט ערקלערט קריג געגען דייטשלאנד, האָט לאָנדאָן אריינגעטראָגען א רעזאָלוציע

אין קאָנגרעס, וועלכע האָט אויפגעפאָדערט דעם פּרעזידענט ער זאָל מאכען א נייעם פארזוך צונויפצורופען א פרידענס־קאָנפּע־רענץ פון די קריגערישע לענדער. ער האָט באַזירט זיין פאָר־שלאג אויף די לעצטע געשעענישען אין רוסלאנד, וואו דער רעזשים פון צאר איז געשטירצט געווארען און א רעפּובליק איז פּראָקלאמירט געווארען. לאָנדאָן האָט גע׳טענה׳ט, אז די ריזיגע געשעעניש וועט זיך מוזען אָפּרופען אויף דער גאנצער קריגס־סיטואציע אי פיזיש, אי גייסטיג, און אז דער פּרעזידענט דארף וואָס שנעלער איר אויסנוצען אין די אינטערעסען פון פרידען.

מיט עטליכע וואָכען שפּעטער, האָט לאָנדאָן געהאלטען א רעדע געגען דעם פּרעזידענט׳ס פאָרשלאג, אז עס זאָל איינגע־פירט ווערען געצוואונגענע מיליטער־דינסט פאר דער מלחמה. לאָנדאָן האָט געפאָדערט, אז אנשטאָט א „דרעפט״ אויף מענשען, זאָל בעסער געמאכט ווערען א דרעפט אויף אייגענטום.

„איך וואָלט פארבאָטען די אמוניציע־פאבריקען״, האָט ער געזאָגט, „און זיי פארוואנדעלט אין רעגירונגס־אייגענטום. איך וואָלט ארויסגעקוועטשט די פּראָפיטען פון דער אמוניציע ביזנעס צו באשיצען די מאסען אין אמעריקא און אין די עליים לענדער. איך וואָלט גענומען די וויכטיגסטע אינדוסטריען פון לאנד און זיי נאציאָנאליזירט. איך וואָלט געלייגט דעם פונדא־מענט פאר א דעמאָקראטישער פארוואלטונג פון אינדוסטריע, א זאך וואָס איז אונפארמיידליך, וואס מוז קומען. איך וואָלט „גע־דרעפט״ ניט מענשען, נאָר אייגענטום״.

דאן האָט לאָנדאָן חוזק געמאכט פון די מאָראלע סענטי־מענטען, מיט וועלכע פרעזידענט ווילסאָן האָט באַפּוצט זיין דרעפט פאָרשלאג.

„דער פּרעזידענט הייסט אונז ווערען רעוואָלוציאָנערען און אָרגאניזירען א רעוואָלוציע אין דייטשלאנד. אין דייטשלאנד זיינען זיי בעסערע דעמאָקראטען ווי דאָ. דייטשלאנד האָט מי־ליאָנען סאציאליסטען. זיי ארבייטען פאר דעמאָקראטי. ווען זיי האָבען גערעדט וועגען אינטערנאציאָנאלען פרידען, האָט מען זיי געהייסען „שטיין ביים קייזער״, אזוי ווי מען הייסט

אונז דאָ „שטיין ביים פרעזידענט", צי דער פרעזידענט איז גע־רעכט, צי אומגערעכט.

„ווילסאָן רופט צו אונז, מיר זאָלען ווערען רעוואָלוציאָנע־רען, מאַכען אַ רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד. האָט איר אַמאָל געהערט אז מען זאָל קריגען רעוואָלוציאָנערען דורך אַ פּריזיוו, דורך אַ דרעפט?

„זיי דערציילען אייך אַז „קאָנסקריפּשאָן" איז אַ דעמאָקראַ־טישע אינסטיטוציע. יעס. דער בית־עולם איז אַ דעמאָקראַ־טישע אינסטיטוציע... דאָס איז אַ דעמאָקראַטי פון דער סע־מעטערי און די גלייכהייט פון דער שלאַכטהויז.

„דער פרייוויליגער, ווען ער גייט קעמפען, איז זיך מקריב אויף דעם מזבח פון אַן אידעאַל ער איז באַגייסטערט פאַר אַ פּרינציפּ. ער קעמפט, און אין קאַמף פאַר אַן אידעע לעבט דער מענש. עס איז ניטאָ קיין ערהאַבענערע זאַך אין לעבען, ווי צו קעמפען פאַר עפּעס: אָבער דאָס איז געזעדט נאָר דאַן, ווען דער מענש טוט עס פרייוויליג, דורך אַן אינערליכען טריב, דורך ענטוזיאַזם, ווען דאָס קומט ביי אים פון הארצען. דער פריי־וויליגער קעמפער איז אַ רעבעל, אַ פרייהייטס־קעמפער, אַ מאַרטירער.

„דער פּריזיוווניק אָבער איז ווי אַ שעפּס וואָס ווערט גע־פירט צו דער שחיטה, אַ קרבן".

די רעדע האָט געגעבען די שאָוויניסטען די געלעגענהייט לאָנדאָנ'ען צו אַטאַקירען. ער איז זיי אָבער גאָרנישט שולדיג געבליבען. אַט זיינען איינינע „פראַגען און אַנטוואָרטען" צווי־שען לאָנדאָנ'ען און אַ שאָוויניסטישען געגנער, נאָכדעם ווי לאָנ־דאָן האָט זיין רעדע געענדיגט:

קאָנגרעסמאַן דזשיימס: „דער הער פון ניו יאָרק (לאָנדאָן) און זיינע סאָציאַליסטישע פריינד זיינען געגען קאָנסקריפּשאָן. אויב דער קאָנגרעס זאָל פאָלגען זייער עצה און רופען פריי־וויליגע, וועלען אַ סך סאָציאַליסטען לויפען קעמפען פאַר זייער לאַנד?"

קאָנגרעסמאַן לאָנדאָן: „ניט ווייניגער ווי קאָנגרעסלייט."

קאָנגרעסמאַן דזשיימס: „איך וויל זאָגען, אז פילע קאָנ־גרעסלייט האָבען אין די פריערדיגע מלחמות זיך אָנגעשלאָסען אין דער ארמיי און זיי וועלען עס טאָן דעם מאָל אויך.“

קאָנגרעסמאַן לאָנדאָן: „דער וואס וועט צו מיר ריידען אין א יוניפאָרם, אים וועל איך גלויבען, אז ער איז אין דער ארמיי.“

קאָנגרעסמאַן דזשיימס: „אויב אזוי, וועט א סאָציאַליסט צו אייך קיינמאָל ניט ריידען“.

קאָנגרעסמאַן לאָנדאָן: „די סאָציאַליסטען האָבען געקעמפט פאַר דעמאָקראַטיע אין דער צייט ווען יעדער קאָרפּאָריישאָן לאָיער אין די רייען פון די אנדערע פּארטייען האָבען געדינט די קאַ־פּיטאַליסטען געגען די ארבייטער. מיר האָבען שטענדיג גע־קעמפט פאר פרייהייט אין דער גאנצער וועלט. מיר קעמפען פאר אינטערנאציאָנאַלען פרידען. אונזערע מענער און פרויען זיינען פרייוויליג געגאנגען זיצען אין די פּריזאָנס, געגאַנגען אין גלות, געגאנגען אויף דער תליה קעמפענדיג פאר דעמאָקראַטיע. בלויז אַ פייגלינג קען באַשולדיגען די סאָציאַליסטען אז זיי פעלט מוט צו קעמפען.“

יעדע נייע פּראָבלעם, וואָס איז אויפגעשוואומען אין קאָנ־גרעס אין פארבינדונג מיט דער מלחמה איז פון לאָנדאָנ׳ען באנוצט געווארען פאר א סאָציאַליסטישער לעקציע. די מלחמה האָט געצוואונגען דער רעגירונג אָנצוואווענדען האלב־סאָציאַליס־טישע מעטאָדען אין דער פארוואלטונג פון טראַנספּאָרט און אין רעד צוטיילונג פון שפּייז און קוילען. לאָנדאָן האָט פאָרגעלייגט די פּלענער מיט מאָנאטען פריער איידער די אדמיניסטריישאָן האָט איינגעזען אז די שריט מוזען געמאַכט ווערען. נאָך אין דעצעמבער, 1916, האָט לאָנדאָן פארגעלייגט א רעזאָלוציע אין קאָנגרעס אז די רעגירונג זאָל איינפירען א קאָנטראָל איבער שפּייז. שוין דאמאָלסט האָט ער געזען ווי די ספּעקולאַנטען שאפען א יקרות אין לאנד און ער האָט געוואלט אז די רעגירונג זאָל זיי באַצייטענס פארשטעלען דעם וועג. ער האָט זיין רעזאָ־לוציע פארטיידיגט מיט א רעדע אין קאָנגרעס. אָבער די איינ־

מאיר לאָנדאָן אין יאָר 1914, ווען ער איז צום ערשטן מאָל ערוויילט
געוואָרן צום קאָנגרעס.

פלוסרייכע מיטגלידער פון דער „הויז" האָבען פון אים חוזק געמאכט און זיין רעזאָלוציע איז איגנאָרירט געוואָרען.

איצטער, אָבער, מיט זעקס מאָנאַטען שפּעטער האָט די אדמיניסטריישאָן אליין זיך געווענדט צום קאָנגרעס ער זאָל דורכפירען א געזעץ איינצוהיטען די שפּייז און די קוילען פון לאַנד. דער פּלאַן פון דער אדמיניסטריישאָן איז ניט געווען אזוי ווייט-גייענד, ווי לאָנדאָנ׳ס פּלאַן. אָבער די אדמיניסטריישאָן האָט איינגעזען אז די לאַגע ווערט קריטיש, אזוי ווי לאָנדאָן האָט פּאָראויסגעזאגט, און אז עפּעס מוז געטאָן ווערען אויף דער סאָציאַליסטישער ליניע, ווי לאָנדאָן האָט איר אָנגעצייכענט. ווען לאָנדאָן האָט גענומען דאָס וואָרט אין דער דעבאַטע איבער דעם ביל וואָס די אדמיניסטריישאָן האָט איצט רעקאָמענדירט האָט ער דערמאָנט זיינע קאָלעגען וואָס עס האָט פּאַסירט מיט זעקס מאָנאַ־טען בעפאָר.

„איך האָב צו דער פּראָבלעם געצויגען אייער אויפמערק־זאמקייט נאָך די שפּייז־ראיאָטען אין ניו יאָרק, אין דעצעמבער. איך האָב דאַן פאָרגעשלאָגען א ביל, וועלכער האָט געפאָדערט אז דער שפּייז־אָנבאָט פון לאַנד זאָל ווערען רעגולירט און קאָנטראָ־לירט פון פאָלק, פאַר׳ן פאָלק, דורכ׳ן פאָלק, און ניט, ווי איצטער, פון פּריוואט קאַפּיטאַל, דורך קאַפּיטאַליסטישע לאַקייען, פאַר פּרי־וואט פּראָפיט.

„ווען איך האָב דעם ביל פאָרגעשלאָגען האָט איר מיר גע־ענטפערט: ,יעס, פיליכט איז דאָ א שפּייז פּראָבלעם אין לאַנד, אָבער מיר ווייסען ניט וואָס צו טאָן וועגען דעם׳. און איינער פון די פּראָמינענטסטע מיטגלידער פון דער „הויז", איינער פון די גלענצענדסטע און וויציגסטע רעדנער האָט געזאגט: ,איך האָב אַן עצה פאַר די מענער און פרויען אין ווערענס נאָמען דער קאָנגרעסמאַן פון ניו יאָרק רעדט. זאָלען זיי פאָרען אויף א פאַרם, זאָלען זיי הערען ווי די הינער קוואָקטשען, ווי די חזרים קוויטשען, ווי די בהמות מעקען, ווי די פערד הירזשען; זאָלען זיי קומען אין מיין סטייט אויף די פאַרמס׳. דער קאָנגרעסמאַן, הייסט עס, וואָלט געוואָלט, אז די ארבייטער פון ניו יאָרק וואָס

ליידען פון דעם יקרות זאָלען ווערען פאַרמערס. ער וויל אז דאָס לאַנד זאָל זיך צוריקקערען צו דער ווירטשאַפט פון הונדערט יאָר צוריק. ער ציט זיין חכמה פון קברים. ער איז געווען געגען מיין פאָרשלאַג ווייל ער האָט מורא געהאַט אז דער פאָרשלאַג האָט געשמעקט מיט סאָציאַליזם.״

לאָנדאָן האָט דאַן באוויזען, אז זיין פאָרשלאַג איז א סך פראַקטישער און א סך ווירקזאמער ווי דער רעגירונג׳ס פּלאַן, טאַקע דערפאַר וואָס ער איז נעענטער צום סאָציאַליזם. און ער האָט זיין רעדע געשלאָסען מיט אן אפּיל פאַר דעם סאָציאַליסטי־שען פּרינציפּ, אז די רעגירונג זאָל באַזיצען און קאָנטראָלירען אַלע לעבענס מיטלען, ניט נאָר אין צייט פון מלחמה, נאָר שטענדיג.

„פאַר די גרויסע מאַסען פון פאָלק איז דאָס לעבען א שטענ־דיגע מלחמה. דער קאַמף פאַר פּרנסה איז זייער אן ערנסטער פאַר די מערסטע מענשען. דאָס לעבען איז פאַר זיי שטענדיג פול מיט שרעק — די שרעק פאַר ארבייטסלאָזיגקייט, די שרעק פאַר עלטער און פאַר פאַך־קראַנקהייטען. דער קליינער ביזנעס־מאַן איז אין שטענדיגער שרעק טאָמער וועט ער צודריקט ווערען פון דעם שטאַרקען קאָנקורענט, פון דעם טראַסט. דער אָרימער מענש איז פריי בלויז אין טעאָריע, אין דער ווירקליכקייט אבער איז ער א שקלאַף. די ווייזשעס ווערען פאַר אים באַשטימט פון באַלעבאָס; די רענט ווערט פאַר אים באַשטימט פון לענדלאָרד; דער פּרייז פון זיין עסענוואַרג און פון זיינע קליידער ווערען באַשטימט פון די זעלבע מענשען. און אין דער זעלבער לאַגע ווי דער אַרבייטער אין פאַבריק געפינט זיך אויך דער אַרבייטער אויפ׳ן לאַנד. פאַר דער מלחמה איז אויסגערעכענט געוואָרען אז צו ערנערען א פאַמיליע פון פינף איז נויטיג צום וועניגסטענס עלף הונדערט דאָלאַר א יאָר. לויט די איצטיגע פּרייזען איז עלף הונדערט דאָלאַר ניט ווערט מער ווי 700 דאָלאַר פון פאַר דער מלחמה. ווי אַזוי מיליאָנען אַרבייטער לעבען אונטער די איצטיגע אומשטענדען איז פאַר מיר א געהיימניס.״

קאַפּיטעל 15.

לאָנדאָן, די מלחמה און די סאָציאַליסטען

לאָנדאָנ'ס אַרבייט אין קאָנגרעס ביז דעם מאָמענט ווען אַמעריקאַ איז אין קריג אַריין, האָט אין אַלגעמיין שטאַרק אויסגענומען ביי די סאָציאַליסטען און ליבעראַלען. ער האָט באַקומען אַן אַ שיעור קאָמפּלימענטען אין דער סאָציאַליסטישער פּרעסע און אין ליבעראַלע צייט־שריפטען. זיינע רעדעס אין קאָנגרעס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרען אַלס סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע. ער אַליין פלעגט קומען אָפט פון וואַשינגטאָן צו זיינע בירגער אין ניו יאָרק, פלעגט זיי צונויפרופען אויף פאַרזאַמלונגען און זיי ערקלערען וואָס ער טוט און וואָס ער רעדט אין זייער נאָמען אין קאָנגרעס. ביי די פאַרזאַמלונגען פלעגען די מאַסען אים אויפנעמען מיט דער גרעסטער באַגייסטערונג. די איסט סייד איז געווען שטאָלץ מיט איר פאַרטרעטער און האָט עס באַוויזען און דעמאָנסטרירט ביי יעדער געלעגענהייט.

די בעסטע פּראָבע איז געווען די וואַלען פון 1916, ווען לאָנדאָן איז געלאָפען פאַר אַ צווייטען טערמין אַלס קאָנגרעסמאַן. טעמעני האָט אָנגעפירט אַ פאַרצווייפעלטען קאַמף איר פאַרלאָרענע פּעסטונג צוריקצוגעווינען. מיט לאָנדאָנען זיינען געשטאַנען די אָרגאַניזירטע אַרבייטער, די ליבעראַלע פּראָפעסיאָנאַלען און די פּראָגרעסיווע גרופּען צווישען די קליינע ביזנעסלייט. לאָנדאָן האָט זיך אין גאַנצען פאַרלאָזען אויף דעם „רעקאָרד" וואָס ער האָט זיך געמאַכט אין קאָנגרעס. זיין קאַמפּיין ליטעראַטור איז באַשטאַנען הויפּטזעכליך פון אויסצוגען פון קאָנגרעס רעדעס און פון מיינונגען וועגען אים וואָס זיינען געדרוקט געווען אין דער פּראָגרעסיווער און ליבעראַלער פּרעסע, ניט נאָר אין ניו יאָרק, נאָר

איבער'ן גאנצען לאנד. דעם כאראקטער פון די מיינונגען קען אם בעסטען אילוסטרירט ווערען פון דעם פאלגענדיגען לייט־ארטיקעל אין דעם באוואוסטען ליבעראלען וואכענשריפט „ניו רעפאבליק":

„אן איינזאמער קאנגרעסמאן אין זיין ערשטען טערמין ווערט צודריקט אונטער דער מאשין וואס קאנטראלירט די „הויז". לאנדאן אבער איז דארטען געווען אן אנגעזעענע פיגור. ער האט געצויגען די אויפמערקזאמקייט מיט זיין אויפריכטיגקייט, שטארקע געפילען און אינטעלעקטועלער קראפט וואס ער האט ארויסגעוויזען אין זיינע רעדעס און אין קאמיטע ארבייט. זיינע קאלעגען האבען זיך צו אים שטענדיג צוגעהערט מיט א ספע־ציעלען רעספעקט און פיליכט אויך מיט א געפיל פון תלמידים, ווייל זיי האבען דאך געמערקט מיט וואס פאר א טיפען און אומפאראינטערעסירטען ערנסט ער טוט זיין ארבייט אלס געזעצמאכער."

לאנדאן איז ווידער ערוויילט געווארען. דער צווייטער זיג, נאך מער ווי דער ערשטער, איז געווען א פערזענליכער טריאומף. די איסט סייד האט ווידער ערוויילט לאנדאנ'ען אלס אן אויסדרוק פון צוטרוי, אלס אנערקענונג פאר זיין ארבייט אין קאנגרעס, אלס א וואונש אים ווייטער צו האבען פאר איר פארשטייער און פאר איר ווארט־זאגער.

אבער אין גאנצען פריי פון קריטיק און אפאזיציע איז לאנ־דאן אפילו דאמאלסט ניט געווען. עקסטרעמיסטען אין דער סאציאליסטישער פארטיי האבען אויסגעזעצט נעגען געוויסע אויסדרוקען און אנדייטונגען אין זיינע רעדעס. שוין אין מארטש, 1916, האט דער סעקרעטאר פון דער סאציאליסטישער ארגאני־זאציע אין קינגס קאונטי געשריבען לאנדאנ'ען א בריף וואס האט געשמעקט מיט דראהונג: „איך בין אינסטרואירט געווארען פון דעם צענטראל קאמיטעט פון לאקאל אייך צו בעטען איר זאלט קומען צו א מעמבער מיטינג פון דער ארגאניזאציע. איינע פון די פראגען וואס דער מיטינג וועט פארהאנדלען איז די: צי מיר זאלען פארטיילען אייער „פריפערעדנעס" רעדע. איר ווייסט געוויס, מיט א צייט צוריק האט דער לאקאל באשלאסען אייער

רעדע ניט צו פּאַרטייען, ווייל אים זיינען ניט געפעלען געווען די אנטוואָרטען וואָס איר האָט געגעבען אויף פראגען וועלכע זיי־נען אייך געשטעלט געווארען פון קאָנגרעסלייט נאָכדעם ווי איר האָט די רעדע גענענדיגט. איר האָט דאן געזאָגט דאָס אין פאל פון אן אטאקע אויף אמעריקע וואָלט יעדער סאָציאַליסט זיך געשטעלט אין די רייען דאָס לאנד צו פּאַרטיידיגען". דער סעקרעטאר ערקלערט ווייטער אין בריף דאָס דער לאָקאל האָט אָנגענומען א רעזאָלוציע, אז: „דער ארבייטער קלאס האָט ניט קיין לאנד צו פּאַרטיידיגען" און אז דערפאר האלט ער לאָנדאָנ'ס ערקלע־רונג אין קאָנגרעס אלס „ניט סאָציאַליסטיש".

מיט עטליכע טעג שפּעטער האָט לאָנדאָן באקומען א סך א שאַרפערען פּראָטעסט פון א פינישען ברענטש פון דער סאָציאַ־ליסטישער פּאַרטיי אין פּאָרטלאנד, ארעגאָן. דער בריף האָט זיך אָנגעהויבען מיט די שטעך־ווערטער: „צו „אונזער" מיס־פאר־טרעטער אין קאָנגרעס". די פינישע גענאָסען אין פּאָרטלאנד זיי־נען אויפגעבראַכט געווארען געגען לאָנדאָנ'ען צוליב א שטעלע אין זיינער א רעדע געגען פארגרעסערען די ארמיי. אין דער רעדע האָט לאָנדאָן געוואָרענט דער רעגירונג זי זאָל ניט וואגען באַנוצען איר מיליטער געגען ארגאַניזירטע ארבייט און ער האָט אזוי גע־זאָגט: „אויב די מיליץ וועט ווייטער באַנוצט ווערען אויף אונ־טערדריקען סטרייקס וועט דאָס פאָלק פארלירען זיין רעספּעקט צו איר... די גרויסע מאסען וועלען באטראַכטען די מיליץ אלס א סטרייק־ברעכענדע אַגענטור און זיי וועלען זיך אָנטזאָגען אין דער מיליץ אריינצוטרעטען."

„פון די ווערטער", שרייבען ווייטער די פינישע גענאָסען, „קען מען דרינגען, אז איר, לאָנדאָן, ווילט ניט, אז די מיליץ זאָל פארלירען דעם רעספּעקט פון פאָלק. איז דאָס סאָציאַליזם? האָ־בען מיר, די אונטערדריקטע ארבייטער וועלכען רעספּעקט פאר דער מיליץ אָדער פאר אירגענד אנדער מיליטאַריסטישע אָרגאַני־זאַציע?... איז עס אונזער פליכט צו פארהיטען דעם כבוד פון די ווערקצייג פון דעם הערשענדען קלאַס? מיר האָבען קיין רעספּעקט ניט אַפילו פאַר דער מילדעסטער פאָרם פון מיליטאַ־

ריזם. מיר פאַרדאַמען דעם יעניגען וואָס שליסט זיך אָן אין אירגענד וועלכער מיליטערישער קערפּערשאַפט... אַזוי פאַרטרעטען אונז, די מיטגלידער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, ווי לאָנדאָן טוט עס, הייסט מיספאַרטרעטען. מיר וואָרנען לאָנדאָנען און אנדערע אינטעליגענטען אַז ווען זיי ריידען אין נאָמען פון קלאַסענבאַוואוסטע אַרבייטער זאָלען זיי זיין פּאָרזיכטיג און ניט מאַכען דעם איינדרוק, אַז מיר שטיצען אירגענד וועלכען סאָרט פון מיליטאַריזם".

די קריטיק פון די עקסטרעמיסטען איז געוואָרען שטאַרקער און שטאַרקער וואָס נעענטער דאָס לאַנד האָט זיך צוגערוקט צום שוועל פון דער אייראָפּעאישער מלחמה. אין דער זעלבער צייט וואָס לאָנדאָן איז אַטאַקירט געוואָרען אין קאָנגרעס און אין דער פּרעסע אַלס אַ פּראָ־דייטש, אַלס אַ ניט־אַמעריקאַנער און אַלס אַ פאַררעטער פאַר זיין ווידערשטאַנד צו די מלחמה־פּראָפּאַגאַנדע און מלחמה פאַרבאַרייטונגען, האָבען די עקסטרעמע סאָציאַליסטען אים אַטאַקירט ביי פּאַרטיי־מיטינגען, אַז ער פאַרראַט די „רעוואָלוציע". אפילו מיט די נאַציאָנאַלע פירער פון דער פּאַרטיי האָט ער ניט שטענדיג געאַרבייט אין פולער האַרמאָניע. ער האָט זיך אָפט אַנטזאָגט צו פאָלגען פּאַרטיי אינסטרוקציעס. ער האָט זיך געוועהרט געגען פּאַרטיי דיסציפּלין. ער האָט צייטענווייז געהאַנדעלט אימפּולסיוו און ניט שטענדיג טאַקטפול. די פּאַרטיי אין אַלגעמיין איז גרייט געווען די „חטאים" אים מוחל צו זיין, ווייל זי האָט געוואוסט אַז אין עצם איז ער אַ גוטער איבערגעבענער סאָציאַליסט און ווייל זי האָט אָפּגעשאַצט די גרויסע ווערט פון זיין אַרבייט פאַר דעם אַרבייטער קלאַס און פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

דער אמת מוז געזאָגט ווערען, דאָס לאָנדאָן איז קיינמאָל ניט געווען צופרידען מיט דער שפּראַך פון דער סט. לואיס'ער רעזאָלוציע. זיין אָפּאָזיציע צו דער מלחמה איז געווען אויפריכטיג און העפטיג כל זמן עס איז מעגליך געווען אַמעריקאַ צוריקצוהאַלטען. ער האָט באַקעמפט יעדען פאַרזוך צוצושלעפּען דאָס לאַנד נעענטער צו דער שריפה. ער איז געשטאַנען אין

פאַרבינדונג מיט יעדער פּראָגרעסיווער אָרגאַניזאַציע וועלכע האָט געאַרבייט פאַר פרידען, און איז געווען איינער פון די פּראָמינענטסטע רעדנער ביי פאָלקס־פאַרזאַמלונגען וואָס זיינען גערופען געוואָרען צו פּראָטעסטירען געגען אַ קריגס־ערקלערונג.

אָבער דער קריג איז ערקלערט געוואָרען. פאַר לאָנדאָנ׳ען האָט זיך געשטעלט די פראַגע: וואָס דאַרף זיין זיין ווייטערדיגע אויפגאַבע? זאָל ער ווייטער פּאַרטזעצען זיינע פּראָטעסטען, זאָל ער ווייטער ריידען און שרייען געגען דאָס פאַרפאַלענע, דאָס אָפּגעטאָנענע? אָדער זאָל ער בעסער זוכען צו לינדערען די ליידען און די צרות וואָס די מלחמה וועט ברענגען? זוכען צו העלפען די קרבנות פון דער מלחמה, זוכען צו ברענגען פרידען וואָס שנעלער? ער האָט געוואוסט, אַז ביי די רעוואָלוציאָנערערע סאָציאַליסטען וואָלט דער ערשטער סאָרט טעטיגקייט פיל בעסער אויסגענומען. ער האָט אָבער אויך געוואוסט, אַז מיט דעם וואָלט ער זיך געמאַכט איינגאַנצען נוצלאָז אין קאָנגרעס, אַז ער וואָלט גאָרניט געקענט אויפטאָן, קיינעם קיין גוטעס ניט געבראַכט. ער האָט באַשלאָסען צו גיין אויפ׳ן צווייטען וועג.

אין אַן ערקלערונג וואָס ער האָט דאַמאָלסט פאַרעפענטליכט האָט לאָנדאָן ערקלערט זיין שטעלונג און זיין אַרבייט אין קאָנגרעס. אָט וואָס ער האָט געשריבען:

„מיר האַנדלען איצט מיט אַ קאָנקרעטען פאַקט. מיר זיינען אין דער מלחמה. די סאָציאַליסטען קענען טאָן איינס פון צוויי. זיי קאָנען זאָגען: מיר האָבען מיט דער מלחמה קיין שייכות ניט. מיר זיינען געגען דער מלחמה אויס פּרינציפּ. מיר ענטזאַגען זיך צו מאָרדען, מיר אַנערקענען ניט אפילו קיין פאַרטיידיגונגס־קריג. מיר וועלען טאָן אַלעס מעגליכעס די מלחמה צו שטערען, מיר וועלען שטערען דער רעגירונג אין איר קריגס־טעטיגקייט. מיר וועלען ווילקאָמען אַ מיליטערישע נידערלאַגע פאַר אמעריקא.״

„וואָס מיר אַנבאַלאַנגט וואַרף איך צוריק דעם פּלאַן. ער איז אומפּראַקטיש. ער קען ניט פאַרווירקליכט ווערען. ער וועט פירען צו דער אויפאָפּפערונג פון אידעאַליסטען וועלכע זיינען

אונז טייער. אָבער דאָס איז ניט דער עיקר. דער עיקר איז אז אין א דעמאָקראטישער לאנד, ווי די פאראייניגטע שטאטען, איז אזא האנדלונג אומגערעכט און ניט־מאָראליש. דער קאָנגרעס פון די פאראייניגטע שטאטען און דער פרעזידענט זיינען ערוויילט געווארען פון דעם פאָלק פון די פאראייניגטע שטאטען. זיי זיינען די פאָרשטייער פון פאָלק. אויב דאָס פאָלק האָט ניט קיין בעסערע פאָרשטייער איז דאָס די שולד פון פאָלק, און אן אויפ־שטאנד געגען דעם וועט זיין אן אויפשטאנד פון פאָלק געגען זיך אליין, און וועט צו די שרעקען און אומגליקען פון מלחמה נאָך צולייגען די גרעסערע שרעק און אומגליקען פון א בירגער־קריג. וועגען דער מעטאָדע איז אלזא ניטאָ וואָס צו ריידען.

„וואָס פאר אן אנדער אויסוועג איז דאָ? די סאָציאליסטען קענען בלייבען פאסיוו. זיי קענען זאָגען: מיר וועלען ניט העל־פען אָנפירען דעם קריג. די מלחמה איז ניט אונזער זאך. מיר וועלען ווארטען ביז דאָס פאָלק וועט ערוואכען און וועט פאָדערען א חשבון פון דער רעגירונג און וועט אָנפאנגען צו באגרייפען די אורזאכען פון מלחמות. דאַן וועלען מיר זיי זאָגען וואָס צו טאָן. דאָס קען זיך זיין א גוטע מעטאָדע פון האנדלען, אָבער זי אפע־לירט ניט צו מיר. איך קען ניט זיין פאסיוו, איך קען ניט זיצען ליידיג און ווארטען אויף שפּעטער.

„ביי מיר וואקסט די איבערצייגונג, אז די סאָציאליסטען מוזען זיך באטייליגען אין דער ארבייט. זיי מוזען זוכען איינ־צוצאַמען די שלעכטע כוחות וואָס די מלחמה האָט לויז געמאכט, כדי צו פארקלענערען די צאָל פון קרבנות, כדי צו באשיצען די רעכטען און די פרייהייטען פון פאָלק. די סאָציאליסטען דארפען אויך זען ווירקען אז עפּעס גוטעס, עטוואָס פּראָגרעסיוועס זאָל ארויסקומען פון דער מלחמה.

„קורץ, איך גלויב ניט אז מיר דארפען זיך פון קאמף איצ־טער צוריקציען.

„די וועלט ווערט איבערגעמאכט. וואָס דארפען מיר טאָן וועגען דעם? זאָלען מיר שטיין פון דער ווייטענס, אזוי ווי

הייליגע פון אַן אַנדער וועלט? אָדער זאָלען מיר זיך אריינוואר־פען אין דער ארבייט און זען בויען לויט אונזערע אידעאַלען?

איצט איז ניט די צייט צו טראַכטען וועגען פּלאַטפאָרמעס, פּראָגראַמעס, וואָס זיינען פּאַרפאַסט געווארען אין פרידענס צייי־טען; איצטער קען מען זיך ניט רעכענען מיט טעאָריעס פון געלערטע און בוך מענשען.

„איך מוז אַנטייל נעמען אין דער וועלט אַרבייט ווען אפילו איך ווייס אז א טייל פון דאָס וואָס איך וועל טאָן וועט זיין ניט גוט"

קאַפּיטעל 16.

לאָנדאָנ׳ס סכסוכים מיט זיין פּאַרטיי

אן אומאנגענעמען סכסוך מיט די פירער פון דער סאָציאַליס־טישער פּאַרטיי האָט לאָנדאָן געהאט קורץ נאָך דעם אויסברוך פון דער רוסישער רעוואָלוציע. דעם 18טען אפּריל, 1917, האָט ער געשיקט אַ קייבעל צו טשכעאידזא׳ן, איינעם פון די הויפּט־פירער פון דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, אין וועלכען ער האָט געמאכט דעם איינדרוק, אז די אמעריקאנער סאָציאַליסטען זיינען געגען דעם, אז רוסלאנד זאָל שליסען אַ סעפּאַראַטען פרידען מיט דייטשלאנד. די קייבעל האָט געלויטעט: „נ. ס. טשכעאידזא, מיט־גליד פון דומא, פּעטראָגראַד, רוסלאנד. — אלס דער איינציגער סאָציאַליסטישער מיטגליד פון דעם אמעריקאנער קאָנגרעס, האָפּענדינג אז די באַנייטע רוסלאנד וועט זיין אַ גרויסע קראַפט אין שאפען אן אלגעמיינעם און דויערהאפטען פרידען, בעט איך אייך העפליך אָן אָפּיציעלע ערקלערונג צו קאָרעגירען די קלאַנגען דאָס די רוסישע סאָציאַליסטען שטייען פאר א סעפּאַראַטען פרידען מיט דייטשלאַנד. מאיר לאָנדאָן.״

לאָנדאָן האָט ערקלערט אז ער האָט זיך באמיט צו פארמיי־דען א סעפּאַראַטען פרידען צווישען רוסלאנד און דייטשלאנד ניט אין די אינטערעסען פון די עליים, נאָר אין די אינטערעסען פון דער רוסישער רעוואָלוציע און פון אַלגעמיינעם פרידען. די ערקלערונג האָט אָבער ניט צופרידענגעשטעלט אפילו די מעסיגע גרופּען אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. צוויי טעג שפּעטער האָט מאָרים הילקוויט געקייבעלט צו טשכעאידזא׳ן אין נאָמען פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי

ער זאָל וויסען אז לאַנדאָן האָט ניט גערעדט אין נאָמען פון די אמעריקאנער סאָציאַליסטען. הילקוויט'ס קייבעל האָט זיך געלע־זען ווי פאָלגט: „לאָנדאָנ'ס קייבעל איז ניט אויטאָריזירט גע־ווארען פון דער סאָציאַליסטישער פּארטיי. אמעריקאנער סאָציאַ־ליסטען האָבען דעם גרעסטען גלויבען אין דער פעהיגקייט פון די רוסישע גענאָסען צו לעזען זייערע אייגענע גרויסע פּראָבלעמען אין די אינטערעסען פון פרידען, דעמאָקראטיע און אינטערנאציאָנאַ־לען סאָציאַליזם."

די סאָציאַליסטישע פּארטיי איז דאמאָלסט געווען ביז אַ גרויסען גראַד אונטער דעם איינפלוס פון די עקסטרעם לינקע, וועלכע האָבען מיט צוויי יאָר שפּעטער איר פּארלאָזען און געגריג־דעט די קאָמוניסטישע באוועגונג. די לינקע גרופּען האָבען פאַר־זיכטיג דורכגעזיפּט יעדע רעדע און עפענטליכע ערקלערונג לאָנ־דאָנ'ס; זיי האָבען געהיט זיין יעדען טריט און געפאָדערט פון דער פּארטיי זי זאָל פון אים פאָדערען דין וחשבון יעדען מאָל ווען ער האָט געזאָגט אָדער געטאָן עטוואס וואָס איז זיי ניט געפעלען. ביי אַ מיטינג פון דער סטייט קאָמיטע פון דער ניו יאָרקער אָרגאַניזאַציע פון דער פּארטיי וועלכער איז אָפּגעהאלטען געוואָרען אין אָלבאַני דעם 16טען מאי, האָבען די לינקע גרופּען דורכגעפירט אַ רעזאָלוציע מיט אַ מילדער טאדלנוג געגען לאָנ־דאָנ'ען. די רעזאָלוציע ערקלערט: „מיר דריקען אוים אונזער טיפע באדויערונג וואָס מאיר לאָנדאָן האָט געשטימט פאר טשעמפּ קלארק אלס פירער פון דער „הויז" און וואָס ער האָט ניט גע־שטימט געגען דער 7 ביליאָן דאָלאר'דיגער מלחמה הלואה." די לינקע האָבען געפאָדערט אַ פיל שטאַרקערע רעזאָלוציע, אָבער די מאיאָריטעט פון די דעלעגאטען האָבען ביי זיך ניט געקאָנט פּועל'ן צו קריטיקירן לאָנדאָנ'ען צו שארף, אפילו ווען ער האָט אַמאָל געטאָן אַ מינדערוויכטיגע זאך פון וועלכע זיי זיינען ניט געווען צופרידען.

לאָנדאָן איז געגאנגען אויף זיין אייגענעם וועג. די נאַציאָ־נאַלע קאָמיטע פון זיין פּארטיי האָט אים אויפגעפאָדערט ער זאָל אריינטראָגען אַ פאָרשלאָג אין קאָנגרעס פאר דער אָפּשאפונג פון

„דרעפט"־געזעץ. מאַנאַטען לאַנג האָט דער סעקרעטער פון דער פּאַרטיי אים געשריבען און טעלעגראַפירט וועגען דעם; ער האָט אויך באַקומען צושריפטען פון סאָציאַליסטישע לאָקאַלס אין פאַר־שיידענע טיילען פון לאַנד. לאָנדאָן האָט עס אבער ניט געטאָן. ער איז געווען ביי זיך איבערצייגט, דאָס אזא פאָרשלאַג וועט קיין נוצען ניט ברענגען און וועט פארשאפען די סאָציאַליסטען און ראַדיקאַלען אומזיסטע צרות.

דער קאַמף מיט די לינקע אין דער פּאַרטיי האָט אנגענומען א זייער שאַרפע פאָרמע אין די הערבסט מאָנאַטען פון יאָר 1917. אין אָקטאָבער האָבען די סאָציאַליסטען אָנגעפירט א שטורעמ־דיגען קאַמפּיין אין די שטאָט־וואַלען פון ניו יאָרק. מאָרים הילק־וויט איז „געלאָפען" פאַר מעיאָר אויף אַן אנטי־קריג פּלאַטפאָרמע. די פּאַסיפיסטען און פארשיידענע אַנדערע גרופּען וואָס זיינען גע־ווען געגען דעם קריג האָבען געשטיצט דעם סאָציאַליסטישען „טיקעט". דער קאַמפּיין איז געווען זייער א הייסער. די רעדנער אויף די סאָציאַליסטישע פּלאַטפאָרמעס האָבען געזען ווי דער סענטימענט פאַר זייערע קאַנדידאַטען וואַקסט פון טאָג צו טאָג. דאָס האָט זיי צוגעגעבען מוט. די לינקע רעדנער האָבען זיך ערלויבט צו זאָגען זאַכען וואָס האָבען געקלונגען ווי אויפרופען צו א רעוואָלוציאָנערען אויפשטאַנד.

לאָנדאָן האָט איינגעזען אז די לינקע סאָציאַליסטען שפּילען זיך מיט פייער, און ער האָט געהאַלטען פאַר זיין פליכט צו וואָרענען זיין פּובליקום, די אַרבייטער מאַסען, געגען דעם געפאַר. ער האָט עס געטאָן ביי עפענטליכע פאַרזאַמלונגען, אויף די זעלבע פּלאַטפאָרמעס פון וועלכע די לינקע האָבען גערעדט. ביי איינער פון די פאַרזאַמלונגען האָט ער אזוי געזאָגט: „מיר סאָציאַליסטען טאָרען ניט זיין קיין דעמאַגאָגען. מיר טאָרען ניט אַפּעלירען צו אומוויסענהייט. עס איז לעכערליך צו זאָגען אז אויב די סאָציאַ־ליסטען וועלען ציען א גרויסען וואוט וועט די מלחמה זיך אָפּ־שטעלען. די מלחמה קען ניט אָפּגעשטעלט ווערען איידער מיר האָבען א געזונטען באָדען פאַר אן אַלגעמיינעם פרידען. עס איז

לעכערליך צו זאָגען אז מיר זיינען גלייכגילטיג צום רעזולטאַט פון דער מלחמה, איצטער, ווען מיר זיינען אין דער מלחמה פארמישט. ווען דער צאַר האָט געקעמפט מיט'ן קייזער האָבען מיר געהאָפט אז ביידע זאָלען ניט געווינען. אבער די לאַגע האָט זיך אזוי געביטען, אז איצטער קאָנען די סאָציאַליסטען ניט האָפען אויף פרידען איידער בעלגיען וועט ניט אָפּגערייניגט ווערען און איידער די דייטשע סאָלדאטען וועלען ניט ארויס פון פראַנקרייך. דער סאָציאַליזם מוז זיגען און פארשפרייטען דעם פּרינציפּ פון אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט אויף דער גאַנצער וועלט. אָבער איך וויל ניט אז די שטימען וואָס וועלען היי־יאָר געוואָרפען ווערען פאַר דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי זאָלען אויסגעטייטשט ווערען אלס גינסטיג פאַר דעם דייטשען קייזער."

די טעגליכע צייטונגען פון ניו יאָרק האָבען געדרוקט סענסאַציאָנעלע באַריכטען וועגען דער אָפּאָזיציע צו לאָנדאָנ'ען אין זיין אייגענער פּארטיי. זיי האָבען זאָגאַר געגעבען אָנצוהערעניש, אז פּלענער ווערען געמאַכט אים פון דער פּארטיי אויסצושליסען. די „ניו יאָרק וואָירלד" האָט אין א לייט־אַרטיקעל געשריבען:

„ווי עס ווייזט אויס איז קאָנגרעסמאַן לאָנדאָן ניט קיין סאָציאַליסט לויט דעם ניו יאָרקער מוסטער." א לייט־אַרטיקעל וואָס א סינדיקאַט האָט ארויסגעשיקט און וועלכער איז איבערגעדרוקט געוואָרען אין פילע צייטונגען איבער'ן לאַנד האָט געשריבען: „קאָנגרעסמאַן לאָנדאָן שטייט איצט אין געפאַר אויסגעשלאָסען צו ווערען פון זיין פּארטיי". עס זיינען פארשפּרייט געוואָרען אלערליי קלאַנגען וועגען די מחלוקות צווישען לאָנדאָנ'ען און דער פּארטיי. ווי עס שיינט זיינען די פירער פון דער פּארטיי אויך אביסעל צוטומעלט געוואָרען פון די ליגענס וואָס האָבען אָנגעפּילט די לופט. דעם 12טען דעצעמבער, 1917, האָט לאָנדאָן באַקומען א בריף פון אַדאָלף גערמער, דעם נאַציאָנאַלען סעקרעטאַר פון דער פּארטיי אין וועלכען עס איז דאָ די פאָלגענדע שטעלע: „מען האָט מיר אָקאָרשט געלאָזט וויסען דאָס איינע פון די פּינישע צייטונגען דרוקט א באַריכט אז איר האָט רעזיגנירט פון דער

פּארטיי, ווייל איר שטימט ניט איין מיט אירע פּאליסים. אין דער איצטיגער צייט ווען אזוינע מעשיות ווערען פארשפּרייט, האַלטען מיר אז דער באריכט איז דורכאוים פאלש."

לאָנדאָנ'ס אייגענער לאָקאל, די סאָציאליסטישע ארגאניזאַציעס פון ניו יאָרק קאונטי, האָט ענדליך באשלאָסען צו קומען מיט אים צו „א פארשטענדניש". דער לאָקאל האָט פארופען א ספּעציעלען מיטינג פון די מיטגלידער און איינגעלאדען לאָנדאָנ'ען ער זאָל קומען ערקלערען זיין שטעלונג צו דער מלחמה און צו די נאַציאָנאלע און אינטערנאַציאָנאלע פּראגען וואָס זיינען מיט דער מלחמה פארבונדען. דער מיטינג האָט לאָנדאָנ'ען פארשאַפט גרויסע גייסטיגע שמערצען. ער איז דאָרטען ווילד אַטאַקירט געוואָרען פון זיינע חברים, מענשען וואָס האָבען צוזאַמען מיט אים אין דער פּארטיי געארבייט פילע יאָרען. זיי האָבען אים אין די אויגען געזאגט אז ער טוט ניט זיין פליכט, און אים אויפגעפאָדערט ער זאָל רעזיגנירען פון קאָנגרעס. לאָנדאָן האָט ביי דעם מיטינג גערעדט צוויי מאָל; פריער א שעה מיט א פערטעל און דערנאָך א האלבע שעה. ער האָט גערעדט פריי און אָפען און מוטיג. ער האָט זיך ניט פאַרענטפערט; ער האָט זיך ניט פארטיידיגט. ער האָט בלויז ערקלערט זיין שטעלונג און זיין ענטשלאָסענהייט זיין שטעלונג אויף ווייטער אָנצוהאלטען.

ער האָט אָנגעוויזען דאָס די סט. לואיס'ער רעזאָלוציע קען ניט דינען אלס א פּראָגראם פאר אקטיווע סאָציאליסטען. די סט. לואיס'ער רעזאָלוציע, האָט ער געזאגט, רעכענט זיך ניט מיט דעם פאַקט, דאָס די מלחמה איז אַקטועל. ער האָט באוויזען ווייטער דאָס די קאָנסטיטוציע פון דער סאָציאליסטישער פּארטיי פאָדערט ניט פון אים אז ער זאָל שטימען געגען מלחמה־בודזשעטען. זי פאָדערט בלויז, ער זאָל ניט שטימען פאר אזוינע בודזשעטען. דערפאר האָט ער ניט איבערגעטראָטען די קאָנסטיטוציע, ווען ער האָט זיך אין קאָנגרעס איינגאָנצען צוריקגעהאַלטען פון שטימען.

„איר האָט פון מיר געפאָדערט איך זאָל פארשלאָגען אין קאָנגרעס א ביל פאר דער אָפּשאַפונג פון דעם דרעפט געזעץ. איך האָב אָבער געוואוסט, אז איר וואָלט פאר אזא ביל ניט געקענט

אָנפירען קיין אגיטאַציע. אז אזא ביל זאָל אָנגענומען ווערען אין קאָנגרעס איז ניט געווען די מינדעסטע מעגליכקייט. איר האָט געוואָלט באווייזען דער וועלט, אז מיר האָבען אבסאָלוט גארניט צו טאָן. צו וואָס? ... דאָס לאנד איז אין קריג און איר האנ־דעלט אזוי ווי קיין זאך וואָלט ניט פּאסירט. איר פאַרטרעט א טעאָריע, ניט קיין באוועגונג.״

דער ניו יאָרקער לאָקאל האָט ענדליך אנערקענט אז אים וועט ניט געלינגען צו ווירקען אויף לאָנדאָנ׳ען ער זאָל ענדערען זיין שטעלונג. ער האָט באשלאָסען די פּראַגע איבערצוגעבען צו דער נאַציאָנאלער קאָמיטע, אז זי זאָל קאָנפערירען מיט לאָנדאָנ׳ען און אויסארבייטען צוזאמען מיט אים א פּראָגראם פון וועלכען ער זאָל זיין געבונדען. דערביי איז עס געבליבען.

די פּאָסט האָט געבראכט לאָנדאָנ׳ען גאנצע פּעק מיט אלער־ליי בריף, פריינדליכע און געגנערישע. קינדער פון אלטע אמע־ריקאנער פאמילעס האָבען אים גראטולירט פאַר זיין שטעלונג גע־גען דער מלחמה און, פאַרקערט, זיינען געווען אידישע אימי־גראַנטען וועלכע האָבען אים געזידעלט דערפאַר וואָס ער מאַכט אידען א שלעכטען נאָמען. דאָס לאנד איז אלגעמיין האָט געהאַט אן אנדער מיינונג ווי די לינקע סאָציאליסטען. דאָס לאנד האָט באטראַכט לאָנדאָנ׳ען פאַר א פאַרביסענעם געגנער פון דער מלחמה, פאַר אן אנטי־מיליטאַריסט און פאַר א פאַרקעמפער פאַר פרידען. דאָס לאנד אין אלגעמיין האָט געוואוסט אז לאָנדאָן איז ווי א דאָרן אין זייט פאַר די שאָוויניסטען און מיליטאַריסטען. און פאַר דעם האָבען א טייל מענשען אים געבענשט און א טייל האָבען אים געשאָלטען.

אָט זיינען איינינע טיפּיטשנע בריף וואָס ער האָט באַקומען פוןביידע צדדים.

א פּראָפעסאָר פון איינעם פון די גרעסטע אוניווערזיטעטען האָט געשריבען: „ערלויבט מיר אויסצודריקען מיין שעצונג, וועלכע איך טייל, נאָך מיין מיינונג, מיט מער ווי א העלפט פון דער באפעלקערונג, פאַר אייער מי געגען דער מלחמה... יענע

מיטגלידער פון קאָנגרעס וועלכע האָבען גערעדט און געשטימט געגען קריג וועלען אין דער צוקונפט געערט ווערען פאר זייער מוט און זייער שכל."

א קינד פון אַן אַלטער אריסטאָקראַטישער פאמיליע אין קיימברידזש, מאסאטשוזעטס, האָט געשריבען: „איך ווינש אייך צו שיקען אַ וואָרט פון אנערקענונג און ערמוטיגונג פאר דעם אמת׳ן אַמעריקאַנעם פאַטריאָטיזם וואָס איר האָט ארויסגעוויזען מיט אייער שטעלונג געגען דער מלחמה. איך בין ניט קיין פּראָ־עליים און ניט קיין פּראָ־דייטש. איך שטיי פאר די אמעריקאַנער טראַדיציעס ווי מיר אַלע האָבען געגלויבט ביז 1914."

און אָט איז אַ טשיקאַווער בריף פון אַ פרומער קריסטליכער פרוי, וועלכער איז געשריבען געוואָרען ערב דער קריגס־ערקלע־רונג: „וועט איר, אַלס איד וואָס שטייט פאר גערעכטיגקייט, אַפּעלירען צו די קריסטען אין דער האוז און רעפּרעזענטאַטיווס זיי זאָלען ניט ערקלערען קריג אין פארלויף פון דער הייליגער וואָך? היינט איז דער הייליגער דאָנערשטאָג, מאָרגען איז גוטער פרייטאָג און זונטאָג איז „איסטער", זאָלען זיי אָפּוואַרטען מיט זייער קריגס ערקלערונג ביז וואַנען די הייליגע תפילה וואָס ווערט געזונגען „איסטער" אין די קירכעס וועט אָפּגעזונגען ווערען — די תפילה וועלכע בעט ביי גאָט „פרידען אויף דער ערד און גוטען ווילען צו אַלע מענשען".

פון פילאַדעלפיא איז געקומען דער פאָלגענדער בריף: „עס איז אַ פאַרגעניגען צו וויסען, אַז עס איז דאָ אימיצער אין קאָנ־גרעס, וואָס טראַכט וועגען פרידען און אַז איר האָט גלייך ווי דער קאָנגרעס האָט זיך געעפענט אריינגעטראָגען אַ רעזאָלוציע פאַר פרידען."

און אָט איז אַ בריף פון אַ פאַרמער אין איאָוואַ: „איך האָב געלעזען אין די צייטונגען די נייעס וועגען דער קריגס־ערקלערונג געגען עסטרייך. איר זייט געווען דער איינציגער אין קאָנגרעס וואָס האָט געשטימט געגען דער קריגס־ערקלערונג. איך און מיין פאַמיליע זיינען פון פילע דורות אַמעריקאַנער

אַרבייטער. איך בין ניט פאַר דייטשלאַנד און ניט פאַר עסט־רייך. איך בין פאַר אַמעריקאַ. אַלס אַן אמת'ער אַמעריקאַ־נער וויל איך אייך דאַנקען פאַר אייער שטעלונג געגען דער מלחמה."

דער שטאַנדפּונקט פון פילע אידישע אימיגראַנטען, וועלכע זיינען פון לאָנדאָנ'ס אַנטי־מלחמה טעטיגקייט געווען זייער אונ־צופרידען, איז אַם שאַרפסטען אויסגעדריקט געוואָרען אין אַ בריף פון אַ אידישען דאָקטאָר אין שיקאַגאָ.

„ערלויבט מיר, — שרייבט ער אין זיין בריף, — אייך צו שטעלען אַט די פראַגע: וואָס פאַר אַ דאַנקבאַרקייט צייגט איר און אייער גלייכען אַרוים צו די לענדער, וואָס האָבען אייך גע־געבען אַ היים און אַנערקענט אייערע רעכטע אי אַלס אידען, אי אַלס רעוואָלוציאָנערען? די שיידעמאַנס האָבען אייך ענט־זאָגט ביידע זאַכען. זיי האָבען נאָך אייך באַהאַנדעלט ווי „שווינען" ווען איר זייט דורך זייער לאַנד דורכגעפאָרען אויפ'ן וועג קיין אַמעריקאַ. איך נעם זיך די פרייהייט אייך צו שרייבען, כאָטש איך וואוין ניט אין אייער דיסטריקט, ווייל איר פאַרטרעט מער דעם אידען ווי דעם סאָציאַליסט."

קאַפּיטעל 17.

לאָנדאָן און די אידישע נאַציאָנאַלע פראַגע

דער פּונקט אין דעם בריף פון דעם שיקאַגאָ'ער דאָקטאָר האָט לאָנדאָנ'ען אַ היבש ביסעל עגמת נפש פאַרשאַפט. זיינע פּאָליטישע געגנער אויף דער איסט סייד האָבען געזוכט אַן „אישיו" געגען אים און ניט געקענט געפינען. איצטער האָבען זיי זיך צוגעהערט צו די פּראָטעסטען פון די ציטערדיגע אימיגראַנטען, אַז לאָנדאָן ברענגט שאָדען דעם אידישען נאָמען און זיי האָבען זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט ווי אָן אַן אבן טוב. די פּאָליטישענס האָבען געמאַכט געוואַלדען, אַז לאָנדאָן'ס ראַדיקאַליזם און אַנטי־מלחמה העצעס וועלען ברענגען אַנטי־סעמיטיזם אין דעם איינציגען לאַנד, וואו אידען קענען דעם קאָפּ אָנשפּאַרען. אַלס באַווייז, אַז אַזאַ געפאַר עקזיסטירט, האָבען זיי אָנגעוויזען אויף די אַטאַקעס אין אַמעריקאַנער צייטונגען געגען אימיגראַנטען און אידען דערפאַר וואָס זיי האָבען געשיקט אין קאָנגרעס אַ מאַן, וועלכער „פאַרראַט דאָס לאַנד אין אַ מאָמענט פון דער גרעסטער סכנה".

אין די מער אָרטאָדאָקסישע און נאַציאָנאַליסטישע קרייזען איז לאָנדאָן אויך אַטאַקירט געוואָרען פאַר זיינע פרייע און אינטערנאַציאָנאַלע איבערצייגונגען. עס האָט געהייסען, אַז לאָנדאָן מיסרעפּרעזענטירט אין קאָנגרעס די שטעלונג פון די אַמעריקאַנער אידען צום ציוניזם און צום אידישען נאַציאָנאַליזם אין אַלגעמיין.

די אידיש־נאַציאָנאַלע פראַגע האָט אויף דער אידישער גאַס פון אַמעריקאַ קיינמאָל ניט פאַרנומען דעם פּלאַץ, וואָס זי האָט פאַרנומען אין דער אַלטער היים. פאַר די היגע אַרביי־

טער מאסען האָט די פּראָבלעם פון ציוניזם און פון אַ אידי־שער קולטורעלער זעלבסט־באַשטימונג, איבער וועלכע די פּועלי־ציון, ציוניסטען און די בונדיסטען האָבען זיך אַזוי ארומגעררי־כען אין רוסלאַנד, כמעט ווי גאָרניט עקזיסטירט. די אינטע־ליגענטען, וועלכע האָבען געפּריידיגט דעם סאָציאַליזם צו די אי־דישע אימיגראַנטען אין די 90־ער יאָרען, זיינען געווען קאָסמאָ־פּאָליטען, אסימילאַטאָרען. זיי איז דער אידישער נאַציאָנאַליזם גאָר אין זינען ניט געלעגען. זיי האָבען געגלויבט, אז אין דער צוקונפטיגער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועט די גאַנצע מענש־הייט זיין איינס, אַלע סמנים פון ראַסען און פעלקער וועלען אָפּגעמעקט ווערען. די היגע סאָציאַליסטען אין יענע יאָרען האָ־בען זיך ניט פאַרנומען מיט אַזוינע פּראָבלעמען, ווי די אַנטוויקלונג פון דער אידישער שפּראַך, אדער די פאַרשפּרייטונג פון דער אידישער קולטור. אין רוסלאַנד איז דער „בונד” געווען אַ אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי מיט אַן אייגענער פּלאַטפאָרם און אַן אייגענער פּרינציפּען־ערקלערונג; דאָ אָבער איז די אי־דישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג באַשטאַנען פון ברענטשעס פון דער אמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. זיי האָבען זיך טאַקע דאַן גערופען „אידיש־שפּרעכענדע סעקציעס”, דאָס הייסט, אז דער גאַנצער אונטערשיד צווישען זיי און די אַנדערע סעק־ציעס פון דער אַלגעמיינער אמעריקאַנער פּאַרטיי באַשטייט אין דעם, וואָס זיי פירען זייערע געשעפטען און טוען זייער סאָציאַ־ליסטישע ארבייט אויף אידיש.

די באַציאונגען פון די אידישע סאָציאַליסטען אין אמע־ריקאַ צו די בונדיסטען אין רוסלאַנד, איז געווען די נאָענטסטע און די ווארעמסטע, טראָץ דעם, וואָס זיי זיינען זיך פאַנאַנ־דערגעגאַנגען אין דער פראַגע פון נאַציאָנאַליזם. די היגע סאָ־ציאַליסטען האָבען באַוואונדערט די בונדיסטען פאַר זייער אי־בערגעבענהייט צו דער רעוואָלוציע, פאַר זייערע העלדענטאַטען, פאַר זייער מאַרטירערטום.

נאָך דעם צוזאַמענברוך פון דער רוסישער רעוואָלוציע אין יאָר 1906, זיינען אהער אָנגעקומען אַ מאַסע בונדיסטען און

אויך א צאָל פּועלי ציוניסטען. די אימיגראַנטען פוןביידע אָרגאַניזאציעס האָבען געזוכט דאָ צו באַנייען זייער אַלטען קאַמף. א שטיקעל צייט האָט זיך דאָ געדרודערט מיט דעבאַטען און פּראָפּאַגאַנדא פון די צוויי צדדים. אָבער ווייט איז עס ניט געגאַנגען. די אידישע אַרבייטער מאַסע דאָ האָט ניט אַרויסגעוויזען קיין אינטערעס אין נאַציאָנאַליסטישע פּראָבלעמען. די פּועלי ציוניסטען איז ניט געלונגען צו איבערציינגען די מאַסען אז פאַר זיי איז נויטיג א אידישער שטאַט אין פּאַלעסטינא און די בונדיסטען האָבען, פאַרקערט, ניט געקענט איבערציינגען די מאַסען, אַז די, וואָס גלויבען אין ציוניזם, זיינען שונאים פון דעם פּראָלעטאַריאַט און פאַררעטער צום סאָציאַליזם.

מאיר לאָנדאָן האָט צום ציוניזם און צום אידישען נאַציאָנאַליזם געהאַט די זעלבע באַציאונג ווי די עלטערע סאָציאַליסטישע פירער. צום „בונד" האָט ער געהאַט די וואַרימסטע געפילען און דער „בונד" האָט אים באַטראַכט אלס זיין וויכטיגסטען פריינד אין אַמעריקא. אָבער די פריינדשאַפט און צוגעבונדענקייט האָבען גאָרניט געהאַט צו טאָן מיט'ן סאָציאַליסטישען פּראָגראַם פון „בונד". לאָנדאָן האָט דעם פּראָגראַם קיינמאָל קיין אויפמערקזאַמקייט ניט געשענקט. וואָס אנבאַלאַנגט דעם ציוניזם און דעם פּועלי ציוניזם, — זיי האָט לאָנדאָן באַטראַכט פאַר פרעמדע זאַכען. פאַר אים האָבען זיי ניט געהאַט קיין ברעקעל וויכטיגקייט.

אין דעם קאַמפּיין פון יאָר 1914, איז לאָנדאָן'ס שטעלונג צום אידישען נאַציאָנאַליזם כמעט גאָרניט דערמאָנט געוואָרען. די פּועלי ציוניסטען האָבען אים אינדאָרסירט און פאַר אים געאַרבייט מיט'ן גאַנצען האַרצען. אַלע זיינען געווען איבערציינגט אז אלס קאָנגרעסמאַן וועט לאָנדאָן סיי ווי קיינמאָל ניט דאַרפען ריידען איבער אידישע פראַגען. אין אַמעריקא זיינען קיין אידישע פראַגען אין דער פּאָליטיק ניטאָ און קיינער האָט דאַן ניט גע'חלומ'ט, אַז די מלחמה וועט אַריבערטראָגען אידישע וועלט־פראַגען אויף דעם זייט ים.

אין דעם צווייטען יאָר פון דער מלחמה האָט דאָס אונ־ערוואַרטעטע אָנגעהויבען צו פּאַסירען. די ערשטע אידישע פּראָבלעם, וואס האָט זיך דאָ באַוויזען, איז געווען אַ פּשוט'ע, אָן אַלט באַקאַנטע. די אידען אין די קריגס־לענדער האָבען גע־ליטען נויט און פאַרפאָלגונגען און זיי האָבען געשריבען צו זייערע ברידער אין אַמעריקאַ נאָך הילף. שפּעטער אָבער זיי־נען אָנגעקומען מער קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען. אין מאַנכע פון די קריגס־לענדער האָבען די אידען פון שטענדיג אָן געלעבט אונטער פּאָליטישע, געזעלשאַפטליכע און רעליגיעזע באַגרענצונ־גען. אין דער מלחמה האָבען די אידען אין יענע לענדער פאַר־גאָסען זייער בלוט פאַר'ן פאַטערלאַנד, פּונקט ווי די ניט־אידען. זיי האָבען דערפאַר געפאָדערט גלייכע רעכט און האָבען אַפּעליּרט צו די אידען אין אַמעריקאַ זיי אין דעם באַהילפיג צו זיין.

די אַמעריקאַנער אידען זיינען גרייט געווען די נויטיגע הילף צו געבען. עס האָט זיך אָבער פאַר זיי געשטעלט די פראַגע: וואָסערע רעכט זאָלען זיי פאַר זייערע ברידער אויף יענער זייט ים פאָדערען? זאָלען עס זיין בלויז פּאָליטישע, רעליגיעזע און סאָציאַלע, אדער אויך נאַציאָנאַלע און קולטורעלע?

און נאָך איידער די פּראָבלעם איז געלייזט געוואָרען, איז אויפגעשוואומען אַ דריטע, אַ נאָך מער קאָמפּליצירטע — די פראַגע וועגען פּאַלעסטינאַ, וועגען אַ אידישע היים־לאַנד אין ארץ ישראל.

לאָנדאָן האָט ווידער געמוזט אויסשטיין אַ שווערען נסיון. אויך דעם מאָל האָט ער געהאַנדעלט מוטיג און אויפריכטיג לויט זיינע איבערצייגונגען. ער האָט זיך ניט דערשראָקען פאַר די געשרייען, ניט פאַר די סטראַשונקעס. זייער ווייניג אידען זיינען געווען איינפאַרשטאַנען מיט זיין שטאַנדפּונקט; אָבער קיינער האָט ניט געצווייפעלט אין זיין אויפריכטיגקייט און אויס־געהאַלטענקייט. ער האָט געפאָלגט זיין געוויסען און האָט זיך ניט צוגעהערט צו די עצות פון זיינע פריינד איינצוגיין אויף פּשרות, אָפּצוטרעטען כאָטש עטליכע טריט.

אין דער פרידענס־רעזאָלוציע, וואס ער האָט אריינגעטראַ־גען אין קאָנגרעס ביים אָנפאנג פון דער זיצונג, האָט ער ניט פארגעסען די אידישע פראגע. צווישן די פרידענס־באדינגונגען אין דער רעזאָלוציע איז דאָ איינע, וואס לייענט זיך אזוי: „עס זאָלען אָפגעשאפט ווערען די פּאָליטישע און ציווילע אויסנאמס־געזעצען צווישען אידען אין די לענדער, וואו אזוינע געזעצען עקזיסטירען". דער פונקט האָט אָבער ניט אינגאנצען צופריי־דענגעשטעלט די נאציאָנאַליסטישע אידען, איבערהויפּט ניט די ציוניסטען. די מלחמה האָט סטימולירט די נאציאָנאַליסטישע אמביציעס פון די קליינע, אונטערדריקטע נאציאנאליטעטען און די אידען זיינען ניט געווען קיין אויסנאם. די ציוניסטען אין די עליים לענדער, וואו דער פּרינציפּ פון זעלבסט־באשטימונג איז שטארק פראפאגאנדירט געוואָרען, האָבען אגיטירט פאר א אידישע פּאַלעסטינא. די בונדיסטען, ווידער, האָבען אָרגאניזירט די ארבייטער מאסען אין א באוועגונג פאר נאציאָנאַלע רעכט פאר די אידען אין אַלע לענדער, וואו אזוינע רעכט זיינען אנ־ערקענט געווארען. ביידע גרופּען האָבען זיך צוגעגרייט פאר דער צייט, ווען די מלחמה וועט זיין פאַריבער און די רעגירונגען פון דער וועלט וועלען זיך אוועקזעצען אויף א קאָנפערענץ אויסצו־טיילען גערעכטיגקייט פאר אלע פעלקער און ראסען. עס פאַר־שטייט זיך, אז אַלע האָבען ערווארט אז לאָנדאָן, דער אידישער קאָנגרעסמאן פון דער אידישער ניו יארק, וועט ביישטייערען זיין חלק. ער איז דאָך געזעסען אין קאָנגרעס און זיין וואָרט וואָלט דאָך האָבען געוויכט אי ביים פּאָלק, אי ביי דער רעגירונג.

אין אַפּריל, 1916, האָט דער רעדאקטאָר פון א טעגליכער אידישער צייטונג, א ציוניסט, זיך געווענדט צו לאָנדאָן'ען ער זאָל איהם געבען אן ענטפער אויף דער פאָלגענדער פראגע: „וואָס וואָלט געווען דער פּראַקטישסטער וועג צו לעזען די אידישע פראַגע אין די לענדער אויף יענער זייט ים, בשעת די פראגע וועט פארהאנדעלט ווערען ביים פרידענס־קאָנפערענץ?"

דער רעדאקטאָר האָט ניט געזאָגט, וואָס ער האָט מיט זיין פראגע בעאָבזיכטיגט, אָבער לאָנדאָן האָט פארשטאנען דעם רע־

דאקטאָר'ס מיין: ער האָט געוואָלט לאָנדאָן זאָל קלאָר מאכען זיין שטעלונג צום ציוניזם און צום אידישען נאַציאָנאַליזם. ער האָט דעם וואונש פון דעם רעדאקטאָר ערפילט. אָט וואָס ער האָט אים געענטפערט:

„עס איז זעלבסטפארשטענדליך, דאָס די אָפּשאפונג פון די פּאָליטישע און סאָציאַלע אויסנאַם־געזעצען וועט מעגליך מאַכען פאר די אידען איבעראל צו שאפען זייער אייגענעם שיקזאל. צי מיר זיינען נאַציאָנאַליסטען, צי ניט; צי מיר גלויבען אין אסימילאציע צי ניט; צי מיר זיינען רעליגיעז, צי ניט, האַלט איך, אַז עס איז די פליכט פון דעם אידען צו בלייבען אַ איד אזוי לאַנג ווי עס איז דאָ ערגעץ אויף דער וועלט אַ ווינקעל, וואו אידען זיינען ניט פאָלשטענדיג גלייכבארעכטיגט.

„אויף אזוי וועיט בין איך אַ אידישער נאַציאָנאַליסט.

„איך פארגעס ניט דעם פאקט, אַז די אידען אליין זיינען צווישען זיך צוטיילט אין דער פראַגע. די גרויסע מאַסען פון די אידען אין אַלע לענדער פון דער וועלט, ווילען ווערען אַ טייל פון דעם פאָלק צווישען וועלכען זיי וואוינען. מיר זיי־נען שטאָלץ אויף דעם, וואָס די פראנצויזישע אידען האָבען ליב פראנקרייך; די דייטשע אידען — דייטשלאנד; און די ענג־לישע אידען — ענגלאנד. אפילו דער אומגליקליכער רוסישער איד האָט ליב זיין פאטערלאנד... וואָס אנבאטרעפט די פאראייניגטע שטאַטען, צווייפעל איך, צי עס איז פאראן נאָך אַ נאַציאָנאַ־לער עלעמענט דאָ, וואָס האָט אַזאַ טיפע און אויפריכטיגע ליבע פאר דעם לאַנד. ניט נאָר דער איינגעבוירענער איד, נאָר אפילו דער איד, וואס האָט דאָס לאַנד אויסגעוויילט פאר זיך צו שטאַר־בען און פאר זיינע קינדער צו לעבען, — ער האָט אויך אַ טיפע ליבע פאר אמעריקא.

„די אָפּשאַפונג פון פּאָליטישע און סאָציאַלע באַגרענצונגען איז וויכטיג ניט בלויז פאר די אידען וואס וואוינען אין די לענדער, וואו די באַגרענצונגען עקזיסטירען. דאָס איז וויכ־טיג פאר אידען אין אַלע לענדער. אזוי לאַנג, ווי מיר ווערען אין איין לאַנד באהאנדעלט ניט ווי קיין מענשען, מוז זיך דאָס

שלעכט אָפּרופּען אויף די אידען איבעראל. אונזער ערשטע אויפגאבע, אלזא, איז צו פאָדערען אז די באגרענצונגען זאָלען אָפּגעשאפט ווערען — מיר דארפען עס פאָדערען דארטען, וואו די פאָדערונג קען האָבען א ווירקונג, צי ביים קאָנגרעס פון נייטראלע לענדער, צי ביים קאָנגרעס פון די אייראָפּעאישע לענדער ביים שלום פון דער מלחמה.

„אָבער ווערענד מיר ארבייטען פאר דער אָפּשאפונג פון באגרענצונגען, דארפען מיר אויך ניט איגנארירען דעם פאקט, אז עס איז דאָ אן עלעמענט צווישען די אידען, וואָס האָבען סעפּאראטיסטישע נאציאָנאלע אידעאלען. עס איז דאָ אן עלעמענט, וואָס האָפט, אז אידען וועלען צוריקקריגען פאלעסטינא און אז זיי וועלען צוריק אויפבויען זייער אלטע היים. זיי ווילען אז פאלעסטינא זאָל ווערען א אידישער שטאָט אונטער דער פּראָטעקציע פון די גרויסע מעכטע. עס איז אויך דאָ אן עלעמענט, וואָס וויל, אז פאלעסטינא זאָל ווערען א מין גייסטיגע היים פאר אידען. ווידער איז דאָ אן עלעמענט, וואָס פאָדערט קולטורעלע אוטאָנאָמיע פאר די אידען אין די גלות לענדער, וואו זיי וואוינען איצטער.

„וועגען אָפּשאפען די באגרענצונגען אויף אידען זיינע אלע איינשטימיג. איך גלויב אָבער, אז אויך די שטרעבונגען פון די אנדערע נאציאָנאלע גרופען, אין וועלכע עס זיינען דאָ מיינונגס-פארשידענהייטען, דארפען קריגען אנערקענונג".

דער לעצטער זאץ איז ניט קלאָר. לאָנדאָן האָט ניט גע-האלטען די פאלעסטינא פראגע פון פּראקטישער וויכטיגקייט. איס האָט עס דאן אויסגעוויזען אז ער וועט קיינמאָל ניט דאר-פען האנדלען מיט דער פראגע אין קאָנגרעס, דערפאר האָט ער ניט געפונען פאר נויטיג וועגען איר ארויסצוזאָגען זיין פּריוואטע מיינונג.

לאָנדאָן'ס שטעלונג האָט ניט צופרידענגעשטעלט די ציוניס-טען. ערב דעם קאמפּיין פון יאָר 1916, האָבען די פּועלי ציוניסטען געפּרובירט ווירקען אויף לאָנדאָנ'ען זיך ארויסצוזאָ-גען קלאָרער אין דער פראגע. די עקזעקוטיוו קאָמיטע האָט אים

געשיקט אַן איינלאַדונג צו אַ קאָנפערענץ „זיך דורכצורײדען מכוח אייער שטעלונג צו געוויסע פראַגען, וואָס זיינען מיט דעם קאמפיין פארבונדען". לאָנדאָן האָט געוואוסט, וואס די קאָמיטע וויל און ער האָט איר געענטפערט אָן דיפּלאָמאַטיע: „מיין שטעלונג צו אַלע עפענטליכע פראגען דארף אייך זיין גאנץ גוט באקאנט. קיינע קאָנפערענצען מיט אירגענד וועלכע קאָמיטעס וועלען ניט קענען מאכען איך זאָל נעמען צו די פראגען אַן אנדער שטעלונג, ווי די, וואס אַ סאָציאַליסטישער פארטרעטער דארף נעמען."

די פּועלי ציוניסטען האָבען געשטיצט לאָנדאָנ'ען אין דעם קאמפיין, אָבער זיי האָבען עס געטאָן אָן חשק. לאָנדאָן'ס געגנער, דער טעמעני קאנדידאט, האָט געהאָפּט צו קריגען די אַקטיווע שטיצע פון די ציוניסטען און נאַציאָנאַליסטען, אָבער ער איז אין דעם ענטוישט געוואָרען. ער האָט געזוכט צו שלאָגען קאַפּיטאַל פון דעם, וואָס לאָנדאָן איז ניט „אידיש־נאַציאָנאַליסטיש", אָבער דאָס האָט זיך אים ניט איינגעגעבען. לאָנדאָן האָט באַקומען אַ ריזיגע צאָל שטימען אין די אידישע טיילען פון דעם דיסטריקט און איז ווידער ערוויילט געוואָרען.

לאָנדאָן'ס טעאָריעס וועגען אידישען נאַציאָנאַליזם האָבען אויף אַ האָר ניט אָפּגעשוואַכט זיין איבערגעבענהייט צו פּראַק־טישע אידישע אינטערעסען און אידישער ארבייט. ווען עס איז אָרגאַניזירט געוואָרען דער „פּיפּעלס רעליף", צו זאַמלען געלד פאר די מלחמה־קרבנות אויף יענער זייט ים, איז לאָנדאָן ער־וויילט געוואָרען אַלס טשערמאַן. ער האָט אויך גענומען אַ גרוי־סען חלק אין אָרגאַניזירען דעם אידישען קאָנגרעס. ער האָט עס צונויפגעפירט די פארשידענע פראַקציעס און געפונען אַן אויס־וועג ווי אַזוי זיי זאָלען קענען זיך פאראייניגען אויף אַ קאָנ־גרעס־פּלאַטפאָרמע. ער האָט אָפט גערעדט פאר דעם „פּיפּעלס רעליף", ביי קאָנפערענצען און מאַס־מיטינגען און, אַזוי ווי אימער, האָט ער זיינע מיינונגען ניט באהאלטען, כאָטש ער האָט געוואוסט, אז אין דעם עולם וואָס איז אים געקומען

הערען זיינען געווען פילע, וואס האָבען מיט זיינע מיינונגען ניט איינגעשטימט.

איבערהויפּט האָט ער ניט געקענט פאַרטראָגען די שאָוועניס־טישע רייד פון מאנכע רעדנער, וואס זיינען אויפגעטראָטען צו־זאמען מיט אים ביי די רעליף־מיטינגען. ביי איינעם פון די רעליף־מיטינגען האָט ער זיך ניט געקענט צוריקהאַלטען פון ענטפערען די שאָוועניסטען — זיין ענטפער איז אָבער געווען א ביסעל צו שאַרף און איז זייער שלעכט אויסגעטייטשט גע־וואָרען פון די שאָוועניסטען. די פּראַזע, וואָס האָט זיי אַם שטאַרקסטען אויפגעבראַכט איז געווען די: „לאָמיר אויפהע־רען זיך צו באַרימען מיט דער אידישער פאַרגאַנגענהייט און לאָמיר אויפהערען זיך צו מאכען נאַריש וועגען דער אידישער צוקונפט״. מיט די ווערטער האָט לאָנדאָן געצילט הויפּטזעכליך געגען יענע ציוניסטען, ביי וועמען די אידישע פאַרגאַנגענהייט און די אידישע צוקונפט זיינען וויכטיגער ווי די אידישע גע־גענוואַרט. די פּראַזע האָט אָבער אויפגערעגט. זי איז אויס־געטייטשט געוואָרען אלס א גרינגשעצונג פון אידישען פאָלק. די ציוניסטישע פּרעסע, סיי די אידישע, סיי די ענגלישע, האָט געדרוקט פּראָטעסט בריף. לאָנדאָן האָט אויך באַקומען בריף דורך פּאָסט. דער אינצידענט האָט פּאַסירט קורץ נאָך די וואַלען פון יאָר 1916, און איז אויסגענוצט געוואָרען פון זיינע געגנער מיט צוויי יאָר שפּעטער אין די וואַלען פון יאָר 1918.

אין אָנפאַנג נאָוועמבער, 1917, איז אַרויסגעגעבען געוואָ־רען די באַלפור דעקלאַראַציע. אין פאַרלויף פון די נעקסטע עטליכע חדשים איז די דעקלאַראַציע אינדאָרסירט געוואָרען פון דער פראַנצויזישער און פון דער איטאַליענישער רעגירונג. דער ציוניזם האָט מיט אַמאָל באַקומען א באַזונדערע וויכטיגקייט אין דער אידישער געזעלשאַפט. עס האָט אויסגעוויזען, דאָס דער אידעאַל פון א אידישען שטאַט אין פּאַלעסטינא האָט בע־סערע שאַנסען פאַרווירקליכט צו ווערען ווי די אָפּשאַפונג פון אויסנאַמס־געזעצען געגען אידען אין די גלות־לענדער. די באַלפור

דעקלאַראַציע האָט אויפגעוועקט דעם אידישען שטאָלץ אין די הערצער, וואו דער געפיל איז געווען כמעט אין גאַנצען איינגעשלאָפען. אפילו די ארבייטער מאסען, וועלכע האָבען דעם אידישען נאַציאָנאַליזם שטענדיג איגנאָרירט, האָבען זיך אָפּגערופען. די צוויי גרעסטע אידישע יוניאָנס, די „אינטערנעשאָנאַל ליידיס גאַרמענט וואָירקערס" און די „אמאַלגאַמייטעד קלאָדהינג וואָירקערס" האָבען אָנגענומען באַגייסטערטע רעזאָלוציעס צו אינדאָרסירען די באַלפור־דעקלאַראַציע. אן ענליכע רעזאָלוציע האָט אָנגענומען די „אמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר".

מען האָט ערוואַרטעט, דאָס דער פאָרשטייער פון דעם עכטסטען אידישען דיסטריקט אין אמעריקא, מאיר לאָנדאָן פון דער איסט סייד, וועט זיין דער ערשטער צו פאָדערען אין קאָנגרעס אז די אמעריקאַנער רעגירונג זאָל שטיצען די באַלפור דעקלאַראַציע. אָבער לאָנדאָן האָט וועגען דעם גאָרנישט געטאָן. ער האָט ניט געהאַט קיין סימפּאַטיע פאַר דעם געדאַנק פון א אידישען שטאַט און האָט ניט געוואָלט האַנדלען געגען זיינע איבערצייגונגען.

די פועלי ציוניסטען, וועלכע האָבען פאַרקוקט לאָנדאָן'ס קאַלטקייט צום נאַציאָנאַליזם אין די פריערדיגע קאַמפּיינס, האָבען דאָס איצטער מער ניט געוואָלט טאָן. אין דעם איצטיגען מאָמענט האָט דער ציוניזם פאַר זיי אויסגעזען וויכטיגער ווי דער סאָציאַליזם, ווי סאָציאַלע רעפאָרמס. דער ציוניזם איז פאַר זיי געווען א פּראַקטישע פּראָבלעם, וואס קען און מוז גלייך פאַרווירקליכט ווערען.

אין אויגוסט, 1918, האָבען די פועלי ציוניסטען געשטעלט לאָנדאָנ'ען צוויי אָפענע פראַגען: „ערשטענס, וועט איר אריינטראָגען אין קאָנגרעס א ביל אָדער וועט איר שטיצען א ביל, אז דער קאָנגרעס פון די פאַראייניגטע שטאַטען זאָל אינדאָרסירען די דעקלאַראַציע פון דער ענגלישער רעגירונג וועגען דערגרינדונג פון א היימלאַנד פאַר'ן אידישען פאָלק ? צווייטענס,

וועט איר אַריינטראָגען אַ פאָרשלאָג, אדער שטיצען אַ פאָרשלאָג, דאָס די פרידענס־דעלעגאַציע פון די פאראייניגטע שטאטען זאָל ביים פרידענס־קאָנפערענץ פאָדערען סאָציאַלע, פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע רעכט פאַר די אידען אין די לענדער, וואו זיי וואוי־נען אין קאָמפּאַקטע מאסען און וואו נאַציאָנאַלע רעכט זיינען אַ גאַראַנטי פאַר פערזענליכע רעכט, ווי אין עסטרייך, פוילען, רומעניען, רוסלאַנד, א. ז. וו.?"

דער בריף האָט גענעבען לאָנדאָנ'ען צו פארשטיין, אז דעם מאָל וועט די אָרגאַניזאַציע אים האַלטען פאַראַנטוואָרטליך פאַר זיין שטעלונג: „מיר ערוואַרטען צו באַקומען אַן ענטפער אין די נעקסטע צען טעג, כדי מיר זאָלען קענען אָנהויבען גרייטען זיך צום קאַמפּיין. מיר האָפען, דאָס איר וועט דעם ענטפער ניט אָפּליינען, ווייל דאָס קען שאַפען דעם איינדרוק, אז איר ווילט ניט ענטפערען".

לאָנדאָן האָט דעם ענטפער ניט אָפּגעלייגט; אָבער דער ענטפער איז ניט געווען צופרידענשטעלענד. אָט וואָס ער האָט געשריבען: „איך בין פַאר דעם, אז עס זאָל פאַר דעם פרידענס־קאָנפערענץ פאָרגעלייגט ווערען די פראַגע וועגען קריגען אַ פרייען שטאַט וואוהין יענע אידען וואָס ווילען עס טאָן, זאָלען קענען פאָרען און אויפבויען אַן אייגען לעבען אָן דער שטערונג פון אַנ־דערע ראַסען און רעליגיעס. מען מוז אָבער דערביי האָבען אין זינען דעם פּרינציפּ פון זעלבסט־באַשטימונג און דעם פּרינציפּ וואָס פאַרבאָט אַנעקסיעס. עס איז איבעריג צו זאָגען, אז אַלע אויסנאַמס־געזעצען געגען אידען מוזען אָפּגעשאַפט ווערען."

די פּועלי ציוניסטען האָבען געפאָדערט אַ קלאָרערע ערקלע־רונג: „אייער בריף טוט ניט דאָס וואָס די קאָמיטע האָט ביי אייך העפליך געבעטען. אייער ענטפער איז צו־אַלגעמיין און די קאָמיטע קען פון אים ניט שליסען אויף באַשטימט וואָס פאַר אַ שטעלונג איר וועט נעמען צו די פראַגען וועלכע ווערען אין אייער בריף אנגערירט."

אין זיין צווייטען ענטפער האָט שוין לאָנדאָן גערעדט גאַנץ פּשוט און דייטליך.

„איך האָב ניט געענדערט מיין שטעלונג צו דער אידישער פראַגע. איך פארטרעט אין קאָנגרעס ניט בלויז א געאָגראפישען טייל פון די פאראייניגטע שטאַטען נאָר אויך א טייל פון דעם אמעריקאנעם פאָלק. דער איד פון אמעריקא באטראכט אמעריקא אלס זיין היים. דאָ קען ער פארפאָלגען זיינע גייסטיגע אידעאלען אָן שום שטערונג. איך גלויב ניט אין א צוטיילטע נאַציאָנאַלע טרייהייט. איך גלויב ניט דאָס אמריקא קען ערלויבען, אז דאָס פאָלק זאָל זיין צוטיילט דורך נאַציאָנאלע, ראסען אָדער רעליגיעזע ליניעס. עס מאכט ניט אוים וואס פאר א רעליגיע א מענש האָט, פון וואָס פאר א ראסע ער שטאַמט, אָדער צו וואָס פאר א נאַציע ער האָט פריער געהערט; אויב ער וויל איצטער ניט ווערען א טייל פון דעם אמעריקאנעם פאָלק, איז ער דאָ א פרעמדער. דאָס איז וועגען דעם אידען אין אמעריקא.

„איך האָב אונטערשטראָכען ביי פילע געלעגענהייטען פריער, אז דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליזם אנערקענט די עקזיסטענץ און די מיטווירקונג פון פעלקער. אויב עס זיינען דאָ אידען וואָס ווילען האָבען אן אייגענעם לאַנד, און וועלכע גלויבען, אז דאָס אידישע פאָלק קען ניט ערפילען זיין מיסיע אין דער וועלט אָן א סעפעראטע נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ אין אידישען שטאַט, זיינען זיי צו זייער גלויבען ווילקאָמען. איך פארלאַנג נאָר פון זיי אז זיי זאָלען ניט ריידען אין נאָמען פון אלע אידען. דאַן וועלען זיי האָבען דאָס רעכט פאָרצולייגען זייער וואונש פאר דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באוועגונג און פאר דער פרידענס-קאָנפערענץ. אויב עס וועט מעגליך זיין זייער וואונש צו ערפילען אָן דעם אז מען זאָל דערביי פארגוואַלדיגען דעם סאָציאַליסטישען פרינציפּ וועגען אנעקסיעס, וועט קיין סאָציאַליסט ניט זיין נעגען. אָט אין דער ליכט וועל איך באַטראַכטען יעדע רעזאָלוציע וועגען דעם ענין וואָס וועט פארגעבראכט ווערען אין קאָנגרעס.”

מיט דער ערקלערונג האָט לאָנדאָן אָפּגעשטויסען פון זיך אַן עלעמענט וועלכער האָט איצטער געשפּילט א וויכטיגערע ראָלע אין דער אידישער געזעלשאפט ווי פריער. זיינע פריינד האָבען אָנגע־ווענדעט אלע כוחות שלום צו מאכען צווישען אים און די ציוניס־טישע גרופּען איידער דער קאמפּיין פון 1918 האָט זיך געדארפט עפענען. לאָנדאָן האָט זיך אָבער אנטזאגט צו מאכען אירגענד וועלכע פּשרות. עס האָט זיך געהאנדעלט וועגען א פּרינציפּ, און מיט פּרינציפּען האָט לאָנדאָן קיינמאָל ניט געהאנדעלט.

קאַפּיטעל 18.

„די איינציגע סאָציאַליסטישע שטימע"

די אַלע קאָנגרעסלייט און סענאַטאָרען וואָס האָבען געשטימט געגען דער קריגס־ערקלערונג געגען דייטשלאַנד זיינען ביסלאַכווייז איבערגעגאַנגען אויף דעם פּרעזידענט'ס זייט. אַלע, אויסער איינעם, אויסער מאיר לאָנדאָן. די פראַגע איז געמאַכט געוואָרען ווען דער פּרעזידענט האָט מיט א פּאָר מאָנאַטען שפּעטער זיך געווענדעט צום זעלבען קאָנגרעס ער זאָל ערקלערען קריג געגען עסטרייך. בלויז דער איינציגער מאיר לאָנדאָן האָט געשטימט געגען. אַלע אנדערע „מלחמה־געגנער" האָבען געשטימט דאַפיר.

לאָנדאָן האָט ניט נאָר געשטימט געגען ערקלערען קריג געגען עסטרייך. ער האָט אויך גערעדט געגען. ער האָט זיין שטעלונג פאַרטיידיגט מיט צוויי הויפּט־אַרגומענטען: ערשטענס, זיין אַלגעמיינע אָפּאָזיציע צו מלחמה אונטער אַלע אומשטענדען; צווייטענס, וואָס קיין זאַך איז ניט געטאָן געוואָרען, ניט פון די פּאַראייניגטע שטאַטען און ניט פון די עליים, צו פאַרווירקליכען די פאַרשפּרעכונגען וואָס דער פּרעזידענט האָט געמאַכט ווען ער האָט דאָס לאַנד אין דער מלחמה אַריינגעפירט.

וועגען זיין אַלגעמיינער אָפּאָזיציע צו מלחמה האָט לאָנדאָן אזוי געזאָגט: „אַלס סאָציאַליסט בין איך פאַרפליכטעט צו שטימען געגען דער מלחמה־ערקלערונג. אין מלחמה בין איך א פולשטענדיגער פּראָהיבישיאָניסט, איך ענטזאַג זיך צו טרינקען די ערשטע גלעזעל. די סאָציאַליסטען פון דער וועלט אין אַלע פּאַרלאַמענטען זיינען געשטאַנען געגען מלחמה ביז'ן לעצטען מאָמענט. ווען די סאָציאַליסטען וואָלטען געהאַט א מאַיאָריטעט אין די אייראָפּעאישע לענדער אין 1914 וואָלט קיין מלחמה ניט געווען.

ווען עס וואלט געווען א מאיאריטעט סאציאליסטען אין די פאר־לאמענטען פון די מלחמה־לענדער היינט, וואלט די מלחמה זיך געענדיגט מארגען. עס איז מיין אויפגאבע די שטעלונג פון די סאציאליסטען דא אויסצודריקען. מיט מיין שטימען געגען דער קריגס־ערקלערונג, געגען דער וויטערער אויסשפרייטונג פון די מלחמה שרעקען, רעפרעזענטיר איך דעם סאציאליסטישען געדאנק און די אינטערנאציאנאלע מאראל."

און דאן איז ער אריבער צום צווייטען ארגומענט: פארוואס נעמען די עליים ניט אן דעם פרידענס־פראגראם פון דער רוסישער רעוואלוציאנערער רעגירונג? די פונקטען אויף דעם פראגראם זיינען כמעט די זעלבע ווי די וואס ווילסאן האט פארגעשלאגען, נאר דערפאר וואס זיי קומען פון די סאציאליסטען אין רוסלאנד „האבען די רעאקציאנערען פון דער גאנצער וועלט דעם פראגראם פארדאמט אלס א „דייטשען טריק". דארף מען מענשען אונטער־קויפען זיי זאלען ליב האבען פרידען? איז עס נויטיג צו קארומ־פירען מענשען, זיי זאלען וועלען נארמאלע אומשטענדען? איז עס נויטיג צו פארגיפטען די מוחות פון דער וועלט כדי זיי זאלען גארען נאך א נארמאלען לעבען?"

„די מלחמה ווערט ניט געפירט צוליב די שיינע אידעאלען, וואס דער פרעזידענט האט אנאנסירט. די שטאטסלייט פון די עליים־לענדער זאגען עס אפען. און אפילו ביי אונז אין לאנד איז צו מערקען א טיפען אפגרונט צווישען די ערהאבענע סענטימענ־טען פון אינטערנאציאנאליזם און פון העלפען די שוואכע וואס ווערען געפריידיגט מיט'ן מויל און די פראקטישע טאטען וואס ווערען אפגעטאן אין דער ווירקליכקייט.

„מיט ניין מאנאטען צוריק האט איר געשטימט צו באַ־גרעניצען אימיגראציע, ניט אריינצולאזען אהער די מענשען וואס געהערען צו די קליינע נאציאנאליטעטען, און איצט ווילט איר, אז מיר זאלען גיין אין מלחמה פאר די זעלבע נאציאנאליטעטען. מיט עטליכע מאנאטען צוריק האט איר זיי ניט געהאלטען פאר גוט גענוג אהער אריינצוקומען; איצטער ווילט איר פירען קריג

זיי אויסצוליייזען פון אונטערדריקונג. עס איז שווער דאָס צו באַגרייפען.

„די שיינע אידעאַלען פון דעם פּרעזידענט'ס פּראָגראַם קען נען באַגריפען ווערען בלויז פון יענע מענשען, וועלכע דענקען און פילען און האָפען און טרוימען וועגען דער מענשהייט אַלס אַ גאַנצע, אַלס איין גרויסע פאַמיליע. בלויז אַזוינע מענשען קענען אויפריכטיג אַפּעלירען פאַר וועלט אינטערנאַציאָנאַליזם; בלויז אַזוינע מענשען קענען שטרעבען דערצו אַז עס זאָלען אויס־געראָטען ווערען אַלע סאָרטען אונטערדריקונג, אַלע סאָרטען פון אויטאָקראַטי, צי די אויטאָקראַטי איז פון אַ געקרוינטען קאָפּ, צי פון אַ ניט־געקרוינטען קעניג איבער אויל־קוואַלען, אדער קוילען מינעס, אדער אנדערע אינדוסטריען.

„דאָס איז סאָציאַליזם. דאָס איז סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. דאָס איז דער אינטערנאַציאָנאַליזם וועלכען מאַנכע טיפּשים פאַר־דאַמען אַלס אַנאַרכיזם, אַלס אַ געפאַר פאַר דער געזעלשאַפט".

ווען ער האָט געענדיגט זיינען די פּאַטריאָטישע קאָנגרעסלייט אויף אים אָנגעפאַלען מיט שרעקליכע זידלערייען, און איינער האָט אים געראַטען ער זאָל פאַרלאָזען דעם קאָנגרעס און גיין זיך אָנשליסען אָן די באָלשעוויקעס. די צייטונגען האָבען אים אויך שטאַרק אַטאַקירט. זיי האָבען פאַרגליכען לאָנדאָן'ס האַנד־לונג אין דער פראַגע מיט סענאַטאָר לאַפאַלעט'ס האַנדלונג. לאַ־פאַלעט איז אויך געווען געגען דער רעזאָלוציע צו ערקלערען קריג געגען עסטרייך. ער איז אָבער אַרוים פון זאַל ווען מען האָט איבער דער רעזאָלוציע געדאַרפט שטימען. לאָנדאָן האָט עס ניט געטאָן. ער איז געשטאַנען אויף זיין פּאָסטען און געשטימט געגען — די איינציגע שטימע געגען. די צייטונגען האָבען, פאַרשטייט זיך, געוואָלט דערמיט באַווייזען, אַז לאַפאַלעט איז מער פּאַטריאָט ווי לאָנדאָן. לאָנדאָן האָט אָבער אַנדערש געדענקט. ער האָט געהאַלטען אַז זיין הייליגע פליכט אַלס מענש, אַלס סאָציאַליסט און אַלס אַמעריקאַנער פּאַטריאָט, איז צו קעמ־פען פאַר זיינע פּרינציפּען און פאַר זיינע איבערצייגונגען און שטימען לויט זיינע פּרינציפּען און איבערצייגונגען.

מארקס לואיס, לאָנדאָן'ס סעקרעטער, האָט אין שפּעטער־דיגע יאָרען דערציילט איינינע אינטערעסאַנטע איינצעלהייטען פון יענעם דראמאטישען טאָג אין קאָנגרעס. „קיינמאָל האָט לאָנ־דאָן ניט געפילט אזוי איינזאם, אזוי פארשטויסען פון זיינע קאָ־לעגען, ווי ביי יענער זיצונג, ווען ער האָט איינער אליין גערעדט און געשטימט געגען דער קריגס־ערקלערונג. ווען ער האָט גע־ענדיגט זיין רעדע זיינען א צענדליג קאָנגרעסלייט אויף אים אָנ־געפאלען מיט ביטערע אטאקעס. ער האָט געבעטען מען זאָל אים ערלויבען פינף מינוטען צו ענטפערען אויף די אטאקעס, וועלכע האָבען זיך געצויגען איבער א שטונדע. אבער די ער־לויבניס איז אים ניט געגעבען געוואָרען... ער איז פון קאָנגרעס זאל ארויס א דערשלאָגענער. מיר האָט אויסגעוויזען אז זיינע האָר זיינען ווייסער געוואָרען, אז זיין געזיכט איז איינגעשרומפּט געוואָרען. בלויז די אויגען זיינע האָבען געברענט מיט'ן זעלבען פייער פון ענטשלאָסענהייט און פון קאמף. זיי האָבען אים גע־בראָכען פיזיש, אָבער גייסטיג איז ער געבליבען גאַנץ און שטארק."

קאפיטעל 19.

לאנדאנ׳ס פראיעקט פאר א „ליג אוו ניישאנס״

ווען קאנגרעס האט געעפענט זיין נייע זיצונג אין דעצעמבער, 1917, האט לאנדאן פארגעשלאגען א רעזאלוציע, וועלכע האט געפאדערט, אז „קאנגרעס זאל זעצען אין באוועגונג די גרינדונג פון אן אינטערנאציאנאלע ליג פאר א דויערהאפטען פרידען, און אז ער זאל פאר דעם צוועק צונויפרופען א קאנפערענץ פון פאר־שטייער פון די פארלאמענטען פון אלע לענדער, וועלכע שטייען אין קריג געגען די צענטראלע מעכטע.״

די רעזאלוציע איז געווען אין איינקלאנג מיט די פאדערונ־גען פון די סאציאליסטען אין פארשידענע אייראפעאישע לענ־דער — פון דער לייבאר פארטי אין ענגלאנד, די באלשעוויקעס אין רוסלאנד, די סאציאל־דעמאקראטען אין דייטשלאנד, אלע האבען זיי געזוכט מיטצובערענגען דאס די קריג־פירענדע לענדער זאלען קלאר באשטימען די באדינגונגען אויף וועלכע זיי זיינען גרייט צו שליסען פרידען. אייגענטליך האט פרעזידענט ווילסאן געזוכט עטוואס ענליכעס. אין זיין מעסעדזש צום קאנגרעס האט ער שטענדיג ווידערהאלט די פרינציפען פאר וועלכע אמעריקא איז אין דער מלחמה אריין. אין דעם מעסעדזש וואס ער האט געשיקט צום קאנגרעס אין דער זעלבער צייט ווען לאנדאן האט אריינגעטראגען זיין רעזאלוציע, האט ווילסאן פארגעשלאגען זיין פרידענס־פראגראם פון פערצען פונקטען, און די מערסטע פון די פונקטען זיינען געווען די זעלבע, ווי די, וואס די באלשעוויקעס אין רוסלאנד און די ארבייטער פארטיי אין ענגלאנד האבען פארגעשלאגען אין זייערע פראגראמען.

די מי פון די סאָציאַליסטען איז אָבער געווען אומזיסט. די דיפּלאָמאַטען פון די עליים האָבען זיך צו זיי ניט געוואָלט צו־הערען. די אורזאַכע האָט מען זיך ערשט שפּעטער דערוואוסט. די דיפּלאָמאַטען זיינען געווען געבונדען פון געהיימע „טריטיס" צווישען זיך, אין וועלכע זיי האָבען זיך פאַרפּליכטעט צו העלפען איינע די אַנדערע צו אַנעקסירען נייע טעריטאָריעס און קריגען גרויסע סומען פאַר שאַדענערזאַץ. זיי האָבען אין דער ווירק־ליכקייט געפירט דעם קריג פאַר רויבערישע צוועקען, און ניט פאַר גערעכטיגקייט און מאָראַל, ווי זיי האָבען פאַרזיכערט די וועלט.

די כיטרע דיפּלאָמאַטען פון פראַנקרייך און ענגלאַנד איז גע־לונגען צו פאַרבלענדען די אויגען פון פּרעזידענט ווילסאָן און דעם אַמעריקאַנער פאָלק. זיי האָבען זיך כלומר'שט געקוויקט מיט די שיינע אידעאַליסטישע פראַזען פון דעם פּרעזידענט, אין דער זעלבער צייט וואָס זיי האָבען זיך געמאַכט ניט וויסענדיג וועגען זיינע פּראַקטישע רעקאָמענדאַציעס ווי אַזוי די אידעאַלען צו פאַרווירקליכען. זייערע אמת'ע געפילען וועגען ווילסאָנ'ס פּרי־דענס־פּונקטען האָבען זיך ארויסגעוויזען אין זייערע אַטאַקעס אויף די סאָציאַליסטען אין זייערע אייגענע לענדער, וועלכע האָ־בען אַגיטירט פאַר א פּראָגראַם, וואָס איז ענליך געווען צו וויל־סאָנ'ס. די סאָציאַליסטען זיינען פון זיי פאַרדאַמט געוואָרען אַלס פּראָ־דייטשען, אַלס אַגענטען פון קייזער, אַלס פאַררעטער — פאַר דעם איינציגע חטא, וואָס זיי האָבען פאָרגעלייגט א פּריי־דענס פּראָגראַם אין איינקלאַנג מיט די פאַרשפּרעכונגען פון פּרע־זידענט ווילסאָן צום אַמעריקאַנער פאָלק.

ווייניג מענשען האָבען דאַמאַלס פאַרשטאַנען די פאַלשע ראָלע וואָס די דיפּלאָמאַטען האָבען געשפּילט. דאַמאַלס איז גע־ווען ביי דער גרויסער מאַסע אָנגענומען, אז די מלחמה־מאָראַל פאַר־באָט צו צווייפלען אין די מאָטיווען פון די דיפּלאָמאַטען און פאָ־דערט דעם פאָלק צוטרויען צו אַלץ וואָס די דיפּלאָמאַטען זאָגען און טוען. די פּרעסע האָט אַפּעלירט יעדען וואָרט פון די אייראָ־פּעאישע שטאַטסלייט, די מאַסע האָט געטאָן דאָס זעלבע, און די

אינטעליגענץ האָט שטייף פארמאַכט די אויגען און געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

אין איינע פון די לענגסטע און גרינדליכסטע רעדעס, וואָס מאיר לאָנדאָן האָט געהאַלטען אין קאָנגרעס, האָט ער געזוכט אויפצוהויבען דעם פאַרהאַנג און אויפדעקען פאַר׳ן אַמעריקאַנער פאָלק דעם גאַנצען אמת פון דער טראַגי־קאָמעדיע. ער האָט די רעדע געהאַלטען דעם 18טען יאַנואַר, 1918, אין פאַרבינדונג מיט זיין פרידענס רעזאָלוציע פון פריערדיגען מאָנאַט.

די רעאַקציאָנערען אין דער „הויז" האָבען די רעדע זייער ניט געגליכען. זיי האָבען אים פּרובירט אונטערברעכען און באַליידיגען. איין קאָנגרעסמאַן האָט זאָגאַר ערקלערט, אַז אים פאַרדריסט וואָס לאָנדאָן האָט געקראָגען ערלויבניס צו ריי־דען. אָבער די אַלגעמיינע שטימונג פון דער מאַיאָריטעט פון די קאָנגרעסלייט איז געווען דעם מאָל גראַדע אַ פריינדליכע. די מערסטע האָבען זיך צוגעהערט אויפמערקזאַם און אים געשטעלט זאַכליכע פראַגען, ער זאָל זיי געוויסע פּונקטען בעסער באַלייכטען. זיי האָבען פון דער רעדע ווירקליך אַ סך געלערענט; זיי האָ־בען זיך פון איר דערוואוסט פאַקטען און אמת׳ן, וועלכע מען האָט פון זיי די גאַנצע צייט באַהאַלטען אָדער פאַרמאַסקירט.

אין אָנפאַנג פון דער רעדע האָט לאָנדאָן ערקלערט די באַ־דייטונג פון זיין רעזאָלוציע אַז אַמעריקאַ זאָל אָרגאַניזירען אַ „ליג פון נאַציאָנען". ער האָט אַנאַליזירט מיט אַלע איינצעלהיי־טען ווי אַזוי אַזאַ ליג זאָל צונויפגעשטעלט ווערען און ווי אַזוי זי זאָל פונקציאָנירען. אָבער ער האָט שוין דאַן פאָראויסגעזען דאָס, וואָס מענשען הויבען ערשט איצט אָן צו באַגרייפען, איצ־טער, נאָכדעם ווי אַ ליג פון נאַציאָנען עקזיסטירט שוין צען יאָר — אַז די ליג אַליין וועט די מלחמה־געפאַר ניט אָפּשאַפען, אַז דערצו איז נויטיג נאָך עפּעס, נעמליך, ענטוואָפענונג.

„אַזוי לאַנג ווי די פעלקער וועלען אויפהאַלטען גרויסע אַר־מייען און פלאָטען וועלען אַלע „טריטיס" זיין ניט מער ווי שטיקלאַך פּאַפּיר. אַזוי לאַנג ווי אַ רעגירונג וועט האָבען די מאַכט צו שיקען מיליאָנען באַוואָפענטע מענשען געגען אַ פאָלק

װעלען זיין מלחמות און געפּאַרען פון מלחמות. שוין דריי יאָר איצטער אז די וועלט וואַקעלט זיך אויף די פיס און קען זיך ניט שטעלען גליך, אלס רעזולטאַט פון דעם זעץ וואָס זי האָט באַקומען פון דער ריזיגער מלחמה־מאַשין אין די ערשטע צוויי מאָנאַטען פון דעם קריג. איינער פון די וויכטיגסטע צילען פון אן אינטערנאַציאָנאַלען פאַרבאַנד מוז זיין די אָפּשאַפונג פון באַוואַפענונג און מיליטעריזם".

אין אזא ליג מוזען אריין אַלע פעלקער; דערפאַר וועט מען מוזען אָפּוואַרטען מיט דער גרינדונג ביז נאָך דער מלחמה. דערווייל אָבער זאָל פאַררופען ווערען א קאָנגרעס פון די עליים לענדער צו ענדיגען די מלחמה וואָס שנעלער. דער קאָנגרעס וועט, אַלס זיין הויפט אויפגאַבע, האָבען אויסצואַרבייטען א פרידענס־פּראָגראַם. און לאָנדאָן שטעלט זיך אָפּ אויף די פּונקטען פון ווילסאָנ'ס פּראָגראַם און באַווייזט, אז זיי זיינען פּאַקטיש דיזעלבע ווי די פּונקטען וואָס די באָלשעוויקעס האָבען פאָרמולירט.

דאָ איז ער אונטערבראָכען געוואָרען פון איינעם פון די רעאַקציאָנערען, וועלכע האָבען ניט געקענט פאַרטראָגען א גוט וואָרט וועגען די באָלשעוויקעס. די פראַגע איז אייגענטליך ניט געווען קיין פראַגע, נאָר א שטאָכוואָרט: „דאָס מיינט דער דזשענטעלמאַן יענע לייט וואָס ארבייטען איצטער פאַר דייטש־לאַנד און פאַר'ן קייזער?"

און כאָטש לאָנדאָן איז דאַמאַלס געווען ענטוישט אין די פּאַסירונגען אין רוסלאַנד און געהאַט פיל אויסצוזעצען געגען די האַנדלונגען פון די באָלשעוויקעס, האָט ער זיי געגען דער אונ־געריכטער אַטאַקע פאַרטיידיגט. ער האָט אויף דער פראַגע אזוי געענטפערט:

„וויפיל יאָר האָט עס געדויערט פאַר די פאַראייניגטע שטאַ־טען, א קליינע רעפּובליק פון דריי מיליאָן מענשען, איידער זי האָט עטאַבלירט א פעסטע רעגירונג?... און אפילו ווען די סטייטס האָבען שוין זיך פאַראייניגט און פאַרפאַסט א קאָנסטיטוציע,

האָבען זײ געמוזט מאַכען קאָמפּראָמיסען מיט שקלאַפערײ, כאָטש זײ האָבען געוואוסט אַז דאָס וועט ווען עס איז פירען צו אַ בירגער קריג. איך קענט ניט נעמען 180 מיליאָן מענשען און זײ אָרגאַניזירען אין איין טאָג. בלויז מענשען, וואָס זײנען זעלבסטזיכטיג און וואָס טראַכטען ניט, קענען פאַרדאַמען 180 מיליאָן מענשען, וועלכע האָבען נאָך אַ קאַמף פון הונדערטער יאָרען ענדליך פון זיך אַראָפּגעוואָרפען דעם יאָך פון אַן אוטאָ־קראַטישער רעגירונג. די גאַנצע וועלט מוז סימפּאַטיזירען מיט דעם פאָלק, וואָס האָט אַזוי לאַנג געליטען.

„ווען די עליים וואָלטען מיט פינף אָדער זעקס מאָנאַטען צוריק געמאַכט אַ באַשטימטען פרידענס פאָרשלאַג, וואָלט רוס־לאַנד פון זײ זיך ניט אָפּגעריסען. און אפילו היינט בעט זיך רוסלאַנד ביי אונז אַז אַן אַלגעמיינער פרידען זאָל געשלאָסען ווערען".

און לאָנדאָן שליסט זיין רעדע מיט אַן אַפּיל פאַר ציוויליזירטע באַציאונגען צווישען פעלקער, פאַר אויפריכטיגקייט און אָפענהערציגקייט אין דער וועלט־דיפּלאָמאַטי.

„איך וויל נאָר איר זאָלט פאַרשטיין, ווי וויכטיג עס איז, אַז מיר זאָלען דיסקוטירען די גרונד־פּרינציפּען פון אַ פּערמאַ־נענטען פרידען. איך בין געגען אנארכיע, איך האָס כאָאָס. איך פאַראַכט מיט יעדען טראָפּען בלוט אין מיין קערפּער די אָנ־ווענדונג פון פיזישער מאַכט פון שטאַרקע געגען שוואַכע. איך פאַראַכט עס אין אינדוסטרי, ווען הילפלאָזע קינדער ווערען אויס־גענוצט פאַר פּראָפיטען; איך האָס אונטערדריקונג; איך שטיי פאַר אָרדנונג און פאַר פרידליכע מעטאָדען.

„איך ליב אַמעריקא, ניט דערפאַר וואָס זי איז דאָס בעסטע לאַנד, נאָר וויל זי גיט מעגליכקייטען צו שטרעבען נאָך בע־סערס. און אַזוי לאַנג ווי אַזוינע מעגליכקייטען זיינען פאַראַן, וועלען מיר דאָס בעסערע עררייכען. דעמאָקראַטי איז ניט אַ גאַראַנטי פאַר חכמה; דעמאָקראַטי איז ניט אַ גאַראַנטי פאַר

גערעכטיגקייט; אָבער דעמאָקראטי איז קליגער און גערעכטער ווי די קליינע גרופּען, וועלכע ריידען אין נאָמען פון די פעל־קער.

„איך גלויב, אז עס מוז זיין אָרדנונג אין דער באַציאונג פון דעם איינצעלנעם צו זיין פאָלק, פון יעדען בירגער צו זיין רעגירונג און פון יעדען פאָלק צו דער איבעריגער וועלט. אָט דערפאר בין איך פאר דעם, אז אין די אינטערנאציאנאלע באַ־ציאונגען זאָל הערשען אָרדנונג אָנשטאָט כאָאָס און אנארכיע, ווי איצטער".

קאַפּיטעל 20.

אין קאַמף געגען דער מלחמה רעאַקציע

לאָנדאָן איז געשטאַנען איינער אַליין, אַן איינזאַמער וועכטער אויף דעם פּאָסטען פון פאַרנונפט און גערעכטיגקייט אין קריגס־צייט. ער האָט געאַרבייט זייער שווער, שווערער פיל־ייכט ווי אירגענד אַן אַנדערער פון זיינע קאָלעגען אין קאָנגרעס. פון אַלע טיילען פון לאַנד האָבען פאַרפאָלגטע זיך געווענדעט צו אים נאָך הילף. זיין אייגענע פּאַרטיי, די סאָציאַליסטישע, האָט זיך געמוזט פאַרטיידיגען אין די פאַרשידענע רעגירונגס דעפּאַרט־מענטס, אַמאָל פאַר דעם יוסטיץ דעפּאַרטמענט, אַמאָל אין דעם פּאָסט אָפיס דעפּאַרטמענט, אַמאָל אין דעם דעפּאַרטמענט אָוו סטייט, און מאיר לאָנדאָן האָט געמוזט דינען אַלס איר הויפּט־פאַרשטייער און פאַרקעמפּער. אין לאַנד האָט די רעאַקציע גע־בושעוועט מיט איר גאַנצער ווילדקייט. ראַדיקאַלע און סאָציאַ־ליסטישע צייטשריפטען זיינען פאַרבאָטען געוואָרען אין פּאָסט, סאָציאַליסטישע פאַרזאַמלונגען זיינען צוטריבען געוואָרען; סאָ־ציאַליסטישע אָפיסעס זיינען באַפאַלען און צושמעטערט גע־וואָרען.

די אַרבייט וואָס לאָנדאָן האָט געטאָן אין קאָנגרעס גופא, אַלס געזעץ־מאַכער, אַלס פאָלקס־פאַרטרעטער, האָט געפאָדערט פאַרשונג און פאַרבאַרייטונג. לאָנדאָן האָט זיך קיינמאָל ניט באַנוגענט מיט בלויז פאַרצייכענען זיין שטימע איבער אַ פאַר־האַנדעלטען ביל. ער האָט אימער זיין שטעלונג פאַרטיידיגט מיט אַרגומענטען, מיט סאָציאַליסטישע אַרגומענטען, פאַרשטייט זיך. ער האָט זיך שטענדיג געהאַלטען ביי דעם באַשלוס וואָס ער האָט ביי זיך געפאַסט, ווען ער איז אַריין אין קאָנגרעס —

אונטער קיינע אומשטענדען ניט צו האנדלען ווי א שטערער, ווי בלויז א מאכער פון אבסטרוקציעס. ער האָט אימער געזוכט צו איבערצייגען זיינע קאָלעגען, אז זיין שטעלונג צו פראגען איז א לאָגישע, א גערעכטע, אז ער איז ניט סתם איינגעשפארט אָדער סתם א להכעיס'ניק.

און ער איז אימער געשטאנען אויף דער וואך צו באשיצען דעם כבוד פון זיין פארטיי, פון די ראדיקאלען און סאָציאליסטען אין אמעריקא און אין אנדערע לענדער. ער האָט ניט דורכגע־לאָזען קיין איין אָנגריף, קיין איין באלײדיגונג. ער איז אימער געווען גרייט מיט דעם ריכטיגען ענטפער און זייער אָפט האָבען די אָנגרייפער חרטה געהאט וואָס זיי האָבען זיך מיט אים און מיט זיינע סאָציאליסטען פארטשעפעט.

ער האָט זיינע קאָלעגען אין קאָנגרעס ניט געשאנעוועט און זיי גאנץ גוט אויסגעזידעלט ווען ער האָט געפילט אז זיי האָבען עס פארדינט. אזא פאַל האָט פאסירט ווען דער קאָנגרעס האָט פארוואָרפען זיין פאָרשלאָג וועגען אינשורענס פאר ארבייטער, אויף וועלכען ער האָט אזוי פיל כוחות אוועקגעגעבען און אויף וועלכען ער האָט גרויס האָפנונג געלייגט. אָט וואָס ער האָט וועגען דעם אין קאָנגרעס געזאָגט:

„איך בין געווען צו אויפגערעגט די לעצטע עטליכע טעג, אז איך זאָל קענען ריידען אדער איינהערען זיך וואָס איר רעדט. די „הויז” האָט פאָריגען מיטוואָך זיך אנטזאגט צו פארהאנדלען מיין ביל וועגען אינשורענס פאר ארבייטסלאָזע.ביידע פארטייען, די דעמאָקראטישע און די רעפובליקאנישע, האָבען דערביי ארויס־געוויזען זייער אונוויסענהייט און פינסטערניש. עס זיינען דאָ פונקט אזוי פיל רעאקציאנערען און גדאנקענלאָזע קאָנגרעס־לייט אין איין פארטיי ווי אין דער צווייטער. איר קענט זיך מיט'ן כבוד צוטיילען.

„ווען איך האָב צו אייך גערעדט וועגען דער וויכטיגקייט פון אויספאָרשען די פראגע פון אינשורענס פאר ארבייטסלאָזע, האָט מען מיר געענטפערט, אז איצטער, אין מלחמה־צייט, וועט אונמעגליך זיין צו קריגען די נויטיגע אינפאָרמאציע. היינט האָב

איך דאָ געהערט, אז מען האָט שוין די אינפאָרמאַציע אהער געבראַכט. מען האָט דאָ אונז דערציילט וועגן א מיליטערישען באַפעל, וואָס וועט אַרויסוואַרפען מיליאָנען מענשען פון זייערע דזשאָבס אויף אַ פּאָר וואָכען צייט. איר ווייסט, אז די מיליאָנען מענשען קענען ניט באַהויפּטען אַרומצוגיין וואָכען לאַנג ליידיג, נאָך איצטער, ווען דער יקרות איז אַזוי גרויס.

„ווען איך האָב פאַר אייך פאָרגעלייגט די רעזאָלוציע, אז א קאָמיסיע זאָל באַשטימט ווערען אויסצופאָרשען די פּראָבלעם פון אַרבייטסלאָזיגקייט, האָבען פילע פון אייך ניט געוואָגט צו שטימען פאַר איר, דערפאַר וואָס זי איז פאָרגעשלאָגען געוואָרען פון א סאָציאַליסט. ניין־און־פערציג פאָרשטייער, דעמאָקראַטען, וועלכע האָבען פאַר דער רעזאָלוציע פאַר־א־יאָרען יאָ געשטימט, האָבען היי־יאָר חרטה געהאַט. א צווייטען מאָל האָט ניט געסטייעט זייער מוט צו שטיצען אַ סאָציאַליסטישען פאָרשלאַג. דאָס איז די נידערטרעכטיגסטע פּאָליטישע טאַט, וואָס א פּאַרטיי קען באַגיין. איך האָב די 49 נעמען גוט אַריינגענומען אין מיין זכרון. איך וועל זיי שטענדיג געדענקען. ביי מיר וואָלט רעכט געווען צו רעזיגנירען איצט פון קאָנגרעס און פאָרען פון איין דיסטריקט צום צווייטען פון וועלכע די 49 קאָנגרעסלייט קומען, און דערציילען די בירגער וואָס פאַר מענשען זייערע פאַרטרעטער זיינען".

מיט א קורצער צייט שפּעטער האָט לאָנדאָן געהאַלטען צוויי רעדעס אין קאָנגרעס וועגען א סקאַנדאַל וואָס איז באַגאַנגען געוואָרען געגען סאָציאַליסטען אין סאוט דאַקאָטאַ. אין יענעם סטייט האָבען די סאָציאַליסטען אָרגאַניזירט א קאָנווענשאָן. האָט דער מעיאָר פון דער שטאָדט, וואו די קאָנווענשאָן איז פאָרגעקומען, געשיקט פּאָליציי איר פאַנאַנדערצוטרייבען. דעם אָרגאַניזער פון דער פּאַרטיי האָבען די פּאָליציסטען מיט געוואַלד אַריינגעזעצט אין אן אוטאָמאָביל און אַרויסגעפירט פון שטאָדט.

לאָנדאָן האָט אַלע פאַקטען פון דער פּאַסירונג פאָרגעלייגט פאַר'ן קאָנגרעס. דאן האָט ער וועגען דעם געמאַכט די פאָלגענדע באַמערקונג: „איך וועל איצט זיך באַנוגענען מיט די

עטליכע ווערטער: די גאַנצע וועלט האַלט אין דעם מאָמענט די אויגען געריכטעט אויף די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטען; די מוטערס אין אמעריקא האָפען דאָס דער גייסט פון רעוואָלוציע און די ליבע צו דעמאָקראַטי און צו פרידען צווישען די דייטשע סאָציאַליסטען, וועט ראַטעווען די אמעריקאַנער באָיס פון די טרענטשעס; די גאַנצע וועלט האָפט אַז די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג וועט אָפּשטעלען די מלחמה און וועט צווינגען דעם טיראַן און דעם אונטערדריקער, דעם פּלוטאָקראַט און דעם פינאַנסיר, דעם אימפּעריאַליסט און דעם פאַררעטער צוריקצוברענגען נאָרמאַלע אומשטענדען אויף דער וועלט. גראַד אין אַזאַ מאָמענט האָט זיך די לומפּען ביי אונז אין לאַנד פאַרגלוסט צו מאַכען פּאָגראָמען אויף סאָציאַליסטישע קאָנווענשאָנס. די טאַט זייערע וועט ניט ברענגען קיין גוטס אמעריקא; זי וועט ניט ברענגען קיין גוטס דער זאַך, פאַר וועלכער אונזער לאַנד קעמפט. די טאַט וועט ניט פאַרגרעסערען דעם רעספּעקט פאַר דער דעמאָקראַטי פון די פאַראייניגטע שטאַטען. קאָנגרעס מוז האַנדלען וועגען דעם. אימיצער מוז פאַרדאַמען אַזוינע מעטאָדען.״

די פאַרביסענע געגנער פון סאָציאַליזם אין קאָנגרעס האָבען געהאַלטען אין איין אויפוואַרפען לאָנדאָנ׳ען די האַנדלונגען פון די באָלשעוויקעס. זיי האָבען געשלאָגען אויף דעם פּונקט, אַז די באָלשעוויקעס זיינען „פּראַקטישע סאָציאַליסטען״, און אַז אַלע פּעלערען וואָס די באָלשעוויקעס מאַכען קומען דערפון וואָס זיי ווילען דורכפירען דעם סאָציאַליזם אין דער פּראַקטיק. לאָנדאָן האָט באַשלאָסען אויף די אַטאַקעס צו ענטפערען. ער האָט צוקלאַפּט די אַרגומענטען פון די סאָציאַליסטען־פרעסער פוןביידע זייטען: ער האָט באַוויזען אַז ניט זיי פאַרשטייען די אויפגאַבען פון די באָלשעוויקעס און ניט זיי באַגרייפען די פילאָזאָפי פון סאָציאַליזם.

„דער שטאַטסמאַן פון טעקסעס רעדט מיט פאַראַכטונג וועגען די אָרימע, אומגליקליכע רוסען וועלכע האָבען דורכגעליטען הונדערטער יאָרען פון אונטערדריקונג און מאַרטירערטום, וועלכע זיינען פון טיראַנען אריינגעשלידערט געוואָרען אין א מלחמה

פאַר וועלכער זיי זיינען ניט געווען פאַראַנטוואָרטליך. די אָרימע מענשען זוכען איצטער אויפצובויען אַ רעפּובליק, אויפצובויען אַ פרייע לאַנד פאַר 180 מיליאָן מענשען, און איר רעדט פון זיי מיט פאַראַכטונג. איר מאַכט חוזק פון זיי. איז דאָס אַמעריקאַניזם? יעדער אמת'ער אַמעריקאַנער מוז פילען די טיפסטע סימפּאַטי פאַר דעם לאַנג־ליידענדיגען פאָלק.

„אַלע שטאַטסלייט, אַלע פּרעזידענטען — רעפּובליקאַנישע און דעמאָקראַטישע — האָבען דאָס רעכט צו מאַכען טעות'ן. פאַר וואָס גיט איר ניט די זעלבע רעכט צו די פאָרשטייער פון דעם רוסישען פאָלק?

„אין דעם יאָר 1066 האָט אַ באַנדע פון פּיראַטען פאַרכאַפּט דעם ענגלישען אינזעל און זיך צוטיילט מיט דער ערד. אָט יענע חלוקה פון דער באַנדיטען־באַנדע איז ביז היינטיגען טאָג פאַרבליבען דער באַזיס פון די עקאָנאָמישע, געזעצליכע און פּאָליטישע אינסטיטוציעס אין ענגלאַנד. די קינדס־קינדער פון יענע פּיראַטען זיינען היינט די אַריסטאָקראַטי פון ענגלאַנד.

„אויב עס איז רעכט געווען פאַר יענע רויבער פון יאָר 1066 צו לייגען דעם פונדאַמענט פון לאַנד־אייגענטום, פון געזעץ, פון פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס אין אַ לאַנד — טאָ פאַר וואָס איז עס ניט רעכט פאַר 180 מיליאָן מענשען וואָס אַקערען די ערד, וואָס פּראָצעווען — פאַר וואָס איז עס ניט רעכט פאַר די מענשען צו פּראָבירען צו עטאַבלירען אין זייער לאַנד אַזאַ עקאָנאָמישען סיסטעם אין וועלכען יעדער איינער פון די איינוואוינער אין לאַנד וועט האָבען דאָס רעכט און די מעגליכקייט צו אַרבייטען און צו לעבען ווי אַ פרייער מענש?"

„עס איז ניט ריכטיג צו ריידען וועגען דעם עקספּערימענט וואָס ווערט איצט געמאַכט אין רוסלאַנד, אַלס אַ סאָציאַליסטישער עקספּערימענט. איז עס מעגליך צו מאַכען אַ סאָציאַליסטישען עקספּערימענט אין אַ לאַנד, וואָס געפינט זיך אין אַזוינע אומשטענדען ווי עס הערשען איצט אין רוסלאַנד? קען מען אויסבעסערען אַ שיף בשעת זי קעמפט געגען כוואַליעס וואָס זוכען איר צו צושמעטערען?

„וואָס איז רוסלאַנד׳ס לאַגע היינט? דאָס לאַנד ליידט. אלעס איז דאָרט אומנאָרמאל. קריג און רעוואָלוציע צוזאמען. ווי שרעקליך דאָס איז! מיר אלע האָפען אז רוסלאַנד וועט זיך ניט באַרואיגען ביז יעדער פעאָדאליסטישער לאַנד־באַזיצער וועט פון איר ניט ארויסגעטריבען ווערען, אי פון איר, אי פון גאַנץ אייראָפּא. מיר אלע האָפען אויף דעם און דאָס איז איינע פון די שטרעבונגען פון דער סאָציאליסטישער באַוועגונג. און דער־פאַר איז וואָס עס זאָל ניט פּאַסירען, מוזען מיר באַהאַנדלען רוסלאַנד מיט ליבע און צערטליכקייט”.

אין פאַרלויף פון די נעקסטע עטליכע וואָכען האָט מאיר לאָנדאָן געהאַלטען אַ רייע פון רעדעס איבער אינערליכע פראַ־גען. אין איין רעדע איז ער ארויסגעטראַטען געגען דעם פאָר־שלאַג, אַז נאָך דעם ווי די מלחמה וועט זיין פאַריבער, זאָל די רעגירונג אומקערען די באַנען צו די פריערדיגע פּריוואַט אייגענ־טימער (אין פאַרלויף פון דער מלחמה האָט די רעגירונג פאַר־וואַלטעט די באַנען). לאָנדאָן האָט געפאָדערט אַז די באַנען זאָ־לען אויף שטענדיג בלייבען דאָס אייגענטום פון קהל. איינער פון די הויפּט אַרגומענטען זיינע איז געווען, אַז די פּריוואַטע קאָמ־פּאַניס באַהאַנדלען שלעכט זייערע ארבייטער.

אין אַ צווייטער רעדע האָט ער באַנייט זיין קאַמף פאַר סאָציאַלע אינשורענס. אין אַ דריטער רעדע האָט ער אַגיטירט פאַר אַ מינימום וויידזש פאַר רעגירונגס־אָנגעשטעלטע. אין אַ פערטער האָט ער פאָרגעשלאָגען אַז די הייזער, וואָס די רעגי־רונג האָט דאַמאלס געמאַכט פאַר אירע פילע אָנגעשטעלטע אין וואַשינגטאָן, זאָלען אויף שטענדיג בלייבען דאָס אייגענטום פו. דער רעגירונג. אין דער רעדע האָט ער פאָראויסגעזאָגט דעם גרויסען דוחק אויף וואוינונגען נאָכ׳ן קריג און האָט באַמערקט, אַז די לענדלאָרדס וועלען זיך מיט דעם דוחק באַנוצען אויסצו־פּרעסען הויכע רענטס פון די מאַסען. ער האָט גע׳טענה׳ט, אַז אויב די רעגירונג וועט האָבען וואוינונגען צו פאַרדינגען, וועט עס אָפּשרעקען די לענדלאָרדס זיי זאָלען ניט זיין גרויזאַם צו זייערע טענענטס.

אין דער פראַגע, צי די רעגירונג זאָל באַשטימען אַ מאַק־סימום פּרייז פאַר ווייץ, האָט לאָנדאָן גענומען אַ שטעלונג, וועל־כע איז פאַר פילע געווען אַן איבערראַשונג. ער איז ארויסגע־טראַטען געגען דעם פאָרשלאַג, און ער האָט זיין שטאַנדפּונקט פאַרטיידיגט דוקא אַלס סאָציאַליסט.

„מען זאָגט, אַז דער פאָרשלאַג איז סאָציאַליסטיש. דאָס איז ניט ריכטיג. דער סאָרט סאָציאַליזם איז פון נאַרען, פאַר נאַרען. איר קענט ניט צונעמען פון איין קלאַס און עס געבען צו אַ צווייטען קלאַס. איר קענט ניט אַראָפּנעמען דעם יאָך פון איין גרופּע און אים ארויפלייגען אויף אַ צווייטער גרופּע. דאָס איז ניט סאָציאַליזם.

„ווען איר באַשטימט דעם מאַקסימום פּרייז פון אַזאַ נויט־ווענדיגען פּראָדוקט ווי ווייץ און איר ענטזאַגט זיך צו באַשטי־מען די מאַקסימום פּרייזען פון אַנדערע נויטווענדיגע פּראָ־דוקטען, באַגייט איר אַן עולה געגען די גרויסע מאַסען פון פאָלק. איר מוזט טאָן איינס פון די ביידע, ענטוועדער איר ערלויבט דער נאַציאָנאַלער רעגירונג זי זאָל רעגולירען די פּרייזען פון אַלע לעבענסמיטעל, אדער איר קאָנטראָלירט ניט קיינע פּרייזען. יע־דער פאַרזוך צו באַשטימען די פּרייזען פון אַ געציילטע צאָל אַרטיקלען האָט זיך ארויסגעוויזען פאַר אַ דורכפאַל. אפילו דייטשלאַנד, וואו דער שטאַט קאָנטראָלירט דאָס לעבען פון דעם איינצעלנען מער ווי אין אירגענד אַנדערע לענדער, האָט זיך די פּראָבע ניט איינגעגעבען.

„ווען די אַלטע רוסישע רעגירונג האָט פּרובירט צו באַ־שטימען דעם פּרייז פון תבואה, האָט דער פּויער זיך ענטזאַגט צו פאַרקויפען. ער האָט בעסער געלאָזען די תבואה צופוילט ווערען איידער זיי פאַרקויפען פאַר אַ פּרייז, וועלכען ער האָט באַטראַכט פאַר צו נידעריג אין פאַרגלייך מיט די פּרייזען פון די זאַכען וואָס ער האָט בעדאַרפט קויפען.

„אונטער די איצטיגע אומשטענדען קען מען ניט באַשליסען ניט קיין מינימום און ניט קיין מאַקסימום פּרייז. אייערע רייד וועגען יקרות־מאַכער, „פּראָפיטירער", אַמוזירען מיך. די היינ־

טיגע געזעלשאַפט איז איין גאַנצען באַזירט אויף שיבעריי, אויף „פּראָפּיטירונג". ביזנעס איז אָרגאַניזירט פאַר פּראָפּיט. איר פארלאַנגט פון א ביזנעסמאַן, פון א מאַן וואס האָט עפעס צו פאַרקויפען צו דער געזעלשאַפט, אז ער זאָל אַרבייטען ניט פאַר פּראָפּיט, נאָר פאַר דער טובה פון זיינע מיטמענשען? איר ווילט אַז דער ביזנעסמאַן זאָל האַנדלען אויס געזעלשאַפטליכע מאָטיוווען? ער האָט ניט אַזוינע מאָטיוועז. קיינער האָט אים ניט געלערענט, קיינער האָט אים ניט ערצויגען צו טראַכטען און זאָרגען פאַר'ן כלל. איר האָט אים, פאַרקערט, אַלע מאָל געלע־רענט ער זאָל קעמפּפען געגען דער געזעלשאַפט און זוכען די גע־זעלשאַפט צו באַזיגען. ביי אייך איז דאָך קאָנקורענץ דער העכ־סטער געזעץ: מענש געגען מענש, גרופּע געגען גרופּע, קלאַס געגען קלאַס, יעדער געגען אַלעמען און אַלע געגען יעדען — דאָס איז דאָך דער געזעץ פון קאָנקורענץ.

„אָפּשטעלען די קאָנקורענץ אין איין סחורה אדער פּראָ־דוקט און ערלויבען דער קאָנקורענץ א פרייע האַנט אין אַלע אַנ־דערע סחורות און פּראָדוקטען, איז אַ קנאַפּע חכמה. . . איר ווילט אונטערקויפען א קליינע גרופּע פון דער געזעלשאַפט אויף דעם חשבון פון דער גאַנצער געזעלשאַפט.

„די רעגירונג מוז האָבען די אויסשליסליכע רעכט צו קויפען יעדען פּראָדוקט פון דעם פאַרמער. די רעגירונג מוז האָבען די מאַכט צו באַשטימען די געהעריגע פרייזען פאַר פּראָדוקטען. דאָס פאָלק דאַרף פירען זיין באַלעבאַטישקייט ווי אַ קאָלעקטיוו, ווי איין גאַנץ פאָלק, און ניט ווי אַ קאָלעקציע פון קליינליכע, גייציגע מענשעלאַך וואָס זוכען די געזעלשאַפט אויפצופרעסען. אויב די מלחמה וועט זיי ניט לערנען די עלעמענטארישע פּרינ־ציפּען פון דער עטיק און דער עקאָנאָמיע פון קאָאָפּעראַציע, וועט שוין קיין זאַך זיי דאָס ניט לערנען".

קאַפּיטעל 21

לאָנדאָן האַלט אַן ערשטע־מאַי רעדע אין קאָנגרעס

דעם ערשטען מאַי, 1918, האָט לאָנדאָן אַדרעסירט דעם קאָנגרעס אין נאָמען פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבייטער באַוועגונג. דאָס איז געווען דעם ערשטען מאָל אין דער געשיכטע פון אַמעריקא, ווען אַ סאָציאַליסט האָט אין דעם יום טוב פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער באַוועגונג גערעדט פון דער קאָנגרעס טריבונע וועגען די געפילען און די געדאַנקען פון דעם וועלט־פּראָלעטאַריאַט בנוגע צו די ברענענדע וועלט פּראָבלעמען פון יענעם מאָמענט. די טעמא פון זיין רעדע איז געווען, „דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליזם און די מלחמה־צילען פון די עליים". פאַר זיין טעקסט האָט ער גענומען אַ באַריכט וואָס דער קייבעל האָט געבראַכט פון עסטרייך, דאָס די דאָרטיגע סאָציאַליסטען האָבען באַשלאָסען צו דעמאָנסטרירען פאַר פריי־דען אין דעם טאָג פון ערשטען מאַי. די סאָציאַליסטען פון אַ שונא'ס לאַנד הייבען זיך אויף געגען זייער רעגירונג און פאָ־דערען פרידען. וואָס באַדייטעט עס? און ווי שטימט עס מיט דער אָנגענומענער מיינונג, אַז די סאָציאַליסטען אין די לענדער פון שונא שטיצען זייערע רעגירונגען און שטיצען די מלחמה? אויף די אַלע פראַגען האָט לאָנדאָן זיך אונטערגענו־מען אין זיין רעדע אַן ענטפער צו געבען. ער האָט אָנגעפאַנגען מיט אַן איבערבליק איבער דער שטעלונג פון די סאָציאַליסטען צו דער מלחמה פון דעם ערשטען טאָג וואָס זי האָט אויסגע־בראָכען:

„ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכען זיינען די סאָציאַליס־טען געוואָרען צוטיילט. אין קיין לאַנד איז זייער צאָל ניט געווען

גרויס גענוג אז זיי זאָלען קענען די מלחמה אָפּשטעלען. פאַר די סאָציאַליסטען אין פראַנקרייך און אין בעלגיען האָט זיך די לאַגע באַלד אויסגעלייטערט. דער שונא איז אין דיזע לענדער אריינגעדרונגען, די עקזיסטענץ פון דעם פאָלק איז געווען אין געפאַר; איז פאַר זיי קיין אַנדער ברירה ניט געבליבען ווי צו העלפען אין דער פאַרטיידיגונג. דערמיט וואָס זיי האָבען פאַרטיידיגט פראַנקרייך, האָבען די פראַנצויזישע סאָציאַליסטען ניט בלויז פאַרטיידיגט זייער אייגען לאַנד, נאָר די וויגעלע פון ציוויליזאַציע אין אייראָפּאַ. צווישען די פראַנצויזישע סאָציאַליס־טען איז ניטאָ קיין צוטיילונג, קיין מיינונגס פאַרשידענהייט. לויט די פּרינציפּען פון העכסטען סאָרט פּאַטריאָטיזם און פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליזם, איז עס געווען זייער פליכט צו געבען זייער פולע הילף צו באַשיצען פראַנקרייך.

„אין דייטשלאַנד, וואו די רעגירונג האָט יאָרען לאַנג זיך צוגעגרייט פאַר אַן אייראָפּעאישע מלחמה און וואו דער הערר־שענדער קלאַס האָט געוואָרט אויף א גינסטיגען מאָמענט די מלחמה אָנצופאַנגען, דאָרטען האָבען זיך די סאָציאַליסטען גע־פונען אין אַן אוממעגליכער לאַגע. אין 24 שעה האָט די רעגי־רונג געקענט צוברעכען יעדע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע אין לאַנד.

„אָבער דאָס איז ניט אַלץ. ווערענד אויף דעם מערב זייט פון דייטשלאַנד ליגט די רעפּובליקאַנישע פראַנקרייך, און די אומ־שולדיגע קליינע בעלגיען, ליגט אָבער אויף דעם מזרח זייט די גרויסע רוסלאַנד, וועלכע איז דאַן פאַררעכענט געוואָרען פאַר א ריזיגער מיליטערישער מאַכט. די מלחמה איז שוין געווען אין פולען גאַנג. פאַר די סאָציאַליסטען האָט זיך געשטעלט די פראַגע צי זיי זאָלען שטימען פאַר דעם מיליטערישען בודזשעט. די סאָציאַליסטישע מאַסען זיינען שוין געווען אין די רייען, אין דער מיליטערישער מאַשין. די סאָציאַליסטישע פראַקציע אין רייכסטאָג האָט געציילט 111 מיטגלידער אין א קערפּערשאַפט פון 397. זיי זיינען צווישען זיך געווען צוטיילט אין דער בודזשעט פראַגע. די מאַיאָריטעט פון זיי זיינען אָבער געווען צו גונסטען

דעם בודזשעט און די איבעריגע האָבען געמוזט גיין מיט דער מאַיאָריטעט.

„דער טשערמאַן פון דער סאָציאַליסטישער עקזעקוטיוו קאָמיטע, דעפּוטאַט הוגא האַזע, איז ביי דעם קאָקוס מיטינג פון דער פראַקציע געווען מיט דער מינאָריטעט. זייט דאַן האָט זיך די לאַגע געענדערט. די בעסטע אינטעליגענטע כוחות פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטי האָבען זיך אָפּגעזאָגט פון שטימען פאַר די מיליטערישע בודזשעטען און האָבען אונערשראָקען פאַרדאַמט די אימפּעריאַליסטישע פּאָליסים פון זייער רעגירונג. די גרופּע וואָס איז אין אָנפאַנג פון קריג געווען א מינאָריטעט שיינט פאָרצושטעלען מיט זיך איצטער א דראָענדע מאַכט אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין דייטשלאַנד. האַזע האָט אַן רחמנות געשונדען זיין רעגירונג פאַר דעם אַזוי־גערופענעם פרידען מיט רוסלאַנד און האָט אויפגעדעקט די געהיימע שטרעבונגען נאָך אַנעקסיעס פון דער דייטשער רעגירונג.

„די סאָציאַליסטען פון דער גאַנצער וועלט, וועלכע האָבען איבער פופציג יאָר אַגיטירט פאַר אינטערנאַציאָנאַלער קאָאָפּעראַציע, זיינען געווען געצוואונגען פון די אומשטענדען צו פאַרטיידיגען זייער לאַנד. זיי האָבען אָבער ניט אויפגעגעבען די שטרעבונג צום אינטערנאַציאָנאַליזם, דעם וואונש צונויפצובינדען די פעלקער אין איין בונד.

„דער דורכשניטליכער באַגריף פון פּאַטריאָטיזם איז, אַז יעדער מוז באַשטיין אויף דעם, דאָס זיין לאַנד איז שטענדיג גערעכט. ריכטיג האָט זיך אויסגעדריקט דער פירער פון די עסטרייכער סאָציאַליסטען, דר. וויקטאָר אַדלער, אין א רעדע אין רייכסראַט: „ווי עס שיינט, האַלט מען פאַר א פּאַטריאָטישער פליכט ליגען צו זאָגען פאַר׳ן פאַטערלאַנד”.

„די אויפגאַבע פאַר די סאָציאַליסטען איז געווען א שווערע. קיינער קען ביי זיך ניט פועל׳ן אָפּצושוואַכען זיין לאַנד אין א צייט ווען די עקזיסטענץ פון לאַנד הענגט אָפּ אָן דעם מיליטערישען ערפאָלג. זיין געגען דעם, אַז דאָס לאַנד זאָל אין א מלחמה אריין איז איינס; אָבער זיין געגען דעם לאַנד, נאָכדעם

ווי עס איז שוין מלחמה אריין און שטייט אין געפאר געשלאָגען צו ווערען, — דאָס איז אַ פאַראַנטוואָרטליכקייט וואס קיינער קען אויף זיך ניט נעמען. די דייטשע רעגירונג זאָגט, אז דייטשלאַנד שטייט אין געפאר צוריסען צו ווערען, דאָס זי איז אין געפאר פאַרניכטעט צו ווערען, דאָס זי פירט אַ פאַרטיידיגונגס־קריג".

די סאָציאַליסטען פון דייטשלאַנד זיינען ארייגעפאלען אין אַ נעץ פון ליגענס און מיסאינפאָרמאַציעס, וואס די רעגירונג האָט פאר זיי אויסגעשפּרייט. אייניגע פון די מיטגלידער האָבען געמאכט אַ פארזוך פון דעם נעץ זיך ארויסצורייסען, אָבער די כוחות האָבען זיי ניט געסטייעט. ענדליך איז געשען די רוסישע רעוואָלוציע און נאָך דעם איז געקומען דער רוף צו פרידען וואָס די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג האָט ארויסגעשיקט צו אַלע פעלקער. דאָס האָט געגעבען די סאָציאַליסטען פון דייטשלאַנד און פון אנדערע קריגס־לענדער די מעגליכקייט ווידער זיך צו שטעלען אויף זייערע אַלטע סאָציאַליסטישע פּאָזיציעס. פאר דעם צוועק איז געפּלאַנט געוואָרען צונויפצורופען אַן אינטערנאַציאָנאַלען קאָנפערענץ פון די סאָציאַליסטען אין אַלע לענדער גוטצוהייסען די פרידענס־באַדינגונגען פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג. אָבער די עליים־רעגירונגען האָבען די קאָנפערענץ פארבאָטען. אויב, אַלזאָ, די דייטשע סאָציאַליסטען האָבען פארפעלט צו פאַראייניגען זיך מיט די סאָציאַליסטען פון די עליים לענדער און צוזאמען מיט זיי ארבייטען פאר אַ באַלדיגען פרידען, איז דאָס ניט זייער שולד נאָר די שולד פון די עליים רעגירונגען.

די סאָציאַליסטען אין די עליים לענדער האָבען זיך אָבער יאָ פארזאמעלט ביי אַ קאָנפערענץ, וועלכער איז פאָרגעקומען אין לאָנדאָן, אין יאַנואר פון יאָר 1918. די קאָנפערענץ האָט אויסגעארבייט אַ פרידענס־פּראָגראם, און וועגען דעם פּראָגראם האָט לאָנדאָן גערעדט אין דער צווייטער העלפט פון זיין רעדע:

„ביי דער קאָנפערענץ זיינען אנוועזענד געווען פארטרעטער פון ענגלאַנד, פראַנקרייך, איטאַליען, בעלגיען, רומעניען, סער־

ביען און גריכענלאַנד. טעלעגראַמעס זיינען אָנגעקומען פון די סאָציאַליסטען פון זיד אפריקא, פּאָרטוגאַל, פון די סאציאַליסטען רעוואָלוציאָנערען און פון די מענשעוויקעס אין רוסלאַנד, אז זיי אינדאָרסירען די צילען פון דער קאָנפערענץ וועגען וועלכע זיי זיינען שוין געווען אינפאָרמירט פון פריער.

„איך באַטראַכט דעם פרידענס פּראָגראַם פון די סאָציאַליסטען אין די עליים לענדער אַלס איינעם פון די וויכטיגסטע דאָקומענטען אין דער געשיכטע פון דער מלחמה. דער אַרבייטער, דער מאַן, וואָס שטייט אויף דעם נידעריגסטען טרעפּ פון לייטער, דער מאַן אויף וועמען אַלע שיכטען פון דער געזעלשאַפט פּרעסען אַראָפּ — ער האָט אַרויסגעזאָגט זיין וואָרט, ער האָט אויסגעשריען זיין פאַרלאַנג און זיין ווילען אַלס אַן אינטערנאַציאָנאַלע מאַכט.

„איך בין ספּעציעל פאַראינטערעסירט אין דעם, אז דער דאָקומענט זאָל קריגען די ברייטסטע „פּאָבליסיטי". איך האָף, אז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג פון די פאַראייניגטע שטאַטען וועט איינשטימיג אינדאָרסירען דעם פּראָגראַם פון דעם קאָנגרעס פון די סאָציאַליסטען אין די עליים לענדער. מיר, אמעריקאַנער סאָציאַליסטען, וואָס פאַר א מיינונגען מיר האָבען ניט געהאַט וועגען אַמעריקא'ס אַריינטריט אין דער מלחמה, ווילען אָבער ניט אז אמעריקא זאָל אין דער מלחמה באַזיגט ווערען.

„די קאַפּיטאַליסטישע אימפּעריאַליסטען קענען זיך האָבען זייערע פּלענער אין דער מלחמה, אָבער דער פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען האָט פאַרזיכערט דאָס אַמעריקאַנער פאָלק, אז מיר זוכען פאַר זיך גאָרנישט אין דער מלחמה. דער פּרעזידענט האָט פאַקטיש אינדאָרסירט דעם גאַנצען פרידענס פּראָגראַם פון די סאָציאַליסטען — ער האָט ניט בלויז דעם אינהאַלט פון פּראָגראַם איבערגענומען, נאָר אויך די ווערטער, די פאָרמולעס. די סאָציאַליסטען אין אַמעריקא קענען דערפאַר ניט זיין גלייכגילטיג אָדער נייטראַל. עס איז זיכער ניטאָ קיין סאָציאַליסט אין אמעריקא, וואָס וואָלט געוואָלט אז אמעריקא זאָל געשלאָגען

ווערען. וויבאַלד אמעריקא זוכט ניט קיין זאַך פאַר זיך, ווי־באַלד זי האָט ניט קיין זעלבסטזיכטיגע צילען אין דער מלחמה, וועט איר אנטייל אין דער מלחמה ברענגען דעם גוטען רעזול־טאַט וואס ביים פרידענס־טיש וועט אמעריקא קענען ווירקען אלס א באַלאַנסירענדע קראַפט, אלס די פשרה־מאַכערין צווישען די צדדים".

דעם בליק אויף דער מלחמה און אויף דער ראָלע וואָס ער־וואַרטעט אמעריקא ביים פרידענס־טיש, האָט לאָנדאָן שטענדיג געהאַט. אָבער ניט אַלע אין דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי האָ־בען מיט אים אין דעם איינגעשטימט. עס איז אמת, אז די סאָציאַליסטען האָבען ניט געוואָלט, ניט אז אמעריקא און ניט די עליים זאָלען די מלחמה פאַרלירען, אָבער זייער פילע סאַציאַליס־טען האָבען ניט געגלויבט אין ווילסאָנ'ס אידעאַליזם און דער־פאַר האָבען זיי זיך ענטזאָגט צו געבען דער רעגירונג מאָראַלע שטיצע. דער וויכטיגסטער פאָרשטייער פון דעם שטאַנדפּונקט איז געווען יודזשין וו. דעבס. ער איז שטענדיג געבליבען שטיין אויף דעם זעלבען שטאַנדפּונקט וואָס לאָנדאָן האָט געהאַט איידער קריג איז ערקלערט געוואָרען. לאָנדאָן האָט דאַמאַלס די מלחמה פאַרדאַמט אַלס מאָרד און האָט ציטירט דעם פסוק פון די עשרת הדברות, „דו זאָלסט ניט מאָרדען". פון דער מאָראַלער פּאָ־זיציע האָט דעבס זיך ענטזאָגט אָפּצוטרעטען. ער האָט ניט געקענט געפינען קיין שום פאַרטיידיגונג, קיין שום ענטשולדיגונג פאַר דעם מאַסען־מאָרד אויף די שלאַכט־פעלדער. אַלע רעגירונ־גען וואס האָבען געשיקט זייערע יונגע לייט צו דער שחיטה זיי־נען אין זיינע אויגען געווען פאַרברעכער.

די רעדע האָט לאָנדאָן געשלאָסען מיט אַן אפּיל פאַר דעם פרידענס פּראָגראַם פון דעם סאָציאַליסטישען קאָנפערענץ:

„די דעקלאַראַציע פון דעם סאָציאַליסטישען קאָנפערענץ דער־הויבט זיך צום העכסטען פּונקט פון סאָציאַליסטישער עטיק. ניטאָ אין איר קיין בייזוויליגקייט, קיין האַס; ניטאָ אין איר

קיין שאָווענייזם. אין איר געפינען אויסדרוק די אַלע נאָבעלע אידעאַלען, צו וועלכע די אינטערנאציאנאַלע סאָציאַליסטישע באַוועגונג שטרעבט שוין א האַלבען יאָר־הונדערט: די אונטערדריקונג פון אימפּעריאַליזם, די אפּשאַפונג פון נאַציאָנאַלע געגנערשאַפט, די אָפּשאַפונג פון געהיימע דיפּלאָמאַטי און געהיימע אָפּמאַכען, די אפּשאַפונג פון געוואַלט אַלס מיטעל צו שליכטען אינטערנאציאנאַלע סכסוכים. די ארבייט פון דעם קאָנפערענץ איז אינספּירירט געוואָרען ניט דורך א וואונש צוריקצובריינגען דאָס אַלטע, נאָר דורך א וואונש צו בויען אויף דאָס ניי".

קאַפּיטעל 22.

קריטיק אין מלחמה־צייט

אין די צוזאמענשטויסען מיט זיינע געגנער אין קאָנגרעס איז לאָנדאָנ׳ען שטאַרק צוניץ געקומען זיין קענטניש פון אמע־ריקאנער געשיכטע און זיין באהאוועגטקייט מיט דעם סאָציאַלען, פּאָליטישען און עקאָנאָמישען לעבען פון דער געגענוואַרט. ער האָט זיינע געגנער באזיגט ווייל ער האָט די טעמא באהערשט בעסער און טיפער ווי זיי.

ער האָט איינמאָל געהאַלטען א שטאַרקע רעדע געגען א ביל וואָס האָט פאָרגעשלאָגען, א אין מלחמה־צייט זאָל קריטיק אויף דער רעגירונג באטראַכט ווערען אַלס א פאַרברעכען. ער האָט באוויזען, אז דאָס איז „איינע פון די שעדליכסטע געזעצען וואָס איז ווען ארויסגעצוואונגען געוואָרען אויף א פרייען פאָלק. איך האָב פאָרזיכטיג דורכגעקוקט די געשיכטע פון די אייראָפּעאישע לענדער אין דעם לעצטען יאָרהונדערט און איך האָב קיין גלייכען צו דעם ניט געפונען. אפילו אין דער צייט ווען די בורבאָנען זיי־נען צוריק ארויף אויפ׳ן טראָן אין פראנקרייך אָדער אין דער צייט ווען די פּרייסישע רעגירונג האָט טריאומפירט איבער דער רעוואָלוציע פון 1848 — אפילו דאן זיינען אזוינע גזירות ניט ארויסגעגעבען געווארען.״

דאָ האָט איינער פון לאָנדאָנ׳ס געגנער אים פּלוצלינג אָפּגע־שטעלט מיט א פראגע — א פראגע וואָס האָט קיין שום שייכות ניט געהאַט מיט׳ן ענין און ניט מיט לאָנדאָנ׳ס ארגומענטען. ער האָט געוואָלט וויסען צי „די אינדאָסטריעל וואָירקערס אָוו די וואָירלד״ איז ניט קיין געפערליכע אָרגאַניזאַציע. דער ציל פון דעם פראגע־שטעלער איז געווען לאָנדאָנ׳ען צו צוטומלען, אים

„אראפצופירען פון וועג", ער זאל אויפהערען צו ריידען וועגען דעם ביל און זיך נעמען פארענטפערען פאר די „א. וו. וו." לאנדאן האט זיך אבער ניט פארלארען. ער האט מיט עטליכע ווערטער אוועקגעזעצט דעם פראגע־שטעלער און אליין איז ער אוועק ווייטער אויף זיין וועג. ער האט אזוי געזאגט:

„איך קען זיך איצט ניט אפשטעלען אויף דער פראגע פון די „אינדאסטריעל ווארקערס". עס איז גענוג אנצודייטען אויף א שטעלע אין דעם אפיציעלען באריכט וועגען „אינדאסטריעל ווארקערס" וואס דעם פרעזידענט'ס קאמיסיע האט ארויסגעגעבען. דארטען שטייט אזוי: די אינדאסטריעל ווארקערס האבען זייער שטארקסטען איינפלוס אין יענע אינדוסטריען וואו די באלעבאטים האבען ארויסגעוויזען דעם גרעסטען ווידערשטאנד געגען דער טרייד־יוניאן באוועגונג און וואו א פארם פון פראטעסט געגען אומגערעכטע באהאנדלונג איז געווען אומפארמיידליך."

מיט די עטליכע ווערטער האט לאנדאן באוויזען דאס אויב די „אינדאסטריעל ווארקערס" איז ווירקליך א געפאר, דאן פאלט די שולד ניט אויף די ראדיקאלען, נאר אויף די רעאקציאנערען, ווייל זיי האבען מיטגעבראכט אז די ארגאניזאציע זאל געבארען ווערען.

און איצט האט ער פארטגעזעצט זיין ארגומענט געגען דעם ביל: „די צרה מיט דעם ביל איז וואס ער איז א בלינדע קאפיע פון א געזעץ וואס איז געפאסט געווארען אין 1798.. איך האב יענעם געזעץ פארזיכטיג דורכגעשטודירט. איך האב אויך אויסגעפארשט די אומשטענדען אין לאנד אין יענער צייט. די רעגירונג איז דאמאלסט געווען גאר יונג. דער עולם האט גאר ניט געוואוסט די באדייטונג פון דעםווארט דעמאקראטיע. רעגירונגס באאמטע, פון דעם קאנגרעסמאן ביז'ן פרעזידענט, זיינען געווען אפטע קרבנות פון ברוטאלע אטאקעס און פארלוימדונגען. דאן איז עס אנגענומען געווארען א געזעץ צו באשיצען די רעגירונגס מענשען. דער געזעץ האט געזוכט צו באשיצען דעם פרעזידענט און דעם קאנגרעס געגען די מענשען וואס האבען זיי באשולדיגט

אין אַלערליי שרעקליכע פאַרברעכענס. באַשולדיגען א רעגירונגס באַאַמטען אין פאַרברעכענס איז געווען א געוויינליכע פּראַקטיק פון יענער צייט.״

דאָ איז לאָנדאָן ווידער אונטערבראָכען געוואָרען פון א צווייטען רעדנער: „אין אַזאַ אומרואיגע צייט ווי איצטער איז גוט אז יעדער מענש זאָל איינגעצאַמט ווערען אין געוויסע גרעניצען. מען טאָר זיי ניט ערלויבען מאַכען אַזוינע ענדערונגען וואָס וועלען שטעלען דאָס לאַנד אין א פאַרלעגענהייט.״

אויף דער אומערוואַרטעטער באַמערקונג האָט לאָנדאָן געענטפערט מיט א טעאָרעטישער אויפפאַסונג פון דאָס רעכט אויף קריטיק אין קריגס צייט. לאָנדאָן האָט ענטוויקעלט דעם געדאַנק, אז פאַר'ן וואוילזיין פון פאָלק איז עס העכסט וויכטיג דאָס קריטיק זאָל זיין פריי גראַדע אין אומרואיגע אַבנאָרמאַלע צייטען, וואָרים גראַדע אין אַזוינע צייטען ווען די נערוועו פון פאָלק זיינען אָנגעשטרענגט, ווען די מוחות זיינען אויפגערעגט קען מען ערוואַרטען די בעסטע מיינונגען, די ניצליכסטע אידייען.

„עס איז אָנגענומען ביי פילע דאָס אין מלחמה צייט טאָר מען ניט קריטיקירען די אינסטיטוציעס פון לאַנד. פּונקט פאַרקערט. מלחמה וועקט אויף די פולע ענערגיע פון פאָלק. ניט בלויז דער ביקס און דער סאָלדאַט, נאָר אַלע כוחות פון פאָלק, די גייסטיגע, די אינטעלעקטועלע, די עקאָנאָמישע — אַלע וואַכען אויף און שפּילען זיך פאַנאַנדער... און ווייל אַלעס אין אונז וואַכט און ווירקט און זוכט און אַרבייט, זעען מיר בעסער אונזערע חסרונות. אין אַזאַ צייט שווימען אַרויף אויף דער פלאַכע אַלע שוואַכע פּונקטען אין די עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און סאָציאַלע איינריכטונגען פון לאַנד.״

„לאָמיר נעמען אַלס ביישפּיל דעם פאַקט דאָס 29 פּראָצענט פון די יונגע לייט וואָס זיינען גערופען געוואָרען צום „דרעפט״ האָבען זיך אַרויסגעוויזען פאַר פיזיש אומפּאַסיג. מיר האָבען ענטדעקט דאָס אין מאַנכע טיילען פון לאַנד איז די צאָל פון אַנאַלפאַבעטען שרעקליך גרויס. אמת, מאַנכע געלערטע אין דעם געגענשטאַנד האָבען וועגען דעם פריער אויך געוואוסט. אָדער,

אין נאָרמאַלע צייטען פלעגען מיר פּראָטעסטירען נעגען די מענשען וואָס מאַכען גרויסע פּראָפיטען פון לעבענס מיטעל. אָבער מיר האָבען קיינמאָל ניט באַגריפען וואָס פאַר א קללה די לייט זיינען פאַר'ן לאַנד, ווי ערנסט די צרה איז, אַזוי ווי מיר באַגרייפען עס איצט. די און ענליכע פעלערען זיינען אויפגעדעקט געוואָרען איצטער ווייל די צייט, די אומשטענדען האָבען אונז געצוואונגען צוצוקוקען זיך צו זיי. ווילט איר זאָגען, אַז פונקט איצטער ווען די פעלערען זיינען אויפגעדעקט געוואָרען זאָלען מיר פאַרמאַכען די אויגען און אויף זיי ניט קוקען, זאָלען מיר ניט פאָרשלאָגען קיין עצות ווי אַזוי די חסרונות גוט צו מאַכען? ווי נאַריש אַזאַ שטאַנדפּונקט איז!

„ווען מיר דערוויסען זיך אין צייט פון מלחמה, אַז די געוועזער וואָס מיר באַנוצען איז ניט גוט גענוג, וואָס טוען מיר? מיר נעמען גלייך זוכען בעסערע געוועזר. דאָס זעלבע מוזען מיר טאָן מיט אונזערע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אינסטיטוציעס. מיר דאַרפען זיך ניט שרעקען זיי צו בייטען אַזוי שנעל ווי מיר דער־וויסען זיך אַז זיי טויגען ניט.”

עס זיינען געוועזען אויסנאַמס־פאַלען. עס האָט פּאַסירט אַמאָל אַז לאַנדאָנ'ס א פּראָטעסט אין נאָמען פון גערעכטיגקייט פלעגט גוטגעהייסען ווערען פון דעם קאָנגרעס. אַזאַ אינצידענט האָט געטראָפען אין דזשון, 1918, ווען לאַנדאָן האָט פאַרגעלייגט פאַר'ן קאָנגרעס דעם „משוגענעם אוקאַז” וואָס דער גאָווערנאָר פון אייאָווא האָט אַרויסגעגעבען. דער „אוקאַז” האָט פאַרבאָטען די איינוואוינער פון אייאָווא צו באַנוצען זיך מיט אַן אַנדער שפּראַך אויסער ענגליש אין עפענטליכע פּלעצער, ביי פאַרזאַמלונגען, אין קירכע, ריידענדיג אויפ'ן טעלעפאָן אָדער אפילו אין א פּריי־וואַט־געשפּרעך, פאָרענדיג אויף א טריין אָדער א קאַר. נאָכדעם ווי לאַנדאָן האָט איבערגעגעבען די פאַקטען וועגען דער גזירה, האָט ער געמאַכט די פאָלגענדע באַמערקונג:

„עס איז קלאָר דאָס מאַנכע באַאַמטע ליידען פון א ספּעציע־לער סאָרט משוגעת וואָס מלחמה פאַראורזאַכט. צו פאַרבאָטען א מענשען צו געברויכען די איינציגע שפּראַך אין וועלכער ער קען

אויסדריקען זיינע גערעכטע פארזיגלען זיינע ליפען, אוועק־נעמען פון אים דאָס רעכט צו ריידען... פון וואנען נעמען זיך די באַמטע אַזאַ אויטאָריטעט? וואו איז דאָ א געזעץ וואָס ערלויבט זיי אַזאַ זאַך צו טאָן? וואו איז דאָ א לאנד וועלכע האָט אזא גזירה ווען ארויסגעגעבען? איך האָב באקומען א פּראָטעסט געגען דעם געזעץ צוגעשיקט פון טשעכאָ סלאָוואַקען און באָהעמער וואָס וואוינען אין אייאָווא. מיר ווייסען אז די טשעכען האָבען געשיקט א רעגימענט פון דאנען צום פראָנט אין פראנקרייך. זיי זיינען די מוטיגסטע קעמפּער צווישען די עליים. זיי קעמפען ניט בלויז פאר די פאראייניגטע שטאַטען; זיי זיינען שטארק פאר־אינטערעסירט אין די פּראָבלעמען פון די קליינע נאַציאָנאַליטעטען אין דער עסטרייכישער אימפּעריע. פאר זיי איז די מלחמה א הייליגער קריג, א קריג פאר דער באַפרייאונג פון זייער אייגענעם פאָלק... און די מענשען האָט עס דער גאָווערנאָר פארבאָטען דורך זיין נארישען אוקאַז צו באַנוצען זיך מיט דער איינציגער שפּראַך וואָס זיי קענען און ווייסען."

קיינער אין קאָנגרעס האָט זיך פאר דעם גאָווערנאָר ניט איינגעשטעלט. פארקערט, אייניגע קאָנגרעסלייט האָבען פאר־געשלאָגען פּלענער ווי אזוי צו צווינגען דעם גאָווערנאָר ער זאָל די גזירה אָפּשאפען. לאָנדאָן האָט דאן אָנגעוויזען אויף דעם אינטערעסאַנטען פאַקט אז דער גאָווערנאָר איז נאָך אלעמען ניט אין גאנצען שולדיג, אז ער איז פארפירט געווארען פון דער „פּאַט־ריאָטישער" כוואַליע, וואָס האָט צודולט אזוי פיל מוחות אין לאנד. און דערביי האָט ער אנאַליזירט איינע פון די „פּאַטריאָ־טישע" לאָזונגען וואָס זיינען יענער צייט שטארק פארשפּרייט געוואָרען: דער לאָזונג פון „איין לאנד און איין שפּראַך".

„אין אונגארן האָט די רעגירונג יאָרען לאנג געזוכט צו אונ־טערדריקען די פארשיידענע סלאַווישע שפּראַכען. אין דעם דייטשען טייל פון דער עסטרייכישער אימפּעריע האָט די רעגירונג געזוכט צו אונטערדריקען יעדע שפּראַך אויסער די דייטשע. דער רעזול־טאַט איז געווען אז די פארפאָלגונגען האָבען ערוועקט דעם נאַ־ציאָנאַלען שטאָלץ פון די קליינע נאַציאָנאַליטעטען. קיין זאַך

וועט ניט אַזוי סטימולירען ליבע צו אַ שפּראַך ווי דער פאַרזוך די שפּראַך צו אונטערדריקען. עס זיינען דאָ מענשען וואָס האַל־טען אַז עס איז גוט אַז אַלע מענשען זאָלען ריידען די זעלבע שפּראַך. אפשר זיינען זיי גערעכט. אָבער דאָס קען ניט אויסגע־פירט ווערען דורך באַפעלען און געזעצען. דאָס קען דערגרייכט ווערען דורך בילדונג, דורך ערציען דעם עולם ליב צו האָבען די אינסטיטוציעס פון לאַנד. — דורך ליבע, ניט דורך גזירות.״

קאפיטעל 23.

אַרבייטער בילס אין קאָנגרעס

די פירער פון קאָנגרעס האָבען ניט געוואָלט צולאָזען אז אַרבייטער פראַגען זאָלען פארהאַנדעלט ווערען; זיי האָבען גע־האַט א גוטען תירוץ אז מלחמה פראַגען זיינען בילכער, אז מען טאָר זיך אין אַזאַ צייט מיט אַנדערע זאַכען ניט פארנעמען. דאָך זיינען אייניגע אַרבייטער בילס יע פארהאַנדעלט געוואָרען. די וויכטיגסטע צווישען זיי זיינען געווען די פאָלגענדע דריי: (1) דער ביל צו מאַכען פאַרבעררייטונגען פאר דער אַרמיי פון אַרבייטסלאָזע פריער אָנגענומען און וועלכען דער סופרים קאָורט האָט גע׳פסל׳ט אַלס אונקאָנסטיטוציאָנעל; (2) דער ביל וועגען א מינימום וויידזש פאר פרויען אין דיסטריקט אָוו קאָלאָמביא, און (3) דער ביל צו מאַכען פאָרברייטונגען פאר דער אַרמיי פון אַרבייטסלאָזע וואָס וועט געשאַפען ווערען גלייך נאָכדעם ווי די מלחמה וועט זיך ענדיגען. לאָנדאָן האָט די פראַגען באַטראַכט אַלס וויכטיגער ווי די מלחמה בילס און ער האָט וועגען זיי געהאַלטען א גאַנצע רייע רעדעס אין קאָנגרעס.

אין זיין רעדע וועגען דעם געזעץ פון אָפּשאַפען קינדער אַרבייט האָט זיך לאָנדאָן ניט באַנוגענט מיט פאַרדאַמען דעם סופרים קאָורט אַלס א קאָנסערוואַטיווע אינסטיטוציע און אַלס א דעספּאָטישע מאַכט. דאָס האָבען שוין געטאָן פילע פאר איס. לאָנדאָן האָט אַטאַקירט דעם סופרים קאָורט פון א מאָדערנעם שטאַנדפּונקט. ער האָט געוואָרענט דעם אַמעריקאַנער פאָלק דאָס אויב די מאַכט פון סופרים קאָורט וועט ניט איינגעצוימט ווערען, וועט אוממעגליך זיין פאר׳ן קאָנגרעס צו היילען די סאָציאַלע און אינדוסטריעלע וואונדען וואָס ווערען אין אַלע ציוויליזירטע לענ־

דער געהיילט דורך געזעצן. דאָס וועט פירען דערצו אז די אַלע גרופּען וואָס קעמפען צווישען זיך פאַר זייערע רעכט, אַלע עקאָנאָמישע קלאַסען וואָס פירען מלחמה פאַר זייערע אינטערעסען וועלען זיך מוזען באַגנוגענען אויף דעם עקאָנאָמישען פעלד. אין ציוויליזירטע לענדער האָט דאָס פאָלק די מעגליכקייט אַ טייל פון די קאַמפּען צו שליכטען דורך געזעצען, דורך פּאָליטישען דרוק. דאָ, אָבער, שטייט דער סופרים קאָורט אין וועג. אַלע אינדוסטריעלע צוויסטיגקייטען, אַלע אינדוסטריעלע עולות און פאַרברעכענס ווערען די אורזאַכען פון קלאַסען־מלחמות — און ברענגען ליידען צו איינצעלנע און צו דער גאַנצער געזעלשאַפט."

אַזוי ווי דער פאַרזוך דורכצופירען אַ געזעץ צו פאַרזיכערען אַרבייטער געגען אַרבייטסלאָזיגקייט האָט זיך אים ניט איינגעגעבען, האָט לאָנדאָן פּרובירט דורכשמוגלען אַן ענליכען געזעץ אין דער פאָרם פון אַ מלחמה פּראָיעקט. ער האָט זיך באַנוצט מיט דער געלעגענהייט ווען דער קאָנגרעס האָט פאַרהאַנדעלט די פראַגע ווי אַזוי צו זאָרגען פאַר די צוריקגעקומענע סאָלדאַטען. די קאָנגרעס קאָמיטע וואָס האָט וועגען דעם פּראָבלעם אַריינגעטראָגען אַ באַריכט האָט זיך באַגרעניצט אויף די פאַרוואונדעטע און פאַרקריפּעלטע, ווי אַזוי מען זאָל זיי פאַרזאָרגען. לאָנדאָן האָט געבעטען דאָס וואָרט און ערקלערט אז דער באַריכט רירט אָן בלויז אַ קליינע טייל פון דעם גאַנצען פּראָבלעם. ער האָט אָנגעוויזען דאָס דורך דער דעמאָביליזאַציע, וועט די צאָל פון הונגעריגע און היימלאָזע אַרבייטער זיין פיל גרעסער ווי די צאָל פון די פאַרוואונדעטע און געקריפּעלטע. ער האָט דערפאַר געפאָדערט אז דער קאָנגרעס זאָל גלייך איצטער נעמען שריט וועגען זאָרגען פאַר די וואָס „זיינען אינדוסטריעל פאַרוואונדעט און צוקריפּעלט פּונקט ווי פאַר די וואָס זיינען פיזיש פאַרוואונדעט און צוקריפּעלט."

„די אייראָפּעאישע לענדער", האָט ער ווייטער געזאָגט, „האָבען אנערקענט די וויכטיגקייט פון צוגרייטען זיך איצטער פאַר נאָך־דער־מלחמה. זיי פאַרשטייען אז מען מוז שוין איצטער די פראַגע פאַרהאַנדלען, זאַמלען די נויטיגע אינפאָרמאַציע און אויסאַרבייטען די נויטיגע פּלענער. אַלע פאַרשטייען דאָס מיליאָנען

פון די מענער און פרויען וואָס זיינען באשעפטיגט אין דער אמוניציע אינדוסריע וועלען בלייבען אָן באשעפטיגונג אזוי שנעל ווי די מלחמה וועט זיך ענדיגען. עס איז די אויפגאבע פון די שטאַטסלייט צו טראַכטען וועגען דער צוקונפט און זיך צוגרייטען פאַר דאָס אומפארמיידליכע.״

מאַנכע פון לאָנדאָנ׳ס רעדעס אין קאָנגרעס לייענען זיך ווי לעקציעס אין עקאָנאָמיע, עטיק אָדער סאָציאָלאָגיע. דאָס איז דערפאַר ווייל ער פלעגט זיינע ארגומענטען באזירען אויף פונדאַ־מענטאַלע פרינציפען פון מאָראַל אדער וויסענשאפט. צו דעם סאָרט געהערט זיין רעדע איבער דער פראַגע פון מינימום ווייזשעס פאַר פרויען. ער האָט אין דער רעדע דיסקוטירט די גרונד־פרינציפען, מאָראַלע און עקאָנאָמישע, פון לוין פאַר אַר־בייטער. וועגען דער מאָראַלער זייט פון דער פראַגע האָט ער געזאָגט אָט וואָס:

„וואָס איז די באדייטונג פון א מינימום־לוין? דאָס באדייט אז ווי אָן אינדוסטריע זאָל ניט זיין, ווי נידעריג א באשעפטיגונג זאָל ניט באטראכט ווערען — איינס איז באשטימט: דער מענש וואָס איז אין איר באשעפטיגט מוז קריגען באצאָלט גענוג ער זאָל קענען לעבען ווי א מענש דאַרף לעבען. ער מוז האָבען שפייז, קליידער, א וואוינונג; ער מוז האָבען די מעגליכקייט זיך צו בילדען. מיט די פיר זאכען מוז יעדער מענש אין א ציוויי־ליזירטער געזעלשאפט זיין פאַרזאָרגט. א געזעלשאפט וואָס ער־לויבט אז אירע מיטגלידער זאָלען ניט האָבען די פיר עלעמענטאַרע נויטווענדיגקייטען איז ניט סטאַביל, שטייט ניט אויף א זיכערען, פעסטען באָדען.״

לאָנדאָן באנוגענט זיך ניט מיט א געזעץ פון א מינימום לוין פאַר פרויען ארבייטער. לויט זיין אויפפאסונג פון דער לוין פראַגע מוז די געזעלשאפט פאַרזיכערען אלע ארבייטער, מענער אזוי גוט ווי פרויען, מיט גענוג שכירות צו באצאָלען פאַר די דערמאָנטע עלעמענטאַרע באדערפענישען.״

„מיר פאַנגען ערשט איצט אָן די פראַגע צו באגרייפען. די ארבייטער אין ענגלאַנד פאָדערען א מינימום לוין פאַר אלע

אַרבייטער. זיי פאָדערען אז אין אן אינדוסטריעלער געזעלשאַפט זאָל הערשען א מאָראַל, אז אין דער געזעצמאַכונג פון לאַנד זאָל זיין אן עטישער פּרינציפּ."

אָבער אין די וויסענשאַפטס־ביכער שטייט געשריבען, אַז ווײדזשעס ווערען באשטימט לויט דעם געזעץ פון „נאָכפראַגע און אָנבאָט", אז וואָס מער אַרבייטער עס זיינען דאָ פאַר א דזשאָב, אַלס נידעריגער מוזען די ווײדזשעס פאַלען. ווי אזוי קענען מיר זיך אויסדרייען פונ'ם „אייזערנעם" וויסענשאַפטליכען געזעץ?

„עס איז דום", זאָגט לאַנדאָן, „אָנצואווענדען דעם געזעץ פון פּאַרלאַנג און אָנבאָט אויף דער באַציאונג צווישען אַרבייטער און אַרבייטגעבער. אַזאַ לערע טאָר ניט געפינען קיין פּלאַץ אין א מאָדערנער געזעלשאַפט. לאָמיר זען, צו וואָס פאַר א באַרבאַ־ריזם, צו וואָס פאַר א גרויזאַמקייט אַזאַ געזעץ קען אונז דערפירען. פּרובירט דעם געזעץ אָנצואווענדען אויף די מיליאָנען סאָלדאַטען וואָס קומען צוריק פון די שלאַכט־פעלדער. דער פּאָליטישער עקאָ־נאָמיקער וועט צו זיי זאָגען: „איר מוזט זיך אונטערוואַרפען אונטער דעם געזעץ פון נאָכפראַגע און אָנבאָט. עס זיינען פאַ־ראַן בלויז פינף הונדערט דזשאָבס. איר זייט מיליאָנען. לויט דעם וויסענשאַפטליכען געזעץ מוזט איר אונטער די אומשטענדען אַרבייטען אינגאַנצען אומזיסט". מיר קענען ניט אָנווענדען אַזאַ געזעץ ווען עס האַנדעלט זיך וועגען די באַציאונגען פון מענש צו מענש. איר קענט ניט אָנווענדען אויף מענשען דעם זעלבען געזעץ וואָס איר באַנוצט ווען איר זוכט צו באַשטימען דעם פּרייז פון א זאַק פּאַטייטאָס."

דער געזעץ מוז אנערקענען מאָראַלע פּרינציפּען נאָך אפשר מער ווי וויסענשאַפטליכע געזעצען: „איך גלויב, דאָס דער געזעץ מוז אויסדריקען די ערוואַכונג פון דער מענשהייט; דער געזעץ מוז ווייזען דעם וועג צו נייע געדאַנקען, צו העכערע פּרינ־ציפּען. איך גלויב, דאָס דער יוריסט, דער פאָרשער פון געזעץ דאַרף ספּעציעל שטודירען די באַציאונגען פון מענשען איינע צו די אַנדערע; ער טאָר זיך ניט האַלטען ביי דעם אַלטען. ער טאָר ניט זיין קיין שקלאַף צו טראַדיציע. ער מוז פאָרשען, אַנאַלי־

זירען, שטעלען פראגען, זיין גרייט צו מארשירען פאָרווערטס לויט די פאָדערונגען פון לעבען — דאָס איז די אויפגאבע פון דעם יוריסט, פון דעם אדוואָקאט, פון דעם געזעץ־מאכער.

„צום אומגליק איז עס אָבער ניט אזוי; צום אומגליק איז דער לאָיער איצטער דער דינער פון יענער גרופּע אין דער געזעלשאפט, וועלכע האָט די מאכט און ער העלפט יענער גרופּע אונטערצודריקען די שוואכע. איך רייד פון די מערסטע לאָיערס. זיי זיינען די דינער פון די הערשער".

און דאָ גיט לאָנדאָן זיין אויפפאסונג פון דעם סאָציאליסטישען פּרינציפּ פון קלאסענקאמף:

„עס איז דאָ א קלאסענקאמף, א שטענדיגע מלחמה צווישען קלאסען. אָבער כדי די מלחמה זאָל איינגעהאלטען ווערען, אָפּגעשוואכט ווערען אין די אינטערעסען פון דער געזעלשאפט אין אלגעמיין, איז וויכטיג אז די רעגירונג זאָל דורך געזעץ שליכטען מאנכע פון די פונקטען איבער וועלכע דער קאמף קומט פאָר.

„אין אמעריקא זיינען די קלאסען ניט אזוי שארף אָפּגעטיילט ווי אין אנדערע לענדער. דער דעמאָקראטישער אינסטינקט איז דאָ צו שטארק. דעמאָקראטי הייסט א געלעגענהייט פאר דעם איינצעלנעם זיין לאגע צו פארבעסערען, און אויף אזוי ווייט ווי דאָ עקזיסטירט אזא געלעגענהייט, האָבען מיר דאָ דעמאָקראטי. אָבער צו דער זעלבער צייט וועט קיינער ניט לייקענען, אז מיר זיינען דאָ געבענשט מיט א שטאָל טראָסט, מיט אן אויל טראָסט, מיט מעכטיגע פינאנציעלע אָרגאניזאציעס. די דעמאָקראטישע כוחות שטייען אין שטענדיגען קאמף מיט אָט די געלט־גרופּען, און וואָס מער זיגען די דעמאָקראטישע כוחות פארצייכענען אין דעם קאמף, אלץ מער ווערט דאָ פארווירקליכט דער אלגעמיינער פּרינציפּ פון דעמאָקראטי. איך געברויך דאָ דעם וואָרט דעמאָקראטי אין דעם פרייסטען זין. עס איז דערפאר אין די אינטערעסען פון אונזער רעפּובליק אז דער קאמף זאָל אויף אזוי ווייט ווי מעגליך טראנספערירט ווערען פון דעם עקאָנאָמישען פעלד, וואו ער געפינט אויסדרוק דורך סטרייקס און לאקאוטס, צום פּאָליטישען פעלד, וואו די פאָרשטייער פון פאָלק קאָנען האנדלען

אין די אינטערעסען פון פאָלק, וואו די פראגע קענען ענטשידען ווערען אין די אינטערעסען פון דער גרויסער מאיאריטעט פון די איינוואוינער פון לאנד.

„אלס סאָציאַליסט זוך איך ניט אָפּצולייקענען דעם קלאסען־קאמף. איך זוך אים מילדער צו מאכען”.

זיין אויפפאסונג פון קלאסען־קאמף איז ניט אין איינקלאנג מיט דער לערע פון אָרטאָדאָקסישען סאָציאַליזם. לויט לאָנדאָנ׳ען קומט אויס, אז די סאָציאליסטען זיינען דאפיר, אז די רעגירונג זאָל זיך אריינמישען אין דעם קאמף צווישען קאפּיטאל און אר־בייט, אז די רעגירונג זאָל באגרענצען דאָס פעלד פון דעם קאמף. דער שטרענגער סאָציאליסט איז אבסאָלוט געגען דעם, ווייל ער האָט ניט קיין צוטרויען צו דער גערעכטיגקייט פון א קאפּיטאליס־טישער רעגירונג. דער שטרענגער מארקסיסט גלויבט, דאָס די רעגירונג דינט אימער די אינטערעסען פון דעם הערשענדען קלאס.

לאָנדאָן׳ס שטאנדפּונקט דאָס, „אלס א סאָציאליסט זוך איך דעם קלאסענקאמף מילדער צו מאכען”, ווערט איצטער אינ־דאָרסירט פון פילע סאָציאליסטען אין פארשידענע לענדער. דאס איז דער שטאנדפּונקט פון די רעכטערע גרופּען אין די סאָציא־ליסטישע פּארטייען פון אייראָפּא. לאָנדאָן איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָט דעם שטאנדפּונקט פאָרמולירט און פאר־טיידיגט.

קאפיטעל 24.

לאנדאנ׳ם שטעלונג צו דער באלשעוויסטישער רעוואלוציע

די רוסישע רעוואלוציע איז ניט געגאנגען אויף דעם וועג, וואס לאנדאן האט געוואונשען און געהאפט. לאנדאן איז אויך געווען נעגען די באלשעוויקעם דערפאר, וואס זיי האבען זיך אפגעזאגט פון דעמאקראטי. אין אן אינטערוויו, וואס ער האט ארויסגעגעבען אכט מאנאטען נאכדעם, ווי די באלשעוויקעס זיינען געווען אין מאכט, האט ער אויסגעדריקט די איבערציינונג, אז זיי וועלען זיך ניט האלטען. ער האט זיין מיינונג באזירט אויף דעם „שרעקליכען טעות וואס לעגין און טראצקי האבען געמאכט דערמיט, וואס זיי האבען אוועקגענומען ביי דער אינטעליגענץ זייערע פאליטישע רעכט". ער האט קריטיקירט פילע פון די באלשעוויסטישע טאטען אין זייער אייגען לאנד און אין דער אינטערנאציאנאלער פאליטיק. ער איז אויך געווען אויפגערעגט אויף די באלשעוויקעס פאר מאכען א סעפעראטען פרידען מיט דייטשלאנד.

זיינע געפילען צום רוסישען פאלק האבען זיך דורכדעם ניט געביטען. ער האט אויך געגלויבט אז פאר די געשעענישען אין רוסלאנד זיינען ביז א גרויסען גראד געווען פאראנטווארטליך די עולות און פארברעכענס וואס די דיפלאמאטען פון די עליים האבען געגען רוסלאנד באגאנגען. דערפאר האט ער אין קאנגרעס אימער רוסלאנד פארטיידיגט. יעדען מאל וואס ער האט דארטען וועגען רוסלאנד גערעדט, האט ער אפעלירט נאך סימפאטי און פארשטענדניש און הילף צו דעם אומגליקליכען לאנד. מר. מארטענס, דער אפיציעלער פארשטייער פון די סא-

וועטען אין אמעריקא, האָט לאַנדאָנ׳ען באטראַכט אלס א פריינד און האָט זיך צו אים געווענדעט נאָך הילף יעדען מאָל ווען ער האָט זיך אין דעם גענויטיגט.

אין אָנפאנג מערץ, 1918, ווען די עלִיים האָבען געפּלאַנעוועט אריינצושיקען אַן ארמיי צו פאַרנעמען רוסישע טעריטאָריע אין אזיען, האָט לאַנדאָן פאָרגעשלאָגען א רעזאָלוציע, אויפפאָדערענדיג דעם קאָנגרעס ער זאָל „פּראָטעסטירען געגען אירגענד וועלכען פאַרזוך זיך אריינצומישען אין די אינערליכע אַנגעלעגענהייטען פון רוסלאַנד".

לאַנדאָנ׳ס רעזאָלוציע האָט ניט געהאָלפען. אין אַפּריל האָט יאַפּאַן אריינגעשיקט סאָלדאַטען אין וולאַדיוואָסטאָק. קורץ נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבען דער טראַגישער קאַפּיטעל מיט די טשעכא־סלאָוואקישע רעגימענטען, און אין מאָנאַט יולי האָבען די ענגלישע און פראַנצויזישע ארמייען אין מורמאַנסק גענומען אריינדרינגען טיפער אין רוסלאַנד. די אַטאַקע אויף רוסלאַנד איז געווען אין פולען גאַנג.

און ווידער אַמאָל האָט זיך לאַנדאָן אויפגעשטעלט אין קאָנגרעס צו אַפּעלירען פאר דעם אומגליקליכען לאַנד. ער האָט מיט זיין רעדע געצילט אָפּצושוואַכען די ארגומענטען פון די פאַרשידענע געגנער פון רוסלאַנד — די ארגומענטען אז די באָלשעוויקעס האָבען פאַרראַטען די עלִיים און אז זיי האָבען מיט זייער סעפּעראַטען פרידען זיך פאַקטיש פאַראייניגט מיט דייטשלאַנד געגען די עלִיים. ער האָט באַוויזען, אַז די ביידע טענות זיינען פאַלש, אַז, ערשטענס, זיינען די באָלשעוויקעס געצוואונגען געווען צו מאַכען דעם פרידען כדי זיך צו ראַטעווען און אַז, צווייטענס, האָט דייטשלאַנד פון דעם פרידען גאָרנישט געוואונען.

„דער ברעסט־ליטאָווסקער פרידען איז געמאַכט געוואָרען נאָך דעם ווי רוסלאַנד האָט עקאָנאָמיש פאָלשטענדיג צוזאַמענגעבראָכען. מער ווי צוואַנציג מיליאָן מענשען זיינען מאָביליזירט געוואָרען אין דעם צאַר׳ס ארמיי, און בלויז א פערטעל פון זיי האָבען געקאָנט באַנוצט ווערען פאַר די שלאַכטפעלדער.

די איבעריגע האָבען פאר דער מלחמה גאָרניט אויפגעטאָן, אָבער זייער אָפּוועזענהייט פון דער היים האָט דיסאָרגאַניזירט דעם לעבען פון לאַנד. א מאָנאַט בעפאר דער רעוואָלוציע זיינען גאַנצע רעגימענטען סאָלדאַטען אומגעגאַנגען באָרוועס אין רוס־לאַנד. ערב דער רעוואָלוציע האָט די ארמיי ביים פראָנט גע־האַט פּראָוויאַנט פאַר בלויז צוויי טעג. פּעטראָגראַד האָט גע־הונגערט. מיט דער שטירצונג פון דעם צאַר'ס טראָן איז פאר־שוואונדען די דיסציפּלין פון דער ארמיי. די סאָלדאַטען האָבען געוואוסט, אז די רעגירונג וואָס האָט זיי געשיקט אין די טרענ־טשעס עקזיסטירט ניט מער. זיי האָבען ניט געזען קיין אור־זאַכע ווייטער אין די טרענטשעס צו פארבלייבען. זיי האָבען ניט געזען קיין אורזאַכע פאַר וואָס די דייטשע סאָלדאַטען זאָ־לען ניט פאָלגען זייערביישפּיל, שטירצען זייער רעגירונג און מאַכען א סוף צו דער מלחמה. די פאָדערונג פאַר פרידען האָט זיך שנעל פארשפּרייט איבער'ן גאַנצען לאַנד.

„יעדערער אין רוסלאַנד, וואָס האָט געקענט פאָראויסזען וואָס שפּעטער וועט זיין, האָט פארשטאַנען אַז א סעפּעראַטער פרידען וועט ברענגען אומגליק. עס איז אָבער געווען איין וועג בלויז ווי אַזוי א סעפּעראַטען פרידען אויסצומיידען און דאָס איז, צו זען, אז עס זאָל גלייך געשלאָסען ווערען אַן אלגע־מיינער פרידען.

„טראָצקי האָט ניט געוואָלט אונטערשרייבען קיין פרידען. אָבער דייטשלאַנד האָט געפאָדערט דעם „שטיקעל פּאַפּיר". ווען דייטשלאַנד וואָלט געפירט געווארען פון שטאַטסלייט און ניט פון א מיליטערישער קליקע, וואָלט זי געוואוסט ווי אַזוי אויסצונוצען די געלעגענהייט. ווען זי וואָלט באהאַנדעלט רוסלאַנד פריינדליך, ווען זי וואָלט ניט געזוכט אויסצונוצען רוסלאַנד'ס אומגליק פאַר זיך, ווען זי וואָלט געוואונען רוסלאַנד'ס צוטרוי, דאַן וואָלט זי ווירקליך איצט געקענט האָבען רוסלאַנד'ס אונגעהייערע נאַ־טירליכע אוצרות פאַר איר געברויך אין דער מלחמה און די עליים וואָלטען איר קיינמאָל ניט געקענט באַזיגען.

„עס איז אַן אונפארציייליכע דומהייט פון די עליים צו באַ־

האַנדלען רוסלאַנד ווי א פאַרברעכער דערפאַר וואָס זי האָט דעם פרידען געשלאָסען. די רוסען צווישען זיך קענען זיך קריגען איבער דער פראַגע צי דער פרידען איז געווען ראַטזאַם, צי ניט. די עליים טאָרען אָבער ניט מאַכען קיין באַשולדיגונגען. דער רוסישער פאָלק האָט געפאָדערט פרידען. עלף מאָנאַטען צייט האָט מען אים געקאָרמעט מיט פאַרשפּרעכונגען אַז אָט, אָט, וועט פרידען קומען. מער האָט מען אים ניט געקענט אָפּנאַרען".

רוסלאַנד איז, אַלזאָ, ניט שולדיג געווען אין דעם, וואָס איז געשען. די עליים האָבען ניט פאַרשטאַנען די לאַגע אָדער ניט געוואָלט פאַרשטיין. און לאַנדאָן באַווייזט ווייטער, אַז דייטש־לאַנד וועט פון איר רויבערישען פרידען מיט רוסלאַנד ניט שטאַר־קער ווערען. די איצטיגע רוסלאַנד איז א פרייע לאַנד, א פּראָ־גרעסיווע לאַנד, און זי איז דערפאַר אַ שונא פון דעם קייזער, אַ שונא פון דעם דייטשען רעזשים וואָס פירט די מלחמה. דער שטיקעל פּאַפּיר פון דעם פרידען איז גאָרניט ווערט. דער שטיקעל פּאַפּיר וועט דייטשלאַנד ניט געבען די הילף אין וועלכער זי נויטיגט זיך. די שטיצע האָט זי פאַרשפּילט מיט איר ברו־טאַלער, מיליטערישער טאַקטיק אין איר באַציאונג צו רוסלאַנד.

און לאַנדאָן שליסט זיין רעדע מיט אַן אַפּיל, וועלכען ער האָט שוין פילע מאָל פריער געמאַכט — אַן אַפּיל פאַר פריינד־שאַפט צום רוסישען פאָלק, פאַר הילף צום פאָלק, וואָס האָט אַזוי לאַנג געלעבט און געליטען אין פינסטערניש און וואָס זוכט איצט אַ וועג צו אַ ביסעל גליק, צו אַ שטראַל פון ליכט.

קאפיטעל 25.

דער קאמפיין פון 1918 — לאָנדאָן פּאַרלירט

אין דעם קאמפּיין פון יאר 1918, איז לאָנדאָן געלאָפען צום דריטען מאָל פאר קאָנגרעס. ער האָט דאמאלסט געהאַט געגען זיך געגנער אין דער אייגענער סאָציאַליסטישער פּארטיי, א חוץ א פאראייניגטער אָפּאָזיציע פון דרויסען. נאָך פריער, אין די זומער מאָנאטען, האָבען די לינקע אין דער פּארטיי אָנגעפירט א קאמף ניט צוצולאָזען אז לאָנדאָן זאָל אפילו נאָמינירט ווערען. אין אן ערקלערונג, וואס די גרופּע האָט פארשפּרייט צווישען די מיטגלידער פון דער פּארטיי, ווערט אויסגערעכענט א לאנגער צעטעל פון די „זינד" געגען סאָציאַליזם, וואס לאָנדאָן איז באַגאנגען. אָט זיינען מאנכע פון זיי:

„ער האָט איגנאָרירט די סט. לואיס'ער רעזאָלוציע גלייך נאָכדעם, ווי זי איז אָנגענומען געווארען. ער האָט זיך ענטזאגט פּאַרצושלאָגען אין קאָנגרעס בילס, וואס די נאציאָנאַלע עקזעקוטיווע האָט אים געהייסען פאַרשלאָגען. ער האָט פארנאכלעסיגט יעדע געלעגענהייט צו מאַניפעסטירען די שטעלונג פון דער סאָציאַליסטישער פּארטיי צו פראַגען. . . ווען לאָנדאָן האָט געשיקט זיין באַרימטע טעלעגראמע קיין רוסלאַנד, זיי זאָלען ניט אונטערשרייבען קיין סעפּאראַטען פרידן, האָבען פילע פון אונז געפילט, אז מען דאַרף אים צוריקרופען פון קאָנגרעס. אויב מיר האָבען ניט געהאַט דעם מוט אים צוריקצורופען דאן, לאָמיר כאָטש האָבען דעם מוט אים איצטער נאָכאַמאָל ניט צו נאָמינירען".

די מי פון די „לינקע" איז געווען אומזיסט. לאָנדאָן איז פון דער פּאַרטיי יא נאָמינירט געווארען. אָבער די אינערליכע

אפאזיציע איז פארבליבען, און געווים האט עם לאנדאן׳ם קאמפיין קיין געזונד ניט צוגעגעבען.

אין דעם מאמענט, וואס לאנדאן האט מיט זיך געהאט א צוטיילטע פארטיי, האט ער געגען זיך געהאט א פעסט־פאראייניגטע אפאזיציע.ביידע קאפיטאליסטישע פארטייען, די דעמאקראטישע און די רעפובליקאנישע, האבען זיך געאייניגט אויף איין קאנדידאט געגען לאנדאנ׳ען. זיי האבען עם געטאן אויף דעם פארלאנג פון די „פאטריאטען״, — פון דער שאוועניסטישער „נעשאנעל סעקיוריטי ליג״, און פון פילע צייטונגען איבער׳ן גאנצען לאנד. נאך אין דעצעמבער, 1917, האט דער סיראקיוזער „העראלד״ געדרוקט א לייט־ארטיקעל אונטער דעם קעפעל, „פאר וואס זאלען מיר זיך ניט פאראייניגען?״, און וועלכען עס איז געזאגט געווארען דאס פאלגענדע: „מר. לאנדאן איז ערוויילט געווארען אין דעם 12טען דיסטריקט פון ניו יארק מיט א מאיאריטעט פון בלויז 340 שטימען איבער זיין דעמאקראטישען געגנער. דער רעפובליקאנישער קאנדידאט האט געצויגען 968 שטימען. ווען די דעמאקראטען און די רעפובליקאנער וואלטען זיך פאראייניגט אין יענעם עלעקשאן וואלט לאנדאן געשלאגען געווארען.״

די „נעשאנעל סעקיוריטי ליג״ האט געטראגען א ספעציעלען בעם אויף לאנדאנ׳ען דערפאר, וואס ער האט איר אפט אטאקירט און פון איר חוזק געמאכט אין זיינע רעדעס אין קאנגרעס. זי האט געראטען ביידע פארטייען זיי זאלען נאמינירען אסקאר שטראוס׳ען, ער זאל ראטעווען די איסט סייד פון לאנדאן׳ס „פאררעטערישען איינפלוס״. די עצה איז פון די פארטייען ניט אנגענומען געווארען. אבער אם ענדע פון מאנאט יולי האבען די ניו יארקער צייטונגען געדרוקט א באריכט דאס „די עקזעקוטיווע פון דער רעפובליקאנישער קאונטי קאנווענשאן האט גוטגעהייסען אן אפמאך מיט טעמעני, אז ביידע פארטייען זאלען זיך פאראייניגען צו שלאגען די סאציאליסטישע קאנדידאטען פאר קאנגרעס אין אלע דיסטריקטען וואו די סאציאליסטען האבען געצויגען א גרויסען וואוט אין די פאריגע יארען. דער הויפט ציל פון דער

פאראייניגונג איז דורכצואווארפען מאיר לאָנדאָנ'ען אין 12טען דיסטריקט און מאָררים הילקוויט'ן אין 20טען דיסטריקט".

דער קאמף געגען לאָנדאָנ'ען איז אָנגעפירט געווארען מיט אַן אויסערגעוויינליכער ביטערקייט און עקשנות. די גאַנצע ניו יאָרקער פרעסע, אריינרעכענענדיג די ליבעראַלע צייטונגען, וועלכע האָבען אים אין די פריערדיגע קאמפיינס געשטיצט, זיינען איצט ארויס געגען אים. געגען אים זיינען אויך געשטאַנען די פראָמינענטע פירער פון דער אידישער עפענטליכקייט, די נאַציאָנאַליסטישע גרופען, די ציוניסטען און פועלי ציוניסטען, די אָרטאָדאָקסישע אידען און שטילערהייד אויך די לינקע סאָציאַליסטען. ער איז באַקעמפט געווארען פון איין זייט אַלס אַ געפערליכער ראַדיקאַל, און פון דער צווייטער זייט אַלס אַ פאררעטער צום ראַדיקאַליזם. ער איז פארדאמט געוואָרען אי אַלס אַן אמעריקאנער פאַטריאָט, אי אַלס אַ געגנער פון אמעריקא און אַ פראָ־דייטש. פון איין גרופע איז ער באשולדיגט געוואָרען אַז ער האָט געאָפּפערט מיט זיין סאָציאַליזם צוליב די אידען פון זיין דיסטריקט, און פון אַ צווייטער גרופע איז ער באַשולדיגט געווארען אַז ער האָט פארנאַכלעסיגט אידישע אינטערעסען דערפאר וואָס ער האָט געוואָלט בלייבען טריי זיינע סאָציאַליסטישע אידעען.

אַלע אָרגאַניזירטע כוחות אין דער געזעלשאפט, אויסער די אָפּגעשוואַכטע סאָציאַליסטישע פארטיי און די טרייד־יוניאָנס, האָבען בייגעשטייערט זייער חלק צו שלאָגען לאָנדאָנ'ען. די ניט סאָציאַליסטישע פרעסע האָט אָנגעפירט אַ גיפטיגע פראָפּאַגאַנדא געגען אים אין נאָמען פון נאַציאָנאַליזם און רעליגיאָן. איינע פון די צייטונגען האָט „ענטדעקט", אַז לאָנדאָן איז געזעסען אין קאָנגרעס אום יום כפור און זי האָט געמאַכט אַ געוואַלד, אַז מיט דער טאַט האָט לאָנדאָן באַליידיגט די אידישע רעליגיע און די געפילען פון אַלע פרומע אידען אין גאַנץ אמעריקא. די צייטונג האָט פארזיכערט אירע לעזער, דאָס די קריסטליכע קאָנגרעסלייט זיינען ענטריסטעט געווארען ווען זיי האָבען דערזען ווי לאָנדאָן קומט אריין אין דער „הויז" אין דעם „הייליגסטען טאָג

פון דעם אידישען פאָלק". זי האָט פון דער זאַך געמאַכט אַ גרויסע סענסאַציע. זי האָט געשיקט רעפּאָרטערס צו האָבען אינטערוויוס מיט פרומע אידען וועגען דעם ענין, און זי האָט געמאָלדען אַז די „שולען האָבען געקאָכט מיט די נייעס. . . אין די שולען אויף דער איסט סייד איז דאָס געווען דער הויפּט געשפּרעך. אַלע האָבען אויסגעדריקט דעם גרעסטען צאָרן און די גרעסטע ענטריסטונג אויף דער חוצפה פון די סאָציאַליסטען, וואָס האָבען נאָמינירט אַלס אַ פאָרשטייער פון דער איסט סייד אַ מאַן, וואָס האָט ניט קיין דרך ארץ פאַר דעם אידישען נאָמען".

די פּועלי ציוניסטען האָבען חוזק געמאַכט פון לאָנדאָנ'ען, וואָס ער האָט מורא אַז די אידען אין פּאַלעסטינא וועלען צונעמען ביי די אַראַבער זייערע רעכט. לאָנדאָן האָט ערקלערט, דאָס ער וואָלט אינדאָרסירט די באַלפור דעקלאַראַציע, אויב זי וואָלט ניט פאַרלעצט דעם סאָציאַליסטישען פּרינציפּ פון „זעלבסט־באַשטימונג פון קליינע נאַציאָנאַליטעטען". דערפאַר האָבען די פּועלי ציוניסטען אָנגערופען לאָנדאָנ'ען אַ „האַלבער אָדער אַ פערטעל איד, וועלכער ברענגט מער שאָדען דער אידישער זאַך ווי איינער וואָס איז גאַרניט קיין איד".

ערב עלעקשאָן האָט די אָפּאָזיציע געבראַכט די שווערסטע קאַמפּיין אַרטילעריע. פריער איז פאַרשפּרייט געוואָרען אין אַפּילו צו דער איסט סייד פון דעם געוועזענעם פּרעזידענט טעאָדאָר רוזוועלט. אין דעם אַפּיל האָט רוזוועלט געשריבען: „מר. לאָנדאָן האָט מיט זיינע האַנדלונגען אין קאָנגרעס באַוויזען, אַז ער שטימט איין מיט דער אַנטי־מלחמה פּלאַטפאָרמע פון די סאָציאַליסטען. אונטער אַזוינע אומשטענדען קען איך ניט זען ווי אַזוי אַן ערליכער בירגער און אַ פּאַטריאָטישער אַמעריקאַנער קען שטימען פאַר אים. . . מר. לאָנדאָן האָט מיט זיין האַנדלונג אין קאָנגרעס באַוויזען אַז ער האָט אַ רעכט אויף דער שטיצע פון די פאַרדייטשטע סאָציאַליסטען. ער האָט אָבער קיין רעכט ניט אויף די שטימען פון די פּאַטריאָטישע אַמעריקאַנער בירגער".

נאָך רוזוועלט'ן זיינען געקומען די בערען פון די דייטשע יהודים: דזשייקאָב שיף, לואיס מאַרשאַל, אייבראַם עלקוס, סע־

מיועל אונטערמייער, נייטען שטראוס און ראבי סטיפען ווייז. מאנכע פון זיי זיינען אראָפּגעפאָרען אויף דער איסט סייד פער־זענליך און גערעדט געגען לאָנדאָנ׳ען ביי גרויסע מאסען־פאַרזאמ־לונגען. זייער הויפּט ארגומענט איז געווען, אז לאָנדאָן ברענגט שאָדען דעם אידישען נאָמען אין אמעריקא, אז ער גיט די אידען א שלעכטע רעפּוטאציע אז זיי זיינען ניט קיין „גוטע אמערי־קאנער״. סעמיועל אונטערמייער האָט זאָגאר אפּעלירט צו די ראדיקאלע ארבייטער. ער האָט זיי פארזיכערט אז זיי קענען פון דער דעמאָקראטישער פארטיי קריגען אלץ וואָס די סאָציאליסטען זאָגען צו. „די דעמאָקראטישע פארטיי,״ האָט ער געזאָגט, „שטייט פאר די גרויסע סאָציאלע רעפאָרמס וואס דאָס פאָלק פארלאנגט. די רעפאָרמס קענען אם בעסטען דורכגעפירט ווערען דורך דער דעמאָקראטישער פארטיי״. ער האָט געשילדערט די גרויסע גליקען וואָס דאָס גאנצע לאנד וועט האָבען אויב די דעמאָקראטען וועלען זיגען ביי די וואלען, און האָט געשלאָסען זיין רעדע מיט אַן אפּיל צו די בירגער זיי זאָלען ערוויילען אלס קאָנגרעסמאן לאָנדאָן׳ס געגנער, כדי די איסט סייד זאָל דערנאָך קענען זאָגען אז זי האָט געטאָן איר חלק אין העלפען ברענגען דעם גן־עדן אויף דער וועלט.

אָבער טראָץ דער אָפּאָזיציע פון די געגנערישע פארטייען און טראָץ די אינערליכע צווייסטיגקייטען אין די סאָציאליסטישע רייען, איז דער סענטימענט אויף דער איסט סייד געווען פאר לאָנדאָנ׳ען. אנטקעגען די אלע ארגומענטען און טענות האָט ער געשטעלט זיין „רעקאָרד״, די ארבייט וואָס ער האָט געטאָן אין פארלויף פון זיינע צוויי טערמינען אין קאָנגרעס. ער האָט אפּעלירט צו די בירגער זיי זאָלען לויט דער ארבייט אורטיילען צי ער האָט זיי אין קאָנגרעס ערליך פארטראָטען, צי ניט. ביים אָנ־פאנג פון קאמפּיין האָט ער געמאכט אן עפענטליכע ערקלערונג אין וועלכער ער האָט אָפּענהערציג זיך דורכגערעדט מיט די וואוטערס. ער האָט אין דער ערקלערונג אזוי געשריבען:

„איך בין ניט קיין שטומער קאָנגרעסמאן. איך האָב ניט קיין מורא צו זאָגען וואָס איך דענק. איך האָב זיך ניט גע־

שראקען צו שטימען איינער געגען דעם גאנצען קאנגרעס ווען מיין פליכט האט עס פון מיר געפאדערט. איך האב דעם קאנ־גרעס באקענט געמאכט מיט מיין דיסטריקט און איך האב דורך אפטע רעפארטס צו די בירגער באקאנט געמאכט דעם דיסטריקט מיט דעם קאנגרעס.

„איך האב פראטעסטירט געגען עקזיסטירענדע אומרעכטען און געגען געפלאנטע אומרעכטען; צו דער זעלבער צייט אבער האב איך ניט פארגעסען אנצואווייזען אויף דער שעהנער זייט אין דעם אמעריקאנעם לעבען. איך האב קיינמאל ניט ארויס־געלאזען פון זינען דעם פאקט דאס אמעריקא איז א לאנד פון מעגליכקייטען און אז זי פארדינט מען זאל פאר איר קעמפען און פאר איר שטארבען... איך האב געארבייט און געשטימט געגען יעדען שריט וואס האט געפירט דאס לאנד צום קריג. אבער איך האב זיך דערנאך אונטערוואַרפען דעם באשלוס פון לאנד. וואס ווילען די בירגער איצט טאן? ווילען זיי מיך באשטראפען דערפאר וואס איך האב דעם מוט געהאט צו שטימען געגען מלחמה, אדער דערפאר וואס איך האב מיין לאנד געשיצט נאכדעם ווי זי איז אין דער מלחמה אריין?

„ווי מאדנע, אלס דער איינציגער סאציאליסט אין קאנגרעס, איז מיר אויסגעקומען צו זיין דער פארטיידיגער פון אלעם וואס איז ברייט און שיין אין פרעזידענט ווילסאנ׳ס אינטערנאציאנאלע פאליסים...

„ווילען מיך די בירגער באשטראפען דערפאר וואס איך האב געקעמפט פאר סאציאלע אינשורענס, פאר פרייע רעדע און פרייע פרעסע, געגען מאב טעראר און געגען געהיימע דיפלא־מאטי? וועט פון מיר אוועקגענומען ווערען די געלעגענהייט צו דינען דעם פאלק, נאכדעם ווי די מלחמה וועט זיך ענדיגען און די ווידעראויפבויאונג וועט זיך אנפאנגען?

„ווילט איר אז איך זאל ניט האבען די געלעגענהייט וויי־טער אנצופירען מיין קאמף פאר דער קהל׳שער פארוואלטונג פון

„פּאַבליק יוטיליטיס״, פאַר שטימרעכט פאַר פרויען, פאַר דער באַגרעניצונג פון דער מאכט פון סופרים קאורט, פאַר איינצאמען דעם „פּראָפּיטירער״?

„אָדער דענקט איר אַז מיין פּאָליטישע קאריערע פאַרדינט א פריצייטיגען סוף דערפאַר וואָס איך בין אנוועזענד געווען ביי מער זיצונגען פון קאָנגרעס ווי אַלע טעמעני קאָנגרעסלייט צוזאמענגענומען ?״

די יוניאָנס האָבען לאָנדאָנ׳ען געגעבען זייער פולע און פאָל־שטענדיגע שטיצע ווי אין די פריערדיגע קאַמפּיינס.

טעמעני האָט אָבער געוואוסט, ווי אַזוי זיך צו ספּראַווען מיט דער לאַגע. זי האָט איצט פאַר קיינעם ניט געדאַרפט מורא האָ־בען, קיינעם קיין חשבון ניט אָפּגעבען. אַלע טירען פון דער עפענטליכער מיינונג זיינען פאַר די סאָציאַליסטען געווען פאַר־שלאָסען. טעמעני האָט ארויסגענומען דעם גאַנצען ארסענאַל פון איר אַלטען געוועהר. זי האָט ארויסגעשיקט איר ארמיי פון פאַלשע וואוטערס, פון שלעגער און שטאַרקע. דער רעזולטאַט פון די וואַלען, ווי די טעמעני באַאמטע האָבען באַריכטעט, האָט געוויזען, אַז לאָנדאָן האָט פאַרלאָרען מיט אַן ערך פון בלויז 700 שטימען. דער קאַנדידאַט פון די פאַראייניגטע פּאַרטייען האָט געצויגען 7269 שטימען און לאָנדאָן האָט געצויגען 6519 שטימען.

די „פּאַטריאָטישע״ פּרעסע האָט זיך געפרייט מיט איר זיג. די „טאַימז״ האָט געשריבען: „שלאָגען מאיר לאָנדאָן איז אַ גוטער טאָג ארבייט געווען״. די „מעיל״ האָט ערקלערט: „דער אינטע־רעסאַנטסטער און באַדייטענטסטער רעזולטאַט פון די וואַלען איז דאָס, וואָס דער אמעריקאַנער פאָלק האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם סאָציאַליזם״. דער ברוקלינער „סטענדאַרד יוניאָן״ האָט באַגריסט די נייעס מיט אַ לייט־אַרטיקעל אונטער דער קעפּעל: „די סאָ־ציאַליסטישע געפאַר אָפּגעשטעלט״.

די אויסטייטשונג האָט ווירקליך אויסגעזען ריכטיג. די זעלבע צייטונגען, וואָס האָבען געשטיצט לאָנדאָנ׳ען אין די פריערדיגע

קאַמפּיינס, האָבען דעם מאָל געאַרבייט געגען אים. די פּראָמינענטע אידען, וואָס זיינען געווען פאַרבונדען מיט אידישע אַנגעלעגענהייטען, האָבען אויף אים געזאָגט, אַז ער איז אַ שונא פון די אידען.

אָבער לאָנדאָן און זיין פּאַרטיי האָבען געוואוסט, אַז עס איז ניט אַזוי. זיי זיינען געווען איבערצייגט, דאָס טראָץ די אַלע אומגינסטיגע אומשטענדען, וואָלט לאָנדאָן געזיגט, ווען די וואַלען וואָלטען ערליך דורכגעפירט געוואָרען. פון אָנפאַנג האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי געוואָלט פאָדערען אין געריכט אַ גרינדליכע אונטערזוכונג און אַז די שטימען זאָלען נאָך אַמאָל איבערגעציילט ווערען. לאָנדאָן האָט אַרויסגעגעבען איבער דעם אַן ערקלערונג: „איך האָב באַוויזען וועגען מאַסען שווינדלען, וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרען אין 11 פון די 31 עלעקשאָן דיסטריקטס. איין פאַל איז געווען אַזאַ: איך האָב באַקומען 190 שטימען און פאַרשריבען האָבען די באַאַמטע בלויז 123; מיין געגנער האָט דאָרטען געצויגען 90 שטימען און די באַאַמטע האָבען אים פאַרשריבען 150. איינער פון די סאָציאַליסטישע וואַטשערס האָט מיר געזאָגט, אַז ביים ציילען האָט מען די סאָציאַליסטען ניט ערלויבט צו קוקען אויף די באַלאָטס. איינער אַ וואַטשער האָט פּראָטעסטירט, האָט מען אים צושלאָגען".

די טעמעני חברה האָבען געאַרבייט פלייסיג ניט צוצולאָזען די סאָציאַליסטען צום באַלאָט־באָקס. מען האָט פילע פון זיי זאָגאַר ניט ערלויבט זיך צו רעדזשיסטרירען. לאָנדאָן האָט געפּרובירט צו אַפּעלירען אין געריכט פאַר די בירגער, וואָס זיינען באַרויבט געוואָרען פון זייער שטימרעכט, אָבער ער האָט די אַפּיעלס פאַרלאָרען. די ריכטער האָבען געגלויבט אַלעס, וואָס די טעמעני באַאַמטע האָבען זיי דערציילט.

אָט זיינען איינינע כאַראַקטעריסטישע בריעף, וואָס לאָנדאָן האָט געשיקט צו די סאָציאַליסטישע בירגער, פאַר וועמען ער האָט די אַפּיעלס געמאַכט. פון די בריעף קען מען זען, מיט וואָס פאַר מעטאָדען די טעמעני עלעקשאָן־באַאַמטע האָבען זיך באַנוצט צו פּסל'ענען סאָציאַליסטישע וואָוטערס.

„ווערטער הער: דער געריכט האָט צוריקגעוויזען דעם אַפּיעל צו צווינגען די באַאַמטע זיי זאָלען אייך רעדזשיסטרירען. דער תירוץ זייערער איז דאָס אייער נאָמען איז ניטאָ אויף אייער פּאָ־טער׳ס סיטיזענ׳ס פּייפּערס”.

„ווערטער הער: דער אינספּעקטאָר אין דעם שטים־פּלאַץ, וואו איר האָט אַ פּאַרזוך געמאַכט זיך צו רעדזשיסטרירען, האָט געשוואָרען אין געריכט, אַז איר זייט דאָרטען קיינמאָל ניט געווען. דער געריכט האָט דעם אינספּעקטאָר געגלויבט, און אייער אַפּיעל צוריקגעוויזען”.

„ווער־טער הער: דער געריכט האָט זיך ענטזאָגט צו צווינגען די עלעקשאָן־באַאַמטע זיי זאָלען אייך רעדזשיסטרירען. די אינספּעקטאָרס האָבען געשוואָרען דאָס איר האָט ניט געוואוסט דעם דאַטום פון אייערע סיטיזענ׳ס פּייפּערס און דעם געריכט, וואו איר האָט אייערע פּייפּערס אַרויסגענומען”.

„ווערטע דאַמע: דער געריכט האָט צוריקגעוויזען אייער אַפּיעל, ווייל די אינספּעקטאָרס האָבען ערקלערט, דאָס איר האָט ניט געוואוסט גענוי דעם דאַטום פון אייער חתונה”.

נאָך אַ לאַנגען ישוב־הדעת האָט די פּאַרטיי באַשלאָסען גאָר־ניט צו טאָן וועגען דעם. זי האָט געוואוסט, אַז געגען דער פּאַר־אייניגטער מאַכט פוןביידע קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען און נאָך אין אַ צייט פון פּאַטריאָטישער פּראָפּאַגאַנדע, וועלען די סאָציאַ־ליסטען זיכער גאָרניט אויספירען. לאָנדאָן האָט אָבער ביי זיך געוואוסט, אַז דער אַרבייטער אויף דער איסט סייד און דער קליי־נער ביזנעסמאַן, וועלכע האָבען אים געשיקט אין וואַשינגטאָן אַלס זייער פאָרשטייער אין 1914 און אין 1916, האָבען איצטער, פּונקט ווי דאַן, געגלויבט אין זיין אויפריכטיגקייט און ערליכקייט און אַז ער האָט די גאַנצע צייט, וואָס ער איז אין קאָנגרעס געזעסען, גע־רעדט דאָס, וואָס זיי האָבען געוואָלט ער זאָל פאַר זיי ריידען. ער איז איצט צוריקגעפאָרען אין וואַשינגטאָן צו ענדיגען זיין טערמין, פאָרטצוזעצען דאָרטען זיין קאַמף פאַר די זעלבע אידעאַלען און

פּרינציפּען, פאַר וועלכע ער האָט זיך ערוואָרבען דעם האַס פון דער פייגינער פּרעסע און די פּראָפעסיאָנעלע פּאַטריאָטען. ער האָט געוואוסט, דאָס ווען דער לעבען אויף דער איסט סייד וועט צוריק ווערען נאָרמאַל, ווען זי וועט ווידער האָבען די מעגליכקייט צו טאָן, וואָס זי דענקט און וואָס זי ווינשט, וועט זי אים ווידער אויסקלייבען אַלס איר פאַרטרעטער און פאָרשטייער ביים אמע־ריקאַנעם פאָלק.

קאפּיטעל 26.

לאָנדאָן און די אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לײבאָר

פאַר די מלחמה יאָהרען האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטײ באַטראַכט גאָמפּערס'עם פירערשאַפט פון דער אַמעריקען פעדערײ־שאָן אָוו לײבאָר אַלס רעאַקציאָנער און איז געװען איבערצײגט, דאָס גאָמפּערס שטערט דעם פּראָגרעס פון סאָציאַליזם אין אַמע־ריקא. די פירער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטײ אין די פאַר־אײניגטע שטאַטען האָבען מקנא געװען די מעכטיגע סאָציאַליס־טישע פּאַרטײען אין די לענדער אויף יענער זײט ים, װאו די טרײד יוניאָנס זײנען געװען צונויפגעבונדען מיט דער סאָציאַ־ליסטישער באַװעגונג. די סאָציאַליסטען דאָ זײנען געװען איבער צײגט, אַז די ארבײטער מאַסען װאָלטען געקענט אין דער פּאַר־טײ אַרײנגעצױגען װערען װען ניט די שטערונג פון די קאָנסער־װאַטיװע יוניאָן פירער.

אין די גאָר ערשטע יאָרען, װען די סאָציאַליסטישע פּאַרטײ איז נאָך געװען דורכגעדרונגען מיט דעם דע ליאָניסטישען גײסט, איז די סאָציאַליסטישע פּאַרטײ געװען אָפט אונטאָלעראַנט און צײטענװײז אונגערעכט מיט אירע אַטאַקעס אויף די בעאַמטע פון דער פעדערײשאָן. זי האָט ניט געװאָלט אָנערקענען אַז די פעדערײשאָן פירער קענען זײן אויפריכטיג מיט זײערע קאָנסער־װאַטיװע מײנונגען. אַ קאָנסערװאַטיװע האַנדלונג פון אַ פע־דערײשאָן יוניאָן פלעגט פון די סאָציאַליסטען פאַרדאַמט װערען אַלס אַ פאַרראַט געגען די ארבײטער. די פּאַרטײ האָט געלערנט אירע מיטגלידער זײ זאָלען קוקען מיט פאַרדאַכט אויף יעדען

ניט־סאָציאַליסטישען בעאמטען פון דער פעדעריישאָן און צו טאָן אַלעס ארויסצורייסען די פעדעריישאָן פון גאָמפּערס'עס הענט און איר איבערגעבען אין די הענד פון אויסגעשפּראָכענע, אַנ־ערקענטע סאָציאַליסטען.

שפּעטער אַביסעל איז די שטעלונג פון די סאָציאַליסטען צו די פעדעריישאָן יוניאָנס מילדער געוואָרען. די ראַדיקאַלע יוניאָנס, הויפּטזעכליך אין די נידעל טריידס, האָבען זיך קריס־טאַליזירט און זיך געשטעלט אויף אַ פעסטען באָדען. זיי זיי־נען געבראַכט געוואָרען אין נאָענטערע, אין אינטימערע באַציאונ־גען מיט די קאָנסערוואַטיווע יוניאָנס. אַ בעסערע פאַרשטענדניש האָט זיך ענטוויקעלט. גאָמפּערס און די אַנדערע פירער פון דער פעדעריישאָן זיינען איינגעלאַדען געוואָרען צו אַדרעסירען מי־טינגען פון סטרייקענדע נידעל ארבייטער; און די ארבייטער האָ־בען אויסגעפונען דאָס די „רעאַקציאָנערען און שטיוועל פּוצער פון די באַלעבאַטים" ריידען מיט דער זעלבער שפּראַך, געברוי־כען די זעלבע ווערטער וועגען אַרבייטער סאָלידאַריטעט, וועגען אַרבייטער־קאַמף, ווי די סאָציאַליסטישע פירער. אַ געוויסע צאָל פון די אַרבייטער האָבען זיך ניט געלאָזט באַאיינפלוסען פון די „פאַרפירער", זיך ניט געוואָלט צוהערען צו זיי. אָבער אויף דער גרויסער מאַיאָריטעט האָט עס געווירקט און זייערע מיינונ־גען האָבען זיך געביטען.

דער קאַמף צווישען די סאָציאַליסטען און די קאָנסערוואַ־טיווער פעדעריישאָן איז דורכדעם ניט אָפּגעשטעלט געוואָרען. ער האָט אָבער אָנגענומען אַן אַנדער פאָרמע. ער איז ארויפ־געהויבען געוואָרען צו דער שטופע פון ערליכע, אויפריכטיגע מיינונגס־פאַרשידענהייט און צו דער שטופע פון פּרינציפּען און אידעען. דער עלעמענט פון פערזענליכע אַטאַקעס און פערזענ־ליכע באַליידיגונגען איז אָפּגעשוואַכט געוואָרען.

ביסלעכוויז איז צווישען די סאָציאַליסטען גופא פאָרגעקו־מען אַ צוטיילונג אין זייער שטעלונג צו גאָמפּערס'ן און זיין אַדמיניסטריישאָן אין דער פעדעריישאָן. יענע סאָציאַליסטען, וואָס האָבען פאַרנומען פאַראַנטוואָרטליכע עמטער אין די יוניאָנס,

אין די ראדיקאלע יוניאָנס אפילו, האָבען ארויסגעוויזען רעס־פעקט און פריינדשאַפט צו גאָמפּערס׳ן. מאנכע פון זיי האָבען עס געטאָן ווייל זיי האָבען אזוי געפילט, ווייל זיי האָבען אנ־ערקענט גאָמפּערס׳עס ארבייט און אויפטואונגען פאר די יוניאָנס; אַנדערע האָבען עס געטאָן אויס פּראקטישע מאָטיווען, ווייל זיי האָבען געוואוסט, אז זייערע יוניאָנס נויטיגען זיך אין דעם גוטען ווילען און אין די פריינדשאַפט פון די פירער פון דער פעדערײשאָן.

די סאָציאליסטישע פירער וואָס זיינען געווען טעטיג אין די יוניאָנס האָבען געשטרעבט צו שאַפען א בעסערע פארשטענד־ניס מיט דער אמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר. אָבער זיי האָבען ניט געהאַט דעם מוט צו אַגיטירען פאר דעם אָפען. זיי האָבען געוואוסט, אז דאָס וואָלט זייער ניט געפעלען די פּאָ־ליטישע סאָציאליסטען, וועלכע האָבען געארבייט געגען גאָמ־פּערס׳ן און וועלכע האָבען געזוכט צו שאַפען אָפּאָזיציע צו גאָמ־פּערס׳ן אין די ארבייטער רייען. אויף אזא אופן איז געשאַפען געוואָרען א צוטיילונג צווישען די טרייד יוניאָן סאָציאליסטען און די פּאָליטישע סאָציאליסטען, — א צוטיילונג וואָס ביידע גרופּען האָבען ניט געהאַלטען פאר ראַטזאַם ארויסצוטראָגען אין דער עפענטליכקייט אָבער פאר וועלכע די טוער אין דער באַ־וועגונג האָבען זיך געשראָקען.

לאָנדאָן האָט אין דער באַוועגונג פארנומען א ספּעציעלען אָרט. ער האָט זיך פון אָנפאַנג אָן פארבונדען מיט ביידע צוויי־גען, מיט דער פּאָליטישער און די טרייד־יוניאָניסטישער, און ער האָט זיי ביידע געדינט מיט דער זעלבער איבערגעבענהייט, מיט דער זעלבער ליבע. מען האָט אים געזען אזוי אָפט אויף יוניאָן פּלאַטפאָרמעס ווי אויף פּארטיי פּלאַטפאָרמעס. ער האָט אַגיטירט פאר אינדאָסטריעלער אָרגאַניזאַציע מיט דעם זעלבען פייער ווי ער האָט אַגיטירט פאר פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע.

אַלס סאָציאַליסט האָט לאָנדאָן באַדויערט גאָמפּערס׳עס פּאָ־ליטישע פּאָליסים אָבער אַלס טרייד יוניאָניסט האָט ער אנער־קענט גאָמפּערס׳עס פּאָליטישע ארבייט אין די אינטערעסען פון

אָרגאַניזירטער ארבייט. ער האָט קיינמאָל ניט געהאָלפען די פּאָליטישע סאָציאַליסטען אין זייער מלחמה געגען גאָמפּערס'ן; ער האָט אָבער אויך ניט געפאָלגט דעם ביישפּיל פון סאָציאַליסטישע טרייד יוניאַן בעאמטע, וועלכע האָבען גאָמפּערס'ן אַלע פּאָליטישע חטאים מוחל געווען. ער האָט אַגיטירט צו די אַרבייטער זיי זאָלען טריי זיין בײדע צווייגען פון דער באַוועגונג. ער האָט געגלויבט דאָס אויב די טרייד יוניאַנס אין אמעריקא זיינען פּאָליטיש הינטערשטעליג, דאַן פאַלט ניט די שולד בלויז אויף גאָמפּערס'ן, נאָר הויפּטזעכליך אויף די ארבייטער אַליין. ער האָט דערפאַר גאָמפּערס'ן געאורטיילט ניט לויט דעם, וואָס ער האָט פארפעלט צו טאָן אויף דעם פּאָליטישען פעלד, נאָר לויט דעם, וואָס ער האָט יאָ געטאָן אויף דעם אינדוסטריעלען פעלד.

און גאָמפּערס, וועלכער האָט פארשטאַנען מענשען, האָט אָפּגעשאַצט לאָנדאָן'ס כאראקטער גלייך ווי ער האָט זיך מיט אים באַקענט. ער האָט צו לאָנדאָנ'ען געהאַט די זעלבע געפילען ווי לאָנדאָן צו אים. ער איז וויליג געווען צו פארקוקען לאָנדאָן'ס „טעות'ן" וועגען אונאָפּהענגיגער ארבייטער פּאָליטיק צוליב די גוטע ארבייט וואָס לאָנדאָן האָט געטאָן אין דער טרייד יוניאָן באַוועגונג. גאָמפּערס האָט געהאַט צוטרויען צו לאָנדאָנ'ען, אַז אין פּראַקטישע ארבייטער פראַגען וועט ער האַנדלען ווי אַ פּראַקטישער אַרבייטער טוער און ניט ווי אַ „פאַנאַטישער סאָציאַליסט".

און דערפאַר האָט גאָמפּערס אינדאָרסירט לאָנדאָן'ס קאַנדידאַטור פאַר קאָנגרעס נאָך אין 1910, כאָטש דאַמאָלסט האָבען די סאָציאַליסטען אין די יוניאַנס געקעמפט געגען גאָמפּערס'עס פירערשאַפט. צו אַן ארבייטער, וועלכער האָט זיך אָנגעפרעגט ביי גאָמפּערס'ן, צי ער זאָל אָפּגעבען זיין שטימע פאַר לאָנדאָנ'ען, האָט גאָמפּערס געשריבען דעם פאָלגענדען ענטפער:

„ווערטער הער און ברודער: איך האָב ערהאַלטען אייער בריף, וואו איר שרייבט אַז איר זיינט אַ קלאָוק מאכער און וואוינט אין דעם דיסטריקט וואו מאיר לאָנדאָן לויפט פאַר קאָנ־

גרעסמאַן. איר שטעלט מיר די פראגע: „זאָל איך, אלס יוניאָן מאַן, אָבער ניט קיין סאָציאַליסט, ארבייטען און שטימען פאר אים?" איר ווילט וויסען מיין מיינונג וועגען דעם. מיין ענט־פער איז, דאָס מר. לאָנדאָן פאַרדינט די העכסטע אנערקענונג פאַר דער ארבייט, וואס ער האָט געטאָן אין פאַרבינדונג מיט'ן קלאוק מאכער סטרייק. זעלטען ווער איז ווען עס איז געווען אזוי איבערגעבען צו דער ארבייטער זאך ווי לאָנדאָן. אין דעם גרויסען קאמף פון די קלאוק מאכער האָט לאָנדאָן געדינט די קלאוק מאכער אומעטום אין יעדען מאָמענט, וואו און ווען זיין דינסט איז נאָר נויטיג געווען. . . פאר אָט דער איבערגעבענהייט און דער ארבייט, זייט איר פאַרפליכטעט צו שטיצען לאָנדאָנ'ען מיט אַלע אייערע קרעפטען. דאָס איז מיין אָפענהערציגע מיי־נונג. א לאָיער, וואָס באַזיצט אַזאַ קלאָרען וויסען און אינטע־ליגענטען פאַרשטאַנד פון דעם ארבייטער קאמף, וועט זיין א וואונדערבארע קראַפט צום גוטען אין די אינטערעסען פון אר־בייט, אויב ער וועט ערוויילט ווערען צום קאָנגרעס. זיין קענטע־ניס, זיין ענערגיע, זיין איבערגעבענהייט, זיין ערליכקייט פאַר־דינען די אייביגע טריישאַפט פון יעדען יוניאָן מאַן וואס וואוינט אין דעם דיסטריקט וואו ער לויפט פאר'ן אמט".

פינף יאָר שפּעטער ווען לאָנדאָן איז אריינגעטראָטען אין קאָנגרעס, האָט גאָמפּערס אים באטראכט אַלס איינעם פון זיינע מענשען, איינעם פון די ארבייטער פאָרשטייער אין דער האוז אָוו רעפּרעזענטאַטיווס. דעם 10טען דעצעמבער, 1915, האָט לאָנדאָן ערהאַלטען פון גאָמפּערס'ן דעם פאָלגענדען בריף:

„ווערטער הער: איניגע מיטגלידער פון דער האוז אָוו רעפּרעזענטאַטיווס, וועלכע זיינען אויך מיטגלידער פון טרייד יוניאַנס, האָבען מיך געבעטען איך זאָל צונויפרופען א קאָנפע־רענץ פון אַלע קאָנגרעסלייט, וואס זיינען פאַרבונדען מיט יוניאַנס, און צוזאַמען באַשפּרעכען פראַגען, וואס רירען אָן ספּעציעל די רעכט און דעם וואוילזיין פון דעם ארבייטער. אויספאָלגענדיג דעם פאַרלאַנג, פרעג איך, אויב איר וועט קענען זיך טרעפען

מיט אײניגע קאָנגרעסלײט און אײניגע פאָרשטײער פון אָרגאַ־ניזירטע ארבײט".

דעם 31טען דעצעמבער, האָט לאָנדאָן באַקומען פון גאָמ־פערס'ן אַן אײנלאַדונג צו אַ פעדערײשאָן יום טוב:

„װערטער הער: דער װינקעלשטײן פון דער נײער געבײדע פון דער אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָװ לײבאָר װעט געלײגט װערען צװעלף בײטאָג, שבת, דעם 8טען יאַנואַר, 1916. . . װעט איר זיך ניט באַמיען אַנװעזענד צו זײן און אַנטײל נעמען אין דער צערעמאָניע? מיט בעסטע װאונשען פאַר אַ גליקליכען נײ־יאָר, פאַרבלײב איך אײער, סעמיועל גאָמפּערס".

אונגעפער אין דער זעלבער צײט האָט לאָנדאָן פאַרעפענט־ליכט זײנע מײנונגען װעגען די באַציאונגען װאָס דאַרפען עק־זיסטירען צװישען דער פעדערײשאָן און די סאָציאַליסטען. אָט װאָס ער האָט װעגען דעם געשריבען:

„די סאָציאַליסטען דאַרפען ארבײטען אין האַרמאָני מיט דער פעדערײשאָן. עס עקזיסטירט ניט קײן פאַרשװערונג צװישע; די סאָציאַליסטען צו פאַרניכטען אָדער צו שעדיגען די פעדערײ־שאָן אָװ לײבאָר. איך האָב מײן גאַנצען לעבען פאַרבראַכט אי־אין פעדערײשאָן טעטיגקײט, אי אין סאָציאַליסטישער טעטיגקײט. די יוניאָנס האָבען פיל צו לערנען און די סאָציאַליסטען זײנען אויך ניט פאָלקאָם. די יוניאָנס און די סאָציאַליסטען זײנען װאַקסענדע אינסטיטוציעס און זײ מוזען זען זיך צופּאַסען אײנע צו די אַנדערע. איך באַטראַכט מר. גאָמפּערס'ן אַלס אַ גרויסען פאַקטאָר אין דער אַמעריקאַנער ארבײטער באַװעגונג און איך שעץ זײער הויך זײן פּערזאָן".

בײדענס האָפנונגען, לאָנדאָן'ס און גאָמפּערס'עס, אַז זײ װע־לען ארבײטען האַרמאָניש און אײנע די אַנדערע העלפען אין װאַשינגטאָן איז ניט פאַרװירקליכט געװאָרען. ערשטענס, האָט גאָמפּערס זיך אונטערװאָרפען אין גאַנצען אונטער װילסאָן'ס מלחמה פּאָליסי, און לאָנדאָן איז געװען דער שאַרפסטער געג־נער פון דער מלחמה און די מלחמה געזעצען, פאַר װעלכע װיל־סאָן איז געװען פאַראַנטװאָרטליך. אָבער אפילו אין רײן אר־

בייטער־פראגן זיינען זיי זיך ביידע אָפּט פאנאנדערגעגאנגען אין זייערע מיינונגען. אין צוויי פון די פראגען, — אין דער פראגע פון סאָציאלע פארזיכערונג און אין דער פראגע פון אי־מיגריישאָן, זיינען זיי זאָגאר געקומען אין שארפען צוזאמענ־שטויס.

דעם ביל פאר סאָציאלע פארזיכערונג האָט לאָנדאָן אריינ־געטראָגען גלייך ווי דער קאָנגרעס האָט זיך געעפענט. ער האָט אונגעהייער פיל ארבייט אוועקגעלייגט אויף צוגרייטען דעם ביל און ער האָט ווירקליך ערוואַרטעט, אז אים וועט געלינגען דעם געזעץ דורכצופירען. ער איז געווען זיכער, דאָס די ארבייטער און פּראָגרעסיווע עלעמענטען וועלען אים אין דעם באהילפיג זיין. צו זיין גרויסער ענטוישונג אָבער איז גאָמפּערס ארויסגע־טראָטען געגען דעם ביל. ער האָט זאָגאר געגען אים ארגומענ־טירט פאר דער קאָנגרעס קאָמיטע, וואו דער שיקזאל פון ביל האָט געדארפט באשטימט ווערען. גאָמפּערס איז געווען געגען דעם, אז די רעגירונג זאָל זיך מישען אין ארבייטער אנגעלעגענ־הייטען; ער איז אייגענטליך אין פרינציפּ געווען געגען אלע ארבייטער־געזעצען. זיין שטאנדפּונקט איז געווען, אז די ארבייטער דארפען אלעס, וואָס איז פאר זיי נויטיג, באקומען דורך זייערע אייגענע אָרגאַניזאציעס, און ניט דורך דעם געזעץ.

ניט אלע פירער פון די פעדערישאָן יוניאנס האָבען מיט גאָמפּערס'ן אין דעם איינגעשטימט. מר. וויליאם גרין, דער דא־מאלסדיגער סעקרעטער־טרעזשורער פון דער יונייטעד מיין וואיר־קערס יוניאָן (און וועלכער האָט שפּעטער פארנומען גאָמפּערס'עס פּלאַץ אלס פּרעזידענט פון דער פעדערישאָן), האָט געגעבען לאָנ־דאָנ'ען זיין פולע שטיצע. ער האָט אים געשריבען: „איך האָב ערהאלטען אייער בריף פון 7טען יולי, מיט דער קאָפּיע פון דער סאָציאלער פארזיכערונגס רעזאָלוציע, וואס איר האָט פּאָרגע־שלאָגען אין קאָנגרעס. מיר וועלען אייך מיט פארגעניגען העל־פען דעם ביל דורכצופירען מיט אלעם וואָס מיר וועלען קענען".

א נאָך מער ערמוטיגענדען בריף האָט לאָנדאָן באקומען פון וויליאם דזשאנסטאָנ'ען, דער אינטערנעשאָנאל פּרעזידענט פון

דער מאַשיניסטען יוניאָן: „ליבער מר. לאָנדאָן, איך האָב ער־האַלטען אייער בריף פון 10טען יולי. . . איך וויל דאָ אויס־דריקען מיין אַכטונג פאַר אייער טעטיגקייט אין די אינטערע־סען פון די אַרבייטער; און איך וויל אייך פאַרזיכערען, דאָס דער אינטערנאַציאָנאַלער פאַרבאַנד פון די מאַשיניסטען אינ־דאָרסירט אייער פאַרזוך דורכצופירען דעם געזעץ איבער וועל־כען איר שרייבט. . . מיר טוט זייער לייד, וואָס צוליב מאַנגעל אין צייט האָב איך זיך מיט אייך ניט געקענט טרעפען. אָבער איך האָף, דאָס אין דער נאָענטער צוקונפט וועל איך האָבען דעם פאַרגעניגען אי אייך צו טרעפען, אי אייך מיטצוהעלפען אין אייערע טעטיגקייטען, וואָס זיינען לויט מיין איבערצייגונג, אין די בעסטע אינטערעסען פון אַרבייטער קלאַס".

לאָנדאָן איז אויך גאָמפּערס'ן ניט געוואָרען ברוגז פאַר זיין אָפּאָזיציע. ער האָט פאַרשטאַנען גאָמפּערס'עס מאָטיווען און איז צו אים געווען טאָלעראַנט. צו אַ פריינד, וואָס האָט אים וועגען דעם ענין אָנגעפרעגט, האָט לאָנדאָן געשיקט דעם פאָלגענדען ענטפער:

„ליבער פריינד: מר. גאָמפּערס האָט אַ פאָלשטענדיג רעכט צו באַטראַכטען אַלע די, וואָס זיינען ניט פאַרבונדען מיט דער אַרבייטער באַוועגונג און מישען זיך אין אַרבייטער פראַגען, אַלס „האַלבע משוגעים". די מענשליכע געזעלשאַפט איז אַ משוגעים הויז, און די וואָס אַרבייטען אין איר און פאַר איר, זיינען „ניט מיט אַלעמען". טאָ ערגער זיך ניט וועגען דעם, וואָס גאָמפּערס זאָגט. איך פאַרשטיי אים. ער אַרבייט אַזוי שווער צו פאַרבעסערען די לאַגע פון די אַרבייטער, און דער פאָרטשריט איז אַזוי לאַנגזאַם, אַז אים דוכט זיך, דאָס יעדער, וואָס וויל ווירקליך עפּעס אויפטאָן, מוז נאָר העלפען לייכטער מאַכען דעם וועג פאַר דער טרייד יוניאָן באַוועגונג".

אין דער אימיגריישאָן פראַגע האָט לאָנדאָן אימער געהאַל־טען דעם שטאַנדפּונקט פון אַבסאָלוטען אינטערנאַציאָנאַליזם, וועלכער איז געגען אירגענד וועלכער דיסקרימינאַציע צווישען פעלקער און ראַסען. די טירען פון אַלע לענדער מוזען שטענדיג

זיין אָפּען פאר אלע די, וואָס ווילען אהין אריינגיין. אין דעם האָט לאָנדאָן געהאט די אָפּאָזיציע ניט בלויז פון דער קאָנסער־וואטיווער אמעריקאן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר, נאָר אויך פון מאנכע מיטגלידער אין זיין אייגענער, סאָציאליסטישער פּאַרטיי. די אימיגריישאָן פראגע איז צום ערשטען מאָל פארהאנדעלט גע־וואָרען פון די סאָציאליסטען ביי זייערער א נאציאָנאלער קאָנ־ווענשאָן, אין יאָר 1910. מאיר לאָנדאָן איז דאָרטען געווען א דעלעגאט פון די אידישע סאָציאליסטען. ביי איינע פון די זיצונגען איז פארגעליינט געווארען א רעזאָלוציע דאָס די סאָ־ציאליסטישע פּאַרטיי זאָל שטיצען א געזעץ צו באגרענצען די אי־מיגראציע פון אזיאטישע לענדער.

מאיר לאָנדאָן האָט די רעזאָלוציע באקעמפּט. אין דער רעדע, וואס ער האָט געגען איר געהאלטען האָט ער אויסגעדריקט זיין שטעלונג צו אימיגראציע אין אלגעמיין — א שטעלונג, וועל־כער ער איז געבליבען טריי ביז צום סוף פון זיין לעבען. ער האָט געזאָגט:

„די רעזאָלוציע איז א פארלעצונג פון די גרונד־פּרינציפּען פון סאָציאליזם, וועלכע פארבאָטען צו דיסקרימינירען געגען א ראסע. . . ווען איר זאָגט, אז מען דארף ניט אריינלאָזען א געוויסע גרופּע אימיגראנטען דערפאר, וואָס זיי זיינען יאפּאנע־זער אָדער כינעזער אָדער הינדוסען, זינדיגט איר געגען די עלע־מענטארע פּרינציפּען פון דעם אינטערנאציאָנאלען סאָציאליזם. . . איך רייד ניט אזוי דערפאר, וואס איך פארטרעט אידישע אי־מיגראנטען. געגען אונז ווערען קיין באשרענקונגס־געזעצען ניט געמאכט. איך רייד. אין די אינטערעסען פון די אונטערדריקטע ראסען. איך זאָג, אז דערמיט וואָס איר וועט אננעמען אזא רעזאָלוציע וועט איר שטעמפּלען די כינעזער און יאפּאנעזער אלס א נידעריגערע ראסע. דאָס איז ניט בלויז געגען די פּרינציפּען פון אינטערנאציאָנאלען סאָציאליזם; דאָס איז געגען די גע־וויינליכע פּרינציפּען פון ערליכער באציאונג צו מיטמענשען, געגען די פּרינציפּען פון אמעריקאניזם, ווי איך פארשטיי זיי".

די סאָציאליסטישע פּאַרטיי האָט זיין שטעלונג אין דער

פראַגע ניט אָנגענומען. די קאָנווענשאָן דאַמאַלס האָט באַשלאָסען אַז די פּאַרטיי איז געגען אַזיאַטישער אימיגראַציע, וואָס איז פאַרבונדען מיט „קאָנטראַקט ארבייט", מיט ברענגען אַהער אַר־בייטער אויף קאָנטראַקטען פאַר געווויסע באַלעבאַטים. וואָס אַנ־באַלאַנגט אַלגעמיינע אימיגריישאָן האָט די קאָנווענשאָן באַ־שטימט אַ קאָמיטע אויסצופאָרשען די פראַגע און אַריינטראָגען אַ באַריכט ביי דער נעקסטער קאָנווענשאָן. לאָנדאָן איז אין דער קאָמיטע אַריין. די קאָנווענשאָן פון יאָר 1912 האָט זיך אָבער ניט געקענט אייניגען. די פראַגע איז ווידער אָפּגעלייגט געוואָ־רען. און אַזוי איז זי געבליבען הענגען ביז דעם אויסברוך פון דער מלחמה. עס פאַרשטייט זיך, אַז אין די מלחמה יאָרען, איז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי געווען פאַרנומען מיט אַנדערע פּראָ־בלעמען, פיל וויכטיגערע און מער פּרעסענדע.

די גרופּע אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וועלכע איז געשטאַנען פאַר דער באַגרענצונג פון אַזיאַטישער אימיגראַציע, האָט זיך באַנוצט מיט די זעלבע אַרגומענטען, וואָס די פעדע־ריישאָן פירער האָבען אָנגעווענדט געגען אימיגראַציע אין אַל־געמיין. אין דעם רעפּאָרט, וואָס די גרופּע האָט אַריינגעטראָ־גען צו דער קאָנווענשאָן פון יאָר 1912, האָט זי זיך שוין ניט באַ־גרעניצט אויף אַזיאַטישע אַרבייטער. זי האָט געפּרובירט באַווײ־זען, דאָס אונטער די איצטיגע אומשטענדען איז „אימיגראַציע אַ קאַפּיטאַליסטישער וואָפען געגען אָרגאַניזירטער אַרבייט". לאָנ־דאָן'ס טענה וועגען „אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט פון די אַרבייטער מאַסען", האָט די גרופּע באַצייכענט אַלס „סענטי־מענטאַל און אוטאָפּיסטיש."

אין פאַרלויף פון דער צייט וואָס טעפּט איז געווען פּרע־זידענט האָט זיך אין וואַשינגטאָן אָנגעפאַנגען אַ פאַרביסענער קאַמף צו פאַרמאַכען די טירען געגען אימיגראַנטען פון די זיד־און איסט־אייראָפּעאישע לענדער. אַ קאָנגרעס קאָמיטע, וועלכע איז נאָך פריער באַשטימט געוואָרען אויסצופאָרשען די פראַגע, האָט אַריינגעטראָגען אַ רעקאָמענדאַציע, אַז די באַגרענצונג זאָל געמאַכט ווערען, ווייל צוליב דער גרויסער אימיגראַציע פון יענע

לענדער, איז דאָ געוואָרען אן איבערפלוס פון ניט־קוואַליפיצירטע ארבייטער. די קאָמיטע האָט פאָרגעשלאָגען, אז עס זאָל איינ־געפירט ווערען א „ליטעראַסי טעסט", דאָס הייסט, אז בלויז אזוינע אימיגראַנטען זאָלען מעגען אריינקומען, וועלכע קענען לעזען און שרייבען. דער קאָנגרעס האָט געפאָלגט די עצה פון דער קאָמיטע און האָט אזא געזעץ פאַרפאַסט. דער פּרעזידענט האָט אים אָבער וויטאָאירט. ביי דעם נעקסטען קאָנגרעס איז אן ענ־ליכער ביל פאָרגעבראַכט געוואָרען און אָנגענומען געוואָרען. דער פּרעזידענט האָט אים ווידער צוריקגעוויזען.

אין יאָר 1916 איז די שטימונג אין לאַנד שוין געווען א פיינדליכע, א דאַנק דער פּראָפּאַגאַנדא פון די שאָוועניסטען און פּאַטריאָטען. דעם מאָל איז שוין דער ביל דורכגעגאַנגען מיט אזא ריזיגער מאַיאָריטעט איןביידע הייזער פון קאָנגרעס, אז ווען פּרעזידענט ווילסאָן האָט אים צוריקגעוויזען, איז לייכט אָנ־געקומען פאַר אים צו קריגען א מאַיאָריטעט פון צוויי דריטעל און אים מאַכען פאַר א געזעץ געגען דעם פּרעזידענט'ס וועטאָ.

די אידישע אימיגראַנטען־מאַסען האָבען זיך געפילט שטאַרק געטראָפען פון דער באַוועגונג געגען אימיגראַציע. ערשטענס, האָבען זיי געוואוסט, אז די געזעצען זיינען געצילט געווען געגען זיי, אלס אן אונגעווינשטע ראַסע. און דאָס האָט זיי טיף באַ־ליידיגט. צווייטענס, האָבען די אידען געוואוסט, אז זיי און זייערע נאָענטע וועלען פון די באַגרענצונגען שרעקליך ליידען. די מערסטע אימיגראַנטען דאָ האָבען געהאַט זייערע פאַמיליעס אָדער זייערע קרובים און פריינד אויף יענער זייט ים, און זיי האָבען געהאָפט אויף דער צייט ווען זיי וועלען האָבען די מעג־ליכקייט זיי אהער צו ברענגען. דאַן איז געווען די אַלטע פּראָב־לעמע פון אידישער אָרימקייט און פאַרפאָלגונגען אין רוסלאַנד און אין אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער. אמעריקא איז אימער געווען פאַר זיי די איינציגע האָפנונג; און איצטער האָט זיך די האָפנונג געגומען אויסלעשען.

אין דעם קאַמפּיין פון יאָר 1914, איז די אימיגריישאָן־פראַגע אַרויסגעשטעלט געוואָרען אויף דעם טאָגעס אָרדנונג.

לאָנדאָן'ס געגנער האָבען זיך דערמאָנט אָן דער דיסקוסיע ביי די פאָריגע קאָנווענשאָנס פון דער סאָציאַליסטישער פארטיי, און זיי האָבען שטילערהייט פארשפרייט קלאנגען דאָס „לאָנדאָן איז א געגנער פון אימיגראציע און דאָס זיין פארטיי האָט פיינט אימי־גראנטען". אלס ענטפער אויף די רכילות האָט לאָנדאָן אָפּגע־דרוקט א בריף, וועלכען ער האָט געשיקט אלס אַן ענטפער אויף א פריוואטער אָנפראגע. אָט וואָס ער האָט דאָרטען געשריבען:

„ווערטער הער: איך האָב ערשט באַקומען אייער בריף מיט דער אָנפראגע, צי איך בין דאפיר, אז אמעריקא זאָל פאר־שליסען אירע טירען צו אימיגראַנטען אָדער צי איך שטיץ דעם געזעץ וועגען „ליטעראַסי טעסט" . . . איך בין געגען באגרענ־צונג פון אימיגראציע. איך בין געגען דעם „ליטעראסי טעסט". איך בין ארויסגעטראטען פאר דער קאָמיטע איבער אימיגרא־ציע פון קאָנגרעס בשעת זי האָט דעם „ליטעראסי טעסט" ביל פארהאנדעלט און האָב דאָרט גערעדט געגען אים. איך האָב דאָרט אויך באַקעמפט אַנדערע באַליידיגענדע און אונטערדריי־קענדע פאָרשלאגען פון דעמאָקראטישע קאָנגרעסלייט און סע־נאַטאָרען. די סאָציאַליסטישע פארטיי, פון וועלכער איך בין מיט שטאָלץ א מיטגליד, איז די פארטיי פון באפרייאונג. זי שטייט פאר אינטערנאציאָנאַלער סאָלידאַריטעט און איז שוין דערפאר אַליין געגען באגרענצונג פון אימיגראציע. . . איך בין געווען א סאָציאַליסט מיין גאַנצען לעבען. אָבער אויב עס וועט אַמאָל קומען די שעה ווען די סאָציאַליסטישע פארטיי וועט ארויס־טרעטען געגען פרייע אימיגראציע, וועל איך קיין מינוט ניט טראַכטען און אָפּברעכען מיינע פארבינדונגען מיט איר".

אין קאָנגרעס האָט לאָנדאָן געקעמפט געגען יעדען אַנטי־אימיגריישאָן געזעץ, וואס איז דאָרטען ארייַנגעטראָגען געוואָ־רען. ער איז ארויסגעטראָטען פאר דער קאָמיטע פון אימי־גראציע יעדעס מאָל וואָס אַזא ביל איז דאָרטען פארהאנדעלט געוואָרען. ער האָט אויך גערעדט „אויפ'ן פלאָר" פון קאָנגרעס. ווען עס איז נויטיג געווען האָט ער אפּעלירט צום פרעזידענט. אין זיינע רעדעס פאר די אַנטי־אימיגריישאָן בילס האָט ער

ניט געשאַנעוועט די יוניאָן פאַרשטייער, וועלכע האָבען די בילס געשטיצט. אין זיין רעדע געגען דעם „ליטעראַסי טעסט״־ביל, וואָס ער האָט געהאַלטען אין קאָנגרעס אין מאָנאַט מערץ, 1916, האָט ער באַשולדיגט די טרייד יוניאָן בעאַמטע, אַז זיי האָבען זיך פאַראייניגט מיט די פּאָליטישענס פון דער סאַוט, אין אַ פאַרשווערונג געגען אימיגראַנטען.

אין זיין רעדע האָט לאָנדאָן אָנגעוויזען אויף דריי עלע־מענטען אין דער אַנטי־אימיגריישאָן באַוועגונג. דער ערשטער עלעמענט זיינען די פּאָליטישענס פון דער סאַוט, וועלכע שרייען אַז אימיגראַציע קען, חס ושלום, שעדיגען די עכטע אַמעריקאַנער, אין דער זעלבער צייט וואָס זיי העלפען האַלטען די מאַסען פון זייערע סטייטס אין אָרימקייט, אונוויסענהייט און שקלאַפעריי. דער צווייטער עלעמענט זיינען די נאַרישע יוניאָן בעאַמטע, וועלכע מיינען אַז דערמיט, וואָס מען וועט ניט אַריינלאָזען אַהער קיין אימיגראַנטען, וועט די לאַגע פון די היגע אַרבייטער פאַר־בעסערט ווערען. דער דריטער עלעמענט זיינען די מענשען, וואָס האָבען פאָראורטיילע געגען פרעמדע און וועלכע ווייסען נעבאַך ניט, אַז די גאַנצע ווייסע באַפעלקערונג פון אַמעריקא שטאַמט פון אימיגראַנטען.

און לאָנדאָן מאַכט אויפמערקזאַם דעם קאָנגרעס, אַז אין דעם סטייט פון וועלכען עס קומט דער פאָטער פון דעם „לי־טעראַסי טעסט״־ביל, זיינען נאָענט פון 16 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג אַזוי אונוויסענד אַז זיי קענען ניט לעזען אָדער שרייבען. „דער אמת איז, אַז אין סטייט אַלאַבאַמאַ, וועלכער ווערט פאַרטראָטען פון קאָנגרעסמאַן בוירנעט, דער פאַרפאַסער פון דעם „ביל״, — אַז דאָרטען ווילען די באַלעבאַטים ניט האָ־בען קיין ווייסע אַרבייטער. זיי ווילען ניט קיין אימיגראַנטען אַרבייטער, טאָמער וועלען זיי זיך אָרגאַניזירען אין יוניאָנס. זיי ווילען דאָרטען ענטוועדער קינדער־אַרבייט אָדער אַרבייטער פון דער אונטערדריקטער, אָנגעשראָקענער ראַסע״.

וועגען די יוניאָן פירער, וואָס האָבען געשטיצט דעם „ביל״ האָט לאָנדאָן אַזוי געזאָגט: אויב די לייט וואָלטען געמיינט

ערנסט די טובה פון די היגע ארבייטער, וואָלטען זיי געפאָדערט אַז די ארבייטס־צייט זאָל פארקלענערט ווערען; זיי וואָלטען געפאָדערט סאָציאַלע פארזיכערונג פאר ארבייטער; זיי וואָלטען געפאָדערט דאָס דער געזעץ זאָל ארויסנעמען די צוויי מיליאָן קינדער פון די פאבריקען און פון די מינעס; זיי וואָלטען געפאָדערט געזעצען וואָס זאָלען ניט ערלויבען, אַז פיר מיליאָן פרויען זאָלען קאָנקורירען מיט זייערע פאָטערס, ברידער און מענער אין די פעקטאָרים״.

ביי דער קאָנגרעס קאָמיטע האָט לאָנדאָן גערעדט מער אויספירליך וועגען דעם ארגומענט פון די יוניאָן פאָרשטייער: „איך בין געגען דעם ליטעראסי־טעסט, כאָטש איך האָב מיין גאנצען לעבען געווידמעט צו די אינטערעסען פון אָרגאניזירטע ארבייט. איך גלויב, אַז די אָרגאניזירטע ארבייט איז געוועזן דער גרעסטער פאקטאָר צו גוטען ניט נאָר פאר׳ן ארבייטער קלאַס, נאָר פאר דעם גאנצען אמעריקאנער פאָלק. אָבער מיט זייער אָפּאָזיציע צו אימיגראציע גייען די יוניאָן פאָרשטייער אויף אַ פאלשען וועג. זיי מיינען אַז זייער שונא איז דער אימיגראנט. דער אמת׳ער שונא זייערער איז די פרוי און דאָס קינד, וועלכע ארבייטען אין די פאבריקען פאר קליינע ווייג׳שעס.

„לויט דעם ארגומענט פון די יוניאַן פירער דארף מען פארבאָטען דעם געבורט פון קינדער, ווייל יעדער קינד וואָס אַן ארבייטער האָט, איז פאר אים אַ שווערער יאָך ווי דער אימיגראנט וואָס קומט אהער. זיי מאכען דעם זעלבען טעות, וואָס מאַלטוס האָט געמאכט אין יאָר 1798. מאַלטוס האָט גע׳טענה׳ט, אַז עס ווערען געבוירען צופיל מענשען אויף דער וועלט, אין אַ צייט ווען אמעריקא האָט געהאט אין גאנצען אַ באפעלקערונג פון דריי מיליאָן. אין יאָר 1845 האָבען די יוניאנס אין ענגלאַנד אָנגעפירט אַ גרויסען נאציאָנאַלען סטרייק, וועלכען זיי האָבען פארלוירען. אַ צאָל פון די סטרייקערס האָבען ניט געקענט קריגען צוריק זייערע שטעלעס און זיי זיינען געצוואונגען געוועזן צו עמיגרירען. די ענגלישע יוניאנס האָבען דאַן

געזאַמעלט אַ פאַנד צו העלפען זייערע אומגליקליכע ברידער אַרויסצואוואַנדערען קיין אַמעריקאַ. נאָך מיין מיינונג, דאַרף יע־דער מענש האָבען דאָס רעכט צו פאָרען וואו ער וויל, און קיין מענש האָט ניט דאָס רעכט צו זאָגען, אַז אַ געוויסען טייל פון דעם ערד קוגעל האָט גאָט באַשטימט נאָר פאַר אים. גאָט האָט עס קיינמאָל ניט געטאָן."

דאָ האָט קאָנגרעסמאַן דזשאַנסאָן, איינער פון די פאַר־קעמפער פון דעם „ביל", אונטערבראָכען לאָנדאָנ'ען מיט דער פראַגע: „מיינט איר איינצושליסען אויך די כינעזער?" און לאָנדאָן האָט געענטפערט: „די כינעזער זיינען מענשען".

מאיר לאָנדאָן איז געבליבען טריי צו זיין אינטערנאַציאָ־נאַלען סאָציאַליסטישען פרינציפ, וועלכען ער האָט אַזוי היים פאַרטיידיגט ביי דער סאָציאַליסטישער קאָנווענשאָן מיט זעקס יאָר פריער.

די טרייד יוניאָן פרעסע איז געוועזען אויפגערעגט געגען לאָנ־דאָנ'ען פאַר די שטעלונג זיינע צו אימיגראַנטען. מאַנכע פון די צייטונגען האָבען אים שאַרף קריטיקירט, כאָטש זיי האָ־בען צוגעגעבען, אַז ער איז טריי דער אַרבייטער באַוועגונג און אַז ער האָט גרויסע פאַרדינסטען אַלס אַרבייטער פאָרשטייער.

אָט איז אַ כאַראַקטעריסטישער לייט־אַרטיקעל, וואָס איז דאַן געדרוקט געוועזען אין דער טרייד־יוניאַן פרעסע. ער איז ער־שינען אין דער „פרייער פרעסע" פון טרינידעד, קאַליפאָרניע:

„איינינע סאָציאַליסטישע צייטונגען האָבען שטאַרק גע־לויבט לאָנדאָנ'ען פאַר זיין שטעלונג געגען דעם ביל; ניט רעכענענדיג זיך מיט דעם פאַקט, אַז דער „ביל" האָט געהאַט די שטיצע פון דער אַרבייטער באַוועגונג אין אַמעריקאַ. קיינער וועט אויף איין מאָמענט ניט צווייפלען אין זיין ערליכקייט אָדער אויפריכטיגקייט. אָבער קאָנגרעסמאַן לאָנדאָן, מיט זיין פיי־איגקייט אַלס פאָרקעמפער פון דעם אונטערדריקטען, מאַכט אויך אַמאָל אַ טעות."

לאָנדאָן איז ניט געוועזען קיין עקסטרעמיסט אין זיינע אַנ־

שויאונגען וועגען טרייד יוניאָניזם. ער האָט געוואוסט צו גוט די פּראַקטישע זייט פון דער באוועגונג ער זאָל זיך לאָזען פאַר־פירען פון אונמעגליכע טעאָריעס. ער האָט געוואוסט ווי שווער עס איז איינצוהאַלטען די ארבייטער אין די יוניאן רייען, מיט וויפיל שרעקליכע ליידען יעדער סטרייק איז פאַרבונדען. אלס סאָציאַליסט האָט ער געגלויבט דאָס די טרייד יוניאנס דארפען דינען אלס אַ קוואַל פון רעקרוטען פאַר דער סאָציאַליסטישער ארמיי. ער איז אָבער געווען געגען דעם, אז די יוניאנס זאָ־לען זיך פאַרנעמען מיט רעוואָלוציאָנערע טעטיגקייטען. ווען די אינדאָסטריעל וואָירקערס זיינען ערשינען אויף דער ארביי־טער סצענע און האָבען געמאַכט אַ פאַרזוך אריינצודרינגען אין די יוניאנס, האָט לאָנדאָן געטאָן אַלעס מעגליכעס זיי צו פאַר־שפּאַרען דעם וועג. ער האָט געפּריידיגט העכערען אידעאַליזם, קלאַסען באוואוסטזיין צו די ארבייטער אין די יוניאנס; ער האָט געזוכט איינצופלאַנצען אין די ארבייטער דעם גייסט פון סאָציאַליזם; צו דער זעלבער צייט, אָבער, האָט ער זיי גע־לערענט צו זיין פּראַקטיש און אויסגערעכענט אין פראַגען וואָס זיינען פאַרבונדען מיט דעם שאַפּ און דעם טרייד. ער האָט קיינמאָל ניט באַנוצט קיין אויפרייצענדע שפּראַך געגען איינ־צעלנע באַלעבאַטים, כאָטש ער פלעגט האַלטען פייערדיגע רע־דעס געגען דער ענגהערציגקייט און דער דעספּאָטי פון די באַלע־באַטים אלס אַ קלאַס. ער האָט אָפּגעראָטען די ארבייטער פון באַנוצען עקסטרעמע מיטלען אין סטרייקס. ער האָט געגלויבט, אַז די יוניאן האָט אלס איר הויפּט אויפגאַבע צו מאַכען דעם לעבען פון די ארבייטער גרינגער און אנגענעמער, און ער האָט פאַרשטאַנען, דאָס עקסטרעמע מעטאָדען ברענגען ניט זעלטען אַזוינע רעזולטאַטען, אַז זיי דינען אָפּט צו פאַרשטאַרקען די פּאָזי־ציע פון די באַלעבאַטים און אָפּצושוואַכען די פּאָזיציע פון די יוניאנס.

זיין קאַמף געגען די עקסטרעמיסטען האָט לאָנדאָן געפירט נאָר אין די רייען פון דעם ארבייטער קלאַס. פאַר דער אויסען־וועלט האָט ער באַטראַכט אַלע ארבייטער גרופּען,

ווי עקסטרעם זיי זיינען ניט געווען, אלס זיינע אייגענע. ער איז אימער גרייט געווען זיי צו פארטיידיגען געגען א פרעמ־דען שונא.

און דערפאר האָט ער אין דער מעקנאמארא טראגעדיע גע־נומען א גאנץ אנדער שטעלונג, ווי די הויכע בעאמטע פון דער אמעריקאן פעדערײשאָן אוו לייבאָר. די מעקנאמארא ברידער זיינען געווען די צוויי העכסטע בעאמטע פון דער אייזען־אר־בייטער יוניאָן. אין יאָר 1911 זיינען זיי גע'משפט געוואָרען אויף א מאָרד קלאגע אין פארבינדונג מיט א באָמבע, וואס איז געוואָרפען געוואָרען אויף א ציימונגס־געביידע אין לאָס אנ־דזשעלעס. די קלאגע האָט געלויטעט, אז די צוויי ברידער האָבען אויפגעריסען די געביידע דערפאר, וואָס די ציימונג האָט באקעמפט זייער יוניאן. די גאנצע ארבייטער באוועגונג האָט געגלויבט אין זייער אונשולד און געהאָלפען זיי צו פאר־טיידיגען. אין מיטען טרייעל אָבער האָבען זיי זיך אליין מודה געווען, אז זיי זיינען ווירקליך פאראנטוואָרטליך געווען פאר דער באָמבע.

אזוי שנעל ווי דער ווידוי פון די מעקנאמאראס איז פאר־עפענטליכט געוואָרען האָבען זיך כמעט אלע פירער פון דער פע־דערײשאָן אָפּגעקערט פון זיי. זיי זיינען פון זייערע פריערי־גע ברידער און פארטיידיגער פארדאמט געוואָרען אלס פאר־ברעכער און פאררעטער. לאָנדאָן האָט, פארקערט, זיי געשענקט זיין סימפּאטי און אפּעלירט צו דער ארבייטער באוועגונג זי זאָל די מעקנאמאראס ניט פארשטויסען פון זיך. די ערקלערונג זיי־נע אין דער פרעסע דאמאלס, איז א מוסטער פון זיין טיפער מענשליכקייט און פון זיין שטארקען קלאסען־געפיל. אָט וואָס ער האָט געשריבען:

„ווי נאריש עס איז אָנצורופען זיי פאררעטער! איך האָב רחמנות אויף זיי פון מיין גאנצען הארצען, און אלע דענקענדע מענשען דארפען מיט זיי מיטלייד האָבען. פארברעכער! עס

איז ניט אמת. ניט רעכט אזוי זיי צו רופען. איך וואָלט פאַר זיי אַפּעלירט ניט בלויז צום ריכטער נאָר צום גאַנצען אמעריקאנער פאָלק. מיר מוזען זיי שטעלען אויף אַן אַנדער פּלאַן ווי מיר שטעלען פארברעכער. מיר מוזען זיי באַטראַכטען אלס פאַנאַטיקער, סאָציאַלע פאַנאַטיקער. זיי האָבען געגלויבט אין קעמפען פאַר זייערע איבערצייגונגען און אין דעם קאַמף האָבען זיי א שרעקליכען טעות געמאַכט. זיי זיינען פארפירט געוואָרען און האָבען פארניכטעט לעבענס פון מענשען, צו וועמען זיי האָבען גאָרנישט געהאַט, וועמען זיי האָבען אויף א האָר ניט געוואָלט שעדיגען.

„איך האַלט, דאָס עס איז פון דער גרעסטער וויכטיגקייט מיר זאָלען אויסגעפינען די אורזאַכע פאַר וואָס די געזעלשאַפט האָט זיך אין דער קיים גלייך צוטיילט אין צוויי גרופען. נאָך איידער די קיים איז געבראַכט געוואָרען אין געריכט זיינען אויף איין זייט געווען מיליאָנען מענשען וואָס האָבען געגלויבט אַז די מעקנאַמאַראַס זיינען די אונשולדיגע קרבנות פון א פאַרשווערונג און אויף דער אַנדער זייט זיינען געווען מיליאָנען מענשען וואָס זיינען גלייך געווען איבערצייגט, אַז די מעקנאַמאַראַס זיינען שולדיג.

„דאָס צו פאַרשטיין איז פאַר אונז א סך וויכטיגער ווי די פראַגע וועגען דער שטראָף וואָס די מעקנאַמאַראַס דאַרפען קריגען.

„ביי אונז אין שטאָט איז געווען א גרויסער פייער אין וועלכען 147 ארבייטער־מיידלאַך האָבען פארלוירען זייערע לעבענס. די באַלעבאַטים פון דעם שאַפּ, וועלכע האָבען פארשלאָסען די טירען אויס מורא טאָמער וועלען די מיידלאַך עפּעס גנב'ענען, האָבען פאַר זייער טאַט קיין שטראָף ניט באַקומען. דאָך פאָדער איך ניט, אז מען זאָל זיי איינשפּאַרען הינטער אייזערנע גראַטעס. זיי זיינען ניט די איינציגע באַלעבאַטים וואָס טוען אזוי. זיי זיינען געווען קרבנות פון דעם משוגענעם געלאַף נאָך געלד אין וועלכען

די לעבענס פון מענער, פרויען און קינדער האָבען קיין באַ־
דייטונג ניט. זיי האָבען געטאָן דאָס זעלבע, וואָס די מערסטע
באַלעבאַטים טוען — אַזוי ווערט דער געלד־שפּיל געשפּילט.

„אויב די מעקנאַמאַראַ קיים וועט פירען דערצו, אַז אַר־
בייט זאָל רעווידירען איר טאַקטיק, וועט עס זיין אַ גוטער לע־
סאָן. מיר וועלען געהאָלפען ווערען דורך בילדונג, דורך דער
פאַרשפּרייטונג פון ליכט און מענשליכקייט, ניט דורך דינאַמיט
און ניט דורך גרויזאַמקייט. מיר נויטינען זיך אין מער פריינד־
ליכקייט און אין ווייניגער האַס".

קאַפּיטעל 27.

די קאָנגרעס זיצונג גלייך נאָך דער מלחמה

די נידערלאַגע ביי די וואַלען האָט לאַנדאָנ'ען ניט ענטמוטיגט. אין דעצעמבער איז ער צוריקגעקומען אין וואַשינגטאָן צו דער לעצטער זיצונג פון זיין טערמין. די מלחמה איז שוין דאַן גע־ווען געענדיגט. אָבער די רעאַקציע האָט נאָך געבושעוועט אי־בער'ן לאַנד און האָט זיך אָנגענומען מיט נייע און פרישע קרעפ־טען. די געזעצען צו באַגרענצען די רעכטען און די פרייהיי־טען פון פאָלק, וואָס זיינען געפאַסט געוואָרען אַלס א „מלחמה־נויט־ווענדיגקייט", זיינען איצטער באַנוצט געווארען צו אונטערדריקען און פאַרפאָלגען אַלע די, וואָס האָבען זיך געמאַכט אונבאַליבט ביי די רעגירונגס־בעאַמטע און זייערע פריינד. פריער, ווען די מלחמה איז נאָך אָנגעגאַנגען, האָבען די בעאַמטע מורא געהאַט צו גיין צו ווייט, טאָמער וועט עס ווירקען אָפּצושוואַכען די מלחמה־מאָראַל. איצטער אָבער, איז די שרעק פאַרשוואונדען. די רעאַקציאָנערען האָבען געפילט, אז זיי קענען האַנדלען מיט זייער גאַנצער ברוטאַליטעט און פרעכהייט.

צוויי זאַכען האָבען געווירקט די רעאַקציאָנערען צו וועקען און צו מונטערען. ערשטענס האָבען זיי פאַר זיך געזען א געפאַר פון די צוריקגעקומענע סאָלדאַטען, וועמען מען האָט צוגעזאָגט גאָלדענע בערג אויב זיי וועלען דעם שונא באַזיגען. וואס וועלען יענע מיליאָנען יונגע לייט, וועמען ווילסאָן האָט אזוי „צו־באַלעוועט", וועמען ער האָט פאַרזיכערט א גן־עדן אויף דער וועלט; וואָס וועלען זיי טאָן, ווען זיי וועלען אהיימקומען? אנשטאָט א גן־עדן, וועלען זיי טרעפען הונגער און נויט, צוגע־

שלאָסענע פאַבריקען און אַ ביטערען יקרות. ווי וועט עס וויר־קען אויף זיי? די באָלעבאַטים און זייערע פריינד אין דער רעגירונג האָבען פארשטאַנען, אַז די סאָציאַליסטען און אַנדערע ראַדיקאַלען וועלען זיכער די לאַגע אויסנוצען, אַז זיי וועלען מאַכען אַ פארזוך די אָפּגעגעבענע אַרבעטער צו ערקלערען, ווער עס איז אין שולדיג אין זייער לאַגע, וועלען זיי אָרגאַניזי־רען און פירען אין קאַמף. אום דאָס צו פארמיידען, איז פאַר דעם הערשענדען קלאַס געווען דער איין מיטעל: באַצייטענס די סאָציאַליסטען און ראַדיקאַלען צו טעראָריזירען, זיי צו אונ־טערדריקען מיט דעם כוח פון די רעאַקציאָנערע מלחמה־געזעצען.

צווייטענס, האָט פאַר די אויגען פון דעם הערשענדען קלאַס געשוועבט די געפאַר פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע. פילע סאָציאַליסטען און ראַדיקאַלען האָבען נאָכגעפאָלגט די פאַ־סירונגען אין רוסלאַנד מיט הערצער פול פון האָפנונג און פרייד. דאָרטען איז פאָרגעקומען אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע — אפשר איז דאָס דער אָנהויב פון דעם סוף, דער אָנהויב פון דעם צוזאַמענ־ברוך פון קאַפּיטאַליזם אין דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט? זיי זיינען נאָך דאַמאָלס געווען צו באַגייסטערט, צו פיל פאַר־שיכור'ט פון זייערע אייגענע האָפנונגען און חלומות, אַז זיי זאָלען קענען זען קלאָר און אורטיילען לאָגיש. עס זיינען זאָ־גאַר געווען אַזוינע צווישען זיי, וואָס האָבען אין גאַנצען זייערע קעפּ פארלוירען און געפּריידיגט אַ באַלדיגע איבערקערעניש דאָ אין לאַנד, לויט'ן מוסטער פון די „גענאָסען אין רוסלאַנד".

אום צו באַוואָרענען זיך געגען אונרועען פון די צוריקגעקו־מענע סאָלדאַטען און געגען דער געפאַר פון אַ באָלשעוויסטישען אויפשטאַנד, האָבען די רעאַקציאָנערען פארשפּרייט זייער טעראָר איבער'ן לאַנד. יעדער מענש וואָס האָט געוואָגט אויפצוהויבען זיין שטימע געגען אַן עקזיסטירענדער אונגערעכטיגקייט, אָדער צו פאַרטיידיגען דאָס רעכט פון פאָלק, איז פארדאַמט געוואָרען אַלס א באָלשעוויק. מיטגלידער פון דער אינדאָסטריעל וואָירקערס זיינען אַרעסטירט געוואָרען מאַסענווייז און אַריינגעשליידערט געוואָרען אין די פּריזאָנס אויף טערמינען פון צווישען צען

און צוואַנציג יאָר; ראַדיקאַלע ניט־בירגער זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרען פון לאַנד. א יונגע מיידעל איז פאַר'משפט געוואָרען צו זיצען פופצען יאָר אין טורמע דערפאַר, וואָס זי האָט געטיילט צירקולאַרען אין גאַס, צו וועקען סימפּאַטי צו רוסלאַנד. פינף הויכע בעאַמטע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי זיינען פאַר־משפט געוואָרען צו צוואַנציג יאָר פּריזאָן, און ביים אַרויסגעבען זיין אורטייל האָט דער ריכטער אויסגעדריקט זיין באַדויערען וואָס דער געזעץ צווינגט אים צו זיין „אַזוי מילד" מיט די אָנ־געקלאָגטע. „איך גלויב, דאָס דער געזעץ האָט מיר געדאַרפט געבען די מעגליכקייט צוצושטעלען בערגער'ן (איינער פון די פינף) צום וואַנט און אים דערשיסען", האָט דער ריכטער גע־זאָגט. דאָס לאַנד איז פול געווען מיט רעגירונגס־שפּיאָנען; די לופט איז געווען פאַר'סמ'ט מיט פאַרדאַכט און שרעק.

אין וואַשינגטאָן האָבען די רעאַקציאָנערען געמאַכט פאַר־ברייטונגען צו באַקעמפען „ווילסאָנ'ס אידעאַלען". ווילסאָן איז געפאָרען צום פרידענס־קאָנפערענץ אין ווערסאַיל, מיט דער אי־בערצייגונג, אז ער וועט איינשטעלען יושר און גערעכטיגקייט אין גאַנץ אייראָפּא. אָבער אין דער זעלבער צייט, וואָס די מאַ־סען דאָרטען האָבען אים אויפגענומען ווי א משיח, וואָס איז גע־קומען זיי ראַטעווען פון אונטערגאַנג, האָבען די רעאַקציאָנערען דאָ געאַרבייט מיט אַלע כוחות אויסצוראָטען יעדע געדעכעניש פון ווילסאָנ'ס שיינע פראַזען, פון זיינע ערהאַבענע פאַרשפּרע־כונגען אין די מלחמה יאָרען.

אָט אין דער שטיקענדער אַטמאָספערע פון רעאַקציע האָט לאָנדאָן געמוזט פאַרענדיגען די לעצטע עטליכע מאָנאַטען פון זיין טערמין; און ער האָט עס געמוזט טאָן אַלס א געשלאָגענער, אַלס א דורכגעפאַלענער, אַלס איינער וועמען די רעאַקציאָנערען האָבען באַזיגט ביי אָפענע פאָלקס־וואַלען!

ווי וועט ער איצט האַנדלען? וועט ער נאָך אַלץ האָבען דעם מוט צו ריידען, צו פאַרטיידיגען זיינע אַלטע „דיסקרעדי־טירטע" סאָציאַליסטישע אידעען? וועט ער ווייטער ריידען מיט

די זעלבע שטארקע ווערטער, מיט דעם זעלבען אגרעסיווען קעמ־פענדען טאָן ווי פריער?

לאנדאן האָט דעם עולם לאנג ניט געלאָזען ווארטען אויף אן ענטפער אויף די פראגען. דעם 2טען יאנואר, 1919, האָט ער אין קאָנגרעס געהאלטען א רעדע, וואס איז געווען אזוי שארף און אזוי אגרעסיוו, ווי אירגענד וועלכע פון די פריערדיגע רע־דעס. עס האָט זיך געהאנדעלט וועגען א פאָרשלאג, אז די רעגי־רונג זאָל באצאָלען יעדען דעמאָביליזירטען סאָלדאט געהאלט פאר זעקס מאָנאט צייט. לאנדאן האָט גענומען דאָס וואָרט אין דער פראגע. ער האָט די רעדע אָנגעהויבען אזוי:

„עס איז ניט מעגליך איצט צו ריידען איבער אירגענד וועל־כער עפענטליכער פראגע און ניט באנוצען דערביי די צוויי ווערטער: באָלשעוויזם און רעקאָנסטרוקציע. יעדער אידיאָטי־שער פאָרשלאג גייט אונטער׳ן נאָמען רעקאָנסטרוקציע, און יעדע נייע אידעע ווערט באקעמפט אלס באָלשעוויזם. דער היפאָקריט, דער חונף, דער פייגלינג, דער נאָכלויפער פון מאָב און דער פאָרקעמפער פון די זעלבסטזיכטיגע און אומריינע אינטערעסען, די וואָס ווילען איינהאלטען אלעס וואס איז פארדאָרבען אין דער געזעלשאפט — זיי ציטערען פאר א נייעם געדאנק און א נייער אידעע. זיי ריידען וועגען באָלשעוויזט אזוי ווי זיי וואָלטען געוואוסט וואָס דאָס איז, אָדער ווי באָלשעוויזם וואָלט געווען די פארקערפערונג פון אלעם בייזעס. יעדעס מאָל, ווען אימיצער שלאָגט פאָר א נייעם געדאנק, ווען אימיצער ווייזט אָן, אז מען קען געוויסע זאכען לערנען פון די אָפּפער וואָס זיינען געבראכט געוואָרען אין די לעצטע פיר יאָר, ענטפערט מען אים גלייך: „אָ, דו אגיטירסט באָלשעוויזם!” ווען דער פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאטען האָט אין איינעם פון זיינע בריף געשריבען דאָס די צוריקגעקומענע סאָלדאטען וועלען ניט דולדען קיין אינ־דוסטריעלע שקלאפעריי, האָט א צייטונג אין ניו יאָרק געפרעגט אין א לייט־ארטיקעל: „וואו האָט דער פרעזידענט גענומען די קאָמוניסטישע פראזע?” ווען דער דעמאָקראטישער גאָווער־נאָר פון ניו יאָרק האָט אין זיין מעסעדזש צו דער לעדזשיסליי־

טשור פאַרגעלייגט געוויסע זאַכען, וואָס די רעגירונג דאַרף טאָן אין דער ריכטונג פון סאָציאַלער אויסבילדונג, האָט אַ געגנער זיינער געענטפערט אַז „מיר וועלען ניט נאָכגעבען זיינע באָל־שעוויסטישע טענדענצען".

„באָלשעוויזם איז אַ נייער וואָרט, אַ נייער שרעק־וואָרט. אַזוי ווי דער סאָציאַליזם איז שוין אנערקענט אַלס אַ געזעצ־ליכע טעאָריע, און אַזוי ווי די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט שוין געצוואונגען שטאַטסלייט און פּאָליטישענס זיי זאָלען באַר־גען טיילען פון אירע געדאַנקען און פון איר פילאָזאָפיע, האָבען זיך די רעאַקציאָנערען אָנגעכאַפּט אָן דעם נייעם וואָרט „באָלשע־וויזם". מיט דעם וואָרט זוכען זיי צו פארשפּארען דעם וועג פון ווייטערדיגען סאָציאַליסטישען פאָרטשריט".

דאָס אַלעס איז בלויז פאַרבייגייענדיג. איצט איז לאָנדאָן צוגעקומען צו דער פראַגע גופא, וועגען די זעקס מאָנאַטען ווייַ־דזשעס פאַר די סאָלדאַטען. ער געפינט, אַז דאָס איז בלויז אַ ביינדעל, מיט וועלכע די באַלעבאַטים און פּאָליטישענס זוכען אָפּצונארען די סאָלדאַטען, זיי אויף דערווייל צו פארשטאָפּען דעם מויל.

„די מלחמה, האָט מען אונז פאַרזיכערט, איז געפירט גע־וואָרען פאַר דער באַפרייאונג פון דער וועלט. אַ פאָלק קען ניט זיין פריי סיידען די איינצעלנע מענשען, וואָס שטעלען צונויף דאָס פאָלק, האָבען די מעגליכקייט זיך צו ענטוויקלען פיזיש און גייסטיג, סיידען די געזעלשאַפט איז אַזוי געבויט, אַז אַלע קענען האָבען גלייכע מעגליכקייטען. אַלע אַנדערע פאָרמען פון דעמאָקראַטי זיינען אַ שווינדעל".

און לאָנדאָן דערמאָנט דאָ ווידער דעם קאָנגרעס אַז אַלע בילס, וועלכע ער האָט פאָרגעשלאָגען צו זאָרגען פאַר די ארבייטס־לאָזע און פאַר די נויט־באַדערפטיגע אין דער צייט פון רעקאָנ־סטרוקציע, זיינען פארוואָרפען געוואָרען: „איך האָב פאַר זיי פאַר'עקשנ'ט אַגיטירט און איר האָט זיי פאַר'עקשנ'ט צוריקגע־וואָרפען". אָבער אויב דער קאָנגרעס מיינט ערנסט די סאָלדאַ־טען צו העלפען, אויב ער איז אויפריכטיג מיט זיינע איצטיגע

רייד וועגען זאָרגען פאר די דעמאָביליזירטע, דאן מוז ער באַ־טראַכטען די פראגע פון א ברייטען שטאנדפונקט, ווי לאָנדאָן האָט עס געטאָן אין זיינע בילס:

„איר מוזט באטראכטען דעם פּראָבלעם פון די צוריקגעקו־מענע סאָלדאטען אַלס א טייל פון דעם פּראָבלעם פון פארבעסע־רען די עקאָנאָמישע לאגע פון די מאסען. איר מוזט טראכטען ניט בלויז פון די סאָלדאטען, נאר אויך פון די מענשען, וועלכע ארבייטען איצטער און ווען עם דזשאבס די סאָלדאטען וועלען פי־לייכט צונעמען. לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אז אַלע באַלעבאַטים וועלען האנדלען פאטריאָטיש (איך צווייפעל עם שטארק, ווייל איך וויים, דאָס יעדעס מאָל, וואָס א וואשינגטאָנער פאטריאָטישער לענדלאָרד האָט געדאָפּעלט די רענט האָט ער אויך געדאָפּעלט די גרוים פון זיין פלעג). שטעלט זיך אָבער פאָר, אז אין יעדען פאל ווען א צוריקגעקומענער סאָלדאט וועט פארלאנגען צוריק זיין אַלטען דזשאב, וועט ער עם קריגען, וואס וועט דאן ווערען פון דעם מאָן אָדער דער פרוי, וועלכע וועט פון דעם דזשאב אָפּגעזאָגט ווערען?

„אין דער צייט פון דער מלחמה האָבען מיר ניט געטרויט די גרויסע אינדוסטריעלע מאגנאטען: דאמאַלסט אפילו, ווען אַלע האָבען געערדט וועגען ברענגען אָפּפער, האָט די רעגירונג זיך ניט פארלאָזט אויף דעם פאטריאטיזם פון די מאגנאטען. זי האָט איבערגענומען די נויטיגע אינדוסטריען אין אירע איי־גענע הענט און זיי קאָנטראָלירט. אויב, אלזא, מיר האָבען זיך אויף די מאגנאטען ניט פארלאָזען דאמאלס, אין מלחמה צייט, ווען די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט פאטריאָטיזם, פאר וואָס זאָלען מיר זיך פארלאָזען אויף זיי איצטער, אין פרידענס-צייט?

„מיר מוזען דאָס פּראָבלעם אַליין לעזען. און לעזען מוזען מיר אים ניט דורך געבען די סאָלדאטען א פּרעזענט פון א גע־וויסער סומע געלד. מיר דארפען זען, אז מענשען זאָלען האָבען ארבייט, זאָלען קריגען באַצאָלט פאר ארבייט. אויב עס איז ניטאָ קיין ארבייט דארפען די ארבייטער קריגען אויף צום לעבען פון אן אינשורענס פאָנד, וואס איז געזאמעלט פאר דעם צוועק.

„און זאָל די רעגירונג אויף זיך נעמען די אויפגאַבע צו באַזאָרגען אַלעמען מיט אַרבייט. אויב נויטיג זאָל זי איבערנע־מען די אינדוסטריען וועלכע ליגען איצטער אין פּריוואַטע הענט. זאָל דאָס פאָלק די אינדוסטריען פאַרוואַלטען. איך ווייס, אַז די רעגירונג קען נאָך פאָרלויפיג ניט פאַרוואַלטען אינ־דוסטריען מיט דער נויטיגער פיאַיגקייט, אָבער זי מוז זיך אויסלערנען דאָס צו טאָן... לאָמיר איבערנעמען איין אינדוס־טריע נאָך דער צווייטער. דער אַרבייטער, וואָס וועט זיין באַ־שעפטיגט אין רעגירונגס־אינדוסטריען, אין פאָלקס־אינדוסטריען, וועט וויסען אַז ער האָט אַ פליכט צו דער געזעלשאַפט צו אַר־בייטען, צו זיין ניצליך; און די געזעלשאַפט וועט וויסען אַז זי האָט אַ פליכט דעם אַרבייטער צו פאַרזאָרגען מיט ווידזשעס, וואָס זאָלען אים געבען די מעגליכקייט צו לעבען ווי אַ מענש.”

דאָס וואָס לאָנדאָן האָט פאָראויסגעזאָגט ביי די פריערדיגע זיצונגען פון קאָנגרעס האָט אָנגעהויבען איצטער פאַרווירקליכט צו ווערען. דעם פּרעזידענט׳ס פרידענס פּראָגראַם און זיינע אי־דעאַלען פון אינטערנאַציאָנאַלען פרידען האָבען נישט באַקומען די שטיצע נישט פון די שטאַטסלייט אין אייראָפּאַ און נישט פון די פּאָליטיקער דאָ. נאָך איידער דער פרידענס קאָנפערענץ האָט צייט געהאַט זיך צו פאַרזאַמלען, האָבען די היגע מיליטאַריסטען אָנגעהויבען צו פאָדערען מער באַוואָפענונג, טיכטיגערע פאָרבאַריי־טונגען צו דער „נעקסטער מלחמה”. אין דער זעלבער צייט, וואָס ווילסאָן האָט געפּריידיגט אין אייראָפּאַ דעם אידעאַל פון אייביגען פרידען און געזוכט צו פאַרווירקליכען זיין טרוים פון אַ פעלקער־פאַרבאַנד, האָט דער קאָנגרעס דאָ פאַרהאַנדעלט בילס וועגען בויען נייע קריגס־שיפען. עס איז איצט געוואָרען נאָך קלאָרער ווי פריער צו לאָנדאָנ׳ען און צו אַלע סאָציאַליסטען, אַז דאָס פאָלק איז פאַרפירט און פאַרראַטען געוואָרען פון די מלחמה־העצערס. און לאָנדאָן האָט עס ערקלערט אין אַ רעדע אין קאָנגרעס.

„פאַר אונז ליגט אַ ביל,” האָט לאָנדאָן געזאָגט אין זיין רעדע, „וואָס שלאָגט פאָר, אַז עס זאָל באַוויליגט ווערען פאַר

דער פּלאָטע א סומע געלד, וואָס וואָלט מיט א קורצער צייט צוריק געסטייעט צו דעקען אלע הוצאות פון דער רעגירונג, — א סומע, וואָס וואָלט געסטייעט פאר דער מלחמה צו דעקען די הוצאות פון אלע אייראָפּעאישע רעגירונגען צוזאמענגענומען פאר א יאָר צייט. מען פארלאנגט פון אונז, מיר זאָלען ארויפלייגען אזא שווערען יאָך אויפ׳ן פאָלק איצטער, נאָכדעם, ווי מיר האָבען די מלחמה געוואונען. אבי מיר האָבען געמיינט, אז מיר זיינען פּטור פון די מלחמה קאָסטען. מיר האָבען אָבער, ווייזט אויס, געמאכט א טעות. ווי עס שיינט, האָבען די ארמייען און די פלאָטען פון די עליים געוואונען די מלחמה; אָבער די פעלקער האָבען די מלחמה פארלוירען. מיר האָבען ערוואַרטעט, דאָס ווען די מלחמה וועט זיך ענדיגען, וועלען מיר זיך פילען פריי און לוסטיג. אָנשטאָט דעם אָבער, זיינען אלע צושראָקען און אומרואיג און אונזיכער. מען איז צוטראָגען וועגען דעם היינט און מען שרעקט זיך וועגען דעם מאָרגען״.

דאָס גוטע, וואס די מלחמה האָט געזאָלט ברענגען איז פארגעסען געווארען; אָבער דאָס שלעכטע, וואָס די מלחמה האָט געשאפען האָט זיך איינגעפעסטיגט און ניט געוואָלט אוועק. דער „עספּיאָנאזש״ טעראָר, די פארפאָלגונגען אויף „אונגעווינשטע״ איינוואוינער זיינען פאָרטגעזעצט געווארען און קיינעם האָט ניט געקימערט. די שטימע פון פרייהייט און גערעכטיגקייט איז דערשטיקט געווארען אין פארלויף פון דער מלחמה. לאָנדאָן איז דאָ פּאַקטיש געוועזן דער איינציגער, וואָס האָט פון דער קאָנגרעס טריבונע אויסגעשריען צום פאָלק און אים געוואָרענט אז זיינע הייליגסטע אינסטיטוציעס וועלען פארשוועכט. ער האָט געפאָדערט דאָס די מלחמה געזעצען זאָלען גלייך אָפּגעשאפט ווערען. ער האָט געפאָדערט אז דער טעראָר געגען סאָציאליסטען און ראדיקאלען זאָל אויפהערען און אז די ליגענס און בלבולים און העצעס געגען די באָלשעוויקעס זאָלען סטאָפּען.

די וויכטיגסטע רעדע איבער דער טעמא האָט לאָנדאָן געהאלטען אין מיטען מאָנאט פעברואר. ווען ער האָט זיך געשטעלט ריידען, איז זיין צייט געוועזן באגרעניצט אויף בלויז

עטליכע מינוטען; אָבער די „הויז" האָט אים צוויי מאָל די צייט פאַרלייננגערט. זיינע רייד האָבען אַלעמען טיף פּאַראיינ־טערעסירט.

„די מלחמה איז פאַראיבער; דאָך האָבען מיר נאָך ניט אָפּגעשאַפט דעם „עספּיאָנאַזש" געזעץ. אין דער אמת'ן האָבען מיר קיינמאָל קיין עספּיאָנאַזש געזעץ ניט געהאַט. קיינער וואָלט ניט געשטימט געגען אַ געזעץ צו באַשטראָפען שפּיאָנען. קיין שווארצערער פאַרברעכען ווי שפּיאָנעריי אין מלחמה צייט איז ניטאָ. אָבער יענער געזעץ, וועלכער האָט געטראָגען דעם נאָמען „עספּיאָנאַזש", האָט גאָר אין דער אמת'ן געזוכט צו קאָנטראָלירען פרייע רעדע, פרייע פרעסע, פרייען דענקען. הונדערטע און טויזענדע מענשען שמאַכטען היינט אין די טורמעס דערפאַר, וואָס זיי האָבען געוואַגט אַרויסצוזאָגען מיינונגען, וואָס זיינען געווען אונפּאָפּולער אין דער מלחמה צייט. הונדערטע און טויזענדע מענ־שען ליגען היינט אין די טורמעס דערפאַר, וואָס זיי האָבען גע־וואַגט אַרויסצוזאָגען פּאָליטישע אָנשויאונגען, וואָס האָבען ניט געשטימט מיט די אָנגענומענע אָנשויאונגען פון יענעם מאָמענט.

„אין דעם 18טען יאָרהונדערט האָט אַ רעגירונג דאָ אויך אָנגענומען אַן ענליכען געזעץ — די פּאָליטישע פּאַרטיי, וואָס איז פאַר יענעם געזעץ פאַראַנטוואָרטליך געווען, האָט דאַמאָלסט מיט איר לעבען באַצאָלט. אונטער יענעם געזעץ זיינען בלויז 912 מענשען גע'משפט געוואָרען און די שווערסטע שטראָף דאַמאָלסט איז געווען צוויי יאָר פּריזאָן און פינף טויזענד דאָלאַר... אונטער דעם איצטיגען געזעץ איז די פּריזאָן שטראָף צוואַנציג יאָר און די געלד שטראָף צען טויזענד דאָלאַר. איך קען פאַרשטיין פאַרוואָס די געלד שטראָף איז פאַרגרעסערט געוואָרען פון איין טויזענד אויף צען טויזענד: מיר זיינען איצטער צען מאָל אַזוי רייך ווי דאַמאָלסט. אָבער פאַרוואָס עפּעס צוואַנציג יאָר פּריזאָן אָנ־שטאָט צוויי? איז דאָס דערפאַר, וואָס פרייהייט איז ביי אונז געפאַלען אין ווערט אויף איין צענטעל אין פאַרגלייך מיט יענער צייט?"

במעט אַלע רעדעס, וואָס לאָנדאָן האָט געהאַלטען אויף דער

לעצטער זיצונג זיינען געוועזן איבער די פיר טעמעס: פאַר דער אָפּשאַפונג פון די רעאַקציאָנערע מלחמה געזעצען; געגען די פאַרפאָלגונגען אויף ראַדיקאַלען און סאָציאַליסטען; געגען די ארויסשיקונגען פון ראַדיקאַלע אימיגראַנטען און געגען די העצעס אויף די באָלשעוויקעס. ביז'ן לעצטען טאָג האָט ער אָנגעפירט זיין קאַמף געגען דער אייזערנער וואַנד פון רעאַקציע, וועלכע עס איז אוממעגליך געוועזן פון אָרט צו רירען.

קאפיטעל 28.

לאנדאן ווידער געשיקט אין קאנגרעס

די אינערליכע רייסערייען אין דער סאציאליסטישער פארטיי האבען זיך געענדיגט מיט א שפאלטונג אין דער ארגאניזאציע. די פארטיי איז געבליבען ביי די רעכטע, און די לינקע זיינען ארויסגעטראטען און געגרינדעט די קאמוניסטישע באוועגונג. די קאמוניסטען האבען געבויט הויפטזעכליך אויף דער סימפאטיע פאר דער רוסישער רעוואלוציע, וואס איז געווען שטארק פאר־שפרייט צווישען די ראדיקאלע מענשען אין לאנד. די פרינציפען און די טאקטיק, וואס די קאמוניסטען האבען געפרעדיגט, האבען צו די מאסען כמעט ווי גארניט דערגרייכט; די קליינע צאל קאמוניסטישע אנהענגער, וועלכע האבען זיך יא צוגעהערט צו דער קאמוניסטישער פרעדיגעריי, האבען ניט פארשטאנען די באדייטונג דערפון. אזוינע פראזען, צום ביישפיל, ווי: „רעוואלוציאנערער קלאסען־קאמף", „דיקטאטור פון פראלעטאריאט", „וועלט רעווא־לוציע", „מאסען אקציאן", „בירגער קריג פון קלאסען" זיינען פאר דער קאמוניסטישער „רענק און פייל" דאמאלסט געווען ניט מער ווי שיין־קלינגענדע ווערטער, רעטענישען, וואס בלויז די גרויסע קעפ פון אויבען האבען געקענט ערקלערען. אבער דאס האבען זיי אלע געוואוסט, אז „אין רוסלאנד איז פארגעקומען א סאי־ציאלע רעוואלוציע", אז דארטען ווערט איצטער איינגעארדענט א סאציאליסטישע געזעלשאפט און אז די קאפיטאליסטישע רעגי־רונגען פון איראפא און אמעריקא האבען געמאכט א פאר־שווערונג ניט צו דערלאזען אז די „גרעסטע אונטערנעמונג אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט זאל דורכגעפירט ווערען ער־פאלגרייך."

דער רוף צום קאָמוניזם האָט געפונען דעם שטאַרקסטען אָפּקלאַנג אין די הערצער פון די אימיגראַנטען פון רוסלאַנד. די רוסישע רעוואָלוציע איז געווען אין די הענד פון די באָלשעוויקעס. געגען זיי האָבען געקעמפּט די אַלטע צאַרסקע אריסטאָקראַטי, די גענעראַלען און די רעאַקציאָנערען פון דעם דעספּאָטישען רעזשים. די באָלשעוויקעס האָבען פאַרטיידיגט דאָס לאַנד געגען דער אַלטער טיראַניי, געגען דעם קאָזאַצקען קנוט. אמת, די סאָציאַליסטען זיינען אויך געווען איבערגעבען דער רעוואָלוציע: זיי האָבען אויך מיט אַלע כחות פאַרטיידיגט די רעוואָלוציע און באַקעמפט יעדען פאַרזוך צוריקצובריינגען די אַלטע אָרדנונג, אָבער די קאָמוניסטען זיינען פאַרט געווען די נאָענטסטע מחותנים פון דער סאָוועטען מאַכט. און זיי האָבען פאַרשפּרייט דעם איינדרוק אַז זיי זיינען די איינציגע שטיצער פון דער רעוואָלוציע.

אין פאַרלויף פון די צוויי יאָר נאָך לאָנדאָנ׳ס נידערלאַגע, פון יאָר 1918 ביז 1920, איז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין אמעריקא פיל אָפּגעשוואַכט געוואָרען. פילע האָבען דעזערטירט צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג און טויזענדער האָבען זיך איינגאַנצען צוריקגעצויגען פון סאָציאַליסטישער און ראַדיקאַלער טעטיגקייט, ווייל זיי האָבען ניט געקענט פאַרטראָגען די אונענדליכע רייסערייען און דיסקוסיעס איבער רוסישער פּאָליטיק און איבער אַבסטראַקטע טעאָריעס וועגען רעוואָלוציע. זיי האָבען געפילט אַז די אַלע דיסקוסיעס און מחלוקות האָבען פאַר זיי און פאַר זייער לאַנד קיין שום פּראַקטישע באַדייטונג ניט. די קאָמוניסטען האָבען אין דער זעלבער צייט געזוכט איבערצוגעווינען אויף זייער זייט יעדע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע. די מערסטע כוחות האָבען זיי קאָנצענטרירט אויף דער אידישער גאַס — זיי האָבען זיך אָנגעשטרענגט אריינצודרינגען אין די אידישע יוניאָנס, אין דעם אַרבייטער רינג. די מעטאָדע פון זייער קאַמף איז געווען צו פאַרניכטען פריער דעם איינפלוס פון די סאָציאַליסטען. זיי זיינען געווען זיכער, אַז ווען די סאָציאַליסטען וועלען „אָפּגעראַמט ווערען" פון וועג, וועלען זיי, די קאָמוניסטען, לייכט קענען איבערנעמען די פירערשאַפט פון די

אַלטע אָרגאַניזאַציעס, וואָס די סאָציאַליסטען האָבען אין פאַר־לויף פון צענדליגער יאָרען אויפגעבויט.

ווען דער קאַמפּיין פון יאָר 1920 האָט זיך גענענדיגט, איז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי שוין געווען ניט מער ווי אַ שאָטען פון איר אַמאָליגער גרויס. די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטען אין די אידישע דיסטריקטען האָבען געוואוסט, אַז די פּאַרטיי איז צו שוואַך פאַר זיי אַן ערפאָלגרייכען קאַמפּיין אָנצופירען. אָבער די אידישע יוניאָנס און דער ארבייטער רינג זיינען נאָך געוועזען אונטער דעם סאָציאַליסטישען איינפלוס און אונטער דער סאָציאַליסטישער פירערשאַפט. די גלענצענדע, גוטע ארבייט פון די סאָציאַליסטישע פאַרשטייער אין סיטי האָל און אין אָלבאַני איז נאָך געווען פריש אין די מוחות פון די מאַסען. דערפאַר האָט עס פּאַסירט, אַז טראָץ דער שטאַרקער אָפּאָזיציע אין די אייגענע ראַדיקאַלע רייען, און טראָץ די אַטאַקעס פון דעם דרויסענדיגען שונא, איז דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי געלונגען יענעם יאָר צו ערוויילען אין די אידישע דיסטריקטען דריי אַסעמבלימען און איין סטייט סענאַטאָר.

אָבער דער וויקטיגסטער זיג אין יענע וואַלען איז געווען די ווידערערוויילונג פון מאיר לאָנדאָן צום קאָנגרעס. לאָנדאָן׳ס זיג איז דעם מאָל געווען נאָך מער אַ פּערזענליכער טריאומף, ווי אין די פאָריגע עלעקשאָנס. די קאָמוניסטען האָבען געארבייט זייער שווער אים צו שלאָגען — די לייטענדע גייסטער ביי די קאָמוניסטען זיינען געווען די זעלבע מענשען, וועלכע האָבען אָנגעפירט דעם קאַמף געגען לאָנדאָן׳ס נאָמינייישאָן אויף דעם סאָציאַליסטישען טיקעט אין יאָר 1918. די טעמעני אָרגאַניזאַציע אויף דער איסט סייד האָט אויך צוריקגעקראָגען אַ גרויסען טייל פון איר אַמאָליגען איינפלוס און אַמאָליגער מאַכט. די מלחמה און די רעאַקציע האָט איר די מעגליכקייט געגעבען, שוין דער־מיט אַליין, וואָס די ראַדיקאַלע ארבייטער זיינען טעראָריזירט געוואָרען.

דער קאָנגרעס־קאַמפּיין איז אָנגעפירט געוואָרען אויף די

זעלבע ליניעס ווי אין 1918. די צוויי קאַפּיטאַליסטישע פּאַר־טייען האָבען זיך פאַראייניגט אין נאָמען פון פּאַטריאָטיזם און האָבען אַרויסגעשטעלט איין קאַנדידאַט געגען לאָנדאָנ׳ען. דעם טאָג פון עלעקשאָן האָט טעמעני אָנגעווענדט אירע אַלטע מעטאָ־דען פון גנבות, שווינדעל און געוואַלד. עס איז געשאַצט גע־וואָרען פון געניטע בעאָבאַכטער, אַז טעמעני איז געלונגען אוועק־צורויבען פון לאָנדאָנ׳ען אַן ערך פון צוויי טויזענד שטימען. אָבער דאָס אַלעס האָט ניט געהאָלפען. לאָנדאָן איז ערווײלט גע־וואָרען מיט אַ גרעסערער מאַיאָריטעט ווי אין די פריערדיגע ערפאָלגרייכע קאַמפּיינס.

די איינוואוינער פון דער איסט סייד האָבען ווידער געשיקט לאָנדאָנ׳ען אין קאָנגרעס אַלס זייער פאָרשטייער און פאַרטרע־טער. זיי האָבען אים געשיקט אַהין ער זאָל פאָרטזעצען די אַר־בייט, וועלכע ער האָט אין וואַשינגטאָן אַזוי גלענצענד און אַזוי אונערשראָקען געטאָן די פיר יאָר, וואָס ער איז דאָרטען געווען. מיט איר איצטיגער האַנדלונג האָט די איסט סייד געגעבען לאָנ־דאָנ׳ען ניט בלויז אַ מאַנדאַט פאַר דער צוקונפט, נאָר אויך אַן אַטעסטאַט פאַר דער פאַרגאַנגענהייט.

קאַפּיטעל 29.

לאָנדאָנ׳ס קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון פּאָליטישע אַרעסטאַנטען

אי די נאַציאָנאַלע, אי די אינטערנאַציאָנאַלע אנגעלעגענ־הייטען פון לאַנד זיינען געווען אין אן אוננאָרמאַלען צושטאַנד ווען דער נייער רעפּובליקאַנער פּרעזידענט וואָרען ג. האַרדינג האָט פאַררופען דעם נייעם קאָנגרעס צו אַ ספּעציעלער זיצונג, די צווייטע וואָך אין אַפּריל, 1921. די מלחמה איז דאַן געווען פאַראיבער זייט צוויי־און־אַ־האַלב יאָר, אָבער אָפיציעל איז נאָך קיין פרידען ניט געווען. דער פרידענס אָפּמאַך וואָס ווילסאָן האָט געבראַכט פון ווערסאַיל איז פון סענאַט צוריקגעוויזען געוואָרען. אין לאַנד האָט די באַפעלקערונג שטאַרק געפילט די ווייטאָגען פון „רעקאָנסטרוקציע". די פּראָדוקציע האָט זיך פיל פאַרקלענערט; די אַרמיי פון אַרבייטסלאָזע איז געוואַקסען. די צוריקגעקומענע אין דעמאָביליזאַציע סאָלדאַטען זיינען געקומען אויפ׳ן אַרבייטער־מאַרק, אָבער אָנשטאָט דאָרטען צו געפינען אַר־בייט, האָבען זיי דאָרטען באַגעגענט זייערע ברידער, וועלכע זיינען אָפּגעזאָגט געוואָרען פון די פאַבריקען פון די מלחמה־אינדוס־טריען. די רייכע, זעענדיג אז זייערע געשוואָלענע מלחמה־פּראָ־פיטען ווערען קלענער, האָבען געפאָדערט אז די רעגירונג זאָל שניידען די טעקסעס און די באַלעבאַטים האָבען צוליב דער זעלבער אורזאַכע זיך גענומען צו שניידען וויידזשעס. יעדערער האָט געהאַט זיין אייגענעם פּראָגראַם פאַר רעקאָנסטרוקציע: פאַר׳ן באַלעבאָס האָט די רעקאָנסטרוקציע געדאַרפט באַשטיין אין פאַרקלענערען שכירות, אין העכערען דעם טאַריף און אין

שניידען טעקסעס; פאר׳ן פארברויכער האָט ער געזאָלט מיינען קלענערע פרייזען; פאר׳ן ארבייטער, — א דזשאב, וואו צו פאר־דינען אויפ׳ן לעבען.

דער „שטילער פרידען” צווישען קאפיטאל און ארבייט, וואס איז געשלאָסען געוואָרען אלס א פאטריאטישע פליכט אין מלחמה־צייט, האָט מער ניט געגאָלטען און יעדער צד האָט געזוכט עפעס צו געווינען פון דער נייער סיטואציע. האָט זיך טאקע אנגע־פאנגען א דאָפעלטע באוועגונג: א באוועגונג פון די באלע־באטים צו צושמעטערען די יוניאָנס, און א באוועגונג צווישען די ארבייטער צו געווינען מער מאכט, העכערע וויידזשעס, בעסערע באדינגונגען.

די רעאקציע האָט נאָך אלץ געבושעוועט; די פינסטערע מלחמה געזעצען זיינען נאָך געווען אין קראפט. אלס ענטפער צו דער רעאקציע האָט זיך גערודערט מיט רעוואָלוציאָנערע טעטיג־קייט צווישען ראדיקאלע ארבייטער. עס זיינען פאָרגעקומען „אונגעזעצליכע סטרייקס”, אויפשטאנדען פון ארבייטער אין ניט אָרגאניזירטע טריידס, אונטערערדישע טעטיגקייטען פון עקסטרע־מע פאָליטישע ראדיקאלען.

אין דעם נייעם קאָנגרעס איז לאָנדאָן ווידער געווען דער איינציגער סאָציאליסט. די אומשטענדען דאָרטען זיינען איצט געווען אנדערע ווי די, וואָס האָבען עקזיסטירט ווען ער איז אהין געקומען צום ערשטען מאָל אין יאָר 1915, און ער איז אויך געווען אנדערש.

דאמאלס, אין יאָר 1915, איז די אטמאָספערע אין וואַ־שינגטאָן געווען מער אדער וויניגער ליבעראל, מער אדער וויני־גער טאָלעראנט צו פּראָגרעס. אין „ווייסען הויז” איז געזעסען אַן אינטערעסאנטע פערזענליכקייט, א מאן, וועלכער האָט אָנגע־פאנגען זיין פּאָליטישע קאריערע אלס א קעמפער געגען דער מאכט פון גרויס קאפּיטאל און וועלכער האָט זיך פּראָקלאמירט אלס דער פאָרקעמפער פון א „נייער פרייהייט”. דער פּאָרזיצער פון דער האוז אָוו רעפּרעזענטאטיווס איז געווען אַן ערליכער,

ליבעראַלער מענש. לאַנדאַן איז דאָרטען געווען א פרעמדער, א פאַרשטייער פון א דיסטריקט, געגען וועלכען די מערסטע קאָלע־גען זיינע האָבען געהאַט אַלערליי פאָראורטיילען. פון אָנפאַנג האָבען אַלע אויף אים געקוקט ווי אויף א קוריאָזיטעט. מאנכע האָבען געפילט ווי אָפּצולאַכען פון אים; אַנדערע האָבען אים געוואָלט אינגאַנצען איגנאָרירען. אָבער ווען זיי האָבען אים גע־הערט ריידען און זיך איבערצייגט, אז ער איז זייער גלייכען אין וויסען, אין אינטעליגענץ און אין פייאיגקייט, האָבען זיי אים געגעבען די געהעריגע אנערקענונג, אים באַטראַכט און באַהאַנ־דעלט ווי אן אייגענעם. אפילו שפּעטער, ווען ער האָט דער־צאָרענט די פּאַטריאָטען מיט זיין ראַדיקאַלער שטעלונג צו דער מלחמה, איז ער פון די מערסטע קאָלעגען זיינע באַהאַנדעלט גע־וואָרען אנשטענדיג און מיט רעספּעקט. זיי האָבען אַלע צוגעגע־בען, אז ער איז א מוטיגער, פּרינציפּיעלער מענש און אז ער איז איבערגעבען צו זיינע אידעען און צו זיינע פליכטען. און אפילו נאָך שפּעטער, ווען די מלחמה משוגעת האָט דערגרייכט דעם געפערליכסטען פּונקט, האָט לאַנדאַן זיך ניט צוריקגעהאַל־טען פון ארויסזאָגען זיינע מיינונגען און די מערסטע פון זיינע קאָלעגען האָבען זיך צו אים צוגעהערט מיט אכטונג און צייטענ־וויז מיט באַוואונדערונג.

איצטער אָבער איז דער קאָנגרעס געווען אן אַנדערער; אַנדערש איז אויך געווען די אַלגעמיינע שטימונג אין וואשינג־טאָן. די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט האַס געגען אויס־לענדער און געגען ראַדיקאַלען. פון טאָלעראַנץ איז מער קיין סימן ניט געווען; אַלע האָבען געגלויבט אין דער נויטווענ־דיגקייט פון אונטערדריקונג און פאַרפאָלגונג. פון אידעאַלען האָט מען פשוט געלאַכט. די פיר יאָר פון שאָוועניסטישע פּראָ־פּאַגאַנדא האָט געהאַט איר ווירקונג. פילע פון די הערען וואָס זיינען איצט געזעסען אין קאָנגרעס זיינען ערוויילט געוואָרען פאַר זייער „פּאַטריאָטישער" טעטיגקייט. זיי זיינען אזוי צוגע־וואוינט געוואָרען צו זייערע שאָוועניסטישע פראַזען, אז דאָס איז

ביי זיי געווארען א צווייטע נאטור. זיי האָבען פון קיין אנדער זאך כמעט גאָרנישט געקאָנט ריידען.

לאָנדאָן האָט אַלעם געוואוסט, האָט עס אַלעם באמערקט, אָבער אויף זיין ארבייט האָט עס אויף א האָר ניט געווירקט. ער האָט איצטער גענומען פאָרטזעצען די ארבייט וואס איז אונ־טערבראָכען געוואָרען מיט צוויי יאָר בעפאָר, ביים שלום פון זיין צווייטען טערמין. ער האָט ווידער זיך אריינגעוואָרפען אין דעם קאמף פאר פרייהייט און גערעכטיגקייט, פאר די רעכטע פון די אונטערדריקטע מינאָריטעטען און פארפאָלגטע ראדיקאַלען. ער האָט ווידער אויפגעהויבען זיין שטימע צו פאָדערען שוץ פאר די קרבנות פון אונזער אינדוסטריעלען סיסטעם. און זיין שטי־מע איז איצט געווען שטארקער ווי פריער; ער האָט גערעדט מיט מער זיכערקייט, מיט מער איבערצייגונג. ער איז צוריקגע־קומען אין קאָנגרעס מיט א מער גרינדליכען וויסען פון אינ־טערנאציאָנאַלע אנגעלעגענהייטען, מיט א טיפערער פארשטענדע־ניש פון אינערליכע פּראָבלעמען. דעם „וואקיישאָן", וואס איז אויף אים ארויפגעצוואונגען געווארען, האָט ער ניט אויסגענוצט פאר אויסרוען זיך אָדער פאר מאטעריעלע צוועקען. ער האָט די צייט אויסגענוצט צו לערנען און נאָכדענקען. ער האָט געלעבט מיט די וועלט־פּאסירונגען און מיט די לאָקאַלע פאסירונגען. ער האָט זיי נאָכגעפאָלגט, זיי געשטודירט, געזוכט צו פארשטיין זייער אינערליכען זין, געזוכט זיי צו ערקלערען אין דער ליכט פון סאָציאַליסטישען גערדאנק.

ווי אזוי ער האָט געפילט וועגען דעם קאָנגרעס אין וועלכען ער איז איצט אריינגעטראָטען און וואָס זיין באציאונג צו אים איז געווען האָט לאָנדאָן ערקלערט אין א רעפּאָרט צו דער נאציאָ־נאַלער קאָנווענשאָן פון דער סאָציאַליסטישער פארטיי, וועלכע איז אָפּגעהאַלטען געווארען אין יוני, 1921. אט וואָס ער האָט גע־שריבען:

„עס איז צום באדויערען אז א פּאָליטישע פארטיי מיט נאָ־ענט צו א מיליאָן שטימען, זאָל האָבען ניט מער ווי איין פאָר־

שטייער אין קאָנגרעס. עס איז אבסאָלוט אוממעגליך פאר איין מענש איצטער צו ערפילען זיין אויפגאַבע אלס סאָציאַליסטישער פאַרטרעטער. . . דער 64טער קאָנגרעס, דער ערשטער, אין וועל־כען איך בין געזעסען, איז אביסעל צורודערט געווארען דורך דער אייראָפּעאישער מלחמה; דער 65טער קאָנגרעס איז געוועזן א מלחמה קאָנגרעס; דער איצטיגער קאָנגרעס איז פארפּלאָנ־טערט אין אַלע פּראָבלעמען פון פאר דער מלחמה, וועלכע זיינען איצטער פיל שווערער און פיל פּיינליכער ווי דאמאלס. . . די רעאַקציע איז ניט אזוי שרייעדיג, ווי מיט א שטיקעל צייט פריער, אָבער זי איז ניט אויף א האָר וויינינגער געפערליך. זי איז איצט אָרגאַניזירט. זי זוכט צו פארניכטען יעדען, וואָס וואגט פאָרצושלאָגען אן ענדערונג. זי האָט ביטער די עקסטרעמע קאָמוניסטען, וועלכע זיינען באַגייסטערט פאר דעם גלאַנץ פון דער וויטער רעוואָלוציע. זי וויל אונטערדריקען די סאָציאַליס־טען, וועלכע גלויבען אין בילדען און אויפקלערען די מאסען. זי וואָלט וועלען דערשטיקען די נאָן־פּאַרטיזען ליג, די פּאַרמער־לייבאָר פּאַרטיי און זי זוכט אָרויפצולייגען איר גרויזאמע האנד ניט נאָר אויף די אינדאָסטריעל ווארקערס נאָר אויך אויף די קאָנסערוואטיווסטע יוניאָנס פון דער אמעריקאן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר.

„דאָס איז א ביזנעסמאַנ׳ס קאָנגרעס און די מיטגלידער זיינען אולטראַ־קאָנסערוואַטיוו.

„פאר א סאָציאַליסט איז שווער ניט צו ווערען ציניש אדער גלייכגילטיג צו זיין אויפגאבע אין אזא אַטמאָספערע. איך ווייס אָבער, אז איך טאָר ניט פארלירען דעם מוט, טראָץ די באַגרענצטע מעגליכקייטען. איך טו מיין ארבייט. הלואי וואָלט איך אייך געקענט מעלדען וועגען פּראַקטישע אויפטואונגען. דאָס איז אָבער אוממעגליך. איך געפין זיך אין דער זעלבער לאַגע וואָס די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי געפינט זיך איצטער, נאָך די אַטאַקעס וואס די פינסטערע כוחות האָבען אויף אונז געמאַכט. עס איז א נס, וואָס מיר לעבען נאָך״.

גלייך ווי די ספּעציעלע זיצונג פון קאָנגרעס האָט זיך גע־

עפענט האָט לאָנדאָן אריינגעטראָגען א רעזאָלוציע, אז דער קאָנ־גרעס זאָל רעקאָמענדירען צום פּרעזידענט ער זאָל געבען אן אמ־נעסטיע צו אלע פּאָליטישע ארעסטירטע. מיט דער רעזאָלו־ציע האָט לאָנדאָן אָנגעפאנגען זיין קאמף פאר דער באפריי־אונג פון די מענער און פרויען, וואס זיינען אריינגעפאלען אין דעם נעץ פון די רעאקציאָנערע עספּיאָנאזש געזעצען, א קאמף, וועלכען ער האָט פאָרטגעזעצט אונערמידליך אזוי לאנג ווי ער איז אין קאָנגרעס געזעסען. די ערשטע צייט האָבען זיינע רע־דעס און ארגומענטען ארויסגערופען גיפטיגע אנטוואָרטען פון זיינע געגנער. ביסלעכווייז אָבער האָט זיך די שטימונג צווישען די קאָלעגען זיינע געביטען. מאנכע פון זיינע שטארקערע אפילס זיינען זאָגאר באגריסט געווארען מיט אפּלאָדיסמענטען. שפּעטער האָבען א גרופּע קאָנגרעסלייט זיך פאראייניגט אין דעם קאמף מיט אים און אים געגעבען זייער פולע שטיצע.

די ערשטע לאנגע רעדע איבער דער פראגע האָט ער געהאַל־טען דעם 1טען יולי, 1921. ער האָט אָנגעפאנגען מיט א רע־זומע פון דער ארבייט, וואס איז וועגען דעם שוין געטאָן געווא־רען אין דעם פאָריגען קאָנגרעס, ווען ווילסאָן איז נאָך געווען פּרעזידענט. ער האָט דערציילט וועגען די פּעטיציעס, וואס זיי־נען געשיקט געווארען פון דער סאָציאַליסטישער פּארטיי און פון דער אמעריקאן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר. סעמועל גאָמפּערס האָט געבראכט צוויי דעלעגאציעס צו ביידע פּרעזידענטען, און ווען, ביי דער צווייטער געלעגענהייט, האָט „מר. גאָמפּערס באַ־טאָנט ווי טריי אָרגאניזירטע ארבייט האָט געדינט דעם לאנד אין פארלויף פון דער מלחמה און אין נאָמען פון די מיליאָ־נען אָרגאניזירטע ארבייטער האָט ער געפּאָדערט, אז דאָס לאנד זאָל זיין גרויסמוטיג און אז דעם אָרט פון מלחמה־שטרענגקייט זאָל פארנעמען פריינדליכקייט און ליבע, ווייל די מידות זיינען דער פונדאמענט פון פרידען, בין איך דאן געווען א מיטגליד פון יענער דעלעגאציע און האָב אויך אפּעלירט צום פּרעזידענט".

דאָן האָט לאָנדאָן אנאליזירט דעם תירוץ וואס די פּרעזי־דענטען האָבען געגעבען פאר וואס זיי האָבען די אפּילס צוריק־

געוויזען. זיי האָבען גע'טענה'ט, אז אין אמעריקא זיינען ניטאָ קיינע פּאָליטישע פארברעכער; אין אמעריקא זיינען אלע געזעצען ענטוועדער ציווילע אָדער קרימינעלע און אז דערפאר מוזען דאָ אַלע ארעסטאנטען באהאנדעלט ווערען גלייך. דעם ארגומענט האָט לאָנדאָן אין גאנצען צוקלאפּט:

„מען זאָגט מיר, אז אין אמעריקא איז ניטאָ אזא זאך ווי א פּאָליטישער פארברעכער. דאָס איז ניט ריכטיג. אין אונזערע אימיגראנטען געזעצען און אין אונזערע אָפּמאכונגען מיט פרעמדע לענדער ווערט געצויגען א שארפע ליניע צווישען פארברעכענס, וואס קומען פון מאָראלער פארדאָרבענהייט און פארברעכענס, וואס טראָגען א פּאָליטישען כאראקטער. אונז איז אלעמען באקאנט די פּראָקלאמאציע פון דזשאָרדזש וואשינגטאָן נאָך דעם „שנאפּס אויפשטאנד" און די פּראָקלאמאציעס פון דער רעגירונג אין פארלויף פון דעם בירגער קריג און אין דער צייט פון דער רעקאָנסטרוקציע נאָך דעם בירגער־קריג. אין איינע פון די פּראָקלאמאציעס טיילט פּרעזידענט לינקאָלן אָפּ דעם געוויינליכען ארעסטאנט פון דעם פּאָליטישען ארעסטאנט — דעם צווייטען באצייכענט ער מיט'ן נאָמען „שטאט ארעסטאנט". דער אויסדרוק „פּאָליטישע ארעסטאנטען" געפינט זיך אין איינע פון די פּראָקלאמאציעס פון פּרעזידענט רוזוועלט. אין די אָפּמאכונגען מיט אנדערע לענדער און אין אונזערע אימיגראנטען געזעצען, ווערט קלאָר אנגעצייכענט, אז עס איז דאָ אן אונטערשיד צווישען די צוויי קלאסען ארעסטאנטען — עס ווערט געזאָגט, אַז א געוויינליכער פארברעכער איז מאָראליש געזונקען, ווערענד א פּאָליטישער פארברעכער איז א מענש, וועלכער קומט אין צוזאַמענשטויס מיט זיין רעגירונג, ניט ווייל ער איז פארדאָרבען אין כאראקטער, נאָר ווייל ער פארטיידיגט א געוויסען פּרינציפּ.

„אין אמעריקא האָט מען אימער געגלויבט, דאָס דער פּאָליטישער פּראָטעסטאנט איז פון בעסערען מענשליכען מאטעריאל ווי די רעגירונג, וואס פארפאָלגט אים. דערמיט ערקלערט זיך וואָס אין אונזערע אימיגראנטען געזעצען האָבען מיר אימער געמאכט אויסנאָמען צו גונסטען אימיגראנטען וואס לויפען

אהער צוליב פּאָליטישע פאַרפאָלגונגען און וואָס מיר האָבען זיך שטענדיג ענטזאגט אויסצוליפערען פּאָליטישע פאַרברעכער פון אנדערע לענדער. מיר האָבען אימער געשיצט דעם פּאָליטישען רעבעל, ווייל מיר האָבען געפילט, אז ער האָט זיך פאַרהאַסט געמאַכט ביי זיין רעגירונג אויף יענער זייט ים דערפאַר, וואָס ער האָט געוואָלט זיך באַנוצען מיט די עלעמענטאַרע מענשליכע רעכט, דאָס רעכט פריי צו שרייבען, פריי צו ריידען, דאָס רעכט פריי זיך צו פאַרזאַמלען; אָדער דעם יעניגען וואָס ווערט פאַרפאָלגט דערפאַר, וואָס ער האָט געזוכט צו געבען זיין לאַנד אַזאַ רעגירונג, וועלכע זאָל די אַלע רעכטע אנערקענען".

און לאָנדאָן גייט נאָך אַ שריט ווייטער. אויב אפילו די פּאָליטישע אַרעסטאַנטען זיינען געוויינליכע פאַרברעכער, דאַרפען זיי אויך איצט באַפרייט ווערען, ווייל זיי האָבען קיינמאָל ניט געהאַט קיין גערעכטען פּראָצעס, ווייל זיי זיינען גע'משפט געוואָרען אונטער אבנאָרמאַלע אומשטענדען: „עס איז געווען אוממעגליך פאַר דזשורים אָדער דזשאַדזשעס צו אורטיילען די פּאָליטישע אָנגעקלאָגטע אָן פאָראורטיילען און אָן פּאַרטייאישקייט. קענט איר זיך פאָרשטעלען, אז א דזשורימאַן, וועלכער האָט געהאַט אַ זון אין די טרענטשעס, זאָל קענען רואיג און אָן לייַדענשאַפטען באַטראַכטען א קלאַגע געגען א מענשען, וואָס איז באַשולדיגט געוואָרען אין האַלטען אַ פאַררעטערישע רעדע? איך וועל דערמאָנען איין קייס אַלס אילוסטראַציע פון דעם סאָרט גערעכטיגקייט, וואָס איז אויסגעטיילט געוואָרען אין מלחמה־צייט. מאָלי סטיימער איז געווען אַ מיידעל פון זיבעצען יאָר ווען זי איז אָנגעקומען אין אמעריקא. נאָך דער ערקלערונג פון דעם וואַפענשטילשטאַנד האָט זי פאַרשפּרייט צירקולאַרען אין פּראָטעסט געגען דער רוסישער בלאָקאַדע. זי האָט אַ טייל פון די צירקולאַרען אַראָפּגעוואָרפען פון אַ טענעמענט־הויז־דאַך. דער דזשעניטאָר פון דעם הויז האָט זיך באַקלאָגט פאַר א פּאָליס־מאַן אז די מיידעל וואַרפט פּאַפּיר אויפ'ן סיידוואָק. זי איז אַרעסטירט געוואָרען. דאַן האָט די פּאָליציי „ענטדעקט", אז די צירקולאַרען האָבען ענטהאַלטען אַזוינע רעוואָלוציאָנערע פראַזען

דאָס די רעגירונג פון אַמעריקא און די אינסטיטוציעס פון לאַנד זיינען געשטעלט געווארען אין געפאר. זי איז גע'משפט געווארען, געפונען געווארען שולדיג און כדי צו ראַטעווען די וועלט־דעמאָ־קראַטיע פון אונטערגאַנג, איז זי פאר'משפט געווארען אויף פופ־צען יאָר אין פּריזאָן. שפּעטער איז דער אורטייל פארביטען גע־ווארען אויף דריי יאָר. זי זיצט נאָך איצטער הינטער אייזערנע גראַטעס",

און לאַנדאָן האָט זיין רעדע געשלאָסען מיט אַן אַפּיל אין נאָמען פון מענשליכקייט און פרייהייט:

„דערמיט, וואָס איר האַלט מענשען פארשפּארט דערפאר וואָס זיי האָבען געגלויבט אין אַן אונפּאָפּולערער טעאָריע, ער־מוטיגט איר געוואַלד־טאַטען און מאָב־טעטיגקייט. אַזאַ האַנד־לונג קען ניט געדולדעט ווערען אין אַ פרייע לאַנד. . . די אַדמיניסטראַציע מוז גלייך באַפרייען די מענער און פרויען, וועגען וועלכע איך רייד איצטער. זי מוז זיי צוריקגעבען אַלע זייערע בירגער־רעכטע. די מלחמה איז פאַראיבער. לאָמיר פארגעסען די גרויזאַמקייט און לאָמיר בויען אויף אַ פונדאַ־מענט פון ליבע. אַ דעמאָקראַטי טאָר ניט נעמען קיין נקמה אפילו פון די, וואָס האָבען געגען איר געזינדיגט".

דעם 22טען נאָוועמבער האָט לאַנדאָן אָנגעפירט אַ קאַמף דעם גאַנצען טאָג אריינצושרייבען אין דעם פּראָטאָקאָל פון קאָנ־גרעס צוויי אַמנעסטיע פּעטיציעס. אויף איינער זיינען געווען אונטערגעשריבען אַ צאָל פּראָמינענטע שריפטשטעלער, אַרטיס־טען, געזעלשאַפטליכע טוער, סאָלדאַטען מיט אויסצייכנונגען; די צווייטע איז געשיקט געווארען פון אַן אָרגאַניזאַציע פון געוועזענע סאָלדאַטען מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון 400,000 מאַן. זיין פארלאַנג, אַז די פּעטיציעס זאָלען אריינגעשריבען ווערען אין פּראָטאָקאָל איז צוריקגעוויזען געווארען. ער האָט באַשלאָסען ארויפצוצווינגען די פּעטיציעס אויפ'ן קאָנגרעס. ער האָט ביי יעדער מעגליכער געלעגענהייט געבעטען דאָס וואָרט אויף אַ פּאָר מינוט און האָט די צייט אויסגענוצט פאָרצולייענען טיילען פון די פּעטיציעס. אַזוי ווי ער האָט די פּעטיציעס געלעזען אין

דער צייט וואס ער האָט געהאַט געזעצליך דאָס וואָרט, האָבען זיי געמוזט אריינגעשריבען ווערען אין פּראָטאָקאָל. די געגנער האָבען פּראָטעסטירט געגען לאָנדאָנ׳ס מעטאָדע. זיי האָבען גע־טענה׳ט, אז ער האָט דאָס וואָרט באַקומען פאר אנדערע צוועקען, צו דיסקוטירען פראגען וואס דער קאָנגרעס האָט דאַן פארהאַנ־דעלט. אָבער דער פּאָרזיצער האָט זיך ענטזאגט אים אפּצו־שטעלען. ער האָט גע׳פּסקנ׳ט דאָס „מיר זיינען געוויינליך לי־בעראל אין אזא פאל״; דאָס הייסט, אז ווען א קאָנגרעסמאַן באַקומט ערלויבניש צו ריידען, איז ער ניט געצוואונגען צו רייי־דען בלויז וועגען דער פראגע, וואס ווערט דאַן דיסקוטירט; ער מעג ריידען וועגען וואָס ער וויל.

לאָנדאָן האָט דעם ליבעראלען מנהג פון קאָנגרעס ענטדעקט נאָך אין זיין פריערדיגען טערמין און האָט אים אָפט אויסגענוצט. ער פלעגט בעטען דאָס וואָרט כלומר׳שט צו אמענדירען דעם ביל, וועלכען דער קאָנגרעס האָט געהאלטען אין פארהאנדלען, און דאַן פלעגט ער זיך באנוצען מיט דער באשטימטער צייט צו ריי־דען וועגען פראגען, וואָס ער האָט געהאלטען פאר וויכטיג, וועגען פראגען וואָס די מערסטע פון קאָנגרעס האָבען געוואָלט בעסער איגנאָרירען.

אָם ענדע פון יאָר 1921, איז דעבס באפרייט געווארען פון פריזאָן, צוזאמען מיט א צאָל אנדערע פּאָליטישע ארעסטאַנ־טען. אָבער אין די פעדעראלע פריזאָנס זיינען נאָך פארבליבען איינגעשפּארט 118 ראדיקאלען, אויסער פילע הונדערטע וואָס זיי־נען געזעסען אין די סטייט־פּריזאָנס. לאָנדאָן האָט איצטער באַנייט זיין קאַמף פאר די פאַרבליבענע ארעסטאַנטען. אין איינע פון זיינע רעדעס האָט לאָנדאָן געזאָגט:

„דעם אכטען יאַנואר האָט דער פּרעזידענט באפרייט א פּאַב־ריקאַנט, וועלכער איז געפונען געווארען שולדיג אין איבערטרע־טען די אַנטי־טראַסט געזעצען. איך פּראָטעסטיר ניט געגען דעם. איך אפּלאָדיר יעדען אימפּולס פון מענשליכקייט וואָס לינדערט ליידען. איך זוך ניט קיין נקמה, איך טראָג ניט קיין האַס אויף רייכע, איך פאָדער ניט זיי זאָלען אריינגעזעצט ווע־

רען אין פּריזאָן. איך בין אויך געגען די אַזוי־גערופענע אַנטי־טראַסט געזעצען. זיי האָבען קיין באַדייטונג נים. יעדעס מאָל וואָס דער געריכט באַפעלט די אויפלייזונג פון אַ טראַסט, שטייגען די אַקציעס פון דעם טראַסט אין פּרייז. עס איז לעכערליך צו באַשטראָפען אַ מענשען דערפאַר, וואָס ער מאַכט מער ערפאָלג ווי זיין קאָנקורענט.

„איך באַדויער אָבער יאָ, וואָס די זעלבע אַדמיניסטראַציע וועלכע האָט געפונען פאַר נויטיג צו רעדוצירען די שטראָף פון אַ רייכען פאַבריקאַנט, האַלט איינגעשלאָסען אין די טורמעס די קרבנות פון דער מלחמה היסטעריע: מענשען, וואָס זיינען פאַר־שיקט געוואָרען אויף צען, פופצען אָדער צוואַנציג יאָר פאַר האַל־טען אַ רעדע, פאַר אַרויסטראָגען אַ מיינונג, פאַר אויסדריקען אַ שטאַנדפּונקט, וועלכער איז גראַד דאַן ניט געוועזען פּאָפּולער.

„פאַרוואָס לאָזט מען די מענשען נים אַרויס? איז עס דערפאַר, וואָס זייערע מיינונגען זיינען געגען די אינטערעסען פון קאַפּיטאַל? איז עס דערפאַר, ווייל זיי פאַרטיידיגען איינינקייט צווישען אַרבייטער? . . . איך פּראָטעסטיר געגען דעם, וואָס מען האַלט 118 פּאָליטישע אַרעסטאַנטען הינטער די גראַטעס. דעבס'ן האָבען זיי אַרויסגעלאָזען דערפאַר, ווייל זיין נאָמען איז טייער צו מיליאָנען מענער און פרויען. דעבס איז אַ גרויסע פּערזענליכקייט. דעבס איז געווען אַ קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט. אָבער איך בין פּונקט אַזוי פאַראינטערעסירט אין דעם פּשוט'ן מענשען, וואָס זיצט אין פּריזאָן, אין דעם מאַן, וועמען אַ דומער רעאַקציאָנערער ריכטער האָט פאַרשיקט אויף צען יאָר פאַר צו־טיילען צירקולאַרען אין גאַס".

לאָנדאָן איז צוריקגעקומען צו דערזעלבער טעמע מיט עט־ליכע מאָנאַטען שפּעטער, ווען די „הויז" האָט דיסקוטירט די פראַגע וועגען פאַרניכטען מאַנכע פון די שיפען, וואָס זיינען גע־בויט געוואָרען פאַר מלחמה צוועקען. ער האָט אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק אַז נאָך וויכטיגער איז צו פאַרניכטען די שנאות, וועלכע זיינען פון דער מלחמה פאַרבליבען.

„איצטער, אַז איר האַלט אין זינגען שבחים פאַר די וואָס

האָבען ליב פרידען און פאַר די, וואָס אַגיטירען פאַר אינטערנאַ־ציאָנאַלע האַרמאָני און פאַר דער אַפּשאַפונג פון מלחמה, וויל איך ציען אייער אויפמערקזאַמקייט צו דער פראַגע פון אַמנעס־טיע פאַר די מענשען, וועלכע האָבען אין מלחמה צייט געהאַט דעם מוט אַרויסצוזאָגען זייערע אויפריכטיגע איבערצייגונגען. יעדערער קען זיין איצט אַ העלד. יעדערער קען איצטער אויס־שרייען זיין ליבע צו פרידען. איך וויל אָבער פאַרליינגען פאַר אייך די קייסעם פון יענע מענער און פרויען ביי וועמען די ליבע צו פרידען איז געווען אַ טיפע לײדענשאַפט, אַ רעליגיע, ביי וועמען די ליבע צו פרידען איז געווען דער אינהאַלט פון זייער עקזיסטענץ. איך וויל איר זאָלט זיך פאַרטראַכטען וועגען יענע מענער און פרויען, וועלכע האָבען געגלויבט אז עס איז זייער אויפגאַבע צו פריידיגען פרידען גראַד אין דער צייט, ווען מענ־שען מאָרדען איינע די אַנדערע".

ווי טיף עס איז געווען דער אָפּגרונד צווישען לאָנדאָנ'ען און זיינע קאָלעגען אין זייער שטעלונג צו דער פראַגע, זעט זיך קלאָר אַרויס אין דער דיסקוסיע, וואָס האָט זיך ענטוויקעלט, ווען לאָנדאָן האָט זיין רעדע געענדיגט. אָט איז אַ טייל פון דער דיסקוסיע:

„מר. דשאַנסאָן פון מיסיסיפּי: וויפיל פּאָליטישע אַרעסטאַנ־טען זיינען איצטער פאַראַן?"

„מר. לאָנדאָן: אין די פעדעראַלע פּריזאָנס זיצען איצט 113."

„מר. ענדריוס פון נעבראַסקאַ: וויל דער הער אַז מען זאָל מיט די 113 אַרעסטאַנטען טאָן דאָס זעלבע, וואָס עס איז פאָרגעשלאָגען געוואָרען צו טאָן מיט די מלחמה שיפען?"

„מר. לאָנדאָן: איך גלויב, אַז צוזאַמען מיט די שיפען זאָלט איר פאַרניכטען אייערע שנאות, אייערע לײדענשאַפטען, אייערע פאָראורטיילען און אַז איר זאָלט אין אייערע געזעצען אַריינטראָגען דעם מענשליכען עלעמענט".

„מר. מילער: פאַר וואָס שלאָגט ניט פאָר דער הער אַ ביל, אַז יענע לייט זאָלען פאַרניכטען זייערע שנאות?"

„מר. לאָנדאָן: יענע לייט פּרעדיגען אינטערנאַציאָנאַלע ליבע, און דאָס רופט איר אַ פאַרברעכען. זיי האָבען געפּרייריגט אינטערנאַציאָנאַלע קאָאָפּעראַציע אין דער צייט ווען די פּייגלינגע האָבען מורא געהאַט צו עפענען אַ מויל.”

„מר. ענדריוס: גלויבט איר, אַז עס איז רעכט פאַר אַ מענש, ווען דאָס לאַנד שטייט אין קריג, צו טאָן עפּעס וואָס קען דעם לאַנד שטערען דעם קריג צו געווינען?”

„מר. לאָנדאָן: די לערע, אַז אין מלחמה צייט מוזען אַלע ליפּען זיין פאַרזיגעלט, איז דער פונדאַמענט פון מאָנאַרכישע אינסטיטוציעס. עס איז ניטאָ קיין געפערליכערע טעאָריע ווי די, אַז אַ קריגס־ערקלערונג נעמט אַוועק ביי די בירגער דאָס רעכט אויף קריטיק. די טעאָריע האָט מעגליך געמאַכט די ענטוויקלונג פון מאָנאַרכים. אַ רעגירונג, וואָס זאָגט צו אירע בירגער: איר רעדט גאָרנישט, מיר וועלען אַלעס ענטשיידען פאַר אייך, שטעלט דאָס לאַנד אין געפאַר”.

„מר. מילער: וויל דער הער פאַרטיידיגען דאָ אין קאָנגרעס די פּרינציפּען פון לענין און טראָצקי?”

„מר. לאָנדאָן: די פראַגע איז צו לעכערליך אַז איך זאָל אויף איר ענטפערען”.

„מר. מילער: ענטפערט אויף איר”.

„מר. לאָנדאָן: די פראַגע שטאַמט פון ערשטוינענדער אונוויסענהייט. די אידעען וואָס איך האָב דאָ אויסגעדריקט, זיינען מיט יאָרען צוריק אַרויסגעזאָגט געוואָרען פון אַזוינע אַמעריקאַנער פערזענליכקייטען ווי סאָמנער און וועבסטער. לענין איז נאָך דאַן ניט געבוירען געוואָרען און טראָצקי'ס נאָמען האָט נאָך ניט עקזיסטירט. דער סאָרט אינסינואַציעס אַפּעלירט בלויז צו גאַנץ אונוויסענדע מענשען. דאָ האָבען זיי קיין פּלאַץ ניט. מיט דריי יאָר צוריק וואָלטען זיי אפשר דאָ אַן איינדרוק געמאַכט. אפילו אַ מלחמה טאָר ניט פאַרניכטען דעם עסענץ פון אַ דעמאָקראַטישער רעגירונגס פאָרם. אפילו אין מלחמה צייט איז דאָס פאָלק דער באַלעבאָס פון לאַנד און די רעגירונג איז בלויז זיין אַגענט. און אַ פאָלקס־הערשאַפט קען ניט עקזיסטירען ווען

די בירגער זיינען ניט ערלויבט ארויסצוזאָגען דאָס וואָס זיי דענ־קען און גלויבען".

„מר. ענדריוס: קען דער הער מיר באווייזען אז אירגענד וועלכע רעגירונג איז געווען מער גרויזאם ווי לענין און טראָצ־קי?"

„מר. לאָנדאָן: וואס האָט עס צו טאָן מיט דעם ענין? אויב עס איז אמת, אז לענין און טראָצקי זיינען גרויזאם, ווילט איר אז מיר זאָלען זיי נאָכטאָן?"

לאָנדאָן'ס רעדעס אין קאָנגרעס און די קאמפיינס פון די ראדיקאלען און ליבעראלען האבען ענדליך אָנגעפאנגען ברענגען רעזולטאטען. 51 מיטגלידער פון דער האוז אָוו רעפרעזענטא־טיווס האָבען אונטערגעשריבען א פעטיציע צום פרעזידענט ער זאָל געבען אמנעסטיע צו אַלע פאָליטישע ארעסטאנטען. די שאָוועניסטען האָבען, פאַרשטייט זיך, דאָס ניט פארשוויגען. זיי האָבען די פעטיציע פארדאמט אין קאָנגרעס אלס „באָלשעוויזם, סאָציאַליזם און אַנארכיזם". אויף די אטאקעס האָט לאָנדאָן געגעבען דעם פאָלגענדען קורצען אָבער שארפען ענטפער: „איך בין איבערראשט פון די ביליגע און וואולגארע מעטאָדען וואָס ווערען באנוצט אָנשטאָט לאָגישע ארגומענטען". ער האָט דאן געגעבען א שילדערונג פון דער מאָראלער הויך פון די מענשען, וואָס זיצען אין די פּריזאָנס: „פילע פון זיי זיינען אזוי טיף איבערצייגט אין דער גערעכטיגקייט פון זייערע פּרינציפּען אז זיי האָבען זיך אָפּגעזאָגט אונטערצושרייבען זיך אויף פעטיציע פאַר באגנאַדיגונג. זיי זאָגען, אז זיי זיינען ניט באגאנגען קיין פארברעכען, אז זיי טראָגען אויף קיינעם קיין האס ניט, און אז זיי וועלען בעסער פארפוילט ווערען אין פריזאָן איידער בעטען רחמנות. איך דענק, אז מענשען וואָס זיינען פייאיג אויף אזא מארטירערשאפט, פארדינען רעספעקט. . . יעדער דארף ביי זיך אליין מאכען א חשבון הנפש און זיך פרעגען, צי ער האָט גע־טאָן זיין פליכט אין דעם גרויסען קריזיס פון דער מענשהייט אין דער מלחמה צייט".

אין די פילע רעדעס, וואָס לאָנדאָן האָט געהאלטען אין קאָנ־

גרעס וועגען אַמנעסטיע, האָט ער די פראַגע דיסקוטירט פון יע־דען שטאַנדפּונקט; ער האָט אַנאַליזירט דעם גערעץ אונטער וועלכען די מענשען זיינען גע'משפּט און פאַרשיקט געוואָרען; ער האָט אַנאַליזירט די מאָטיווען פון די „פאַרברעכער"; און ער האָט אויפגעדעקט דעם פסיכאָלאָגישען צושטאַנד פון די ריכטער און די דזשורים, וועלכע האָבען די מענשען גע'משפּט. אין מאַנכע פון די רעדעס איז לאַנדאָן געווען דער לאָיער, אין מאַנ־כע איז ער געווען דער היסטאָריקער, אין מאַנכע, — דער פּסי־כאָלאָג, און אין מאַנכע, — דער מאָראַליסט.

קאַפּיטעל 30.

לאָנדאָנ׳ס קאַמף געגען די אימיגראַציאָנס־גזירות

צווישען די ערשטע בילס, וואָס זיינען פאָרגעשלאָגען גע־וואָרען ביי דער ספּעציעלער זיצונג פון קאָנגרעס, איז געווען א ביל וויטער צו באַשרענקען די אימיגראַציע. עס איז געווען קלאָר פאר יעדען, אז די נייע אַדמיניסטראַציע איז ענטשלאָסען דעם געזעץ דורכצושטופּען מיט דער גרעסטער שנעלקייט. דער ביל האָט אָפען געצילט געגען די אימיגראַנטען פון די לענדער אין זיד און וועסט אייראָפּא. די פאָרקעמפער פון דעם ביל האָ־בען פארשפּרייט איבער׳ן לאַנד די „ווארנונג", אז עס טראָגט זיך אַהער א ריזיגע כוואַליע פון אימיגראַנטען פון די הינטער־שטעליגע לענדער און אז די כוואַליע וועט פארפלייצען אונזערע ברעגען מיט „אָנשטעקענדע קראַנקהייטען, פארברעכער און רע־וואָלוציאָנערען". זיי האָבען דערציילט דעם אַמעריקאַנער עולם אז צווישען די אימיגראַנטען פון זיד אייראָפּא זיינען שוין ענט־דעקט געוואָרען צענדליגער פאַלען פון קראַנקע אָנגעשטעקט מיט טיפוס; זיי האָבען אויך דערציילט, אז די רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען וואָס זיינען אין דער לעצטער צייט פארשפּרייט געוואָ־רען אין לאַנד, שטאַמען פון „פרעמדע פּראָפּאַגאַנדיסטען".

עס זיינען אויך אָפּגעפרישט געוואָרען אַלע אַלטע אַרגו־מענטען: אז די אימיגראַנטען דריקען אַראָפּ דעם היגען סטאַנ־דאַרט פון לעבען, אז זיי אַסימילירען זיך ניט, אז זיי זיינען ניט פּאַטריאָטיש צום לאַנד. דער עולם האָט זיך צו די אַלע אַטאַ־קעס אויף די „פרעמדע" צוגעהערט און זיי אָנגענומען פאר ריכ־טיג, ווייל די מלחמה האָט שוין פון פריער אין זיי צובלאָזען

די לײדענשאַפטען פון ראַסען־האַס און ראַסען־פּאַראורטײלען. אין די דיסקוסיעס איבער דעם ביל אין קאָנגרעס האָט זיך דער האַס געגען אימיגראַנטען אין אַלגעמײן און געגען די אימיגראַנטען פון די דערמאָנטע לענדער שאַרף געפילט. מאַנכע פון די קאָנגרעסלײט האָבען זיך ניט געשעמט זאָגאַר זײערע געפילען אָפען ארויסצוזאָגען.

די קלײנע צאָל קאָנגרעסלײט וואָס זײנען געווען געגען דעם ביל, האָבען געוואוסט, אז עס איז קײן האָפענונג ניט געווען אים נידערצושטימען. דאָך האָבען זײ געקעמפט ביז׳ן לעצטען מאָמענט. לאָנדאָן האָט גערעדט צוויי מאָל, און יעדען מאָל איז ער געקומען אין אַ שאַרפען צוזאַמענשטוים מיט די פאַרטײדיגער פון דעם ביל.

אין זײן ערשטער רעדע האָט לאָנדאָן פאַרדאַמט דעם ביל אַלס אַ פּראָדוקט פון ענגען נאַציאָנאַליזם, וואָס די מלחמה האָט געשאַפען. „די וועלט איז נאָך משוגע. די מלחמה איז נאָך ניט פאַראיבער. פינף יאָר האָבען מענשען אײנע די אַנדערע געשאָכטען; איז עס נאַטירליך, אז מיר זאָלען איצטער ניט זײן אין גאַנצען בײם פאַרשטאַנד. דאָס מאָרדען פון מענשליכע קערפּערס האָט זיך אָפּגעשטעלט. אָבער די פאַרגיפטונג פון די מוחות האָט זיך ערשט אָנגעהויבען. דער ביל איז אַ פאָרטזעצונג פון דער מלחמה געגען מענשליכקײט. דער ביל שטיצט זיך אויף דעם ענגהערציגען נאַציאָנאַליזם, וועלכער אַפּעלירט ניט צום געזונטען שכל און וועלכער שטאַמט ארויס פון אָנגעזאַמעלטע פאָראורטײלען און פון אַן איבערטריבענע מײנונג וועגען דער אײגענער גרויסקײט... געגען וועמען צילט איר מיט דעם ביל? איר צילט געגען די זעלבע מענשען פאַר וועמעס באַפרײאונג איר האָט ערשט געזאָגט אַז איר גײט קעמפען. מיר האָבען געשיקט צוויי מיליאָן סאָלדאַטען אויף יענער זײט ים, אום יענע מענשען צו באַפרײען, געבען זײ דעמאָקראַטי. איצטער פאַרשליסט איר אײערע טירען, זײ זאָלען חס ושלום אהער ניט אַרײנפאָרען. יע, ניט פאַר דעמאָקראַטי האָט איר געקעמפט, נאָר פאַר היפּאָקריטסטוואָ".

לאָנדאָן האָט דאַן זיך גענומען צו די צוויי הויפּט טענות פון די פאַרטיידיגער פון דעם ביל: ערשטענס, אַז באַשרענקונגען זיינען וויכטיג צו באַשיצען דאָס לאַנד געגען ראַדיקאַלע אידעען און, צווייטענס, אַז דער אימיגראַנט שעדיגט דעם אינדוסטריעלען לעבען פון לאַנד. די ערשטע טענה, האָט ער באַוויזען, איז פּשוט אַן אונזין:

„די פאַרטיידיגער פון דעם ביל זאָגען, אַז דער געזעץ וועט אויסשליסען פון דאַנען ראַדיקאַלען. עס איז נאַריש צו גלויבען דאָס מיט געזעצען קען מען פאַרשפּאַרען דעם וועג פאַר דעם ראַדיקאַלען געדאַנק. איר קענט ניט אַריינזעצען אַן אידעע הינטער אייזערנע גראַטעס; איר קענט אַן אידעע ניט פאַרצאַמען דורך די שטרענגסטע געזעצען. פאַר אידעען זיינען קיין שום גרענעצען און קיין שום ווענט ניט פאַראַן. דער פאַקט, דאָס אין פאַרלויף פון דער מלחמה זיינען אהער קיין אימיגראַנטען ניט אַנגעקומען, האָט אונז ניט אָפּגעהאַלטען פון אימפּאָרטירען אהער די עקעלהאַפטסטע אידעען פון אייראָפּאַ. מיר האָבען אהער אימפּאָרטירט פון דער אַמאָליגער פראַנקרייך דעם געדאַנק פון דעפּאָרטירען ראַדיקאַלען; מיר האָבען אימפּאָרטירט פון דער צאַרישער רוסלאַנד דעם געדאַנק פון צענזור און פון דעם פּאַספּאָרטען סיסטעם; פון דעם קייזער'ס דייטשלאַנד האָבען מיר אימפּאָרטירט דעם געדאַנק פון געצוואונגענע מיליטער-דינסט. אידעען קען מען ניט איינשליסען און ניט אויסשליסען. עס איז דאָ בלויז איין וועג צו באַקעמפען אַן אידעע, און דאָס איז דער עלטער און טיפערער אַמעריקאַנער וועג פון פרייע און אונגעשטערטע דיסקוסיעס און דעבאַטען. יעדער פאַרזוך צו באַנוצען אַן אַנדער מעטאָדע האָט זיך שטענדיג אַרויסגעוויזען פאַר אַן אומגליק".

געגען דעם צווייטען אַרגומענט האָט לאָנדאָן פאָרגעלייגט פאַקטען גענומען פון לעבען, גענומען פון געשיכטע; פאַקטען, וואָס באַווייזען אַז די כוואַליעס פון אימיגראַציע האָבען אימער געבראַכט אינדוסטריעלע ענטוויקלונג און וואוקס, און אַז גראַד יענע טיילען פון לאַנד האָבען זיך ענטוויקעלט מאַטעריעל און

קולטורעל און אויף אַלע אנדערע געביטען, וואו די אימיגראַציע איז געווען גרויס.

„אָפּצושטעלען אימיגראַציע הייסט פּאַרקריפּלען די פּאַראייניגטע שטאַטען. די ענטוויקעלטסטע אינדוסטריעלע שטאַטען זיינען גראָד יענע, וואו עס איז געווען די גרעסטע אימיגראַציע. און יענע שטאַטען זיינען אממייסטענס הינטערשטעליג, וואו קיין אימיגראַציע איז ניט געקומען. דער מערקווירדיגער וואוקס פון די פאראייניגטע שטאַטען איז געווען ניט בלויז די אורזאכע, נאָר אויך דער רעזולטאַט פון אימיגראַציע. די פּאַרטיידיגער פון דעם ביל טראַכטען ניט ווען זיי ווידערהאָלען די צושלאָגענע טעאָריע אז עס זיינען דאָ צייטען ווען אימיגראַציע איז גוט און צייטען, ווען אימיגראַציע איז שלעכט. זיי ווילען אונז איינריידען, אז זייט דעם יאָר 1900, איז אימיגראַציע געווען שלעכט פאַר׳ן לאַנד. דער פאקט אָבער איז, אז קיינמאָל אין דער געשיכטע האָט קיין לאַנד ניט געמאַכט אזא שנעלען פּראָגרעס אין אינדוסטריע, אין וויסענשאַפט און אין סאָציאַלע געזעצען, ווי אונזער לאַנד האָט געמאַכט גראָד זייט דעם יאהר 1900. די נייע אימיגראַציע איז ניט אַנדערש און ניט ערגער ווי די אַלטע. און חוץ אַלץ, האָבען די געגנער פון אימיגראַציע אין די אַלטע יאָרען, פאר 1900, זיך באַנוצט פּונקט מיט די זעלבע ארגומענטען וואָס די געגנער פון דער נייער אימיגראַציע באַנוצען זיך איצטער."

אָבער נאָך וויכטיגער ווי די אינדוסטריעלע און די פּאָליטישע זייט פון דער פראַגע איז די מאָראַלע זייט, די פראַגע פון מענשליכקייט, פון גערעכטיגקייט.

„יעדער אַמעריקאַנער פּראָבלעם איז אַ פּראָבלעם פון מענשליכקייט. איך בין געגען דעם ביל, דערפאַר וואָס ער וועט פארשפּארען אונזערע טירען פאר פּאָליטישע רעבעלען. איך זאָג, אז דער ביל איז געגען דעם פּראָגרעס פון ציוויליזאַציע. . . גראָד איצטער מוזען מיר האָבען שטאַרקע, מוטיגע מענשען, קעמפענדע מענשען, וואָס זאָלען זיך שטעלען געגען דער רעאַקציע, וואָס זאָלען פאַרטיידיגען די פּרינציפּען פון פרייהייט. דער ביל

נעגען אימיגראציע איז אן אויסדרוק פון דער רעאקציע, וואס באהערשט איצט די וועלט. איבעראל רעדט איצט די שטימע פון האַס, איבעראל הערען מיר די אויסגעשרייען פון דעם פאר־שיכור׳טען עגאָאיזם. יעדעס לאנד שרייט, אז עס שטייט העכער איבער אלע אנדערע לענדער, אז עס האָט מורא אָנצורירען זיך אָן אנדערע, טאָמער וועלען זיי עס מטמא זיין; אז עס האָט די בעסטע ליטעראטור, די שענסטע קולטור, אז עס איז דאָס אויס־ערוויילטע פון גאָט״.

לאָנדאָן האָט געוואוסט אז באַזיגען דעם ביל וועט אוממעג־ליך זיין, האָט ער א פארזוך געמאַכט צום ווייניגסטענס אים עט־וואָס אָפּצושוואַכען, אים אַזוי צו אַמענדירען, אז די טירען פון לאנד זאָלען בלייבען אָפען פאר די, וואָס לויפען אהער צוליב פארפאָלגונגען. אָבער דאָ האָט ער זיך געפונען אין אַ באזונדערס שווערער לאַגע. לאָנדאָן אליין האָט באלאַנגט צו איינע פון די פארפאָלגטע ראַסען פאר וועמען ער האָט די פריווילעגיע געזוכט. אלע האָבען פארשטאַנען, אז ער רעדט פאר די אידען, פאר די אידען, וועלכע זיינען דאמאלס געשטאַנען אין געפאר פארניכטעט צו ווערען אין די לענדער פון איסט אייראָפּאַ. אָבער ביי די מענשען צו וועמען ער האָט איצט אַפּעלירט, ביי וועמען ער האָט געזוכט יושר און רחמנות, זיינען די מחות געווען פאר־סמ׳ט נעגען די אידען פון יענע לענדער.

אויף די אידען איז דאמאלס געוואָרפען געוואָרען די שולד פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע און פאר אלע אונפאָפּו־לערע טאַטען, וואָס די סאָוועטען רעגירונג איז באַגאַנגען. די ערשטע וואָס האָבען די באַשולדיגונג געמאַכט זיינען געווען די צאַריסטען. זיי האָבען געהאָפט, אז מיט דעם בלבול וועט זיי געלינגען אויפצורייצען די אומוויסענדע פויערים צו אַ קאָנטער רעוואָלוציע. אין רוסלאַנד האָט דער ליגען זיך ניט איינגעגעבען, דערפאַר אָבער האָט ער זיך שנעל פארשפּרייט אין די ציוויליזירטע לענדער. און אזוי זיינען געשאַפען געוואָרען איינע פון די קאָמיש־טראַגישע סיטואציעס אין דער בלוטיגער דראמא פון דעם אידישען פאָלק. אין דער זעלבער צייט, וואָס די באָלשעוויסטישע

רעוואָלוציע האָט אנגעמאַכט א חורבן אין דעם איצטיגען לעבען פון רוסלאַנד; אין דער זעלבער צייט, וואָס די רעוואָלוציע האָט פארניכטעט דעם פונדאַמענט פון דער אידישער עקאָנאָמישער עקזיסטענץ און ארייננגעשליידערט די אידישע באַפעלקערונג אין א תהום פון פארצווייפלונג; אין דער זעלבער צייט האָט מען אין אַלע אנדערע לענדער געגלויבט אין דער לעגענדע, דאָס די הייפעלע אידען אין רוסלאַנד האָט געמאַכט די רעוואָלוציע, האָבען ארייננגעכאַפּט אַלעס אין זייערע הענד און אז זיי זיינען די אמת׳ע הערשער איבער די 180 מיליאָן פון דער רוסישער באַפעלקערונג.

לאָנדאָן האָט געוואוסט ווי אזוי די מערסטע פון זיינע קאָלעגען פילען וועגען די רוסישע אידען. ווען ער איז צוגעטראַטען צו זיין אַמענדמענט צום אימיגריישאָן ביל האָט ער דערפאַר פריער געזוכט דעם בלבול אויף די אידען אפצולייקענען.

„די רייד, אז א געוויסע נאַציאָנאַליטעט קאָנטראָלירט די רוסישע רעגירונג, איז דום און האָט קיין פּלאַץ ניט אין א פּאַרלאַמענט פון א פרייען לאַנד. גראָד איצט איז די רעגירונג אין רוסלאַנד ניט פּאָפּולער ביי אונז. דערציילען אייך די אָנהענגער פון דעם אַלטען רעזשים, אז 75 פּראָצענט פון דער רעגירונג באַשטייען פון די מענשען וואָס האָבען פון צאַריזם אמגעמיסטען גערליטען — פון אידען. דאָס איז אָבער פאַלש. די אידען, דאָס מאַרטירער פאָלק פון דער וועלט געשיכטע, איז א קליינע גרופּע, א קליינע מינאָריטעט, וועלכע זוכט צו לעבען זייער גייסטיגען לעבען לויט זייערע אייגענע באַגריפען. זיי זיינען אימער געווען און זיינען נאָך היינט קרבנות פון רעליגיעזע פארפאָלגונגען אין פילע לענדער.

„דער הויפּט פּונקט מיינער איז דער: ווען די לאַגע אין א לאַנד איז ניט נאָרמאַל, ליידען דאָרטען אממייסטען די גרופּען פון דער באַפעלקערונג וואָס געהערען צו די מינאָריטעטען. און דאָס איז די לאַגע איצט אין פילע לענדער. די ציוויליזאַציע פון א לאַנד קען געמאָסטען ווערען לויט דער מאָס פון טאָלעראַנץ, די מאָס פון פריינדשאַפט, וואָס זי ווייזט ארויס צו די מינאָריר־

טעטען. ווען די וועלט איז צורודערט זיינען די מינאָריטעטען די קרבנות — רעליגיעזע מינאָריטעטען, ראַסען מינאָריטעטען אָדער געזעלשאַפטליכע מינאָריטעטען. איך בעט אייך, שטימט ניט געגען מיין פאָרשלאַג, וועלכער צילט צו העלפען, צו געבען שוץ פאַר אַזוינע פאַרפאָלגטע מענשען".

לאָנדאָן האָט זיין קאַמף פאַרלאָרען. זיינע אַרגומענטען זיינען פאַר מאַנכע אין קאָנגרעס געווען צו אַלט און פאַר מאַנכע צו ניי. די אַלטע אַמעריקאַנער טראַדיציע פון שיצען פּאָליטישע פאַרפאָלגטע און פון זיין טאָלעראַנט צו אַלע קלאַסען און אַלע רעליגיאָנען איז פאַר זיי געווען צו אַלט, אָפּגעלעבט. און די אידעאַלען פון אינטערנאַציאָנאַליזם, פון ברידערליכקייט צווישען אַלע מענשען זיינען פאַר זיי געווען צו ניי, ניט מער ווי אַ ווייטער חלום, פון וועלכען זיי האָבען אין דער ווירקליכקייט זיך אויסגעלאַכט.

קאַפּיטעל 31.

לאָנדאָנ׳ס קאַמף געגען מיליטאַריזם

די פירענדע גייסטער אין קאָנגרעס האָבען אינגאַנצען פאַרגעסען זייערע הייליגע פאַרזיכערונגען פון עטליכע יאָר פריער, אַז א זיג פאַר די עליים וועט ברייגען אייביגען פרידען און אָפּשאַפען אַלע מלחמה־געפאַרען. איצטער האָבען די זעלבע פערזאָנען געפאָדערט, אַז דער קאָנגרעס זאָל באַוויליגען וואָס גרעסערע סומען געלד צו בויען נייע קריגס־שיפען, צוצוגרייטען זיך פאַר נייע מלחמות. די זעלבע עלעמענטען, וואָס האָבען מיט א גאָר קורצער צייט פריער געשריבען, אַז די מלחמה איז א קרייצצוג געגען מיליטאַריזם, האָבען איצטער אָנגעשטרענגט אַלע זייערע כוחות צו מאַכען אַמעריקאַ פאַר דער גרעסטער מיליטאַריסטישער לאַנד אין דער וועלט. איז דאָס געווען פאַרראַט אָדער היפּאָקריטסטוואָ? פאַר׳ן פאָלק איז דאָס געווען ביידע זאַכען. דאָס פאָלק איז אָפּגענאַרט געוואָרען און אַלס פּרייז פאַר דעם האָט ער באַצאָלט מיט די לעבענס פון 120 טויזענט פון זיין יוגענד. אָבער געגען די מערסטע פון די שטאַטסלייט און געזעץ־מאַכער, וואָס זיינען פאַר די ווידערשפּרעכונגען געווען פאַראַנטוואָרטליך, האָט מען די באַשולדיגונגען ניט געקענט מאַכען. זיי האָבען ווירקליך ניט געוואוסט וואָס זיי טוען. זיי זיינען געשטויסען געוואָרען הילפלאָזע פון סאָציאַלע און אינדוסטריעלע כוחות.

אין זיין אַטאַקע אויף דעם ביל צו באַוויליגען פרישע מיליאָנען פאַר נייע קריגס־שיפען האָט לאָנדאָן אָנגעוויזען אויף די אמת׳ע אורזאַכען פון דעם מיליטאַריזם. ניט צו פאַרטיידיגען יך בויט מען שיפען, ווייל די מלחמה האָט פעסטגעשטעלט, אַז פאַר דעם איז נענוג א קליינע פלאָטע. די שיפען זיינען נויטיג פאַר א גאַנץ אנדער צוועק, א פיל ערנסטערען:

„די ריזיגע ענגלישע פלאָטע צוזאַמען מיט די פלאָטען פון די אַנדערע עליים־רעגירונגען האָבען ניט געקענט איינגעמען קיין איינציגען דייטשען האַפען. און טראָץ דעם וואָס די דייטשע פלאָטע איז געווען אַזוי פיל שטארקער ווי די רוסישע, האָט זי ניט געקענט איינגעמען קיין איינציגע האַפען־שטאָט אויפ'ן באַל־טישען ים. די פאראייניגטע שטאַטען דאַרף זיך ניט שרעקען פאַר אַן אַנפאַל פון אַן אַנדער לאַנד, און קיינע פון די אייראָפּע־אישע לענדער דאַרפען זיך ניט שרעקען פאַר אַן אַנפאַל פון די פאראייניגטע שטאַטען.”

דער צוועק פון דער פלאָטע וואָס די מיליטאַריסטען דאָ זו־כען אויפצובויען איז אַ גאַנץ אַנדערער. וואָס איז דער צוועק? ווי אַזוי קענען מיר ענטשיידען די פראַגע פון בויען נייע שיפען איידער מיר וויסען צוליב וואָס זיי ווערען געבויט?

„מיר קענען ניט אורטיילען צי אַ פלאָטע איז שטארק גענוג דורכדעם, וואָס מיר ציילען איבער די צאָל פון די שיפען אין דער פלאָטע און פארגלייכען עס מיט דער צאָל פון די שיפען אין דער פלאָטע פון אַנדערע לענדער. אונזער אורטייל הענגט אָפּ אָן אַ גאַנץ אַנדער זאַך, — אָן דעם צי די פלאָטע איז שטארק גענוג דורכצופירען די פּאָליסי פון דער רעגירונג. דערפאַר איז די ערשטע זאַך פאַר אונז נויטיג צו וויסען, וואָס אונזער פּאָליסי איז, וואָס אונזער פּראָגראַם איז. האָבען מיר אין זינען צו פירען מלחמות פאַר מאַרקעטס אין אויסלאַנד? פּלאַנעווען מיר צו פי־רען קריג מיט ענגלאַנד אָדער פראַנקרייך אָדער איטאַליען, אָפּצו־נעמען ביי זיי די קאָלאָניעס אין אַפריקאַ? אויב יאָ, מוזען מיר האָבען אַ פלאָטע וואָס זאָל זיין שטארק גענוג צו פארזינקען אַלע אַנדערע פלאָטען פון אַלע אַנדערע לענדער. אָבער אויב אונזער פּאָליסי איז צו דינען אַלס ביישפּיל פאַר פרידען, צו העלפען פאַר־אייביגען די אידעאַלען פון פרייהייט — דאַן דאַרפען מיר ניט קיין גרויסע פלאָטע. דאַן איז פאַר אונז גענוג זיך צו האַלטען פעסט אָן די אידעאַלען, אין וועלכע אַמעריקאַ איז געבאָרען גע־וואָרען, און קיינער אין דער וועלט וועט אונז ניט קענען באַזיגען”.

אין אַ צווייטער רעדע, וואָס לאַנדאָן האָט מיט עטליכע טעג

שפּעטער געהאַלטען איבער דער זעלבער פראַגע, האָט ער זיך אָפּ־געשטעלט מער אויף דער עטישער זייט פון דער פראַגע: „מיר האָבען איין סאָרט מאָראַל פאַר אין־דער־וואָכען און אַן אַנדער סאָרט מאָראַל פאַר זונטאָג. זונטאָג הערען מיר דרשות וועגען ליבע און פרידען און רחמנות, און אין מיטען וואָך באַגייען מיר אַלערליי פאַרברעכענס. מיר פריידיגען גוטס און מיר טוען שלעכטס. אויף אונזערע וואָלפישע מעשים טוען מיר אָן אַ שעפּסענע פעל פון שיינע ווערטער. און דאָס וועט אָנהאַלטען אַזוי לאַנג ווי דאָס פאָלק וועט לאָזען מען זאָל אים אָפּנאַרען און פאַרפירען".

און לאָנדאָן ווידערהאָלט זיין אַלטען געדאַנק, אַז די איינ־ציגע האָפנונג פאַר דער מענשהייט איז בילדונג, אויפקלערונג. די איינציגע מאַכט, וואָס האָט בכוח איינצוהאַלטען די בלוטיגע האַנט פון די שטאַטסלייט און מיליטאַריסטען, איז דער ווילען פון פאָלק, און דאָס פאָלק קען זיין ווילען ענטוויקלען בלויז דורך אויפקלערונג, דורך לערנען.

„די פראַגע, וואָס שטייט היינט פאַר דער וועלט, איז ניט ווי אַזוי צו ענטוויקלען אַ שענערע ציוויליזאַציע, נאָר ווי אַזוי צו ברייננגען אַ מער אינטעליגענטע באַציאונג צווישען מענש און מענש. איך לייקען, אַז די מענשען היינט זיינען נאָבעלער ווי די מענשען מיט טויזענד יאָר צוריק. איך לייקען, דאָס אין די לעצטע דריי־פיר טויזענט יאָר האָבען מיר צוגעקראָגען אַ נייעם עטישען באַגריף אָדער אַז דער אינטעלעקט פון דעם מענשען היינט איז גרעסער ווי דער אינטעלעקט פון דעם מענשען מיט טויזענדער יאָרן צוריק.

„אין וואָס באַשטייט אָבער יאָ דער אונטערשיד צווישען דער פאַרגאַנגענהייט און דער געגענוואַרט? דער אונטערשיד ליגט אין דער צאָל פון אינטעליגענטע מענשען, פון מענשען, וואָס האָבען אַ צוטריט צו לערנען. עס איז דורכאויס אַ פראַגע פון וויסען און פאַרשטיין. און פונקט ווי עס איז אמת, אַז פי־זישער קריג צווישען איינצעלנע מענשען איז אָפּגעשאַפט געוואָ־

דען אין ציוויליזירטער געזעלשאפט, אזוי קען קריג צווישען פעל־קער אָפגעשאפט ווערען. עס איז דערצו נויטיג בלויז, אז די גרויסע מאסען פון די לענדער זאָלען וויסען די אורזאכען, וועלכע פירען צו מלחמה, אז די גרויסע מאסען זאָלען האָבען א דעה איבער פראגען, וואָס האָבען צו טאָן מיט אינטערנאציאָנאלע באַציאונגען און אז די לענדער זאָלען אויפהערען אויסצוטראכטען ליגענס איינער אויף׳ן אנדערען״.

די כוחות, וואָס שטויסען די לענדער צום קריג איינער געגען די אנדערע, זיינען אינדוסטריעלע קאָנקורענץ און דער גייציג נאָך מארקעטס. די וועלט־מלחמה האָט דעם אינדוסטריעלען קאמף ניט אָפגעשטעלט. זי האָט בלויז איבערגעשטעלט די פי־גורען אויף דעם שאך־ברעט. עס איז דערפאר לעבערליך צו רייד־דען איצטער וועגען ענטוואפנונג. די רעגירונגען מעגען זיך מא־כען אלערליי פארפליכטונגען וועגען פרידען, אָבער זיי וועלען זיך ניט ענטוואפנען. אזוי לאנג ווי לענדער קאָנקורירען איינע מיט די אנדערע אין האנדעל, וועט די מלחמה־געפאר שוועבען איבער אונזערע קעפּ און די שטימע פון מיליטאריזם וועט ניט איינגעשטילט ווערען. די איינציגע האָפנונג אונטער די איצטיגע אומשטענדען קען מען געפינען אין דעם מארטירער, אין דעם „פאנאטיקער״, אין דעם אידעאליסט, וועלכער איז גרייט זיך צו שטעלען געגען דער ריזיגער מאכט פון דער אָרגאניזירטער געזעל־שאפט אויף דעם באפעל פון זיין געוויסען:

„דער איינציגער וועג ווי אזוי מיר קענען איצטער באזיגען די מיליטאריסטען, איז אז די מענשען, וואָס ווערען גע־רופען אין קריג, וואָס ווערען פון די שטאטסלייט געשיקט צום טויט, זאָלען זיך ענטזאגען דאָס צו טאָן, אז די מענשען אין די פאבריקען זאָלען זיך ענטזאגען צו מאכען אמוניציע. אויף די שטאטסלייט פארלאָזען זיך, אז זיי זאָלען א סוף מאכען צו מלחמה, איז לעבערליך. זיי וועלען שטענדיג פריידיגען אינ־טערנאציאָנאלע ליבע מיט׳ן מויל און אין דער זעלבער צייט מא־מען פאָרבאַרייטונגען פאר דער נעקסטער מלחמה״.

קאַפּיטעל 32.

דער קריזיס און די אַרבייטסלאָזיגקייט נאָך דער מלחמה

וואָס לאַנדאָן האָט נביאות געזאָגט מיט דריי יאָר פריער, איז מקוים געוואָרען. מיליאָנען מענשען זיינען אַרויסגעוואָרפען געוואָרען פון זייערע שטעלעס און מיליאָנען פון צוריקגעקומענע סאָלדאַטען האָבען אַרומגעזוכט אַרבייט און ניט געקענט געפינען. ווען לאַנדאָן האָט געפאָדערט, אַז קאָנגרעס זאָל באַ־צייטענס מאַכען די נויטיגע פאָרבאַרייטונגען די לאַגע צו באַ־געגענען, האָט מען זיך צו אים ניט געוואָלט צוהערען. זיינע רעזאָלוציעס און בילס, אַז עס זאָל געשאַפען ווערען אַ קאָמיסיע דעם פּראָבלעם צו שטודירען און אויסצואַרבייטען פּלענער ווי אים צו לייזען, זיינען פון׳ם קאָנגרעס ניט גענומען געוואָרען ערנסט. זיינע רעדעס זיינען געפאַלען אויף טויבע אויערען. און אַפילו איצטער, ווען די פראַגע איז פון אַ טעאָריע פאַר־וואַנדעלט געוואָרען אין אַ ברענענדע ווירקליכקייט, האָט דער קאָנגרעס זיך זייער געוואַקעלט צו אַנערקענען איר עקזיסטענץ. די אויפגאַבע איז ווידער געפאַלען אויף לאַנדאָנ׳ען: ער איז ווי־דער געווען דער איינציגער אויפצוהויבען זיין שטימע פאַר די ליידענדע מיליאָנען, צו פאָדערען פאַר זיי הילף, צו וועקען די קאָלעגען זיינע זיי זאָלען עפּעס נעמען טאָן.

אם ענדע מאַי, 1921, האָט לאַנדאָן אַריינגעטראָגען אַ רע־זאָלוציע, וואָס האָט געפאָדערט אַז ביידע צווייגען פון קאָנ־גרעס זאָלען צונויפשטעלען אַ „קאָמיסיע וועגען אַרבייטסלאָ־זיגקייט". ער האָט אָנגעצייכענט די אויפגאַבען וואָס די קאָ־

מיסיע דארף זיך שטעלען — זי זאָל אויסשטודירען אלע עקזיס־טירענדע אומשטענדען און אויך די פארשידענע פלענער און מיטלען ווי די לאגע צו מילדערען; די קאָמיסיע זאָל אויך טאָן איר ארבייט שנעל; זי זאָל איר באריכט אריינטראָגען ניט שפּע־טער ווי אין נײַנציג טעג צייט.

אָבער נאָך איידער ער האָט די רעזאָלוציע פאָרגעשלאָגען האָט לאנדאן געפונען א געלעגענהייט צו שטראָפען דעם קאָנגרעס פאר זיין הארצלאָזע גלייכגילטיגקייט צו דעם שיקזאל פון די ארבייטסלאָזע. ער האָט אין דער רעדע געמאכט א ווּיסענשאפט־ליכען אנאליז פון די הויפּט־אורזאכען פון ארבייטסלאָזיגקייט, אונטערשטרייכענדיג דעם פונקט, אז ארבייטסלאָזיגקייט איז א סאָציאלער איבעל, אן אינדוסטריעלע קרענק, וועלכע קען אויס־געהיילט ווערען נאָר פון דעם סאָציאלען אָרגאניזם. „וואָס מיר טוט וויי," האָט ער דאן ערקלערט, „איז וואָס די צוויי אלטע פּאָליטישע פארטייען ענטזאגען זיך די פראגע צו פארהאנדלען". די גלייכגילטיגקייט האָט אים שרעקליך אויפגעבראכט: „מיר ווייסען זאָגאר ניט ווי גרויס עס איז די צאָל פון די ארבייטס־לאָזע. מאנכע שאצען די צאָל אין דריי מיליאָן און מאנכע אין פינף מיליאָן. שטעלט זיך פאָר, אז אין אזא וויכטיגער פראגע, איז ניטאָ קיין מעגליכקייט צו האָבען א ריכטיגע אינפאָרמאציע אפילו! שטעלט זיך פאָר אז מיט אלע ריזיגע אינדוסטריען אונזערע, מיט דער גרויסער קאָסטבארער רעגירונגס־מאשין אונ־זערער, זיינען מיר ניט אימשטאנד צו וויסען אויף באשטימט ווי־פיל מענשען אין לאנד קענען ניט געפינען קיין באשעפטיגונג. אויב די צאָל פון ארבייטסלאָזע דערגרייכט ביז פיר מיליאָן, הייסט עס, אז א זיבעטעל פון די ברויט־געבער אין לאנד גייען ארום ליידיג. ווייסט איר, וואס דאָס באדייט? דאָס באדייט אז דער גאנצער סטאנדארד פון לעבען אין לאנד ווערט צושמע־טערט, אז דער מענש פארלירט דעם פונדאמענט אונטער זיי־נע פיס, די אונאפּהענגיגקייט זיינע גייט אונטער".

עטליכע מאָנאטען זיינען פארבייגעלאָפען ביז וואנען לאנדאן האָט ווידער גערעדט איבער דער פראגע. די גאנצע צייט איז זיין

רעזאָלוציע געלעגען אין דער קאָנגרעס קאָמיטע אין גאנצען פאר־נאכלעסיגט. עטוואָס האָט אָבער יאָ פּאַסירט אין דער צייט. פּרעזידענט הארדינג האָט פּאררופען אַ קאָנפערענץ וועגען אר־בייטסלאָזיגקייט אונטער דעם פאָרזיץ פון מר. הערבערט הואווער, דער דאמאלסדיגער האנדעלס־מיניסטער. די קאָנפערענץ האָט אָפּגעהאלטען זיצונגען, אויסגעהערט עקספּערטען, ארויסגעגעבען די געהעריגע ערקלערונגען און ערקלערט איר ארבייט צו ענד. קיין ווירקזאַמער פּארזוך דעם פּראָבלעם צו לייזען איז ניט גע־מאַכט געוואָרען.

לאָנדאָן האָט דעם מאָל גערעדט הויפּטזעכליך וועגען דער ערנסטקייט פון דער לאַגע. ער האָט געפּרובירט אויפצורודערען די געפילען פון זיינע קאָלעגען, אויפצואוועקען זייער געוויסען.

„עס איז ניטאָ קיין טרויעריגערע טראַגעדיע פאר אַ מענשען ווי צו זיין אָן ארבייט. די גוזעלשאַפט באַגייט אַ פאַרברעכען ווען זי לאָזט אַז מיליאָנען מענשען, וואָס זוכען אַ געלעגענהייט צו טאָן ניצליכע ארבייט, צו העלפען שאַפען ניצליכע זאַכען, אַז זיי זאָלען ארומגיין ליידיג און ניט האָבען פון וואַנען צו לעבען.

„מיינע הערען, טראַכט זיך אריין אין דער לאַגע פון איין איינציגען מענשען פון דעם קלאַס. אָט איז ער. ער איז אַ לעבעדיגער מענש. ער זוכט ארבייט. אַלע טירען זיינען פאַר אים פארשלאָסען. מיט עטליכע טעג צוריק האָבען מיר דאָ באַוויליגט 50 טויזענד דאָלאַר צו באַערען דעם „אונבאַוואוסטען סאָלדאַט", וואָס איז געפאַלען אויפ'ן שלאַכטפעלד. דאָס איז געוועןאַ סענטימענט זאַך. מיט סענטימענטן קען מען זיך ניט קריגען. אָבער מיט צען טעג אָדער צוויי וואָכען פריער האָט אַ ניו יאָרקער צייטונג באַריכטעט דעם טויט פון אַ מלחמה־העלד, וועלכער האָט באַקומען אַ צענדליג אויסצייכנונגען פון דער אמע־ריקאַנער רעגירונג און פון די עליים רעגירונגען. זיין קערפּער איז אָפּגעפירט געוואָרען אין „מאָרג". עס איז ניט געווען ווער עס זאָל אים באַערדיגען. ערשט נאָכדעם ווי ער איז אפּגעלעגען עטליכע טעג אין מאָרג, האָט זיך דער אמעריקען לידזשאָן דער־וואוסט וועגן דעם און ער איז באַערדיגט געוואָרען מיט מיליטע־

רישער ערע. ניט לאַנג צוריק האָבען מיר געלעזען נאָך א באריכט פון ניו יאָרק — דאָרטען איז א מענש געשטאָרבען פון הונגער: די אָפיציעלע אורזאכע פון זיין טויט איז געוועזן הונגער״.

און דאָ האָט לאָנדאָן ווידער דערמאָנט דעם קאָנגרעס, אז ער האָט אים געוואָרענט פאָראויס וועגען דער געפאר, אָבער קיי־נער האָט זיך צו אים ניט צוגעהערט. „נאָך אין די מלחמה־יאָרען האָב איך געפאָדערט, אז א קאָמיסיע זאָל באשטימט ווערען צו שטודירען די פראגע פון ארבייטסלאָזיגקייט. איך האָב געפאָדערט, אז דאָס לאנד זאָל זיך פאָרבארייטען פאר דער לאגע, וואָס די דע־מאָביליזאַציע וועט שאפען, צוצוגרייטען זיך פאר דעם טאָג, ווען פיר מיליאָן יונגע לייט וועלען צוריקגעבראכט ווערען פון די טרענ־טשעס אין די קעמפּפס און וועלען זוכען באשעפטיגונג; פאר דעם טאָג, ווען די אינדוסטריען, וואָס האָבען זיך אָפּגעגעבען מיט שאַ־פען מלחמה־מאטעריאלען, וועלען זיך אָפּשטעלען. אָבער איך בין געוועזן דער איינציגער, וואָס האָב דאמאָלסט וועגען די זאכען דאָ גערעדט.

„בין איך אָבער א סאָציאַליסט און די שטימע פון א סאָ־ציאַליסט איז ווי א קול אין דער ווסטעניש. דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט, איז געוועזן אמת. אלע מיינע ארגומענטען האָבען זיך געשטיצט אויף אונבאשטרייטבארע פאקטען און אלעס, וואָס האָט זייט דאן פּאסירט, האָט באוויזען, אז איך בין געוועזן גערעכט. דאָך הערט מען נאָך אלץ דאָ ניט קיין וואָרט וועגען ארבייטס־לאָזיגקייט״.

אָבער אויב לאָנדאָן האָט געמיינט, אז דער מוסר זיינער וועט עפּעס העלפען, האָט ער באלד אויסגעפונען זיין טעות. איידער ער האָט נאָך זיין רעדע געענדיגט, האָט איינער פון זיינע קאָלעגען ביי אים געבעטען ערלויבניש צו שטעלען א פראגע. ער האָט געוואָלט וויסען, צי די לאַגע וואָלט ניט געקענט פארבעסערט ווע־רען דורך א „ריאַדזשאַסטמענט פון פרייזען״, דאָס הייסט, דורכ־דעם וואָס די ארבייטער זאָלען אליין איינוויליגען אראָפּצולאָזען פון זייערע וויידזשעס!

לאָנדאָן האָט אויף דעם געגעבען דעם פאָלגענדען ענטפער:

„די פראגע שטאמט פון דער פאלשער מיינונג, אז די וויידזשעס איצטער זיינען צו הויך. איך וואָלט געראטען דעם הערר צו לעזען אן ארטיקעל אין דעם „אמעריקען עקאָנאָמיק רעוויו” און אויך א פארטראג, וואָס איז געהאלטען געווארען פון דעם עקאָנאָמיסט אירווינג פישער. פון די צוויי אַרטיקלען וועט דער הער אויס־געפינען, דאָס כאָטש דער ארבייטער קריגט איצטער העכערע וויי־דזשעס אין געלד, מאכט ער אָבער ווייניגער אין „אמת'ע וויי־דזשעס”. אמת'ע וויידזשעס הייסט די קויף־קראפט, וואָס די געלד פארמאָגט”.

די פראגע האָט אָבער איבערציינט לאָנדאָנ'ען ווי ווייניג די קאָלעגען זיינע זיינען פאראינטערעסירט, ווי ווייניג זיי באגרייפען די דרינגענדע ארבייטער פראָבלעמען. ער האָט זיין רעדע גע־שלאָסען מיט א נייעם אפיל צום קאָנגרעס, ער זאָל זיך אין דער פראגע אריינטראכטען, ער זאָל צום ווייניגסטענס אנערקענען איר וויכטיגקייט: „איך שלאָג ניט פאָר קיין רפואות. איך בעט אייך נאָר, איר זאָלט עפּעס טאָן. איר זאָלט העלפען דעם פּראָב־לעם לייזען. איך פּראָטעסטיר געגען דער גלייכגילטיגקייט פון קאָנגרעס. איך האָב אין מיינע פריערדיגע רעדעס געזאָגט וואָס איך דענק, אז עס דאַרף געטאָן ווערען. האָט איר אנדערע פּלענער פאָרצושלאָגען, זאָגט וואָס איר טראכט, שווייגט ניט”.

אין דער דריטער רעדע, וואָס לאָנדאָן האָט געהאלטען איבער דער פראגע פון ארבייטסלאָזיגקייט, האָט ער אויסגעגאָסען זיין צאָרן אויף די צוויי קאפּיטאליסטישע פּארטייען און אויף זייערע פאָרשטייער אין קאָנגרעס. ער האָט די רעדע געהאלטען אין פעב־רואר, 1922, ווען קאָנגרעס האָט שוין געהאט פארענדיגט באלד א גאנצען יאָר זיצונגען און ניט געטאָן דאָס מינדעסטע פאר די מי־ליאָנען ארבייטער, וואָס האָבען זיך ארומגעטריבען אין די גאסען און ניט געקענט געפינען קיין אָרט וואו צו פארדינען א סענט. ער האָט איצט מער ניט אפּעלירט, מער ניט געבעטען פאר די ארביי־טער, ווייל ער האָט געוואוסט, אז די רייד וועלען זיין ארויסגע־וואָרפען. ער האָט אָבער יע געזאָגט זיינע קאָלעגען, וואָס ער טראכט

ווענגען זיי און ווענען זייערע פארטייען און פארוואס זיי זיינען אזוי הארצלאז, אזוי גלייכגילטיג צו די לײדען און די נויטען פון די גרויסע מאסען.

„די צרה איז, וואס דער אמעריקאנער פאלק שטימט ניט פאר א פארטיי. ער שטימט געגען א פארטיי. אין די לעצטע וואלען האבען די בירגער געשטימט געגען די דעמאקראטען און ערוויילט רעפובליקאנער. די רעפובליקאנער פארטיי האט אינ׳ם איצטיגען קאנגרעס א פעטע מאיאריטעט — פעט, גראב און דום, אזוי פעט אז זי קען זיך ניט באוועגען. זי טוט גארניט, זי האט קיין פראגראם ניט.

„די צוויי גרויסע פאליטישע פארטייען לעבען אין דער פאר־גאנגענהייט. זיי ווידערהאלען פראזען וואס האבען אפשר געהאט א זין מיט צענדליגער יארען צוריק, אבער איצטער, אונטער די געענדערטע אומשטענדען, האבען זיי קיין באדייטונג ניט. און די מענשען וועמען די פארטייען שיקען אלס פארשטייער האבען ניט די פייאיגקייט צו באגרייפען די פראבלעמען, וועלכע זיינען פאר די גרויסע מאסען ארבייטער בלוטיג וויכטיג.

„עס איז צום באדויערען, וואס מיר האבען דא ניט א פופציג מענשען, וועלכע קענען ריידען אין נאמען פון די ארבייטער, וועלכע קענען ריידען אין נאמען פון ארגאניזירטער ארבייט. איך האב גאר ניט צו דעם פערסאנעל פון קאנגרעס. די מערסטע פון די וואס זיצען דא, זיינען מענשען, וואס האבען זיך אליין ארויפגעארבייט, וואס האבען זיך אליין ארויסגעהויבען פון דעם ארימען שטאנד, אין וועלכען זיי זיינען געבארען און ערצויגען געווארען. אבער די אומ־שטענדען וואס האבען זיי געגעבען די מעגליכקייט ארויפצואר־בייטען זיך, עקזיסטירען ניט מער. זיי מיינען, אז אלע קענען זיך אליין העלפען, אזוי ווי זיי האבען עס געטאן. דאס איז ניט ריכטיג".

לאנדאן פארשטייט די פסיכאלאגיע פון די קאלעגען זיינע, אבער מוחל זיין זיי וויל ער ניט. „אבער טאקע דערפאר וואס איר זייט פייאיגע מענשען, וואס איר באזיצט אינטעליגענץ, וואס די

נאַטור האָט אייך באַשאַנקען מיט גייסטיגע כחות, ליגט אויף אייך די פליכט צו העלפען אנדערע. מיר פאַרדריסט, וואָס מיר האָבען דאָ ניט אַ גרעסערע צאָל מענשען, וועלכע פאַרשטייען די לאַגע פון די מאַסען דורך זייערע אייגענע באָאָבאַכטונגען, דורך זייערע אייגענע ערפאַרונגען. די אַרבייטער האָבען דאָ ניט קיין שטימע, קיינער פאַרטרעט זיי ניט. איך קען דאָס איינער אַליין ניט טאָן. דערצו בין איך צופיל דער פילאָזאָף. מיט אייך צו האַנדלען דאַרף מען האָבען אַ מענשען, וואָס קען מאַכען שטערונגען, וואָס קען אייך דערגיין די יאָרען, און ניט איינעם אַזאַ, נאָר עטליכע, אפשר וואָלטען זיי אייך אויפגעוועקט פון שלאָף, אייך פאַנאַנדערגעטרייסעלט".

און לאָנדאָן שאַנעוועט אויך ניט די אַרבייטער גופא, וועלכע ערלויבען, אַז אין קאָנגרעס זאָלען זיצען אַלס זייערע פאָרשטייער מענשען, וואָס האָבען ניט די מינדעסטע פאַרשטענדניס פאַר דער אַרבייטער זאַך: „געוויס פאַלט ניט די שולד אין גאַנצען אויף אייך. די אַרבייטער אַליין, די גרויסע אינדוסטריעלע מאַסען, זיינען אויך שולדיג. טוטפיק מייקערס יוניאָן נומער 675 איז הויפּטזעכליך פאַראינטערעסירט אין טוטפיק מייקערס יוניאָן נומער 675 — פאַר די איבעריגע אַרבייטער קימערט זיי ניט. די אַרבייטער לערנען ניט. זיי אָרגאַניזירען זיך ניט. זיי גרייטען זיך ניט צו פאַר דער צוקונפט. זיי שטעלען ניט קיין פאָדערונגען צום קאָנגרעס".

דער קאָנגרעס איז גלייכגילטיג צו די אינטערעסען פון די אַרבייטער, ווייל די אַרבייטער אַליין זיינען גלייכגילטיג צו זייערע אייגענע אינטערעסען. דער קאָנגרעס טוט גאָרניט פאַר די אַרבייטער, ווייל די אַרבייטער פאָדערען ניט פון קאָנגרעס ער זאָל פאַר זיי עפּעס טאָן.

קאפיטעל 33.

לאנדאן אנאליזירט דעם ווערסאילער פרידען

דער לאנגער קאמף אין קאנגרעס איבער דעם ווערסאילער פרידענס אפמאך האט זיך געענדיגט דערמיט, וואס דער קאנגרעס האט אנגענומען א רעזאלוציע מיט דער ערקלערונג, אז די מלחמה איז געענדיגט. דאס וואס די רעזאלוציע האט איצט אפיציעל אנערקענט, איז אלעמען געווען באוואוסט אלס א פאקט פאר די פארגאנגענע צוויי און א האלב יאר. אלע אמת וויכטיגע פראגען אין פארבינדונג מיט פרידען — די פראגע וועגען אמעריקא'ס שטעלונג צו דעם אוממעגליכען ווערסאילער אפמאך; וועגען די פילע אינטערנאציאנאלע צוויסטיגקייטען וואס די מלחמה האט געשאפען און פאר וועלכע אמעריקא איז טיילווייז געווען פאראנטווארטליך — דאס אלעס איז ווי פריער געבליבען הענגען אין דער לופטען. קיינער פון די מענשען ביים רודער פון אונזער רעגירונג האט, קענטיג, ניט געוואוסט ווי מיט די פראבלעמען צו האנדלען, אדער קיינער פון זיי האט זיך וועגען די פראבלעמען ניט געקימערט.

אין דער דעבאטע איבער דער פרידענס רעזאלוציע האט לאנדאן אויסגעדריקט די געדאנקען און די געפילען פון די מיליאנען אמעריקאנער, וועלכע זיינען געווארען אנטוישט אין דער „היילינער מלחמה" וואס ווילסאן האט אויף דאס לאנד ארויפגעצוואונגען. די אנטוישטע מאסען האבען זיך אפגערעכענט מיט ווילסאנ'ס פארטיי ביי די וואלען פון 1920. די דעמאקראטען זיינען ארויסגעשטויסען געווארען פון יעדען רעגירונגס צווייג אין וואשינגטאן. אבער די נייע רעפובליקאנישע אדמיניסטראציע, וועלכע איז אנפארטרויט געווארען מיט דער אויפגאבע צו פאררכטען די פעלערען פון דער

ווילסאָן אדמיניסטראַציע, האָט זיך געפונען אין אַ פארלעגענהייט. זי האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי איר אויפגאַבע דורכצופירען; ווייל אין דער אמת'ן איז דאָך די רעפובליקאַנישע פּאַרטיי געווען אַ שותף צו אַלע זינד וואָס די דעמאָקראַטען האָבען באַגאַנגען.

אײן פּאַרטײ בלויז האָט צום פאָלק געקענט ריידען מיט אַ ריי־נעם געוויסען, די פּאַרטיי, וועלכע איז געווען שטענדיג געגען דער מלחמה און וועלכע האָט מיט אירע אַלע כחות געאַרבייט פאַר אַ גערעכטען פרידען פון דעם טאָג אָן וואָס דאָס לאַנד איז אין דער מלחמה אריין. און דער שיקזאַל האָט געוואָלט אַז די זעלבע שטימע וואָס האָט פאַר דער פּאַרטיי גערעדט אין קאָנגרעס דאַמאָלסט ביים אָנפאַנג פון דער טראַגעדיע, זאָל דאָרטען אויך ריידען איצטער ביים שלום — די שטימע פון מאיר לאָנדאָן.

אין עטליכע קורצע זאַצען האָט לאָנדאָן געשילדערט אַמעריקא'ס פארבינדונג מיט דער מלחמה פון אָנהויב ביז'ן סוף:

„פריער האָט מען צו אונז יאָרען לאַנג גערעדט, אַז די מלחמה אין איירָאָפּא האָט מיט אונז גאָרניט צו טאָן. דער דעמאָקראַטישער פּרעזידענט איז ערווײלט געוואָרען אויף דער פּלאַטפאָרמע, אַז „ער האָט אונז אויסגעהיט פון דער מלחמה”. דער רעפובליקאַנישער קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט האָט אין קאַמפּיין־צייט ניט געגעבען די מינדעסטע אָנצוהערעניש וועגען אַריין אין דער מלחמה.

„און דערנאָך אַז מען האָט אונז אין דער מלחמה פּלוצלונג אַריינגעשטויסען, האָט מען אונז ניט ערלויבט צו דיסקוטירען די פּראַגע. מען האָט אונז געזאָגט, אַז עס איז אַ „הייליגע קריג”, אַז אַלע אונזערע עליים זיינען הייליגע מלאָכים און אַז זיי שלאָגען זיך מיט'ן שטנ'ס חיל, וועלכער געפינט זיך אין דייטשלאַנד.

„נו, איצט איז די מלחמה געענדיגט. דער שטן איז באַזייטיגט געוואָרען פון זיין אייגענעם פאָלק. די צייט איז געקומען צו שליסען פרידען. וואָס געפינען מיר אָבער אויס?

„מיר געפינען אויס, דאָס די עליים האָבען געהאַט צווישען זיך געהיימע אָפּמאַכונגען; אַז יעדע פון די לענדער פאָדערט אַ טייל פון דער מלחמה רויב, אַז די גרויסע מעכטע האָבען פאַרנומען און

פאַרכאַפּט אַלץ וואָס זיי האָט זיך געגלוסט, אַז די קליינע לענדער האָבען געקראָגען זייער ווייניג אָדער גאָר גאָרניט און אַז זיי מוזען נעבאַך שווייגען; אַז אויף די באַזיגטע לענדער זיינען אַרויפ־געלעגט געוואָרען גרויזאַמע באַדינגונגען טראָץ דעם וואָס מען האָט זיי אָפט פאַרזיכערט, דאָס אויב זיי וועלען שטירצען זייער רעגירונג וועלען זיי באַהאַנדעלט ווערען מיט איינזעעניש... מיר געפינען אויס, אַז עס איז אָרגאַניזירט געוואָרען אַן אַזוי־גערופענער פעלקער־פאַר־באַנד און אַז דער נאַציאָנאַלער ראַסען האַס איז פאַרשטאַרקט געוואָרען; אַז גאַנץ אייראָפּאַ איז באַלקאַניזירט; אַז אונטער דער מאַסקע פון „מאַנדאַטען" האָבען די זיגענדע פעלקער פאַרכאַפּט קאָלאָניעס און לענדער.

„ווי מאָדנע דאָס איז, אין יעדען פאַל כמעט האָט דעם מאַנדאַט איבער אַ לאַנד באַקומען יענער פאָלק, וואָס האָט זיך אין דעם לאַנד אריינגעריסען אין פאַרלויף פון די מלחמה יאָרען.

„מיר געפינען ווייטער, אַז עס זיינען געשאַפען געוואָרען אַ צאָל פון קליינע נייע רעגירונגען, וועלכע האָבען שנעל אַנטוויקעלט גרויסע אַפּעטיטען פאַר נאָך טעריטאָריע. מיר געפינען, דאָס אויף די באַזיגטע לענדער זיינען אַרויפגעלעגט געוואָרען אַזוינע שווערע שטראָפען, דאָס זיי שטייען אין געפאַר צודריקט צו ווערען.

„וואָס איז דער וואונדער, אַלזאָ, אַז דער אַמעריקאַנער פאָלק פרעגט איצט, צו וואָס האָבען מיר דאָס געדאַרפט, וואָס האָבען מיר פון דער מלחמה געקראָגען? פרידען צווישען פעלקער איז ניט עטאַבלירט געוואָרען און אונזער נאַציאָנאַלע זיכערהייט איז ניט פאַרגרעסערט געוואָרען דורך ווערסאַיל. מען האָט אונז געזאָגט, אַז די מלחמה איז געפירט געוואָרען צו מאַכען אַ סוף צו מלחמות, אַז ווען די עליים וועלען זיגען, וועט זיך די וועלט אַנטוואַפענען. מיר זעען אָבער, אַז איצטער באַוואַפענען זיך אַלע נאָך מער ווי פריער. און מלחמות קומען אויך פאָר נאָך מער ווי פריער".

און לאָנדאָן האָט זיך דאָ ניט געקענט צוריקהאַלטען פון דער־מאָנען זיינע קאָלעגען, אַז די פראַגע וואָס אַמעריקאַ שטעלט איצ־טער: „וואָס האָבען מיר געהאַט פון דער מלחמה?", האָט ער

געשטעלט אין דער „הויז" צוויי מאָנאַטען בעפאָר אַמעריקאַ איז אין דער מלחמה אריין. און דאַמאָלסט האָט ער אויף דער פראַגע אַן ענטפער געגעבען. ער האָט דאַן געזאַגט: „די מלחמה וועט עטאַב־לירען דאָס רעכט פון אונזערע אַמוניציע פאַבריקאַנטען צו פאַר־קויפען זייער סחורה". און לאַנדאָן זאָגט איצט אין אַ סאַטירישען טאָן: „אפילו דאָס רעכט אויף וועלכע איך האָב „געהאָפט" אין 1917 האָבען מיר אויך ניט געוואונען. איך האָב דאַן געשטימט געגען דער מלחמה און איך פיל זיך גליקליך וואָס איך האָב אַזוי געטאָן".

ביידע גרויסע פּאַרטייען זיינען געווען שותפים אין דעם פאַר־ברעכען. ביידע האָבען אָפּגענאַרט און פאַרפירט דאָס לאַנד. „איך וויל זאָגען, אַז די רעפּובליקאַנער זיינען ניט אויף אַ האָר בעסער ווי די דעמאָקראַטען. פאַר די אומגליקען פון דער מלחמה זיינען די רעפּובליקאַנער אַזוי פיל שולדיג ווי די דעמאָקראַטען. דער פּרעזידענט איז אַרוים מיט'ן שלאָגוואָרט „מיר וועלען פאַרזיכערען דעמאָקראַטיע אויף דער וועלט". און יעדער רעפּובליקאַנער האָט די פראַזע ווידערהאָלט ווי אַ פאָנאָגראַף. ערשט ווען דער פּרעזי־דענט האָט גענומען שליסען פרידען און עס האָט אויסגעוויזען, אַז עס איז דאָ אַ מעגליכקייט, דאָס דער דעמאָקראַטישער פּרעזידענט פון אַמעריקאַ זאָל ווערען דער ערשטער פּרעזידענט פון דער ליג אָוו ניישאָנס און דערמיט געווינען פּרעסטיזש ביים אַמעריקאַנעם פאָלק — ערשט דאַן האָבען די רעפּובליקאַנער אָנגעפאַנגען דעם פּרעזי־דענט צו באַקעמפען".

און וואָס איז מכח די סאָציאַליסטען? אמת, זיי זיינען גע־ווען געגען דער מלחמה און אמת אויך, אַז זיי האָבען ניט אויפגע־הערט צו קריטיקירען די מלחמה פּאַטריאָטען. אָבער וואָס שלאָגען זיי פאָר איצטער? האָבען זיי אַ קאָנסטרוקטיווען פּראָגראַם? איי־נער פון די קאָנגרעסלייט האָט טאַקע די פראַגע געשטעלט לאָנ־דאָנ'ען: „דער רעדנער רעדט אַלץ וועגען דעם, אַז די דעמאָקראַטען און די רעפּובליקאַנער האָבען קיין פּראָגראַם ניט. וועט ער אונז

אזוי גוט זיין און זאָגען וואָס פאַר א פּראָגראַם די סאָציאַליסטען האָבען?"

אויף דער אויפפאָדערונג גיט איצטער לאָנדאָן אַן ענטפער. די סאָציאַליסטען האָבען א פּראָגראַם. זיי האָבען זייער פּראָגראַם פאָרגעלעגט נאָך פריער, בשעת די מלחמה איז נאָך אָנגעגאַנגען. אָט וואָס לאָנדאָן זאָגט: „אונזער אינטערנאַציאָנאַלע פּראָגראַם אַנט־האַלט די פאָלגענדע פּונקטען: ערשטענס, זאָלען אויסגעמעקט ווערען אַלע מלחמה חובות צווישען די עליים לענדער. דאָס מוז געטאָן ווערען כדי די לענדער זאָלען זיך קענען שטעלען עקאָנאָמיש אויף זייערע פיס. נאָכדעם, ווילען מיר איבערשרייבען אָדער אין גאַנצען אָפּמעקען דעם ווערסאַילער פרידענס אָפּמאַך. מיר וואָלטען אָרגאַניזירט א פאַרבאַנד פון פעלקער, באַזירט אויף דעמאָקראַטישע פּרינציפּען. מיר וואָלטען צונויפגערופען אַן אינטערנאַציאָנאַלען קאָנפערענץ פון פאָרשטייער פון די פּאַרלאַמענטען אין אַלע לענ־דער; און די קאָנפערענץ זאָל דיסקוטירען א פּרינציפּען־באַזיס פאַר א וועלט־פרידען. מיר וואָלטען געשאַפען אַן אינטערנאַציאָנאַלען פאָנד, וועלכער וואָלט באַנוצט געוואָרען צו באַזאָרגען מיט שפּייז, מיט רויע מאַטעריאַלען און מיט מאַשינען יענע לענדער וואָס נויטיגען זיך אין דעם. מיר וואָלטען געפאָדערט אַנטוואָפנונג פון אַלע לענדער. מיר וואָלטען אַנערקענט די רוסישע רעגירונג, ווייל א פרידען וואָס נעמט ניט אין באַטראַכט א לאַנד מיט א באַפעלקערונג פון 140 מיליאָן מענשען, א לאַנד וואָס פאַרנעמט א העלפט פון אייראָפּעאישען קאָנטינענט און א העלפט פון אזיען — קען ניט זיין קיין דויערענדער פרידען".

וויפיל טרערען און ווייטאָג, וויפיל ליידען און פאַרלוסטען וואָלט איינגעשפּאָרט געוואָרען אין אַלע לענדער אין אייראָפּא, ווען דער סאָציאַליסטישער פּראָגראַם וואָלט אָנגענומען געוואָרען אין דער ריכטיגער צייט!

קאפיטעל 34.

דער סקאַנדאַליעזער טאַריף־ביל

א לאַנגער, אַ ביטערער קאַמף איז פאָרגעקומען אין קאָנגרעס איבער דעם טאַריף ביל, וועלכען די הארדינג אדמיניסטראציע האָט באַשלאָסען דורכצופירען ביי דער ספּעציעלער זיצונג. פּראָפעסאָר וויליאַם סטאר מייערס, דער היסטאָריקער פון דער רעפּובליקאַני־שער פּאַרטיי, האָט שפּעטער כאַראַקטעריזירט דעם טאַריף געזעץ מיט די פאָלגענדע ווערטער: „דאָס איז געווען דער ערגסטער ביל אין דער פּאָליטישער געשיכטע פון דער לעצטער צייט... די וואָס האָבען דעם ביל אויסגעאַרבייט האָבען עס געטאָן אין אַ גייסט פון אונטערשמירען איינער דעם אַנדערען... דאָס לאַנד האָט מיט דעם ביל גאָר ניט וואָס צו שטאָלצירען". די דעמאָקראַטען, וועלכע זיינען אימער געווען אין פּרינציפּ געגען טאַריפען, האָבען דעם ביל באַקעמפט. זייער אָפּאָזיציע איז אָבער געווען הויפּטזעכליך אַ טראַדיציאָנעלע און אין די אינטערעסען פון געוויסע געגענדען אין לאַנד. בלויז איינִיגע דעמאָקראַטישע קאָנגרעסלייט האָבען גערעדט פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער נייער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע וואָס די מלחמה האָט געשאַפען.

מאיר לאָנדאָן איז געשטאַנען מיט דער אָפּאָזיציע. ער האָט דעם ביל פארדאַמט אַלס „די גרעסטע פּאָליטישע גנבה אין דער געשיכטע פון אַמעריקאַ". ער האָט ערקלערט, אַז אַ מער געוואַגטע, אַ מער חוצפּה'דיגע רויבעריי איז ניט פאָרגעקומען אין דער גאַנצער געשיכטע פון רויבערישע געזעצען.

די הויפּט אַרגומענטען זיינע געגען דעם ביל זיינען געווען אויפ'ן גרונד פון פונדאַמענטאַלע פּרינציפּען. ער האָט גע'טענה'ט,

אז אַ טאַריף שטעלט אוועק אַ וואַנט צווישען פעלקער, אַז זי שטערט די פריינדליכע באַציאונגען צווישען לענדער:

„די וועלט פּראָגרעסירט דורך דעם פרייען אויסטויש פון סחורות. די וועלט געווינט דורכדעם וואָס עס איז דאָ אַ מעגליכ־קייט פאַר יעדער לאַנד צו פּראָדוצירען יענע סחורות וואָס זי קען אַם לייכטסטען פּראָדוצירען. עס דאַרף זיין די אויפגאַבע פון די שטאַטסלייט צו עטאַבלירען פרייען האַנדעל... די טאַריף ווענט זיינען אימער געווען אַ קוואַל פון אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפליקטען. און איצטער זיינען זיי נאָך מער געפערליך, און אַט פאַרוואָס: זייט דער מלחמה האָבען פילע רעגירונגען, אונזערע צווישען זיי, אָרגאַניזירט רעגירונגס אַגענטורען צו פאַרגרעסערען דעם טראַנס־פּאָרט. מאַנכע רעגירונגען אין אייראָפּא האָבען אויך עטאַבלירט אַגענטורען פאַר אימפּאָרט. עס איז דערפאַר קלאָר, אַז אויב די רעגירונגען וועלען אַלס קויפער און פאַרקויפער ניט באַציען זיך פריינדליך איינע צו די אַנדערע, ניט זוכען איינע די אַנדערע צו העלפען, וועט מוזען קומען צו רייבונגען און צו צוזאַמענשטויסונ־גען. אַזאַ טאַריף ביל ווי אונזערער שטעלט אין געפאַר דעם פרידען פון דער וועלט".

לאָנדאָן זעט אין די טאַריף געזעצען דעם עסענץ פון דער פּלו־טאָקראַטישער פילאָזאָפיע. די פאַרטיידיגער פון דער טאַריף טע־אָריע זאָגען אומגעפער אַט וואָס: „די גרויסע מאַסען זיינען דום. זיי פאַרשטייען קיין זאַך ניט. זיי פאַרשטייען ניט וואָס ביזנעס איז. זיי האָבען קיין געלט ניט. דער וואָס האָט געלט יענער האָט אויך שכל. דערפאַר דאַרף דער געלט מענש זיין דער רעגירער פון לאַנד. ער דאַרף מאַכען די געזעצען. און אַלע איבעריגע, די אָרימע, דאַרפען קוקען און שווייגען. נו, זאָגען די געלט־מענשען: מיר ווילען מאַכען אַזוינע געזעצען, וואָס ווילען אונז געבען די מעגליכקייט גרעסער צו מאַכען אונזערע טראָסטען, פעסטער צו מאַ־כען אונזערע מאָנאָפּאָלען. און ווען מיר ווילען זיין רייכער, ווע־לען מיר אויך פאַר דעם אַרבייטער בעסער זאָרגען. מיר ווילען

אים בעסער באהאנדלען. פארשטייט זיך, אויב ער וועט זיך אויפ־פירען גוט און וועט אונז ניט מאכען קיין שטערונגען".

אט דער ארגומענט פון די טאריף פארשטייער, אז זיי זוכען די אינטערעסען פון די ארבייטער, אז זיי ווילען א הויכען טאריף כדי זיי זאלען קענען צאלען די ארבייטער העכערע ווייגדזשעס — האט לאנדאן שטארק אטאקירט. אויב דער טאריף איז גוט פאר די ארבייטער, טא זאלען די ארבייטער פאדערען א טאריף. וואס פאר א רעכט האבען די טראסט מאגנאטען צו ריידען אין נאמען פון די ארבייטער?

דער אמת איז, אז די ארבייטער האבען גארניט פון טאריף, זיי קענען פון אים גארניט האבען.

„לאמיר זען ווי דער טאריף רירט אן די זאכען אין וועלכע דער ארבייטער איז אם מייסטענס פאראינטערעסירט. לאמיר באטראכ־טען דעם בודזשעט פון אן ארבייטער פאמיליע. פון וואס בא־שטייט ער? פערציג פראצענט פון זיין איינקונפט גיט ער אויס אויף עסען; צוואנציג פראצענט אויף רענט; אויף קליידער, פופצען פראצענט; אויף באהייצונג און באלייכטונג, זעקס פרא־צענט; אויף פוירניטשור, פיר און א האלב פראצענט, און דאס איבעריגע, זייער ווייניג, אויף פארוויילונג, בילדונג, אינשורענס, און אין מאנכע פאלען אויף רעליגיע. ווי וועט דער טאריף אנרירען די אלע הוצאות? ער וועט ניט פארקלענערען די רענט, ווייל דער ביל זוכט דאך ארויפצושלעגען א שטייער אויף יעדע זאך וואס ווערט באנוצט אין בויען א הויז. וואס אנבאלאנגט עסענווארג, אויב אייערע פארשפרעכונגען צום פארמער וועלען דורכגעפירט ווערען, וועלען די פרייזען פון עסענווארג געהעכערט ווערען. אויף קליידער, פוירניטשור, ביכער און אלע אנדערע זאכען ווילט איר ארויפלעגען א הויכען טאריף. ווי אזוי קען אזא פארשלאג זיין גוט פאר די ארבייטער?"

און לאנדאן מאכט א „טשעלענדזש" צו ביידע פארטייען, וועל־כע האבען אין דער דעבאטע איבער דעם טאריף ביל זיך ערקלערט אין ליבע צו די ארבייטער. ער שלאגט פאר א ביל, אז עס זאל

ארויפגעלעגט ווערען א הויכער טאריף בלויז אויף יענע סחורות, וועלכע ווערען דאָ פאַבריצירט אונטער באַדינגונגען וואָס זיינען צופרידענשטעלענד צו די ארבייטער. ער שלאָגט פאָר, אז אויב אַן אינדוסטריע וויל דעם שוץ פון א טאריף, מוז זי באַווייזען, אַז אין אירע פאַבריקען עקזיסטירען די פאָלגענדע באַדינגונגען: אַן ארבייטס טאָג פון ניט מער ווי 8 שטונדען, אַן ארבייטס וואָך פון ניט מער ווי 44 שטונדען; קיין קינדער ארבייט אונטער 16 יאָר; ווידזשעס און אַנדערע באַדינגונגען ווערען באַשטימט דורך „קאָ־לעקטיוו באַרגעינינג".

אין זיין צווייטער רעדע איבער דעם טאַריף ביל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט הויפּטזעכליך אויף דעם פאָרשלאָג. ער האָט געצוויגען די אויפמערקזאַמקייט צו דער שטאָל אינדוסטריע, וואָס איז באַ־שיצט געוועזן פון א הויכען טאַריף און ביי איר אין די פאַבריקען האָט דאַמאָלס געהערשט דער 12 שטונדיגער ארבייטס טאָג און זיבען טעגיגע ארבייטס וואָך. אויסער דעם איז די אינדוסטריע דאַמאָלס אַזוי ווי איצט געווען דער ביטערסטער שונא פון טרייד יוניאָניזם. פרעגט לאָנדאָן: אויב עס איז אמת, וואָס טאַריף לייט זאָגען, אַז זיי זוכען די טובה פון די אַרבייטער, טאָ זאָלען זיי צוריקציען דעם טאריף אויף שטאָל ביז וואַנען די שטאָל ארבייטער וועלען באַפרייט ווערען פון דעם טיראַנישען יאָך אונטער וועלכען זיי ווע־רען געדריקט.

„איצטער ווען די טריאומפירענדע שווינען פון דער פּלוטאָ־קראַטי אַטאַקירען אָרגאַניזירטע ארבייט, וועט עס זיין א גרויסע שטיצע פאַר די יוניאָנס אויב איר וועט ערקלערען, אַז איר וועט ניט געבען קיין טאַריף צו די אינדוסטריען, וועלכע ערלויבען ניט זייערע אַרבייטער זיך צו אָרגאַניזירען און וועלכע אַנטזאָגען זיך צו האַנד־לען מיט אָרגאַניזירטע ארבייטער. אין דער שטאָל אינדוסטריע ספּעציעל איז עס אוממעגליך פאַר די ארבייטער אויפצובויען א יוניאָן מיט זייערע אייגענע קרעפטען. געווים וואָלט איך בעסער געוואָלט, אַז די ארבייטער זאָלען אויסקעמפען דעם אכט שטונדיגען

אַרבייטס טאָג דורך זייער אייגענער אָרגאַניזאַציע, דורך זייער איי־
גענער סאָלידאַריטעט. איך גלויב, אַז דער פּראָגרעס דאַרף גיין
פון אונטען אַרויף, ניט פון אויבען אַראָפּ. אָבער אויב איר ווילט
אימיצען באַשיצען, אויב איר ווילט מאַכען אַ געזעץ אימיצען צו
העלפען, דאַרפט איר באַשיצען און העלפען די שוואַכע געגען די
שטאַרקע, די גרויסע מאַסען פון פאָלק געגען די ריזיגע קאָרפּאָריי־
שאָנס און טראָסטס".

קאפיטעל 35.

מיליטערישע גלאָרי און אמת'ער פּאַטריאָטיזם

ארויסצוטרעטען געגען א פּאראייניגטער „הויז" אין א פראגע פון מיליטערישע גלאָרי און אין יענער צייט ווען די ליידענשאַפטען פון דער מלחמה זיינען נאָך געווען היים, אויף דעם האָט זיך גע־פאָדערט א גרויסע מאָס פון מאָראַלען מוט. לאַנדאָן האָט עס גע־טאָן, כאָטש ער האָט געוואוסט, אז ער ציט דערמיט אויף זיך די אטאקעס פון די אונאינטעליגענטסטע און אונפאראנטוואָרטליכסטע צווישען זיינע קאָלעגען. יעדען מאָל ווען אזא פראגע איז פאָרגע־בראכט געוואָרען אין דער „הויז", איז ער ארויסגעטראָטען און האָט פארטיידיגט זיין שטאַנדפּונקט געגען אלע אנדערע קאָנגרעס־לייט און זיין פּאַרטיידיגונג איז געווען אזוי מוטיג, אזוי אויפריכטיג אז מאנכעס מאָל האָבען מאנכע פון די קאָלעגען ניט ווילענדיג גע־מוזט אויסדריקען זייער באוואונדערונג.

אזא פאַל האָט פּאַסירט אין אויגוסט, 1921. א ביל איז פאָר־געשלאָגען געוואָרען, דאָס דער קאָנגרעס זאָל רעקאָמענדירען צום קריגס דעפּאַרטמענט ער זאָל פאַנאַנדערשיקען די „טראָפּים" פון דער מלחמה (די זאכען וואָס זיינען צוגענומען געוואָרען פון שונא אויפ'ן שלאכטפעלד, ווי צום ביישפּיל: באנערס, פלאַגען, האר־מאטען, ביקסען, טיילען פון מונדירען און אזוי ווייטער) אין די פארשידענע סטייטס און אז די סטייטס זאָלען די „טראָפּים" ווייזען צום פּובליקום אין עפענטליכע פּלעצער אלס צייכענס פון אמערי־קאַנער מיליטערישער גלאָרי.

נאָכדעם ווי דער ביל איז פאָרגעלעזען געוואָרען, האָט דער

פּאַרזיצער געפרעגט צי עס געפינט זיך אימיצער אין „הויז" וואָס איז געגען. איין שטימע בלויז האָט זיך אָפּגערופען, די שטימע פון מאיר לאָנדאָן. ער האָט געזאָגט: „מר. טשערמאַן, איך בין געגען דעם ביל".

אזוי ווי פאר דער אָפּאָזיציע איז באשטימט געוואָרען א שטונדע צייט איר שטאנדפונקט צו פארטיידיגען, און אזוי ווי די אָפּאָזיציע איז באשטאנען פון דעם איין לאָנדאָנ'ען, האָט לאָנדאָן באקומען די גאנצע שעה צו ריידען. געגען אים איז גע־שטאַנען די גאנצע פאראייניגטע מיטגלידערשאפט פון דער „הויז". ער האָט זיין רעדע אָנגעפאנגען אזוי:

„דער ביל שלאָגט פאָר, אז די זאכען וואָס זיינען געפאנגען געוואָרען אויפ'ן שלאכטפעלד זאָלען פאנאנדערגעשיקט ווערען אי־בער'ן לאנד. איך וויל מאכען אַן אמענדמענט צום ביל. דער אמענדמענט איז, אז דער קריגס מיניסטער זאָל באאויפטראגט ווע־רען אריינצואווארפען אין דעם טיפסטען טייל פון דעם אטלאַנטישען ים די אַלע הארמאטען, מאשין ביקסען און ענליכע זאכען וואָס זיינען פון שונא צוגענומען געוואָרען. דאָס, דענק איך, וואָלט געוועזען דער פאסיגער שלום צו א מלחמה אָנגעפירט פון א רעפּובליק. די גע־שיכטע איז פול מיט פאסירונגען פון מלחמה, פון מלחמה־העלדען, פון סאָלדאטען. די אמת'ע געשיכטע פון דער מענשהייט איז נאָך קיינמאָל ניט דערציילט געוואָרען דערפאר, וואָס אפילו די גרויסע היסטאָריקער האָבען געשענקט צופיל אויפמערקזאמקייט אויף די קריגס פאסירונגען. גאנצע יאָרהונדערטע זיינען פאר אונז א פאר־מאכטער בוך דערפאר וואָס דער גאנצער געוויכט איז געלעגט גע־וואָרען אויף מיליטערישע אנגעלעגענהייטען. איך וואָלט וועלען די וועלט זאָל אָנפאנגען צו פארגעסען מלחמות. אין אונזער אייגענער לאנד, די גרעסטע לאנד אין דער וועלט, דאָס לאנד וואו עס ווערט געמאכט דער וואונדערבארסטער עקספערימענט אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט, דאָ וואו אַלע ראסען ווערען צונויפגעגאָסען אין איין שמעלץ טאָפּ — דאָ וואָלט איך וועלען, אז עס זאָל אויסגעמעקט

ווערען יעדער סימן פון האס, אז עס זאל פארגעסען ווערען, ארויס־געריסען ווערען פון זכרון יעדער צייכען פון קריג.

„יעדער הארמאט וואס וועט געוויזען ווערען צו די קינדער, יעדער מיליטערישער זיגעס צייכען איז אן ערמוטיגונג צו מלחמה, א פארערונג פון מלחמה”.

פון אלע זייטען האט געגומען האגלען אויף לאנדאנ׳ען מיט „פראגען”, פראגען וואס זיינען אין דער ווירקליכקייט געווען באליי־דיגענדע אנדייטונגען.

איין קאנגרעסמאן האט געוואלט וויסען, צי לאנדאן „וואלט ארונטערגעשלעפט די דענקמאלען פון די גרויסע אמעריקאנער קריגס העלדען”. א צווייטער קאנגרעסמאן האט געבעטען לאנדאן זאל אים ערקלערען וואס מען זאל טאן מיט אלע ביכער איבער אמערי־קאנער געשיכטע וואו די מלחמות ווערען געשילדערט, „וואלט ער די אלע ביכער פארברענט?” א דריטער האט געפרעגט, צי לאנדאן וואלט אין 1861 ערלויבט די סאוט זיך אפצורייסען פון די פאר־איינגיטע שטאטען.

לאנדאן האט אויף די אלע פראגען געענטפערט: די ביכער פון דער אמעריקאנער געשיכטע דארפען טאקע איבערגעשריבען ווערען, די דענקמאלען פון מלחמות דארפען אריינגעשטעלט ווערען אין מוזעאומס. וואס אנבאלאנגט די סאוט, „האט די סאציאליסטישע באוועגונג פון דער גאנצער וועלט געשטיצט די נארט אין דעם ביר־גער קריג און געשיקט גראטוליאציאנס אויסדרוקען צו לינקאלן. דאס איז א פאקט, וועלכער איז ניט אלעמען באקאנט. די סאציא־ליסטען האבען געשטיצט די נארט, ווייל זיי האבען באטראכט דעם פארזוך פון די סאוט זיך אפצורייסען אלס א געפאר צוליב צוויי אורזאכען: ערשטענס, וואלט עס ערלויבט נעגער שקלאפעריי ווייטער צו עקזיסטירען און צווייטענס, וואלט עס צושמעטערט די אמעריקאנער רעפובליק, וועלכע די סאציאליסטען האבען באטראכט פון גרויסער וויכטיגקייט פאר דער מענשהייט.”

די אטאקעס אויף לאנדאנ׳ען זיינען פארטגעזעצט געווארען מיט מער רוגזה, מיט מער פארביסענקייט. א קאנגרעסמאן פון ניו

יאָרק האָט זאָגאר געזוכט זיינע קאָלעגען געגען לאָנדאָנ'ען אויפצוהעצען. „פּארטראכט זיך נאָר אויף אַ מאָמענט וועגען דעם, וואָס די „טראָפּים" דערציילען אונז", האָט דער קאָנגרעסמאַן אויסגעשריען, „ניט אַ טראכט וועגען דעם פּרייז, וואָס מיר האָבען פּאר זיי באַצאָלט, און וואו זיים איר, מאיר לאָנדאָן, די גאַנצע צייט געוועזן?"

א צווייטער קאָנגרעסמאַן האָט געזאָגט אין זעלבען העצידיגען טאָן, געבענדיג אָנצוהערען, אַז לאָנדאָן האָט אין דער מלחמה געהאנדעלט ווי א פאררעטער. קוקענדיג אויף לאָנדאָנ'ען האָט ער אויסגעשריען: „וועלכער קאָנגרעסמאַן דאָ האָט מורא צו טאָן זיין פליכט?"

די לופט אין קאָנגרעס זאָל איז פול געוואָרען מיט האס און מיט צאָרן געגען לאָנדאָנ'ען. פּלוצלינג האָט זיך אויפגעשטעלט קאָנגרעסמאַן בלענטאָן פון טעקסעס, איינער פון די ערגסטע רעאקציאָנערען אין דער קערפּערשאַפט, און געבעטען דאָס וואָרט אין דער פראגע. קאָנגרעסמאַן בלענטאָן איז מיט לאָנדאָנ'ען געקומען אין זייער אָפּטע צוזאמענשטויסונגען אין דעבאַטען, און ער האָט זייער שטאַרק רעספּעקטירט לאָנדאָנ'ס פייאיגקייט און אויפריכטיגקייט. ער האָט ניט געקענט פארטראָגען די ביליגע וואולגארע אטאַקעס, וואָס זיינען אויף אים איצט געמאכט געוואָרען. ער האָט אַזוי געזאָגט:

„מר. טשערמאַן: איך בין געגען סאָציאַליזם. צען יאָר צייט שוין, אַז יעדען מאָל וואָס אַ סאָציאַליסט האלט אַ רעדע אין מיין דיסטריקט קום איך און ענטפער אים. אָבער מיר דאָ, וועלכע קענען מאיר לאָנדאָנ'ען, ווייסען, אַז ער איז אויפריכטיג און ערליך און אַז ער האָט הויכע אידעאַלען לויט זיינע איבערצייגונגען און אַז ער איז אַ מאַן, וואָס ווייס און וואָס לערענט. איך האס דעם סאָציאַליזם, איך באַקעמפ אים, איך לאָז אים ניט אריין אין מיין דיסטריקט! איך מוז אָבער זאָגען, אויס גערעכטיגקייט, אַז ווען אַלע סאָציאַליסטען וואָלטען געוועזן ווי מאיר לאָנדאָן, וואָלט דער סאָציאַליזם ניט געוועזן אַזוי שלעכט".

בלענטאָן האָט די שטעלונג גענומען, ניט ווייל ער איז געוועזן

טאָלעראַנט צו לאָנדאָנ'ען אָדער צום סאָציאַליזם, נאָר ווייל ער האָט ווירקליך לאָנדאָנ'ען געאַכטעט און געשעצט. ווי ווייניג טאָלעראַנץ בלענטאָן האָט פאַרמאָגט, קען מען זיך משער זיין פון דעם, וואָס ער האָט אין אַ רעדע וועגען סאָציאַליסטען אַליין דערציילט: „אין דעצעמבער, 1919, האָבען מאַנכע פון זייערע (סאָציאַליסטישע) פאַרפירטע געפּריידיגט געגען דער מלחמה און געראַטען די יונגע לייט זיי זאָלען ניט אַריינטרעטען אין דער אַרמיי. איך בין דאַן אַרומגעפאָרען אין מיין דיסטריקט אין אַן אויטאָמאָביל, זיך אָפּגעשטעלט אויף יעדען קאָרנער און געהאַלטען אַ רעדע. עס איז געווען ווינטער, דער וועטער איז געווען זייער קאַלט. איך האָב אין מיינע רעדעס געזאָגט: יעדערער מעג זיך זיין אַ סאָציאַליסט אין פרידענס-צייט; אָבער ווען איינער איז אַ סאָציאַליסט אין מלחמה-צייט און ער שטערט די מלחמה, דאַרף מען אים אויפהענגען אויף אַ סלופּ פון אַ לאַנטערנע. נאָכדעם ווי איך האָב מיינע רעדעס געהאַלטען, האָבען מיר פון די סאָציאַליסטען אין אונזער דיסטריקט מער ניט געהערט".

לאָנדאָן האָט אויסגעהערט די אַלע באַליידיגונגען, אַטאַקעס און אינסינואַציעס. דערנאָך האָט ער זיך גאַנץ געלאַסען גענומען דאָס וואָרט און פאָרגעשלאָגען זיין אַמענדמענט צום ביל, אַז די „טראָפּים" פון דער מלחמה זאָלען אַריינגעוואָרפען ווערען אין דעם אַטלאַנטישען און פּאַסיפישען ים.

עטליכע טעג נאָך דעם טומעל האָט לאָנדאָן געקראָגען אַ געלעגענהייט חוזק צו מאַכען פון די שאָוועניסטען און „דזשינגאָאָס", וואָס זיינען אויף אים אָנגעפאַלען. דער קאָנגרעס האָט פאַרהאַנדעלט אַ ביל, וואָס האָט פאָרגעשלאָגען, אַז די רעגירונג פון די פאַראייניגטע שטאַטען זאָל האָבען דאָס רעכט צו געבען מיליטערישע אויסצייכנונגען צו „העלדען" פון אַנדערע לענדער און, פאַרקערט, אַז אַמעריקאַנער העלדען זאָלען מעגען נעמען אַזוינע אויסצייכנונגען פון אַנדערע רעגירונגען. די דעבאַטע איבער דער פראַגע האָט זיך געצויגען איבער אַ שטונדע צייט, און לאָנדאָן האָט גענומען דאָס וואָרט: „מר. טשערמאַן", האָט ער געזאָגט, „איך וויל זיך אָנשליסען אָן די געגנער פון דעם ביל און אויך העלפען

הרג'ענען אביסעל צייט. אַ היבש ביסעל נאַרישע בילם זיינען שוין דאָ פאַרהאַנדעלט געוואָרען; אָבער דער איצטיגער ביל איז דער אונבאַדייטענדסטער, דער לעבערליכסטער וואָס האָט ווען ביי אונז צייט צוגענומען. פיר מיליאָן אַרבייטער גייען אַרום ליידיג; די פאַרמער'ס זיינען אין אַ פאַרצווייפעלטער לאַגע; דער פּרייז פון עסענוואַרג האַלט אין איין שטייגען; די גאַנצע וועלט מוטשעט זיך מיט ערנסטע אינטערנאַציאָנאַלע פּראָבלעמען. און מיט וואָס פאַרנעמט זיך אונזער קאָנגרעס? מיט קליינינגקייטען, וועלכע האָבען פאַר קיינעם קיין באַדייטונג ניט. מיר פירען איבער צייט. די דעבאַטע, וואָס איז דאָ אָנגעגאַנגען פאַר די לעצטע אַנדערהאַלבען שעה, פּאַסט פאַר ניט-געראָטענע הויי־סקול באָיעס.

„איך האָב היינט געהערט אין דער דעבאַטע ווי פילע קאָנגרעסלייט האָבען גערעדט מיט באַגייסטערונג וועגען פרידען, וועגען זייער אָפּאָזיציע צו מלחמה און צו מיליטאַריזם. די זעלבע מענשען, וואָס האָבען געשטימט פאַר דעם, אז מען זאָל פאַנאַנדערשיקען די געפאַנגענע האַרמאַטען און זיך אויספיינען מיט זיי צו די בירגער פון לאַנד, זיי זיינען מיט אַמאָל געגען מלחמה, געגען האַנדלונגען, וואָס דערמאָנען אָן מלחמה.

„איך וואָלט געוואָלט זען, ווי די געגנער פון מלחמה וואָלטען געהאַנדעלט, ווען אַ פּרעזידענט וואָלט געקומען און זיי געזאָגט, אַז עס איז נויטיג אָנצופאַנגען אַ נייע הריגה; וויפיל פון זיי וואָלטען גרייט געווען צו ריזיקירען מיט אַ פּאָליטישער נידערלאַגע און שטימען געגען מלחמה? וויפיל פון זיי וואָלטען געוואַגט צו ווידערשפּעניגען די צייטונגען, וועלכע וואָלטען אַגיטירט פאַר הריגה? וויפיל פון זיי וואָלטען געהאַט די מוט זיך צו שטעלען געגען די אינטערעסען פון די געווער־פאַבריקאַנטען, ווען די פראַגע פון מלחמה און פרידען וועט זיין ניט אַ הויי־סקול דעבאַטע, נאָר אַ פּראָבלעם פון לעבען און טויט פאַר מיליאָנען מענשען?"

קאַפּיטעל 36.

טעקסעס אויף רייכע און אויף אָרימע

אין דעם קאַמף איבער דעם טעקס ביל איז לאָנדאָן געשטאַנען אויף דער זייט פון די דעמאָקראַטען אין קאָנגרעס. ער האָט זיי געשטיצט געגען דעם פּאַרזוך פון דעם מיליאָנערסקען סעקרעטערי אָוו די טרעזשורי, מר. ענדרו מעלאָן, צו פאַרקלענערען די טעקסעס פון די גאָר רייכע און צו שניידען די טעקסעס פון די גאָר הויכע פּראָפיטען. אָבער ווערענד לאָנדאָן האָט אין דער פראַגע געשטימט צוזאַמען מיט די דעמאָקראַטען, האָט ער אָבער קלאָר געמאַכט, אַז ער געהערט ניט צו זייער חדר. און אַז די מאָטיווען זיינע זיינען גאַנץ אַנדערע ווי זייערע.

ער האָט די ערשטע זאַך אָנגעוויזען אין זיין רעדע, אַז די צוויי פּאַרטייען, וואָס קריגען זיך איצט איבער דער טעקס־פראַגע, זיינען ביידע גלייך פאַראַנטוואָרטליך פאַר דעם שרעקליכען טעקס־יאָך וואָס ליגט איצט אויפ'ן לאַנד: „ביליאָנען דאָלאַרס זיינען פאַרשווענדעט געוואָרען אומזיסט אין די מלחמה־יאָרען. די אדמיניסטראַציע איז דאַמאָלסט געווען אַ דעמאָקראַטישע. איך האָב שוין איינמאָל געזאָגט, דאָס די דעמאָקראַטישע גנבות זיינען געווען פּינאַט־גנבות אין פאַרגלייך מיט די רויבערייען פון די רעפּובליקאַנישע פּאַטריאָטען. איך האָף, אַז די דעמאָקראַטען וועלען מיר פאַרצייהען וואָס איך רעפלעקטיר אויף זייער פעהיגקייט... מיר האָבען טאַקע אין דער מלחמה געהאַט אַלע נויטיגע מאַטעריאַלען און פּראָוויאַנט איבער־גענוג; אָבער דערפאַר האָט מען גע'גנב'עט אָן אַ גרענעץ. איינער פון די ערגסטע מעטאָדען, וואָס די גנבים האָבען אָנגעווענדעט, איז: צוצושטעלען דער רעגירונג מער סחורה ווי זי

האָט געדאַרפט. איצט צאָלט איר פאַר אייער שטימען פאַר מלחמה און איר וועט צאָלען אַ סך, אַ סך יאָרען. ווען איר האָט געשטימט פאַר מלחמה, האָט איר געשטימט צו פאַרניכטען די לעבענס פון די אַמעריקאַנער באָיס און אויך צו פאַרשוועכען די האָרעוואַניע פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק. די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַלט אויף אייך אַלעמען, וועלכע האָבען געשטימט פאַר קריג".

די לאַנגע רעדע געגען מעלאָנ'ס טעקס-ביל, וואָס לאַנדאָן האָט געהאַלטען מיט עטליכע טעג שפּעטער, איז געווען אייגענטליך אַ סאָציאַליסטישע לעקציע. אַלע אַנדערע קאָנגרעסלייט וואָס זיינען געווען געגען ביל, האָבען גערעדט פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז די רייכע דאַרפען צאָלען מער ווי די אָרימע; אַז די רייכע קענען טראָגען דעם יאָך לייכטער ווי די אָרימע. זיי האָבען געזוכט אַ „מער גערעכטע פאַרטיילונג פון די טעקסעס".

לאָנדאָן איז געגאַנגען אַ סך ווייטער, אַ סך גרינדליכער. ביי אים איז געווען ניט בלויז אַ פראַגע פון לייכטער מאַכען אַ ביסעל פאַר די אָרימע. ער האָט געפאָדערט, אַז דורך די טעקסעס זאָלען די גרויסע פאַרמעגענס אין גאַנצען צוגענומען ווערען פון די רייכע און איבערגעגעבען ווערען צום פאָלק. „אַנשטאָט צו פאַרקלענערען די טעקסעס אויף די רייכע און אויף הויכע פּראָפיטען, מוזען מיר זיי פאַרגרעסערען. מיר דאַרפען אַרויפלייגען אַזאַ הויכען טעקס אויף לאַנד און אויף ירושות, אַז דאָס פאָלק זאָל דורכדעם קענען צוריק־קריגען דאָס וואָס געהערט אין דער ווירקליכקייט צום פאָלק".

לאָנדאָן האָט די טעקס־פראַגע דיסקוטירט פון צוויי שטאַנד־פּונקטען: פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער געלט־אָטאָקראַטיע און פון דעם שטאַנדפּונקט פון נאַציאָנאַלען לעבען. ער האָט גע'טענה'ט, אַז די רעגירונג מוז זיך באַנוצען מיט איר טעקס־מאַכט אָפּצושוואַכען די וואַקסענדע געפאַר פון גרויס־קאַפּיטאַל און צו ראַטעווען די אוצרות פון לאַנד, וועלכע ווערען ביסלאַכווייז פאַרניכטעט פון זייערע פּריוואַטע אייגענטימער.

„אַ דעמאָקראַטיע קען ניט עקזיסטירען אין אַ לאַנד פון ריזיגע פּריוואַט פאַרמעגענס. די פאַרטיידיגער פון גרויס־קאַפּיטאַל אַמוזי־

רען מיר מיט זייערע אַרגומענטען. זיי ווילען באַווייזען, אַז דער דורשט נאָך געלד איז די איינציגע אינספּיראַציע וואָס די מענש־ליכע ראַסע האָט. זיי פאַרגעסען, אַז דער קאַפּיטאַליזם אין זיין איצטיגער פאָרמע, איז אַ גאַר מאָדערנע ערשיינונג. דער אינדוסט־ריעלער סיסטעם, דער היינטיגער, איז אין גאַנצען אַרום הונדערט און פופציג יאָר אַלט. מיר פאַרגעסען, דאָס מיט ווייניגער פון 150 יאָר צוריק איז דער האַנדעלס־קלאַס באַהאַנדעלט געוואָרען מיט פאַראַכטונג. צו מאַכען געלד איצטער פאָדערט עטוואָס מער ווי בלויז צו האָבען אַ דורשט פאַר געלד. ס'פאָדערט זיך קאַמף; דער וואָס וויל מאַכען געלד, מוז פאַר דעם מלחמה האַלטען: ער מוז באַזיגען, באַדריקען אַנדערע, אום זיין ציל צו דעררייכען". עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרען דורך אַ רעגירונגס־אונטערזוכונג, אַז צוויי פּראָצענט פון אַמעריקאַנער פאָלק באַזיצט 65 פּראָצענט פון דעם גאַנצען גוטס פון לאַנד. אָט די צוויי פּראָצענט איז אונזער געלד־אַריסטאָקראַטיע, אונזער געלד־אָטאָקראַטיע. „די צוויי פּראָצענט קאָנטראָלירען די מערסטע מינען, פאַבריקען, באַנען און באַנקען. זיי זיינען דערמיט שוין די באַהערשער פון לאַנד".

„דער אמת איז, דאָס די געלט־קלאַסען האָבען ניט פּראָדוצירט קיין איינציגען דיכטער, אַרטיסט, פילאָזאָף אָדער געלערטען פון גרויסער וויכטיגקייט. די ערפינדונגען, וואָס דער קאַפּיטאַליזם האָט סטימולירט, זיינען אַדאָפּטירט געוואָרען פון די פונדאַמענ־טאַלסטע פּרינציפּען, וואָס גרויסע דענקער האָבען ענטדעקט און וועמען די ביזנעס־וועלט האָט באַהאַנדעלט מיט פאַראַכטונג אַלס טרוימער. די געלט־זוכער קענען זיך ניט דערהויבען צו די העכערע ספערען פון דעם מענשליכען גייסט. דער געלד־זוכער קען ניט באַגרייפען זאַכען פון אַ נאַציאָנאַלען און סאָציאַלען שטאַנדפּונקט. אים אַרט ניט פאַר מענשען; ער איז פאַראינטערעסירט אין באַלדיגע פּראָפיטען. דערפאַר ווערען דורך דעם פּראָפיט־סיסטעם רואינירט אי דער מענשען־מאַטעריאַל, אי די נאַטירליכע גוטס פון לאַנד".

און לאָנדאָן גיט אָן פאַקטען און ציפערען פון די שרעקליכע

פאַרלוסטען, וואָס דאָס לאַנד האָט געליטען אין דער פאַרגאַנגענ־הייט און ליידט נאָך איצטער דורך דער קרימינעלער מיספאַרוואַל־טונג פון דעם הערשענדען קלאַס, אונטער דעם קאַפּיטאַליסטישען סיסטעם. ערשטענס, פאַרלירט דאָס לאַנד איר מענשען־מאַטעריאַל; דער „דרעפט" האָט פעסטגעשטעלט, אַז דרייסיג פּראָצענט פון די יונגע לייט אין לאַנד זיינען פיזיש שוואַך, קראַנק אָדער פאַרקרי־פּעלט. צווייטענס, ווערען פאַרניכטעט די נאַטירליכע אוצרות.

„זעט וואָס זיי האָבען געטאָן מיט אונזערע אוצרות. זיי האָבען זיי פאַרניכטעט, פינף זעקסטעל פון אונזערע וועלדער זיינען אינ־גאַנצען פאַרניכטעט... בלויז אַ העלפט פון אונזערע פעלדער ווערען געזייט. מיר באַרימען זיך, אַז מיר זיינען די גרעסטע אין אַלץ; דאָך נעמען מיר אַראָפּ פון אונזערע פעלדער פּראָפּאָרציאָ־נעל בלויז אַ העלפט ווי די דייטשען נעמען אַראָפּ פון זייערע פעלדער, און בלויז אַ דריטעל פון דעם, וואָס די ענגלענדער נעמען אַראָפּ פון זייערע פעלדער. אונזערע פאַרמערס מיסטיגען ניט די פעלדער ווי עס באַדאַרף צו זיין; זיי באַנוצען ניט די מאָדערנסטע מאַשינען און מעטאָדען. זיי האָבען ניט די נויטיגע וואַסער־קוואַלען און אַזוי ווייטער".

די הויפּט פראַגע פאַר אונז אַלזאָ איז, ווי אַזוי צו ראַטעווען די מענשען און די אוצרות פון לאַנד פון די הענד פון פּריוואַט־קאַפּיטאַל.

„מיר מוזען אונזערע פּראָבלעמען באַטראַכטען פון שטאַנד־פּונקט פון נאַציאָנאַלען וואוילזיין. ווען מיר וועלען אַזוי טאָן, וועלען מיר איינשפּאָרען פופציג מאָל אַזוי פיל ווי מיר קענען זאַמלען דורך אירגענד וועלכען טעקס־סיסטעם. פאַר דער וועלט שטייען איצט נייע פּראָבלעמען — פּראָבלעמען, פון וועלכע וואַ־שינגטאָן און דזשעפערסאָן האָבען אפילו ניט געקענט חלום'ען. זיי, די גרינדער פון דער רעגירונג, האָבען אונז געגעבען אַלגעמיי־נע פּרינציפּען. זיי האָבען פאַר אונז אָוועקגעלייגט אַ פונדאַ־מענט. אונזער אויפגאַבע איז די אַרבייט פאָרטצוזעצען, די אַרבייט פון אויפבויען אַ פרייע לאַנד".

די רעדע לאַנדאָנ'ס איז אייגענטליך אַ סאָציאַליסטישע קריי־

טיק אויף דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג. דער טעקס־ביל האָט אים אָנגערעגט די רעדע צו האַלטען, ווייל אין דעם ביל האָט זיך קלאָר אָפּגעשפּיגעלט דער קלאַסען־כאַראַקטער פון דער רע־גירונג און דער קלאַסען־כאַראַקטער פון דער גאַנצער געזעלשאַפט־ליכער אָרדנונג אין אַמעריקאַ. לאָנדאָן האָט אין דעם ביל דער־זען דעם ברוטאַלען געשטאַלט פון דעם קאַפּיטאַליזם, און ער האָט זיך ניט געקענט צוריקהאַלטען פון דערציילען עס צו זיינע קאָלעגען, וועלכע האָבען דעם אמת וועגען אים ניט געוואָלט, אָדער ניט געקענט זען.

קאַפּיטעל 37.

לאַנדאָן האַלט אַ סאָציאַליסטישע לעקציע אין קאָנגרעס

איינמאָל האָט לאַנדאָן אויף זיך גענומען די אויפגאַבע אויפצוקלערען זיינע קאָלעגען אין קאָנגרעס די ריכטיגע באַדייטונג פון „רעכט אויף אייגענטום“ — אַ פּראַזע, וואָס ווערט זייער אָפט געברויכט, אָבער וואָס ווייניג מענשען פאַרשטייען. אים איז אָפט אויסגעקומען צו הערען, ווי זיינע קאָלעגען ריידען וועגען דער הייליגקייט פון אייגענטומס־רעכט; און ווי זיי פאַרדאַמען דעם סאָציאַליזם אַלס אַ פאַרזוך אונטערצוגראָבען דעם פונדאַמענט פון ציוויליזאַציע, וועלכער באַשטייט פון דעם רעכט אויף פּריוואַט אייגענטום. ער האָט געהערט זיינע קאָלעגען ווידערהאָלען דעם רעפּובליקאַנישען שלאָגוואָרט: „די רעגירונג טאָר זיך ניט מישען אין ביזנעס“, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען אַ געזעץ פון הימעל. ער האָט געוואַרט אויף אַ געלעגענהייט אויף דעם צו ענטפערען גרינדליך און וויסענשאַפטליך. די געלעגענהייט האָט ער ענדליך געקראָגען, ווען דער קאָנגרעס האָט פאַרהאַנדעלט אַ ביל צו קאָנטראָלירען די לענדלאָרדס פון וואַשינגטאָן, וועלכע האָבען אויסגענוצט דעם מאַנגעל אויף וואוינונגען צו רייסען הויכע רענט פון זייערע טענענטס.

ער האָט זיין רעדע אָנגעפאַנגען אויגוסט דעם 23טען, צוויי מאָל איז ער אונטערגעבראָכען געוואָרען, און ער האָט געענדיגט ערשט אויף מאָרגען.

„דער אויסדרוק „אייגענטום־רעכט“ איז פאַרשטענדליך בלויז צו אַ מענשען, וואָס וויים יוריספּרודענץ. וואָס הייסט „רעכט“?

א רעכט שטעלט מיט זיך פאַר א געוויסע מאָס פון פרייהייט. א „רעכט" הייסט די מעגליכקייט צו טאָן וואָס מען וויל טאָן. דאָס וואָרט „רעכט" מיינט די פרייהייט עפּעס צו טאָן. רעדט מען פון „אייגענטום-רעכט" אָדער פון דער „הייליגקייט פון אייגענטום", מיינט מען אין דער ווירקליכקייט דעם מענשען, וועלכער געברויכט דאָס אייגענטום. דאָס „אייגענטום" גופא האָט ניט קיין רעכט".

עס איז אַלזאָ ניטאָ אזא זאַך ווי „אייגענטום-רעכט". דאָס אייגענטום האָט ניט קיין רעכט. דאָס רעכט געהערט צו א מענשען, און רעכט איז בלויז אַן אנדער וואָרט פאַר פרייהייט. ווען מען דיסקוטירט די פראַגע, צי די רעגירונג מעג צונעמען פּריוואַט אייגענטום, מיינט מען צו דיסקוטירען, צי די רעגירונג האָט א רעכט צו באַגרעניצען דאָס רעכט, אָדער די פרייהייט, פון א מענשען צו באַנוצען זיך מיט זיין אייגענטום.

דער ענטפער אויף דעם איז, אַז די רעגירונג טוט עס שטענדיג און אַז זי האַלט אין איין באַגרעניצען דעם מענשענ'ס רעכט אויף זיין אייגענטום.

„דער געזעץ דרינגט מער און מער אריין אין דעם קעניגרייך פון פּריוואַט אייגענטום. נעמט אַלס ביישפּיל די אינשורענס קאָרפּאָריישאָנס. ווען איר שטודירט די געשיכטע פון לאַיף-אינשורענס, וועט איר געפינען א גאַנצען בית-עולם פון שווינדלערישע באַנקראָטירטע קאָמפּאַניעס. היינט ווערט דער קאָנטראַקט צווישען דער אינשורענס קאָמפּאַניע און אירע קליענטען געשריבען פון דער רעגירונג. די קאָמפּאַניעס זיינען באַגאַנגען אזוי פיל שווינדלען, אַז די רעגירונג האָט פון זיי צוגענומען דאָס רעכט צו מאַכען אַליין די קאָנטראַקטען. דאָס זעלבע איז מיט באָרגען געלד אויף פּראָצענט. די רעגירונג זאָגט איצטער צו דעם מענשען, וועלכער וויל באַנוצען זיין אייגענטום אויף לייען עס צו אַנדערע, אַז מער ווי א געוויסען פּראָצענט טאָר ער פאַר דעם ניט פאַרלאַנגען, אַז ער טאָר ניט מאַכען מער ווי א געוויסען פּראָפיט".

אַלע ארבייטער געזעצען, אַלע געזעצען וועגען פאַרהיטען

דעם געזונד פון דער געזעלשאפט, אַלע געזעצען וועגען פרויען און קינדער באגרעניצען דאָס רעכט, וואס דער מענש האָט אויף זיין אייגענטום. און דער פאַקט איז, אַז די אַלע געזעצען זיי־נען טאַקע פון אָנפאנג אָן אויף דעם גרונד באַקעמפט געוואָרען. „יעדע איינע פון די רעפאָרמעס איז באקעמפט געוואָרען אַלס סאָציאַליסטיש, אַלס אַ געפאַר צו אונזער איצטיגער רעגירונגס־סיסטעם. אָבער דער געריכט און די רעגירונגען האָבען זיך גע־מוזט בויגען. זיי האָבען געמוזט אַנערקענען, אַז די אומשטענדען פאָדערען, אַז אַזוינע געזעצען זאָלען געמאַכט ווערען. געגען זייער ווילען, געגען זייערע געפילען זיינען זיי געצוואונגען געוועזען צו־צוגעבען, אַז דאָס רעכט אויף אייגענטום טאָר ניט שטיין הע־כער ווי דער וואוילזיין פון דער געזעלשאפט״.

און לאָנדאָן ערקלערט דעם נייעם באַגריף, דעם סאָציאַליס־טישען באגריף, וועגען דאָס רעכט פון דעם איינצעלנעם אין דער געזעלשאפט. „דער פּראָבלעם פון ציוויליזאציע היינט איז צו געבען דעם איינצעלנעם די גרעסטע מאָס פרייהייט, אויף אַזוי ווייט ווי דאָס שעדיגט ניט דעם וואוילזיין פון דער געזעלשאפט אַלס אַ גאַנצע״. דער איינצעלנער מוז מקריב זיין מיט זיין פרייהייט, אויב די אינטערעסען פון דער געזעלשאפט פאָדע־רען עס.

דאָס הייסט אָבער ניט, אַז די סאָציאַליסטען ווילען אוועקנע־מען פון דעם איינצעלנעם עטוואָס וואָס ער באַזיצט איצטער, אַז דער סאָציאַליזם פאָדערט, אַז צוליב דעם נייעם אידעאַל זאָל דער איינצעלנער אין דער געזעלשאפט זיך היינט אָפּזאָגען פון געוויסע רעכטען און פרייהייטען. לאָנדאָן לייקענט, אַז דער איינצעלנער האָט רעכטען און פרייהייטען אין דער היינטיגער געזעלשאפט. „אין אונזער היינטיגער אָרדנונג הערשט דער גע־זעץ פון כוח. דער שטאַרקערער באהערשט דעם שוואַכערען. דער שוואַכער האָט אויף אַזוי פיל רעכטען און פרייהייטען, אויף וויפיל די געזעלשאפט באַשיצט אים פון דעם שטאַרקערען״. שוין אין דער היינטיגער געזעלשאפט איז דער איינצעלנער אָנגעוויזען אויף דעם שטאַט, אויף דער געזעלשאפט פאַר זיינע רעכטען

און פּריוואַטע. די פראגע איז נאָר די: „וועמען זאָל דער שטאַט דינען, וועמעס רעכטען זאָל דער שטאַט באַשיצען? די רעפובליקאַנער אַנערקענען אייגענטליך דעם פּרינציפּ פון די סאָ־ציאַליסטען. זיי זאָגען אויך, אַז דער שטאַט דאַרף באַשיצען דעם איינצעלנעם. דער אונטערשיד איז נאָר, וואָס די רעפובליקאַנער ווילען, אַז דער שטאַט זאָל באַשיצען דעם רייכען, און די סאָ־ציאַליסטען ווילען, אַז דער שטאַט זאָל באַשיצען דעם אָרימען. די רעפובליקאַנער זיינען די סאָציאַליסטען פון די רייכע: זיי זיינען די סאָציאַליסטען פון דער פּלוטאָקראַטיע. איך בין אַ סאָציאַליסט פון דעם אָרימען מענשען.‟

קאַפּיטעל 38.

לאַנדאָן דער איינציגער פאַרטיידיגער פון רעגירונגס אָנגעשטעלטע

עס איז געווען גאַנץ נאַטירליך, אַז ווען אין קאָנגרעס איז אויפגעשוואומען די פראַגע פון העכערען די ווײדזשעס פון רע־גירונגס אָנגעשטעלטע, זאָל לאַנדאָן ווערען זייער פאַר־קעמפּער, זייער הויפּט פּאַרטיידיגער. אין די אַלע מלחמה־יאָרען, ווען דער יקרות איז געשטיגען און ווײדזשעס זיינען איבעראַל געהעכערט געוואָרען, זיינען פילע טויזענדע אָנגעשטעל־טע אין די רעגירונגס־דעפּאַרטמענטס אינגאַנצען פאַרנאַכלעסיגט געוואָרען; און איצטער, דריי יאָר נאָך דער מלחמה, האָבען זיי נאָך געאַרבייט פאַר די זעלבע אַלטע, פאַר־מלחמה ווײדזשעס. די קאָנגרעס־קאָמיטע פון אַרבייט, פון וועלכער לאַנדאָן איז גע־ווען אַ מיטגליד, האָט צוגעגרייט אַ ביל, וועלכער האָט פאָרגעשלאָגען, אַז די אַרבייטער זאָלען רעקלאַסיפיצירט ווערען, כדי זייערע ווײדזשעס זאָלען דורכדעם ממילא געהעכערט ווע־רען. דער ביל האָט אויך רעקאָמענדירט געוויסע העכערונגען אין דער פאָרם פון באָנוסעס. ווען דער ביל איז פאָרגעלייגט געוואָרען פאַר'ן קאָנגרעס אין מיטען נאָוועמבער, 1921, איז לאַנדאָן איינפאַרטרויט געוואָרען פון דער קאָמיטע מיט דער אויפגאַבע דעם ביל צו פאַרטיידיגען און זען, אַז ער זאָל אָנ־גענומען ווערען.

דער קאַמף איבער דעם ביל האָט זיך אָנגעהויבען אין מיטען נאָוועמבער און האָט אָנגעהאַלטען אַרום אַ מאָנאַט צייט. ווען לאַנדאָן האָט דעם ביל צום ערשטען מאָל ערקלערט און פאַר־טיידיגט, האָט ער ניט ערוואַרטעט קיין שטאַרקע אָפּאָזיציע; ער

האָט אויך ניט ערוואַרטעט קיינע קאָמפּליקאַציעס. אָבערביידע זאַכען האָבען זיך אַנטוויקעלט אין פאַרלויף פון די דעבאַטען. ווען ער האָט זיין קאַמף אָנגעפאַנגען, האָט ער געמיינט, אַז ער וועט האָבען געגען זיך בלויז אַ הייפעלע עקסטרעם־קאָנסערוואַ־טאָרען; אָבער ווען ער האָט געענדיגט, איז ער געשטאַנען איי־נער אליין געגען דער גאַנצער „הויז", אפילו געגען זיין אייגענער קאָמיטע.

ווי אָפּטימיסטיש ער האָט געפילט פון אָנפאַנג, קען מען זען פון דעם טאָן פון זיין ערשטער רעדע: „מר. טשערמאַן און הערען. איך האָף, אַז איר וועט ניט נידערשטימען דעם ביל בלויז דערפאַר, וואָס איך שטיץ אים". ער האָט דאַן זיך אַבי־סעל לוסטיג געמאַכט איבער די געגנער פון דעם ביל: „דער קאָנגרעסמאַן פון מיסיסיפּי האָט נאָכגעטאָן דעם ביישפּיל פון דעם בארימטען ביסמאַרק. יענער פלעגט אויך פאַרלאָזען דעם רייכס־טאַג אַזוי גלייך ווי ער פלעגט ענדיגען ריידען. נאָכדעם ווי ביסמאַרק האָט אָפּגערעדט, האָט קיינער ניט געהאַט וואָס צו זאָ־גען, און נאָכדעם ווי דער הער פון מיסיסיפּי האָט אונז אָפּגעּ־דרשנ'ט זיין תורה, איז ניט וויכטיג וואָס אַנדערע וועלען ריידען".

אַלס הקדמה צו דעם ביל גופא האָט לאָנדאָן פאָרגעלייגט דעם פּרינציפּ, לויט וועלכען ער איז אויסגעאַרבייט געוואָרען, „אין פּריוואַט אינדוסטריע ווערען ווייזשעס באַשטימט לויט דעם געזעץ פון „נאָכפראַגע און אָנבאָט". אונזערע פּראָפעסאָ־רען פון עקאָנאָמיע לערנען אונז, אַז דער געזעץ איז זייער אַ פּשוט'ער, עס איז אַזוי ווי פּאָטייטאָס: איז דאָ אַ גרויסער אָנבאָט פון פּאָטייטאָס, זיינען די פּאָטייטאָס ביליג; איז דאָ אַ גרויסער אָנבאָט פון אַרבייט, איז אַרבייט ביליג. אַזוי לערענט מען פּאָליטישע עקאָנאָמיע אין די קאָלעדזשעס. עס זיינען פאַ־ראַן 800 דזשאָבס און 1000 אַרבייטער פאַרלאַנגען די דזשאָבס, קען מען שניידען די ווייזשעס ביז אַ מינימום.

אַ רעגירונג קען זיך ניט פירען לויט דער ברוטאַלער טעאָריע. מיר דאָ מוזען צוריקשליידערען דעם האַרצלאָזען, גרוי־

זאַמען געזעץ; דער געזעץ פון „פינסטערער וויסענשאַפט", וועלכע איז גאָרניט קיין וויסענשאַפט — די פּאָליטישע עקאָנאָמיע פון דעם קאָנסערוואַטאָר. מיר ווארפען איר צוריק. עס איז דערפאַר פאַר אונז דאָ ניט קיין פראַגע, צי די רעגירונג קען קריגען צו דינגען אַרבייטער פאַר ביליגערע ווייִדזשעס, צי ניט; מיר טאָרען זיך ניט רעכענען מיט דעם פאַקט, וואָס עס גייען איצט אַרום פינף מיליאָן מענשען אָן אַרבייט און אַז עס איז דערפאַר מעגליך צו קריגען אַרבייטער פאַר די נידעריגסטע ווייִדזשעס".

ווען ער איז צוגעטראָטען צו דעם ביל גופא, האָבען זיך גענומען שיטען פראַגען פון אַלע זייטען. מאַנכע קאָנגרעסלייט זיינען מיט זייערע פראַגען געווען אויפריכטיג, זוכענדיג די נויטיגע אינפאָרמאַציע וועגען דער לאַגע פון די אַרבייטער. אַנדערע אָבער האָבען מיט זייערע פראַגען געמיינט לאָנדאָנ'ען צו פאַרפּלאָנטערען, אים צו שטערען אין זיין רעדע. לאָנדאָן איז געצוואונגען געווען צו בעטען עטליכע מאָל זיין צייט זאָל פאַרלייגערט ווערען. דער טשערמאַן פון דער קאָמיטע האָט אים זיין פאַרלאַנג יעדען מאָל באַוויליגט. ער האָט זיין רעדע געשלאָסען מיט די ווערטער:

„מיר טוט לייד, וואָס דער טשערמאַן פון דער קאָמיטע האָט ניט מער קיין צייט מיר צו געבען. איך האָב געוואָלט נאָך ריידען וועגען געוויסע איינצעלהייטען אין דעם ביל. ספּעציעל האָב איך געוואָלט אייך איבערצייגען, אַז די ווייִדזשעס, וואָס די רעגירונגס־אָנגעשטעלטע באַקומען איצטער, זיינען ניט גענוג אויף אַ לעבען צו מאַכען. איך וויל, אַז איר זאָלט ניט פאַרפירט ווערען פון דעם געשריי, אַז די רעגירונג מוז שפּאָרען געלד. דאָס לאַנד איז רייך גענוג און גרויס גענוג און שטאַרק גענוג צו פאַרגרעסערען דעם בודזשעט אויף דריי, פיר אָדער פינף פּראָצענט, אויב דורכדעם וועט די אַרבייט געטאָן ווערען בעסער, מער סיסטעמאַטיש, און אויב דורכדעם וועט דער אַרבייטער פילען, אַז ער ווערט בעסער באַהאַנדעלט און אַז ער איז ניט ווי ביי אַ פּריוואַטען באַלעבאָס".

דער ביל איז גענומען געוואָרען צום אָפּשטימונג אין מיטען

דעצעמבער. ווען די באזונדערע פונקטען זיינען פארגעלעזען געוואָרען, האָט לאָנדאָן באמערקט, אז אין דעם ביל זיינען גע־מאכט געוואָרען א סך ענדערונגען געגען די אינטערעסען פון געוויסע גרופען ארבייטער. אָנשטאָט דעם וואָס ער איז די גאנ־צע צייט געווען דער פאָרקעמפער פון דעם ביל, איז ער איצטער געצוואונגען געווען ארויסצוטרעטען געגען אים, — געגען דעם ביל און געגען דער קאָמיטע, וואָס האָט ערלויבט די ענדערונגען זאָלען געמאכט ווערען. דריי טעג נאָכאנאנד האָט ער זיין קאמף אָנגעפירט. אם ענדע האָט ער געשטימט געגען יענע טייל־לען פון דעם ביל, וואָס האָבען די ענדערונגען אנט־האַלטען.

אין די רעדעס, וואָס ער האָט די דריי טעג געהאַלטען, האָט ער ביטער קריטיקירט זיינע קאָלעגען. עטליכע מאָל איז ער געקומען אין שארפען צוזאמענשטויס מיט זיינע געגנער.

„ווען מען האנדעלט וועגען ווייִדזשעס פאר ארבייטער, רעד־כענט מען זיך ווייניג מיט וויסענשאפטליכע געזעצען. אין פריי־וואט אינדוסטריע ווערען ווייִדזשעס באשטימט דורך דעם גרוי־זאמען געזעץ פון „נאָכפראגע און אָנבאָט"; אין רעגירונגס־ארבייט ווערען די ווייִדזשעס באשטימט פון פּאָליטישענס, און פּאָליטישענס פאָלגען ניט קיינע געזעצען — ניט פון וויסענשאפט, ניט פון פארנונפט. זיי זיינען פראקטישע מענשען, זיי מאכען קאָמפּראָמיסען — קאָמפּראָמיסען מיט'ן גראדען שכל, קאָמפּראָ־מיסען מיט'ן געוויסען, אבי נאָר זיי פירען אויס וואָס זיי ווילען".

ביי דעם פונקט האָט זיך אריינגעמישט א קאָנגרעסמאן מיט א פראגע, און צווישען אים און לאָנדאָנ'ען איז פאָרגעקומען דער פאָלגענדער „שמועס"

קאָנגרעסמאן בעג: איך שטים איין מיט'ן הער און איך גלויב, אז אלע אנדערע דאָ שטימען מיט אים איין. איך וויל אים נאָר פרעגען, צי ער גלויבט, אז דער רעגירונגס-אָנגעשטעל־טער קריגט איצט ווייניגער צו קויפען פאר זיינע ווייִדזשעס, ווי עס קריגט דער ארבייטער ביי פריוואטע באלעבאטים?

מר. לאָנדאָן: וואָס אנבאלאנגט דעם ארבייטער ביים פריי־

וואַטען באַלעבאָס, קריגט ער וויפיל ער איז ווערט צו קריגען. איך שטים איין מיט מר. דזשאָן פּ. מאָרגאַן אין דער פראַגע פון אַרבייטער ביי פּריוואַטע באַלעבאַטים. איידער די מלחמה האָט אויסגעבראָכען, איז פאָרגעקומען אַן אונטערזוכונג פון אַ קאָמי־סיע וועגען אינדוסטריעלע אָנגעלעגענהייטען. מר. מאָרגאַן איז דאָרטען פאָרגערופען געוואָרען אַלס עדות. מען האָט אים גע־פרעגט, וואָס ער דענקט וועגען דעם פאַקט, אַז לאָנגשאָרמען, פאַמיליע־לייט, קריגען אַלס ווײדזשעס ניין דאָלאַר אַ וואָך. זיין ענטפער איז געווען: זיי באַקומען אַזוי פיל ווי זיי האָבען דאָס ווערט. איך שטים מיט אים איין, אַז די אַרבייטער באַקומען אַזוי פיל ווי זייער פּאָליטישער פאַרשטאַנד און זייער אינטעליגענץ באַרעכטיגט זיי צו קריגען. זיי קריגען דאָס, וואָס זיי פאָדערען פאַר זיך ביים באַלאָט־באָקס, אין עלעקשאָן טאָג.

מר. בעג: דער „דזשענטעלמאַן" פאַרשטייט ניט וואָס איך וויל זאָגען.

מר. לאָנדאָן: איך וויים וואָס איר ווילט זאָגען, אָבער איך וויל אויך עפּעס זאָגען. איך וויל זאָגען, אַז די אַרבייטער באַ־קומען דאָס, וואָס זיי האָבען פאַר זיך אָפּגעשטימט אין עלעקשאָן טאָג. זיי באַקומען גאָרניט.

מר. בעג: גייט אין שטאָט און פרעגט זיך נאָך, וועט איר אויסגעפינען, אַז די אַרבייטער באַקומען מיט צוואַנציג פּראָצענט וויינינער ווי עס קריגען רעגירונגס־אָנגעשטעלטע.

מר. לאָנדאָן: אויב אפילו דאָס איז אמת, נעם איך עס ניט פאַר קיין מאָס. איך זאָג אייך, אַז דער סטאַנדאַרד פון ווײדזשעס אין פּריוואַטע אינדוסטריען ווערט ניט באַשטימט דורך אַ מאָראַלען אָדער עטישען געזעץ, נאָר דורך דער מאַכט פון דעם באַלעבאָס בייצוקומען דעם אַרבייטער.

דעם נעקסטען טאָג האָט דער קאַמף צווישען לאָנדאָן און זיין קאָמיטע דערגרייכט דעם העכסטען פּונקט; לאָנדאָן האָט געהאַלטען אין איין פאָרשלאָגען אַמענדמענטס צו העכערען ווײ־דזשעס און די קאָמיטע־לייט האָבען געהאַלטען אין איין אַמענדי־רען דעם ביל צו שניידען ווײדזשעס. לאָנדאָן האָט באַשולדיגט

די קאמיטע, אז זי האט די רעגירונגס-אנגעשטעלטע פארפירט און אפגענארט.

„איך באטראכט די קאנפערענצען, צו וועלכע די רעגירונגס-אנגעשטעלטע האבען געשיקט זייערע פארטרעטער, אזוי הייליג, ווי אן אפיציעלער געזעצליכער קאנטראקט. זיי קענען ניט סטרייקען געגען דער רעגירונג, זיי האנדלען ניט מיט דער רעגירונג אזוי ווי מען האנדלט מיט א פריוואטען באלעבאס. זיי זיינען געקומען צו אונזער קאמיטע און פארגעלייגט זייער צד. זיי האבען באטראכט די העכערונגען, וועלכע מיר האבען זיי אנגעבאטען. זיי האבען אויסגעדריקט זייער מיינונג. די קאמיטע האט זיך מיט זיי אויסגעגליכען. זיי האבען אויסגעדריקט זייער צופרידענהייט מיט דער פארשטענדעניש, כאטש מאנכע פון זיי האבען פראטעסטירט, אז די העכערונגען זיינען צו קליין... און נאכדעם ווי די קאמיטע האט איר רעפארט אריינגעטראגען אין קאנגרעס און מיר דא האבען די פראגע גענומען פארהאנדלען, האט זיך די קאמיטע פלוצלינג מיישב געווען און האט אליין די סומען אין די העכערונגען אראפגעשניטען. די קאמיטע האט מורא געקראגען, טאמער וועלען די פריוואטע באלעבאטים פארדאמען די האנדלונג פון קאנגרעס — די פריוואטע באלעבאטים ווילען, נאטירליך, בעסער, אז די רעגירונג זאל נאכטאן זייער ביישפיל און אנשטאט די ווידזשעס צו העכערען זאל זי די ווידזשעס שניידען. איך האב פאר די פריוואטע באלעבאטים ניט מורא".

און לאנדאן באווייזט מיט אפיציעלע ציפערען, אז די ארבייטער קענען ניט מאכען קיין לעבען מיט די ווידזשעס, וואס די קאמיטע באט זיי אן. און ער אפעלירט אין נאמען פון מענשליכקייט, גערעכטיגקייט און אפילו אין נאמען פון פראקטישקייט.

„דער עלעמענט פון פערזענליכער באציאונג צווישען באלעבאס און ארבייטער עקזיסטירט ניט אין דער רעגירונגס-דינסט. עס פעלט דער פערזענליכער עלעמענט. די רעגירונג אלס באלעבאס איז אן אבסטראקציע. און אויב דער ארבייטער

פּילט ניט, אַז די רעגירונג פאַרזאָרגט אים מיט אַ געהעריגען לעבען, אויב ער פּילט ניט, אַז די רעגירונג באַהאַנדלעט אים ווי געהעריג איז, וועט ער ניט טאָן זיין ארבייט בשלומות, וועט ער זיך ניט קימערען, צי די אויפגאַבען זיינע ווערען ריכטיג דורכגעפירט".

די דעבאַטע איז פאַרטגעזעצט געוואָרען אויף מאָרגען. לאָנדאָן האָט ווידער געקעמפט נעגען דער קאָמיטע, דעם מאָל אָבער האָבען זיינע געגנער פאַרלאָרען זייער געדולד. זיי זיינען געוואָרען אויפגעבראַכט נעגען לאָנדאָנ'ען און איינער האָט גע־מאַכט די אינסינואַציע, אַז לאָנדאָן זוכט ניט גערעכטיגקייט, נאָר וואוטס. אויף דעם האָט לאָנדאָן אַזוי געענטפערט: „וואָס אנבאַלאַנגט וואוטס, קימערען זיי מיר ווייניג. דער רעגירונגס־אָנגעשטעלטער האָט סיי־ווי מורא צו וואוטען ווי ער וויל. ער איז געצוואונגען צו שטימען פאַר דער פּאַרטיי, וואָס איז אין מאַכט. דאָס איז איינע פון די אורזאַכען, פאַרוואָס איך בין נעגען נידעריגע ווייַדזשעס — נידעריגע ווייַדזשעס פאַרניכטען אין דעם מענשען זיין שטאָלץ, זיי פאַרניכטען אין אים זיין גלויבען, אַז ער קען ערגעץ אַנדערש עפּעס פאַרדינען, זיי פאַרניכטען אין אים זיין זעלבסטווירדע".

ווען דער ביל איז ענדליך גענומען געוואָרען צו אָפּשטימונג, האָט לאָנדאָן געפאָדערט, אַז אויף די אַמענדמענטס צו רעדוצי־רען די פּריערדיגע ליסטעס פון העכערונגען זאָל געשטימט ווע־רען באַזונדער. די פאָדערונג איז פאַרוואָרפען געוואָרען פון דער „הויז" כמעט איינשטימיג. לאָנדאָן האָט דאַן געמאַכט אַ לעצ־טען פאַרצווייפעלטען פאַרזוך ניט צוצולאָזען אינגאַנצען צו אַן אָפּשטימונג. ער האָט ערקלערט, אַז עס איז ניטאָ אין „הויז" קיין „קוואָרום". דאָס איז טאַקע געווען אמת. די פּאַרטיי־פירער האָבען אָבער אַרויסגעשיקט שלוחים, וועלכע האָבען גע־בראַכט אַ צאָל פון אָפּוועזענדע קאָנגרעסלייט און דער ביל איז אָנגענומען געוואָרען אין דער פאָרמע ווי די קאָמיטע האָט אים געענדערט.

קאַפּיטעל 39.

רעגירונגס הילף פאַר קינדער

מאַנכע פון לאַנדאַנ׳ס קירצערע רעדעס אין קאָנגרעס האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט מער ליידענשאַפט און לאָגיק ווי די לייגנערע און מער דורכגעטראַכטע רעדעס. ספּעציעל איז דאָס דער פאַל געווען, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אַ פראַגע, וואָס האָט אָנגערירט די אינטערעסען פון די אָרימע קלאַסען. דער פאַקט אַליין איז גענוג געווען אויפצואוועקען אין אים אַלע זיינע גייסטיגע כוחות און אַלע זיינע טיפסטע געפילען.

אזא רעדע האָט לאַנדאַן געהאַלטען איבער דעם מעטוירניטי ביל (מוטערשאַפט ביל), וועלכער האָט פאָרגעשלאָגען, אַז די פעדעראַלע רעגירונג זאָל ביישטייערען געוויסע סומען געלד צו העלפען די באַזונדערע סטייטס אין זייער „וואוילטעטיגקייט פאַר קינדער". אזוי ווי די מערסטע בילס, וואָס זיינען נוגע סאָציאַלע און אַרבייט רעפאָרמען, האָט אויך דער ביל פאָרגעשלאָגען, אַז עס זאָל געגעבען ווערען בלויז אַ קליינער טייל פון דעם, וואָס האָט געדאַרפט געגעבען ווערען. אָבער אביסעל איז בעסער ווי גאָרניט. לאַנדאַן האָט געשטימט פאַר דעם ביל. איידער ער האָט עס געטאָן, האָט ער אָבער אָנגעוויזען ווי פעלערהאַפט, ווי קאַרג ער איז; און ער האָט באַוויזען, אַז די שולד ליגט אויף די פּאָליטישענס און אויף די כלל־טוער פון אַ געוויסען טיפּ.

„די צרה מיט דעם ביל איז, וואָס ער איז פאַרקריפּעלט. דער נאָמען זיינער איז אויך פאַרפירעריש. איך וויים ניט, צי דאָס זוכען די פרויען רעפאָרמערס אָפּצונאַרען די פּאָליטישענס, אָדער די פּאָליטישענס זוכען אָפּצונאַרען די פרויען רעפאָרמערס.

ווארשיינליך זוכען זיי ביידע אַפּצונאַרען איינע די אַנדערע... עס זיינען פאַראַן צוויי סאָרטען פרויען רעפאָרמערס. איין סאָרט באַשטייט פון פרויען, וועלכע זיינען מיד פון לעבען, ווייל זיי האָבען אויסגעזוען אַלע „פערד שאָוס״, אַלע „הינט שאָוס״, אַלע „קעץ שאָוס״ און אַלע „דיפּלאָמאַטישע שאָוס״. זיי זוכען דער־פאַר פאַרוויילונג אין כלל־ארבייט. זיי זיינען רייך און האָבען ניט וואָס צו טאָן. פאָלגען זיי די לעצטע מאָדע אין רעפאָרם־ארבייט. זיי האָבען גענוג געלד צו דינגען סעקרעטאַרס און יענע שטודירען און פאַרשען פאַר זיי. זיי קלייבען צונויף אַרום זיך אַלערליי קרענקס און זיי זיינען אימער גרייט מען זאָל זיי אַגיטירען און צו אַגיטירען פאַר אַנדערע. דער סאָרט פרויען רעפאָרמערס טויגען פאַר מיר ניט. צום גליק אָבער איז זייער צאָל ניט גרויס; די מערסטע פרויען, וואָס גיבען זיך אָפּ מיט רעפאָרם־ארבייט, זיינען גאַנץ אַנדערע מענשען״.

איידער לאָנדאָן אַנאַליזירט די חסרונות פון דעם ביל, וויזט ער אָן אויף די באַהאַלטענע מאָטיווען פון די, וואָס זיינען געגען דעם, אַז די רעגירונג זאָל גאָר געבען געלד פאַר אַזוינע צוועקען:

„איך זאָג, אַז די, וואָס זיינען געגען אַזוינע בילס, זיינען ניט אינגאַנצען נאַריש. עס איז דאָ אַ פּונקט, וואו היגענע קומט אין באַרירונג מיט סאָציאַלע וויסענשאַפט און זיי האָבען פאַר דעם מורא. וואָס זאָל אַן ערליכער דאָקטאָר טאָן, ווען ער קומט אין אַן אָרימע הויז? אַנשטאָט צו פאַרשרייבען אַ רע־צעפּט אין לאַטיין, דאַרף ער אין ניין פון צען פאַלען זאָגען דעם חולה: מיין ליבער מאַן, מעדיצין איז אַ האַמבאַג. איך קען דיר קיין רעצעפּט ניט געבען. דו דאַרפסט רו, דו דאַרפסט בעסערע שפּייז, דו דאַרפסט בעסערע קליידער, דו אַרבייטסט צו שווער, די באַדינגונגען אין דיין פאַבריק פאַרניכטען דיין געזונט. נעם צונויף די ביסעל ווילענס־קראַפט און ענערגיע וואָס דיר איז נאָך פאַרבליבען און העלף פאַרבעסערען דיינע אייגענע אומ־שטענדען און די אומשטענדען פון די איבעריגע מענשען, וואָס לעבען ווי דו״. . . די מעכטיגע אין אונזער לאַנד זיינען געגען

דער קינדער׳ס ביורא, ווייל זי דעקט אויף מאנכע פון די שרע־קען פון אונזער אינדוסטריעלען סיסטעם״.

און דאס ברענגט לאנדאנ׳ען צו דעם הארץ פון דער פראגע, צו די חסרונות פון דעם ביל און צו דער צוריקגעשטאנענקייט פון די רעפארמערס. ער ווייזט אן אויף די שלוסען צו וועלכע די וויסענשאפט איז געקומען וועגען דעם, ווי אזוי קינדער דאר־פען געהאדעוועט ווערען, וואס פאר א שפייז זיי מוזען קריגען, וואס פאר קליידער, קאמפארט, וואס פאר אן אומגעבונג. און דאן רופט ער אוים צו זיינע קאלעגען:

„לעזט פאר די וויסענשאפטליכע שלוסען צו די דירעקטארען פון שטאל טראסט, פון וואל סטריט. וויפיל ארבייטער אין אונ־זערע וויכטיגסטע אינדוסטריען קענען פארזארגען זייערע קינדער מיט די זאכען וואס די וויסענשאפט זאגט, אז א קינד מוז האבען פאר זיין נארמאלע ענטוויקלונג? וואס טוען אונזערע רעפאר־מערס צו העלפען ארגאניזירען די געזעלשאפט אזוי, אז יעדער פאטער פון א פאמיליע זאל מיט זיין ערליכער ארבייט קענען פארזארגען זיינע קינדער מיט די אלע באדירפניסען?״

די רעגירונג פארנאכלעסיגט דעם געזונט פון די קינדער; די רעגירונג קארגט געלט, ווען עס האנדעלט זיך וועגען העלפען די גרויסע מאסען. אבער דאס איז ניט דאס ערגסטע. די רעגירונגס בעאמטע דערלאזען ניט אז די מאסען זאלען זיך דערוויסען דעם אמת וועגען זייערע אייגענע אומשטענדען. די רעגירונג־בעאמטע זאגען ניט אוים די מוטערס פון די בייבים דעם אמת, אז אום צו קענען ערציען א געזונטע בייבי מוז זי פריער פארבעסערען איר עקאנאמישע לאגע.

„זעט איר ניט, ווי די פארטיידיגער פון אנגעזאמעלטען קאפיטאל קוקען אויף די זאכען? זיי וואלט ניט געארט אז די וויסענשאפט פון היגיענע זאל פראפאגאנדירט און פארשפרייט ווערען. זיי האבען אבער מורא, אז אויב די געזעצען פון היגיענע וועלען ווערען פאפולער, וועט עס ווירקען אז די מענשען זאלען נעמען טראכטען וועגען דער נויטווענדיגקייט פון אויסבעסערען די עקאנאמישע און סאציאלע אומשטענדען אונטער וועלכע זיי

לעבען. און דאָס טויג ניט פאַר די פאַרטיידיגער פון דער איצ־טיגער אָרדנונג."

דער נאָמען פון ביל באַווייזט, אַז די לייט, וועלכע האָבען אים פאַרפאַסט, האָבען מורא געהאַט אַרויסצוקומען מיט'ן אמת, אַז זיי האָבען געזוכט עפּעס צו באַהאַלטען. „דער ביל ווערט באַצייכענט מיט'ן נאָמען מאַטוירניטי (מוטערשאַפט) ביל. הייסט עס, אַז ער האָט אַ שייכות מיט זאָרגען פאַר דער פרוי בשעת זי דאַרף ווערען אָדער בשעת זי ווערט אַ מוטער. אָבער אין דעם ביל איז גאָר וועגען דעם קיין וואָרט ניטאָ. העלפען מוטערשאַפט הייסט „געבען מעדיצינישע און פינאַנציעלע הילף צו פרויען, וואָס דאַרפען ווערען מוטערס. די הילף דאַרף קומען פון אַ פאָנד, וואָס איז באַוויליגט פון דער רעגירונג אָדער וואָס ווערט געזאַמעלט פון די אינדוסטריען אין וועלכע די פרויען זיי־נען באַשעפטיגט".

אָבער טראָץ די אַלע אויסזעצונגען האָט לאָנדאָן קיין אַנ־דער ברירה ניט געהאַט ווי צו שטימען פאַר דעם ביל: „כאָטש דער ביל איז פעלערהאַפט, כאָטש ער מיסרעפּרעזענטירט די אמת'ע צילען זיינע, וועל איך שטימען פאַר אים. אויב ער וועט קיין אַנדער זאַך ניט אויפטאָן, וועט ער אָבער לייכטער מאַכען די אויפקלערונגס אַרבייט וואָס די קינדער'ס ביוראָ פירט אָן. די אַרבייט פון אויפקלערונג איז נויטיג פאַר ערהאַלטען מענשען ביים לעבען און ביים געזונט".

קאַפּיטעל 40.

לאָנדאָן פאָדערט אַמעריקא זאָל אַנערקענען די סאָוועטן־רעגירונג

אין דער זעלבער צייט, וואָס די קאָמוניסטען האָבען געגען לאָנדאָנ׳ען אָנגעפירט די עקעלהאַפטסטע העצעס, פאַרדאַמענדיג אים אַלס אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנער און אַלס אַ שונא פון דער סאָוועטען מאַכט; אין דער זעלבער צייט, וואָס דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל האָט לאָנדאָן׳ס נאָמען פאַרשריבען אויף דעם צעטעל פון „פאַררעטער און פאַרפירער" — האָט לאָנדאָן אין קאָנגרעס פאָרטגעזעצט זיין קאַמף אין פאַרטיידיגונג פון דער סאָוועטען רעגירונג. זיינע קאָלעגען אין קאָנגרעס האָבען אים באַצייכענט אַלס באָלשעוויק און פון אים געפאָדערט אַ חשבון פאַר אַלע חטאים אין וועלכע זיי האָבען די באָלשעוויקעס באַשולדיגט. דאָס האָט אים אויך ניט איבערגעשראָקען. ער האָט זיך געהאַלטען ביים זעלבען שטאַנדפּונקט וואָס ער האָט גענומען גלייך ווי די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכען. ער האָט זיך ענטזאָגט צו משפּט׳ן אַ פאָלק פון 150 מיליאָן מענשען, וואָס האָט געזוכט דורכצוברעכען פאַר זיך אַ וועג דורך פינסטערניש און ליידען צו דעם ליכט פון ציוויליזאַציע. ווי לאָנדאָן האָט עס געזען, איז רוסלאַנד׳ס פּראָבלעם באַשטאַנען פון איין זאַך — ניט אַראָפּצוגליטשען זיך צוריק אין די לאַפּעס פון די מאָנאַרכיסטען און פּריצים. ער האָט געוואוסט אַז דאָס רוסישע פאָלק האָט ניט געוואָלט אַז דער אַלטער צארישער רעזשים זאָל צוריקקומען. זיי האָבען פיר לאַנגע יאָר פאַרטיידיגט די רעוואָלוציע מיט זייערע לעבענס, צוריקשטויסענדיג יעדען

פרעמדען שונא, יעדען צארישען אויפשטאנד. אָבער אפילו צום ווילען פון א פאָלק איז אויך דאָ א גרענעץ. די לאנגע, שווערע ליידען קענען אים ענדליך באזיגען, צושמעטערען. און רוסלאנד האָט געליטען אומגעהויער. ווי לאנג נאָך וועט זי קענען אויס־האלטען ?

אָט די זאָרג פאר רוסלאנד'ס שיקזאל האָט לאָנדאָנ'ען בא־וואויגען אריינצוטראָגען א רעזאָלוציע אין קאָנגרעס, וועלכע האָט אויפגעפאָדערט דעם פּרעזידענט ער זאָל איינשטעלען פרידליכע באציאונגען צווישען די פאראייניגטע שטאטען און רוסלאנד. ענליכע רעזאָלוציעס זיינען פאָרגעשלאָגען געוואָרען פון אנדערע קאָנגרעסלייט און סענאטאָרען, אָבער יענע האָבען אלס מאָטיוו אָנגעגעבען די פּאָליטישע און קאָמערציעלע געווינסען פאר אמע־ריקא ; לאָנדאָן האָט אלס מאָטיוו אָנגעגעבען די ערהאָלונג פון רוסלאנד, דעם וואוילזיין פון רוסישען פאָלק. ער האָט זיין רע־זאָלוציע באזירט אויף „דער מארטירערשאפט, וואָס דאָס רוסי־שע פאָלק האָט געליטען דורך די זיבען יאָר פון קריג, בלאָקאדע און חרם וואס די אנדערע לענדער האָבען אויף איר ארויפ־געלייגט". ער האָט גע'טענה'ט אז, „דאָס רוסישע פאָלק מוז קריגען דאָס רעכט צו לעזען זיינע שווערע פּראָבלעמען אָן שטערונגען און אָן אריינמישונגען פון אנדערע לענדער ; אז אום עס זאָל מעגליך זיין פאר רוסלאנד צו עטאבלירען נאָרמאלע באדינגונגען, מוז זי באקומען הילף און שטיצע פון לענדער וואס האָבען דעמאָקראטישע אינסטיטוציעס און ערפארונגען". און ער האָט אונטערגעשטראָכען, אז דערמיט וואָס די מעכטע „ענטזאגען זיך די איצטיגע רעגירונג פון רוסלאנד צו אנערקענען, ערמוטי־גען זיי דעם פּראָפעסיאָנעלען סאָלדאט, דעם פּאָליטישען אוואנ־טוריסט, דעם אָנהענגער פון צארישען רעזשים צו העצען צו בירגער־קריג".

אין אָן ערקלערונג צו דער פּרעסע וועגען זיין רעזאָלוציע האָט לאָנדאָן געמאכט זיין שטאנדפּונקט נאָך קלערער : „די איצטיגע רעגירונג פון רוסלאנד עקזיסטירט שוין איבער צוויי יאָר. אזוי ווי אלע רעגירונגען וואס זיינען געבוירען געוואָרען

פון רעוואָלוציעס, ווערט זי באשולדיגט אין גוואַלדטאַטען. כאָטש עס איז שווער צו האָבען פאַרלעסליכע אינפאָרמאַציע וועגען רוס־לאַנד, איז אָבער באַשטימט, אז די שטירצונג פון דער איצטיגער רעגירונג וועט ברענגען כאָאָס און עס איז אויך מעגליך, אז דער אַלטער צארישער רעזשים וועט דאַן צוריקקומען... מיר מוזען אויפהערען צו שפּילען זיך אין באהעלטעניש. ענטוועדער מיר שטיצען די פאַרשידענע באַנדעס פון פּאָליטישע אַוואַנטיורים־טען, וועלכע אָרגאַניזירען אויפשטאַנדען אָדער מיר אנערקענען דעם פאַקט, אז אין רוסלאַנד איז איצט פאַראַן אַ רעגירונג. . . . מיר האָבען אימער אנערקענט רעגירונגען ניט אַכטענדיג אויף דעם, צי זיי פירען זיך לויט אונזערע אידעען צי ניט. מיר האָבען געהאַט באַציאונגען מיט'ן צאַר, מיט דעם קייזער, מיט דעם טערקישען סולטאַן. מיר שטייען היינט אין באַציאונגען מיט דעם מיקאַדאָ פון יאַפּאַן, כאָטש ער וועט זיכער ניט אויס־האַלטען קיין עקזאַמען אַלס דעמאָקראַט".

די פיינדליכע שטימונג געגען רוסלאַנד איז אָבער דאַן גע־ווען אַזוי שטאַרק און אַזוי אַלגעמיין אז די פירער פון קאָנגרעס האָבען ניט דערלאָזען דאָס לאָנדאָן'ס רעזאָלוציע צו אנערקענען די סאָוועטען מאַכט זאָל אפילו פאַרהאַנדעלט ווערן.

און אפילו דער שוידערליכער אומגליק, וואָס איז באַפאַלען רוסלאַנד אין יאָר 1921, דער גרויסער הונגער, וועלכער האָט פאַראורטיילט מיליאָנען פון איר באַפעלקערונג צו אַ גרויזאַמען טויט, אפילו די טראַגעדיע האָט ניט געקענט איינשטילען די שנאה אין די הערצער פון פילע קאָנגרעסלייט. די באַריכטען וואָס אַמעריקאַנער אויספאָרשער האָבען צוריקגעבראַכט פון די געטראָפענע געגענדען, האָבען אַרויסגערופען סימפּאַטיע און ער־וועקט רחמנות אין דעם אַמעריקאַנער פאָלק. די קאָמיטע איבער אויסלענדישע אנגעלעגענהייטען האָט רעקאָמענדירט צום קאָנגרעס ער זאָל באוויליגען 20 מיליאָן דאָלאַר אויף צו העלפען די הונ־גער־קרבנות. אַרויסטרעטען געגען דעם האָט כמעט קיינער ניט געוואַגט, אָבער מאַנכע פון די לייטענדע גייסטער אין קאָנגרעס האָבען זיך ניט געקענט צוריקהאַלטען פון אריינוואַרפען עטליכע

גיפט טראָפענס אין דעם הילפס־בעכער. זיי האָבען צוגעשטימט, אז די שטיצע זאָל געגעבען ווערען, אָבער דערביי האָבען זיי דערמאָנט די באָלשעוויקעס און דעם גאַנצען רוסישען פאָלק, אז זיי זיינען ניט ווערט די הילף און די סימפּאַטיע וואָס אמעריקא גיט זיי.

נעגען די באַליידיגונגען האָט לאָנדאָן פּראָטעסטירט אין א קורצער רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטען איבער דעם הילפס־ביל. ער האָט אָנגעפאַנגען מיט א סאַטירישער באמערקונג צום טשער־מאַן פון דער „קאָמיטע אָן רולס", די מעכטיגסטע קאָמיטע אין דער „הויז":

„מר. ספּיקער, איך האָב בלויז פינף מינוטען צו ריידען איבער דער ברייטער טעמא. דער טשערמאַן פון דער קאָמיטע אָן רולס האָט באוויזען איין זאַך, אז ער איז ניט געמאַכט פון דעם שטאָף פון וועלכען פּרעזידענטען זיינען געבויט. דער פּרע־זידענט פון די פאראייניגטע שטאַטען האָט פאַרהאַנדעלט די זעלבע פראַגע אין זיין מעסעדזש. ער האָט די שולד פאַר דער טריקעניש אויף די פעלדער ניט ארויפגעוואָרפען אויף דער סאָ־וועטישער רעגירונג."

און לאָנדאָן האָט דאַן באוויזען, אז ניט רוסלאַנד האָט גע־זינדיגט נעגען אנדערע, נאָר אז אנדערע האָבען געזינדיגט נעגען איר, און אז אירע אומגליקען זיינען ניט פאראורזאַכט געוואָרען פון די באָלשעוויקעס נאָר פון דער פאַרשווערונג וואָס די אנדערע רעגירונגען האָבען געמאַכט נעגען דער באָלשעוויסטישער רעגי־רונג.

„ערשט נאָכדעם ווי די עליים און ספּעציעל די פראַנצויזישע באַנקירען האָבען געמאַכט א פאַרזוך צו צווינגען רוסלאַנד זי זאָל באַצאָלען אירע וועקסלען. . . ערשט נאָכדעם, ווי אונזער רעגירונג, צוזאַמען מיט די אנדערע עליים־מעכטע האָבען אָנגע־הויבען שטיצען די אימפּעריאַליסטישע פּאָליסי פון פראַנקרייך. . . ערשט נאָכדעם ווי די עליים האָבען גענומען באַזאָרגען מיט געווער יעדען שאַרלאַטאַן און אוואַנטוריסט וועלכער האָט אונטערנו־מען צו פירען א בירגער־קריג נעגען רוסלאַנד. . . ערשט נאָכדעם

ווי די בלאָקאַדע איז עטאַבלירט געוואָרען. . . ערשט נאָך די אַלע פּאַסירונגען איז רוסלאַנד אין גאַנצען צוזאַמענגעבראָכען. די דעניקינס, די וורא נגעלס, די קאָלטשאַקס האָבען פּערפּלייצט די מינעס, פאַרוויסטעט די פעלדער, פאַרניכטעט די באַנען — די מאָנאַרכיסטען זיינען די גאַנצע צייט געשטיצט געוואָרען פון די עליים רעגירונגען אָן דער באַפּאָלמעכטיגונג פון קאָנגרעס, אָן דער צושטימונג פון דעם אַמעריקאַנער פּאָלק.

„אונזער רעגירונג האָט געפירט אַ מלחמה געגען דעם רוסישען פאָלק. די סומע פון 20 מיליאָן דאָלאַר וואָס מיר באַווילינען איצט פאַר די הונגער־ליידענדע פון דער וואָלגא געגענט וועט זיין אַ זייער קליינע באַלוינונג פאַר די זינד וואָס מיר זיינען באַגאַנגען און וואָס מיר באַגייען נאָך איצטער געגען דעם רוסישען פּאָלק.“

קאפיטעל 41.

לאנדאנ׳ס אויפפאסונג פון דער נעגער־פראגע

זייט די שטורמדיגע טעג פון דעם בירגער קריג און פון דער רעקאנסטרוקציע האט מען אין קאנגרעס ווארשיינליך קיינמאל ניט געהערט אזא פארטיידיגונג פון דעם נעגער, אזא אויפפאסונג פון דעם נעגער־פראבלעם, ווי מען האט געהערט פון מאיר לאנדאן, ווען ער האט דארטען גערעדט וועגען דעם אנטי־לינטשינג ביל אין פרילינג פון 1922. דער ביל האט געזוכט דעם נעגער כאטש עטוואס צו באשיצען געגען דעם מאב־טעראר, פון וועלכען ער האט אזוי פיל געליטען זייט די קאנסטיטוציע האט אים גאראנטירט פאלשטענדיגע גלייכהייט מיט דעם וויסען מיט־בירגער. די רעפובליקאנישע פארטיי האט זיך קענטיג גענומען שרעקען, טאמער וועלען די נעגערס ענדליך איינזען אז דער צוטרויען וואס זיי האבען צו איר די אלע יארען געהאט איז געווען א טעות, אז אין דער אמת׳ן איז די רעפובליקאנישע פארטיי געווען א שטילער שותף צו די דעמאקראטען פון דער סאוט אין זייער פארפאלגונג און אונטערדריקונג פון די שווארצע. דער אנטי־לינטש ביל האט געדארפט דינען אלס א מיטעל דעם נעגער ווייטער צו פארבלענדען די אויגען און אים ווייטער צו האלטען צוגעבונדען צו דער לינקאלנ׳ס פארטיי, צו דער פארטיי וואס האט אים געגעבען פרייהייט מיט זעכציג יאר צוריק.

לאנדאן האט וועגען דעם ביל גופא ווייניג גערעדט. ער האט זיין צייט געווידמעט צו ריידען וועגען די אלגעמיינע באציאונג פון די ווייסע צו די נעגערס, וועגען דעם היסטארישען פארברעכען וואס די ווייסע אין אמעריקא זיינען געגען די נעגער באגאנגען.

„איך באטראכט דעם נעגער אלס מיין שוואכערען און איג־נערען ברודער. איך בין אים שולדיג די פליכט אים צו פאר־טיידיגען. ער איז איין א מינאָריטעט. ער איז אהער ניט גע־קומען מיט זיין פרייען ווילען. ער איז געבראכט געווארען אהער איבער געוואלט. מיר מוזען די זינד פון אונזער פארגאנגענהייט פאררוכטען; די זינד וואס איז באגאנגען געווארען ניט נאָר פון די שקלאפען־אייגענטימער פון דער סאוט, נאָר אויך פון די שקלאַ־פען־הענדלער אין דער נאָרט. מיר זיינען דעם נעגער שולדיג אונ־זער ליבע וויל מיר האָבען אים פאר א מארטירער געמאכט... דער אונוויסענדער ווייסער ארבייטער באגרייפט ניט, דאָס יעדעס מאָל וואס דער שווארצער ארבייטער ווערט בארויבט פון זיינע פאָליטישע, עקאָנאָמישע און סאָציאַלע רעכט איז עס א קלאפ פאר דעם גאנצען ארבייטער קלאס. צום גליק הייבט אָן די ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא צו באציען זיך מער ברידער־ליך צום נעגער".

לאָנדאָן לייגט דעם הויפט געוויכט אין דעם נעגער־פּראָבלעם אויף דער אונוויסענהייט און די פּאָראורטיילען פון די מאסען. די נעגער־פראגע וועט געלעזט ווערען בלויז דורך בילדונג און אויפקלערונג; אבער דערווייל מוז די רעגירונג באשיצען דעם נעגער און טאָן מוז זי עס ניט דורך ספּעציעלע נעגער־געזעצען, נאָר דורך אויסראָטען געוואלט און מאב־טעראָר אין אַל־געמיין, אָן אונטערשיד געגען וועמען דאָס איז געריכטעט, אָן אונטערשיד פון וועמען דאָס ווערט ערמוטיגט און אָנגעפירט.

„איך וואָלט געוואונשען אז די פראגע זאָל ניט פארהאַנ־דעלט ווערען אָלס א פראגע פון דער סאוט אָדער פון דער נאָרט. זייט די מלחמה, זייט דאָס לעבען פון מענשען איז גע־וואָרען ביליג און איידעלע יונגע לייט זיינען אויסגעמושטירט געווארען אין דער מלאכה פון שטעכען און שיסען מענשען, זייט דאָן האָט זיך איבער'ן לאַנד פארשפרייט מאב־טעראָר. מאב־געוואלט איז געוואָרען א נאַציאָנאַלע קללה. עס איז שוין מער ניט א פראגע וואָס רירט אָן בלויז איין טייל פון לאַנד. דער נעגער איז ניט מער דער איינציגער קרבן. מיט צוויי טעג צו־

ריק איז געווען אַ מעלדונג, דאָס אין דעם סטייט לואיזיאַנאַ האָט אַ מאָב געפאַנגען אַ לאַיער, וואָס איז אַהין געקומען פאַר־טיידיגען אַרעסטירטע מיטגלידער פון דער אינדאַסטריעל וואָיר־קערס אָוו דהי וואָירלד. . . אַ מאָב האָב געקידנעפּט און מיס־האַנדעלט אַ לאַיער, וועלכער איז געקומען טאָן זיין הייליגע פליכט פון פאַרטיידיגען מענשען און זיי ראַטעווען פון אַ גע־פאַר. . . אַלס סאָציאַליסט, וואָס גלויבט אַז די רעטונג פון דער מענשהייט וועט קומען דורך ליבע, געפירט פון פאַרנונפט און אַז ציוויליזאַציע באַשטייט אין פאָלגען דעם קאָלעקטיווען אויס־דרוק פון אַן אויפגעקלערטען ווילען. . . פאַרדאַם איך יעדע פאָרמע פון מאָב־טעטיגקייט".

צום שלום האָט לאָנדאָן געזאָגט עטליכע שטאַרקע ווער־טער וועגען לינטשעריי, ווערטער וואָס האָבען אין יעדען איינ־טעליגענטען אַמעריקאַנער געמוזט אַרויסרופען אַ געפיל פון ווייטאָג, פון בזיון:

„מיך האָט אָפט געוואונדערט, פאַר וואָס די פאַראייניגטע שטאַטען, דער הערליכסטער עקספּערימענט אין נאַציאָנאַלער געבוי, האָט ניט אויסגעאיבט אַ טיפערען איינפלוס אויף אַנדערע לענדער, האָט דאָרטען ניט סטימולירט אַ טיפערען רעס־פּעקט פאַר דעם דעמאָקראַטישען געדאַנק. די נבואה פון טאָ־מאַס פּעין נאָך דער רעוואָלוציע, אַז ביז'ן סוף פון דעם 18טען יאָרהונדערט וועט יעדעס לאַנד אין אייראָפּאַ ווערען אַ רעפּוב־ליק, איז ניט מקוים געוואָרען. פאַר וואָס? ווייל די גלאָרי פון די פאַראייניגטע שטאַטען איז ביז דעם יאָהר 1860 פאַר־דונקעלט געווארען דורך דעם שאָטען פון שקלאַפעריי. און זייט 1860 איז צווישען דער וועלט און די פאַראייניגטע שטאַ־טען אימער געהאָנגען דער וואָלקען פון דעם לינטשער און דעם מאָב".

די נעגערס פון לאַנד זיינען פון לאָנדאָנ'ס רעדע טיף גע־רירט געווארען, און זיי האָבען אויסגעדריקט זייער דאַנקבאַר־קייט צו אים. פון דעם סעקרעטער פון דעם „נאַציאָנאַלען פאַרבאַנד פאַר דער ענטוויקלונג פון דער נעגער ראַסע" האָט

לאָנדאָן באקומען א דאנק־בריף: „מיר זיינען אייך דאנקבאַר פאַר דעם מוט וואָס איר האָט געהאט צו שטעלען זיך געגען אייערע פילע שונאים און ארויסזאָגען אייערע איבערצייגונגען".

פון די נעגער אין לאָס אַנדזשעלעס האָט ער באקומען א מער ווארימען בריף: „ווען איר וואָלט אַנוועזענד געווען ביי דעם מאַסענפארזאמלונג אין אונזער נעגער־פאָרום, וואו אייער באַרימטע רעדע איז פאָרגעלייענט געווארען, וואָלט אייער הארץ געשפרונגען פון טיפער פרייד".

קאפיטעל 42.

דער ערשטער סאָציאַליסטישער געזעץ געפּאַסט אין די פאַראייניגטע שטאַטען

דער 12טער יאַנואר, 1922, איז געווען אַ גליקליכער טאָג פאַר קאָנגרעסמאַן מאיר לאָנדאָן און אַן אונפּארגעסליכער טאָג פאַר אַלע סאָציאַליסטען אין אמעריקא. אין יענעם טאָג האָט דער פּרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאַטען צום ערשטען מאָל אונטערגעשריבען אַ ביל, וואָס איז פאָרגעשלאָגען געווארען פון אַ סאָציאליסטישען פארטרעטער — און דער סאָציאליסטישער פארטרעטער איז געווען מאיר לאָנדאָן.

דער סאָציאַליסטישער ביל, וואָס האָט געהאַט די זכיה צו געפעלען ביידע צווייגען פון קאָנגרעס און דעם פּרעזידענט, איז געווען אַ גאַנץ באַשיידענער. ער האָט געזוכט צו באַשיצען ארבייטער נעגען באַלעבאַטים וואס ערקלערען זיך באַנקראָט אין זייערע געשעפטען. לויט דעם אַלטען געזעץ איז אַזוי געווען: אויב עס איז אין דער באַנקראָטירטער פירמע פארבליבען פאָנדען האָבען די ארבייטער געדארפט זיין די ערשטע צו קאָלעקטירען פאַר ארבייט, וואָס זיי האָבען געטאָן אין פארלויף פון דריי מאָנאַטען בעפאָר דעם באַנקראָט. לאָנדאָן האָט, אָבער, אָנגעוויזען אויף דעם פונקט: „אין זייער ווייניג פאַלען ווערען באַנקראָטען ניט געפּלאַנט פאַראויס. אין די מערסטע פאַלען טרעפט, אַז ווען אַ באָס האָט אין זינען צו באַנקראָטירען באַהאַלט ער פריער אַלץ וואָס ער האָט. אין פילע פאַלען בלייבט אַזוי ווייניג פאַר דעם רעסיווער איבערצונעמען, אַז עס סטייעט ניט צו באַצאָלען פאַר דער פארוואַלטונג. פאַר קליינע באַלע־

באטים ספעציעל לוינט זיך צו פארכאפען די ווידזשעס פון אפילו בלויז עטליכע וואכען".

לאנדאן האט דערפאר פארגעשלאגען א ביל, אז כל זמן א באנקראטירטער מענש אדער א באנקראטירטע פירמע באצאלט ניט די ווידזשעס, וואס זיי זיינען שולדיג די ארבייטער, זאלען זיי ניט באפרייט ווערען פון דער באנקראט-קלאגע און זאלען ניט באפרייט ווערען פון דעם חוב. דער פארשלאג האט זיך באצויגען אויף געלד וואס ארבייטער האבען איינגעלייגט ביי די באנקראטירטע אלס דעפאזיטס, אדער געלד וואס די ארבייטער האבען פארדינט אין ווידזשעס אין פארלויף פון דריי מאנאטען פאר'ן באנקראט.

ווען דער ביל איז פארהאנדעלט געווארען אין קאנגרעס האט א קאנגרעסמאן געוואלט וויסען צי דאס וועט הייסען „אז א באנקראטירטע קארפאריישאן וועט אונטער דעם נייעם געזעץ ניט קענען ווידער אנפירען ביזנעס ביז וואנען זי וועט פריער באצאלען די ווידזשעס פון די ארבייטער". אויף דער פראגע האט ער באקומען דעם פאלגענדען ענטפער: „אזא קארפאריישאן וועט קענען באקומען פון געריכט ערלויבניש ווידער אין ביזנעס אריינצוגיין. זי וועט אבער ניט באפרייט ווערען פון איר חוב צו די ארבייטער. . . עס זיינען דא פאלען אין די גרויסע שטעט, וואו ארבייטער, אום צו קריגען דזשאבס, לייגען איין ביים באלעבאס געלד אלס דעפאזיטס אז זיי וועלען ניט פארלאזען די דזשאבס פאר א געוויסער צייט, דער ביל זוכט צו באשיצען אט דאס געלד וואס ליגט ביים באלעבאס".

א צווייטער קאנגרעסמאן האט זיך געשראקען פאר אן אנדער זאך: „אויב א באנקראטירטע קארפאריישאן וועט ניט באפרייט ווערען פון איר חוב צו די ארבייטער קען עס אמאל צווינגען אזא קארפאריישאן אין גאנצען ארויסצוגיין פון ביזנעס." דער טשערמאן פון דער קאמיטע האט דעם קאנגרעסמאן געטרייסט מיט דער ערקלערונג, אז „עס פאסירט זייער זעלטען אז א קארפאריישאן וואס באנקראטירט זאל פארטזעצען איר ביזנעס אונטער איר אלטען נאמען".

די פראַגען און אַנטוואָרטען האָבען קלאָר געמאַכט פאַר די קאָנגרעסלייט, אַז דער ביל וועט ניט שעדיגען, חס ושלום, די טראָסטס און קאָרפּאָריישאָנס, אַז ער איז געצילט הויפּטזעכליך נעגען די קליינע באַלעבאַטים, וואָס באַרויבען די אָרימסטע קלאַסען פון ארבייטער, אַזוינע וואָס ווערען ניט באַשיצט פון קיין יוניאָנס און וועלכע האָבען ניט קיין כוח זיך אַליין צו באַשיצען. דער ביל איז איינשטימיג אָנגענומען געוואָרען.

אויף וויפיל דער געזעץ האָט געהאָלפען די ארבייטער קרבנות פון רויבערשע באַלעבאַטים קען מען אורטיילען פון א בריף, וואָס לאָנדאָן האָט מיט עטליכע מאָנאַטען שפּעטער באַקומען פון אַן ארבייטער לאָיער אין ניו יארק, וועלכער האָט געהאַט פילע קייסעס פון דעם סאָרט. דער שרייבער פון בריף, מר. ס. דזשאַן בלאַק, האָט באַדויערט וואָס דער געזעץ איז ניט בריי־טער, און וואָס ער איז אַזוי באַגרענצט אין צייט. אָט וואָס ער זאָגט:

„טייערער לאָנדאָן: איר האָט אויפגעטאָן זייער פיל מיט דעם וואָס איר האָט דורכגעפירט דעם באַנקראָט־געזעץ. אָבער דער געזעץ באַשיצט בלויז די ווידזשעס וואָס די ארבייטער האָבען פאַרדינט אין פאַרלויף פון דריי מאָנאַטען פאַר'ן באַנקראָט. איך האָב אַליין געהאַט דריי פאַלען אין וועלכע די באַלעבאַ־טים האָבען צוגעשלאָסען זייערע שעפּער און אָפּגעוואַרט דריי מאָנאַטען און דערנאָך ערשט זיך ערקלערט באַנקראָט. זיי זיינען געבליבען שולדיג זייערע ארבייטער גרויסע סומען געלד. איך וויל האָפען, אַז איר וועט גלייך זען דעם געזעץ אויסצו־בעסערען און אַראָפּנעמען די באַגרענצונג פון דריי מאָנאַטען".

אויף דעם בריף האָט לאָנדאָן געשיקט דעם פאָלגענדען ענט־פער:

„ליבער בלאַק: אין דעם אָריגינעלען ביל, ווי איך האָב אים פון אָנפאַנג אויפגעשריבען און פאָרגעלעזען, איז דער צייט־גרענעץ געווען ניט דריי, נאָר זעקס מאָנאַטען. אָבער די קאָ־מיטע האָט זיך ענטזאָגט אים גוטצוהייסען, סיידען איך וועל איינגיין אויף א פאַרקלענערטען טערמין. אפילו נאָכדעם,

ווי איך האָב נאָכגעגעבען, איז די אָפּאָזיציע צום גאַנצען ביל געווען זייער אַן ערנסטע".

דער קורצער בריוועל איז די שווערסטע אָנקלאַגע געגען די פאַרטרעטער וואס די אַלטע פּאַרטייען שיקען אין קאָנגרעס. די באַלעבאַטים געגען וועמען לאָנדאָן האָט געזוכט די ארבייטער צו באַשיצען, געהערען כמעט צום קלאַס פון קרימינעלע פאַר־ברעכער. דאָך האָבען די קאָנגרעסלייט אים געמאַכט אַלערליי שטערונגען און אים געצוואונגען צו מאַכען פשרות צו גונסטען די באַלעבאַטים און געגען די אינטערעסען פון זייערע קרבנות, די ארבייטער.

קאַפּיטעל 43.

פאַרוואָס לאָנדאָן איז געווען געגען אַ באָנוס פאַר סאָלדאַטען

פילע מענשען זיינען זיכער איבערראַשט געווען ווען לאָנדאָן איז אַרויסגעטראָטען אין קאָנגרעס געגען אַ פאָרשלאָג אַז די רעגירונג זאָל באַצאָלען אַ „באָנוס" צו די סאָלדאַטען, וועלכע האָבען געדינט אין דער מלחמה. זייער ווייניג קאָנגרעסלייט וואָס זיינען, ווי לאָנדאָן, געקומען פון אָרימע דיסטריקטען, האָבען געוואָגט צו נעמען אַ שטעלונג געגען דעם ביל, אפילו ווען זיי האָבען אין הארצען געפילט דאָס צו טאָן.

לאָנדאָן איז געווען געגען דעם ביל, ווייל ער האָט געגלויבט אַז די מעטאָדע פון אויסטיילען געלד וועט באַליידיגען דעם געוויסענעם סאָלדאַט און וועט אים קיין פּראַקטישע נוצען ניט ברענגען.

„זייט איר פאַר דעם באָנוס מיט'ן גאַנצען הארץ? — האָט לאָנדאָן געפרעגט. — איך ווייס, אַז ניט. ווילט איר ווירקליך שטימען פאַר דעם ביל? ניין. דאָך וועט איר עס טאָן. פאַרוואָס? ווייל דער מיליטאַריזם איז אין דער לופט. די געוועזענע סאָלדאַטען, אַ קערפּערשאַפט פון אַ האַלבען מיליאָן, זיינען אָרגאַניזירט און דאָס מאַכט זיי פאַר אַ פּאָליטישער מאַכט. . . דער ביל און די מעטאָדע ווי אַזוי ער ווערט דאָ דעבאַטירט איז אַ קאָמבינאַציע פון דעם ערגסטען סאָרט פון פּאָליטישען פעיק און פּאַרלאַמענטאַרישע שאַרלאַטאַנסטוואָ. עס איז שווער זיך פאָרצושטעלען אַ מער טרויעריגען פאָרם ווי די דעבאַטע. צוואַנציג אָדער דרייסיג קאָנגרעסלייט האָבען גערעדט אין די

לעצטע דריי שטונדען. יעדער האָט גענאָסט דאָס וואָרט איין אדער צוויי מינוט. זיי האָבען קיין צייט ניט אויסצודריקען א געדאנק, ארויסצוזאָגען א גאנצע פראזע. זיי ווילען נאָר אז די וועלט זאָל וויסען, אז זיי האָבען עפּעס געטאָן, עפּעס געזאָגט פאר דעם ביל".

לאָנדאָן איז ארויס פון דעם שטאנדפּונקט אז דער געוועזענער סאָלדאט איז ניט אנדערש ווי די אנדערע מענשען. אויב ער איז אין דער מלחמה געגאנגען פרייוויליג, ווייל ער האָט גע־גלויבט אז דער קריג ווערט געפירט פאר הויכע אידעאַלען, דאַן דארף ער ניט קיין באלוינונג, דאַן וויל ער ניט קיין באלוינונג, דאַן איז די טאַט אליין געווען זיין באלוינונג. „אויב אָבער דער סאָלדאט האָט געהאסט די מלחמה, נאָר ער איז נעגאנגען ווייל ער האָט געטאָן זיין פליכט אלס בירגער, דאַן איז ער געווען א מארטירער און איר קענט אים ניט אָפּ'פטר'ן מיט א סומע געלט. און געוויס קענט איר ניט באצאָלען יענעם סאָלדאט, וועלכער איז געווען געגען דער מלחמה און האָט געדינט בלויז דערפאר ווייל מען האָט אים געצוואונגען דאָס צו טאָן".

אָנבאָטען די מארטירער עטליכע לומפּיגע דאָלאר אלס באַ־לוינונג פאר די אָפּפער וואָס זיי האָבען געבראכט וואָלט געווען א באליידיגונג, אַן ערנידערונג פאר זיי. עס איז דאָ בלויז איין בארעכטיגונג פאר אָנבאָטען געלט צו געוועזענע סאָלדאטען — זיי צו העלפען מאטעריעל, אויב זיי נויטיגען זיך אין הילף. אָבער אויב דאָס איז דער ציל פון דעם ביל האָט מען דאָס געדארפט גאָר אנדערש מאכען. אָנשטאָט צוצוטיילען די געלד אין קליינע סומען צווישען די איינצעלנע, האָט מען מיט דעם געלד געדארפט סובסידירען גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, וואו די גע־וועזענע סאָלדאטען, וועלכע נויטיגען זיך, וואָלטען געקאָנט קריגען ארבייט און א געלעגענהייט צו פארדינען אויף צום לעבען.

„דער געוועזענער סאָלדאט האָט א רעכט וואָס איז פון קיינעם דאָ ניט דערמאָנט געוואָרען — א רעכט צו ארביי־טען, א רעכט צו פארדינען אויף א לעבען אין דעם לאנד, וואָס ער האָט פארטיידיגט אויפ'ן שלאכטפעלד. דער סאָלדאט

וואָס קומט צוריק פון קעמפּ אָדער פון שלאַכטפעלד איז באַרעכטיגט צו עטוואָס מער ווי אַ געלעגענהייט ארומצואוואַנדערען איבער די גאַסען און קלאַפּען אין די טירען נאָך אַ דזשאָב. אַ פערטעל טייל פון דער סומע, וואָס דער ביל שלאָגט פאָר, אויב דאָס זאָל אריינגעלייגט ווערען אין אינדוסטריען, אָדער געגעבען ווערען אַלס הלואות צו קאָאָפּעראַטיווען פון ארבייטער, אָדער זאָל באַנוצט ווערען אויף בויען היימען... וואָלט אויפגעטאָן אָן אַן ערך מער פאַר די געוועזענע סאָלדאַטען ווי דער געבען יעדען פון זיי עטליכע דאָלאַר אין קעש אָדער אין דער פאָרמע פון אַן אינשורענס-פּאָליסי, ווי דער ביל שלאָגט פאָר."

אָבער די פראַגע פון פאַרזאָרגען די דעמאָביליזירטע סאָלדאַטען מיט ארבייט איז בלויז אַ טייל פון דער ברייטערער פראַגע פון ארבייטסלאָזיגקייט, אַ פראַגע, וואָס האָט עקזיסטירט נאָך פאַר דער מלחמה און וואָס וועט עקזיסטירען לאַנג נאָך דער מלחמה. און לאָנדאָן דערמאָנט ווידער דעם קאָנגרעס, אַז וואָס אנבאַלאַנגט אים, האָט ער וועגען דער פראַגע גערעדט נאָך איידער דער באָנוס-געדאַנק איז געבוירען געוואָרען.

די פראַגע פון ארבייטסלאָזיגקייט מוז געלעזט ווערען אין די אינטערעסען פון אַלע ארבייטער: „אַלע ארבייטער וואָס גייען ארום ליידיג, צי זיי זיינען געוועזענע סאָלדאַטען צי ניט, זיינען בארעכטיגט צו אַ געלעגענהייט צו ארבייטען. אויף די פּריוואַט אונטערנעמונגען קען מען זיך ניט פאַרלאָזען אַז זיי וועלען פאַר די ארבייטסלאָזע זאָרגען. עס איז די אויפגאַבע פון דער רעגירונג, זי מוז שאַפען די מעגליכקייטען פאַר די מענשען ארבייט צו באַקומען."

לאָנדאָן האָט געוואוסט, אַז פילע געוועזענע סאָלדאַטען וועלען אויף אים ברוגז זיין פאַר זיין שטעלונג צו דער באָנוס-פראַגע. און אַזוי איז עס ווירקליך געווען. אָבער ער האָט קיינמאָל ניט גענומען אין אַנבאַטראַכט זיינע פּערזענליכע פּאָליטישע אינטערעסען ווען ער האָט פאַרטיידיגט זיינע פּרינציפּען אָדער איבערצייגונגען אין קאָנגרעס.

קאַפּיטעל 44.

לאָנדאָן דער פאַרקעמפער פון די קוילען־מאַינערס אין קאָנגרעס

די אינדוסטריעלע אומאָרדנונג נאָכדעם ווי די מלחמה האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט אַם שטאַרקסטען געטראָפען דער קוילען־אינדוסטריע. טויזענטער ארבייטער זיינען אין גאַנצען ארויס־געוואָרפען געוואָרען פון זייערע דזשאָבס און טויזענדער אַנדערע האָבען זיך געמוזט באַנוגענען מיט אַ האַלבע אָדער אַ דריטעל וואָך ארבייט. די אַלטע איבלען פון דער אינדוסטריע וואָס זיינען אין די מלחמה יאָרען פאַרלייכטערט געוואָרען, זיינען איצט צוריקגעקומען אין אַ פיל ערגערער פאָרם. די מיינערס יוניאָן האָט געפאָדערט, אַז עפּעס זאָל געטאָן ווערען פאַר די ליידענדע מיינער־פאַמיליעס; זי האָט אויפגעפאָדערט דעם פּרעזידענט און דעם קאָנגרעס אין וואַשינגטאָן זיי זאָלען צום ווייניגסטענס מאַכען אַן אונטערזוכונג וועגען דעם צושטאַנד פון דער אינדוסטריע; אָבער קיינער האָט זיך צו איר ניט צוגעהערט. אין אַ פּעטיציע צום פּרעזידענט, אונטערגעשריבען פון 43 טויזענד קוילען ארבייטער אין צענטראַל־פּענסילווייניא, איז געשילדערט געוואָרען די טרויעריגע לאַגע פון די מיינערס: „די מיינערס אין דעם דיסטריקט, וועלכע האָבען אין דער מלחמה צייט זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע מוסקולען וואָס מער צו פּראָ־דוצירען, האָבען איצטער ניט מיט וואָס דעם ווינטער דורכצולע־בען. . . אַ יאָר פון האַלבע סלעק האָט געבראַכט אַ ריזיגע צאָל פון די מיינערס צו אַזאַ אָרימער לאַגע, אַז אין טויזענדער היימען האָט די פאַמיליע פּשוט ניט וואָס צו עסען”.

די מיינערס יוניאָן האָט אַפּעלירט ניט נאָר אין נאָמען

פון די ארבייטער, נאָר אויך אין נאָמען פון גאנצען לאנד. דער קאָנטראַקט מיט די באלעבאַטים האָט זיך געדאַרפט ענדיגען סוף מאָנאַט מערץ, 1922. די באַציאונג פון די באַלעבאַטים און זייער האַנדלונג האָט קלאָר באַוויזען, אַז זיי האָבען ניט אין זינען דעם קאָנטראַקט צו באַנייען. אַ סטרייק אין דער קוילען אינדוסטריע וואָלט געבראַכט לײדען דער גאַנצער באַפעלקערונג. טאָ פאַרוואָס זאָל זיך די רעגירונג ניט אריינמישען באַצייטענס און זען דאָס צו פאַרמיידען?

איין קאָנגרעסמאַן האָט אָפּגעענטפערט אויף דעם רוף פון די מיינערס. אין מיטען יאַנואַר האָט מאיר לאָנדאָן אַריינגע־טראָגען אַ רעזאָלוציע אין קאָנגרעס מיט'ן פאָרשלאַג, אַז אַ קאָמיטע זאָל באַשטימט ווערען „צו אונטערזוכען די אומשטענ־דען וואָס הערשען אין דער קוילען אינדוסטריע אין די פאַר־איינינגטע שטאַטען". די רעזאָלוציע האָט אויך געפאָדערט, אַז די קאָמיטע זאָל שענקען ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט אויף „דער לאַגע פון די ארבייטער און אויף דעם צושטאַנד פון אר־בייטסלאָזיגקייט", און אַז זי זאָל רעקאָמענדירען וואָס צו טאָן די הערשענדע איבלען צו באַזייטיגען.

לאָנדאָן'ס רעזאָלוציע האָט געהאַט דעם זעלבען שיקזאַל ווי די אַפּילס פון די ארבייטער און די פּראָטעסטען פון די פּראָגרעסיווע און ראַדיקאַלע צייטונגען אין לאַנד. קיינער האָט גאָרנישט געטאָן, ביז דאָס פאָראויסגעזאָגטע איז געשען. דעם טעג ווען דער קאָנטראַקט האָט זיך געענדיגט, האָבען 700 טויזענד ארבייטער אין די ווייכע־קוילען מינען פאַרלאָזען זייערע דזשאַבס און זיינען אַרויס אין סטרייק.

די ערשטע מאָנאַטען פון קאַמף זיינען אָפּגעלאָפען שטיל. די באַלעבאַטים האָבען זיך גוט באַפעסטיגט. זיי האָבען גע־וואוסט, אַז אַזוי לאַנג ווי דער וועטער איז וואַרים דאַרפען זיי זיך פאַר קיין זאַך ניט שרעקען. דאָס געלד, וואָס זיי האָבען פאַרלאָרען פון דער פאַרקלענערטער פּראָדוקציע האָבען זיי אָפּ־געמאַכט דורך העכערען די פּרייזען אויף דעם ביסעל וואָס זיי האָבען יאָ פּראָדוצירט. זיי האָבען געוואוסט, אַז ניט די רע־

גירונג און ניט דאָס פאָלק וועט זיך רירען איידער די ווינטער קעלט וועט אָנקומען און זיי אויפוועקען פון שלאָף. די באַלעבאַטים זיינען געווען זיכער, אז ביז דאַן וועלען די ארבייטער זיין אזוי אויסגעהונגערט און אזוי דעמאָראַליזירט פון די פאַרפאָלגונגען פון דער פּאָליציי און די סטרייק-ברעכער, אז זיי וועלען זיך אליין אונטערגעבען.

עטליכע קאָנגרעסלייט פון די מיינערס דיסטריקטען האָבען זיך איצט אָנגעשלאָסען אָן לאָנדאָנ'ען און אים געהאָלפען אין זיין פאַרזוך אויפצוטרייסלען דעם קאָנגרעס. אייניגע פון זיי האָבען אַריינגעטראָגען רעזאָלוציעס, ענליכע צו לאָנדאָן'ס ערשטע רעזאָלוציע, און ענדליך איז די פראַגע געשטעלט געוואָרען אויפ'ן טאָגעס-אָרדנונג פון דער „הויז". לאָנדאָן האָט גערעדט צוויי מאָל. דעם צווייטען און דעם פינפטען מאַי.

אין זיין ערשטער רעדע האָט לאָנדאָן גרינדליך אַנאַליזירט דעם גאַנצען קוילען-פּראָבלעם, הויפּטזעכליך פון דעם ארבייטער'ס שטאַנדפּונקט. אין דער צווייטער רעדע האָט ער אַטאַקירט די צוויי פּאָליטישע פּאַרטייען פאַר זייער גלייכגילטיגקייט. ביידע מאָל האָבען די געגנער געפּרובירט אים אָפּצושטעלען אין מיטען ריידען מיט פראַגען און מיט באַליידיגענדע באַמערקונגען.

גלייך פון אָנפאַנג האָט לאָנדאָן אָנגעדייטעט אויף דעם מקור פון דער צרה; לויט דעם סאָציאַליסטישען שטאַנדפּונקט: „איך וויל אָנדייטען אויף דער האָפנונגסלאָזיגקייט פון דער סיטואַציע. עס איז ניטאָ קיין בעסערער ביישפּיל פון דער אַנאַרכי און כאַאָס וואָס פּריוואַט פאַרוואַלטונג פון קהל'ס אייגענטום מוז ברענגען. מיר האָבען אין לאַנד אַרום 10 טויזענד מינען, וועלכע געהערען צו צוויי טויזענד באַלעבאַטים. זיי באַשעפטיגען 700 טויזענד אַרבייטער, ניט רעגעלמעסיג. אין די לעצטע דרייסיג יאָר האָט דער דורכשניטליכער מיינער געאַרבייט 214 טעג אַ יאָר. דאָס הייסט, אז דאָס פּובליקום האָט געסטרייקט געגען דעם מיינער 80 טעג יעדען יאָר. ווען דאָס פאָלק סטרייקט ניט געגען דעם מיינער און דער מיינער סטרייקט

ניט געגען באַלעבאָס — דאָן סטרייקען די מיין־אייגנטימער און די פּאַראַזיטען פון דער אינדוסטריע געגען דער גאַנצער וועלט".

די ארבייטער ליידען דערפאַר וואָס די מינען געהערען צו פּריוואַטע באַלעבאַטים. זיי האָבען געשאַפען דעם כאַאָטישען צו־שטאַנד פון דער אינדוסטריע. לאָנדאָן באַווייזט מיט ציפערען ווי קליין די פאַרדינסטען פון די מיינערס זיינען. „איר הערט פיל רייד וועגען די הויכע ווייִדזשעס פון די מיינערס. נעמט איר אָבער אין אנבאַטראַכט די צאָל טעג וויפיל די מיינערס ארבייטען אין איר, געפינט איר אז דער מיינער פאַרדינט ניט גענוג אויף צום לעבען. . . איינער פון די פירערס פון די מיינערס אין פּענסילווייניא האָט עדות געזאָגט, אז דורכשניט־ליך האָט דער מיינער פאָריגען יאָר פאַרדינט ניט מער ווי 746 דאָלאר".

און לאָנדאָן לייגט דאָ פאָר אַ רייע פון ציפערען, וואָס די מיינערס יוניאָן האָט געזאַמעלט. אַלע באַשטעטיגען זיי די זעלבע זאַך, דאָס אין פאַרלויף פון די לעצטע דרייסיג יאָר האָט דער מיינער ניט פאַרדינט גענוג אויף צום לעבען. וואָס, אַלזאָ, זאָל מען טאָן וועגען דעם?

„דאָס טרויעריגסטע אין דער סיטואַציע, — האָט לאָנדאָן אין זיין רעדע געזאָגט, — איז, דאָס מיט דער אויסנאָם פון דעם פאָרשלאָג פון דער יוניאָן צו באַגרענצען די ארבייטס־צייט אויף דרייסיג שטונדען אַ וואָך, איז קיין פּלאַן ניט פאָרגעלייגט געוואָרען ניט פון קיינעם פון די באַלעבאַטים, ניט פון קיין אַנ־דערען. די בעסטע פון די באַלעבאַטים קוועטשען מיט די פּלייצעס ווען די פראַגע ווערט זיי געשטעלט. די שלעכטע באַלעבאַטים זיינען העכסט צופרידען פון דער לאַגע. זיי ווילען אז די אר־בייטסלאָזיגקייט אין דער אינדוסטריע זאָל זיין וואָס גרעסער. דאָס מאַכט פאַר זיי לייכטער דעם ארבייטער צו אונטערדריקען. דאָס פאַרזאָרגט זיי שטענדיג מיט אַן ארמיי פון סטרייק־ברעכער. דאָס מאַכט די לאַגע שווער פאַר דער יוניאָן. דאָס מאַכט ארבייט

ביליג. ווי קען מען ערווארטען אז די שונאים פון אָרגאַניזירטער ארבייט זאָלען פאַרלייגען א ווירקזאַמען מיטעל געגען אר־בייטסלאָזיגקייט אין דער אינדוסטריע?"

דער סטרייק איז ארויסגעצוואונגען געוואָרען אויף דער יוניאָן. די באַלעבאַטים האָבען געהאָפט אז דורכדעם וועט זיי געלינגען אראָפּצודריקען דעם סטאַנדארד פון די אָרגאַניזירטע אר־בייטער צו דעם סטאַנדארד פון די ניט אָרגאַניזירטע. וואָס דער סטאַנדארד פון די ניט אָרגאַניזירטע באַדייט האָט לאָנדאָן געשילדערט אין עטליכע פראַזען: „ניט האָבענדיג קיין כוח זיך אנטגעגען צו שטעלען, ניט האָבענדיג קיין אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל אים באַשיצען, אימער אָנגעשראָקען, באַוואַכט פון שפּיאָנען — מוז זיך דער ניט־יוניאָן מיינער פילען ווי א לע־בעדיגע גראָב־מאַשין".

דער קאַמף געגען די מיינערס איז געצילט געגען טרייד־יוניאָניזם אין אלגעמיין: הינטער די מיין־באַלעבאַטים שטייען „אלע אָפּען־שאָפּ עלעמענטען, אלע פּלוטאָקראַטישע עלעמענטען, וואָס זוכען זיך צו באַנוצען מיט דער שלעכטער אינדוסטריעלער לאַגע צו דערשטיקען אָרגאַניזירטע ארבייט. צווישען די גרעסטע באַלעבאַטים פון די קוילען־פעלדער איז דער שטאָל טראַסט, וועמעס האס צו אָרגאַניזירטע ארבייט איז אלעמען באַקאַנט."

אָבער אויב די באַלעבאַטים פון לאַנד זיינען פאַראייניגט צו העלפען די מיין איינענטימער, זיינען די ארבייטער פון לאַנד פאַראייניגט הינטער די קוילען סטרייקערס. „אָרגאַניזירטע אר־בייט איז ניט בלינד צו דער סיטואַציע. די אינטעליגענטע ארביי־טער פון לאַנד פילען אינסטינקטיוו אז דער אָנפאַל אויף די מיי־נערס איז אַן אָנפאַל אויף אָרגאַניזירטע ארבייט אין אלגע־מיין."

און לאָנדאָן שלאָגט פאָר די איינציגע עצה וואָס קען ברענ־גען אָרדנונג אין דעם כאַאָס, וואָס קען ברענגען פרידען און גע־רעכטיגקייט פאַר די גרויסע מאסען ארבייטער אין דער אינדוס־טריע:

„אויב די באַלעבאַטים קענען ניט קומען צו א פאַרשטענד־ניס מיט די ארבייטער מוז די רעגירונג איבערנעמען די מינען און זיי אַליין פאַרוואַלטען ביז וואַנען אַ פערמאַנענטע פּאַליסי וועט באַשטימט ווערען".

אין א צווייטער רעדע האָט לאָנדאָן גע'מוסר'ט דעם קאָנגרעס פאַר זיין גלייכגילטיגקייט צו אַ פראַגע וועלכע לאָנדאָן האָט באַטראַכט אַלס די „ברענענדסטע פראַגע פון טאָג". ער האָט גע־רעדט מיט ליידענשאַפט און האָט ניט געשאָנעוועט ניט די רע־פּובליקאַנער און ניט די דעמאָקראַטען:

„איך בין פּשוט פאַרצווייפעלט ווען איך זע ווי אונאינטעלי־גענט איר באַהאַנדעלט די פראַגע. דאָ זיצען פאַר מיר 435 מיט־גלידער פון דער האוז אָוו רעפּרעזענטאַטיווס, וועמעס אויפגאַבע עס איז צו מאַכען געזעצען פאַר דעם וואוילזיין פון די 105 מיליאָן מענשען פון לאַנד. עס איז אַוועק די צייט ווען געזעץ־מאַכונג איז באַשטאַנען פון פאָרמולירען מאָראַלישע פּרינציפּען. אַלע אונזערע געזעצען איצטער טראָגען אַן עקאָנאָמישען כאַ־ראַקטער. ענטוועדער מיר העלפען ביזנעס, אָדער מיר שטערען ביזנעס. . . די קוילען פראַגע איז אַן עקאָנאָמישע פראַגע, אַ פראַגע פון ברויט מיט פּוטער פאַר'ן פאָלק. וואָס פאַר אַ מיטעל איז פאָרגעשלאָגען געוואָרען ענטוועדער פון די רעפּובליקאַנער אָדער פון די דעמאָקראַטען צו האַנדלען מיט דעם סטרייק אין דער קוילען אינדוסטריע? ווען איר וואָלט היינט גענדארפט פאַר־פאַסען אַ קאָנסטיטוציע פאַר די פאַראייניגטע שטאַטען, וואָלט איר מיט דער ערפאַרונג אייערער ערלויבט אַז די קוילען־אינ־דוסטריע זאָל ווערען דאָס אייגענטום פון פריוואַטע מענשען? וואָלט איר ערלויבט אַז די עגאָאיסטישע, גייציגע, קליינליכע, אונ־ציוויליזירטע באַנדע פון געלד־כאַפּער זאָל קאָנטראָלירען די גרעסטע נאַציאָנאַלע אוצרות וואָס מיר באַזיצען?"

אָנשטאָט צו ענטפערען אויף דער פראַגע, האָט איינער פון די קאָנגרעסלייט גענומען פּלוצלונג דיסקוטירען מיט לאָנ־דאָנ'ען וועגען סאָוועט רוסלאַנד. עס פאַרשטייט זיך, אַז לאָנ־

דאָן האָט זיך מיט אים שנעל ספּראַוועט. אָט איז אַ טייל פון דער דיסקוסיע, ווי זי איז פאַרשריבען אין די קאָנגרעס פּראָטאָ־קאָלען:

„מר. קעמפּבעל, פון קענזעס: — וואָלט איר געראָטען אז די קוילען מינען זאָלען אוועקגעגעבען ווערען צו לעניג'ען און טראָצקי'ן, אָדער אז זיי זאָלען פאַרבלייבען ביי אונז אין אמעריקא?"

„מר. לאָנדאָן: — איך וואָלט זיי בעסער געגעבען צו אַ מענש, וואס האָט אַן אידעאַל, ווי צו אַ מענש, וואָס יאָגט זיך בלויז נאָך געלד. אַ מענש מיט אַן אידעאַל קען מאַכען מיסטייקס, אָבער אַזוי לאַנג ווי זיין אידעאַל איז צו דינען דער מענשהייט, וועט ער אַם ענדע געפינען די ריכטיגע מעטאָדע. אָבער דער מענש, וואָס זוכט נאָר געלד צו מאַכען, פון אים קען מען קיין גוטס קיינמאָל ניט ערוואַרטען. אין פאַרלויף פון דער מלחמה האָט איר אַליין אָרגאַניזירט אַ רעגירונגס־פאַרוואַלטונג פון דער קוילען אינדוסטריע, ווייל איר האָט ניט געטרויט די לומפּען. איך וויל זיי איצטער אין פרידענס־צייט אויך ניט געטרויען."

„מר. גערעט, פון טענעסי: — ווען דער מענש מיט דעם אידעאַל איז אַזוי פאַרטאָן מיט זיין אידעאַל, אַז ער גיט אונז ניט קיין קוילען, וואָס טוט מען דאַן?"

„מר. לאָנדאָן: — דאַן קען מען גאָרנישט טאָן. אָבער דער מענש, וואס האָט אַן אידעאַל, דער מענש וואָס דענקט, דער מענש וואָס זוכט צו לעזען די היינטיגע פּראָבלעמען אין דער ליכט פון די מאָדערנע פּרינציפּען, ער וועט געפינען אַן אויסוועג."

ווען די דיסקוסיע האָט זיך געענדיגט האָט לאָנדאָן פאַר־ענדיגט זיין רעדע.

„איר דעמאָקראַטען שלאָגט ניט פאָר קיין רפואה. איר באַנוגענט זיך מיט קריטיקירען די רעפּובליקאַנער. איר ווייסט ווער זיי זיינען. איר ווייסט, אַז פון זיי קען מען גאָרנישט ער־וואַרטען. די רעפּובליקאַנישע פּאַרטיי איז אַ פּלוטאָקראַטישער סאָוועט. אירע פירערס ווייסען וואָס זיי ווילען. דער אונטער־שיד צווישען די רעפּובליקאַנער און די דעמאָקראַטען איז דער:

די רעפּובליקאַנער ווייסען, וואָס זיי ווילען, און די דעמאָקראַטען ווייסען ניט. . . מיין איבערצייגונג איז, אַז איר, דעמאָקראַטען, זייט אונפעהיג אויף צו טאָן גוטעס, און איר, רעפּובליקאַנער, זייט פעהיג אויף צו טאָן שלעכטעס. די רעפּובליקאַנער זיינען די באַוואוסטזיניג אָרגאַניזירטע מאַכט פון די געלד־מענשען, און זייער אויפגאַבע איז צו פאַרניכטען יעדען סימן פון דעמאָקראַטיע אין די פאַראייניגטע שטאַטען. וואָס אנבאַלאַנגט די דעמאָקראַטען איז, אפשר מיינען זיי גוט, אָבער צו טאָן גוטעס ווייסען זיי ניט ווי אַזוי און צו דענקען האָבען זיי מורא.

„בלויז איין רפואה איז פאַראַן, די סאָציאַליסטישע רפואה, — צו שטעלען די מינען אונטער דער קאָנטראָל פון דער רעגירונג פון די פאַראייניגטע שטאַטען".

און ווידער אַמאָל האָבען די פריערדיגע פראַגען־שטעלער גענומען ברענגען „באַווייזע" פון רוסלאַנד, אַז לאָנדאָן'ס סאָציאַליסטישער פּלאַן טויג ניט. און ווידער האָט לאָנדאָן מיט זיינע שאַרפע און לאָגישע אַנטוואָרטען זיי געמאַכט לעבערליך.

„מר. קעמפּבעל: — זיי האָבען נאַציאָנאַליזירט די קוילען מינען אין רוסלאַנד, ווי גליכט איר די לאַגע דאָרטען?"

„מר. לאָנדאָן: — וואָס פאַר אַ נאַרישער פאַרגלייך. איך ליב ניט צו באַנוצען שטאַרקע ווערטער, אָבער דער מענש, וואָס פאַרגלייכט די צוויי לענדער, די פאַראייניגטע שטאַטען, מיט איר דריי־הונדערט־יעריגער ערפאַרונג אין דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס אויף איין זייט און די אומגליקליכע רוסלאַנד, מיט איר טויזענד־יעריגען קאַמף געגען צאַריזם אויף דער צווייטער זייט, — אַזאַ מענש איז האָפנונגסלאָז."

„מר. קעמפּבעל: — זיינען מיר דאָך געוואָרען אַ גרויס פאָלק, טאַקע דערפאַר וואָס מיר האָבען זיך געפירט אַזוי ווי מיר פירען זיך אונטער דער קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניגטע שטאַטען".

„מר. לאָנדאָן: — די צרה מיט דעם הער איז, וואָס ער שרייבט צו די גלאָרי און די גרויסקייט פון די פאַראייניגטע

שטאַטען אין דער פאַרגאַנגענהייט צו דעם פאַקט, וואָס ער לעבט היינט. ער פאַרשטייט גאָרנישט, וואָס פאַר א שטערונג ער איז צו דעם צוקונפטיגען פראָגרעס פון די פאַראייניגטע שטאַטען.״

די קוילען פראַגע איז ענדליך געשליכטעט געוואָרען מיט פיר־און־א־האַלב מאָנאַטען שפּעטער, ווען די אדמיניסטראַציע האָט באַשלאָסען צו טאָן דאָס, וואָס לאָנדאָן האָט רעקאָמענדירט אין זיין רעזאָלוציע אין אָנפאַנג יאָר, — צו אַפּאָינטען אַן אונטער־זוכונגס קאָמיטע. ווען דער אַדמיניסטריישאָן ביל וועגען דער אונטערזוכונגס־קאָמיטע איז אריינגעטראָגען געווארען אין קאָנ־גרעס האָט לאָנדאָן געפאָדערט אַז די קאָמיטע זאָל זיין אַן אַל־זייטיגע, אַז אין איר זאָלען זיין פאָרשטייער פון ארבייט, פון האַנדעל און פון פּובליקום. לאָנדאָן׳ס פאָרשלאַג וועגען דעם איז אָבער נידערגעשטימט געוואָרען מיט 156 שטימען געגען 106. די איבעריגע מיטגלידער פון קאָנגרעס, 165 אין צאָל, האָבען זיך צוריקגעהאַלטען פון שטימען. זיי האָבען הפּנים מורא געהאַט צו ווידערשפּעניגען דעם באַפעל פון די פּאָליטישע באָסעס און ביי זיך ניט געקאָנט פועל׳ן צו שטימען געגען זייער אייגענעם געוויסען.

קאפיטעל 45.

לאָנדאָנ'ס רעדע וועגען דער קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניגטע שטאַטען

לאָנדאָן האָט פאַרטייטשט די געשיכטע פון די פאַראייניג־טע שטאַטען ניט ווי אַ קאָנסערוואַטאָר און אויך ניט ווי אַן עקסטרעמער ראַדיקאַל. די גרינדער פון דער אַמעריקאַנער רע־פּובליק זיינען אין זיינע אויגען געווען ניט קיין הייליגע, אָבער אויך ניט קיין טייוואָלים. ער האָט זיי באַטראַכט אַלס מענשען מיט מענשליכע מעלות און מענשליכע חסרונות. אַלס אַ סאָציאַ־ליסט האָט ער אימער געזוכט די מאַטעריעלע און עקאָנאָמישע אורזאַכען הינטער פּאָסירונגען און הינטער אינסטיטוציעס. אָבער אַלס אידעאַליסט איז ער אימער גרייט געווען צו אַנערקענען און שעצען די גוטע אַרבייט פון איינצעלנע מענשען, פון די פירענ־דע גייסטער.

אַט די שטעלונג צו דער אַמעריקאַנער געשיכטע האָט לאָנ־דאָן פאָרמולירט אין אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט געצויגען אַ ליניע צווישען די צוויי היסטאָרישע דאָקומענטען וואָס ווערען פון דעם אַמעריקאַנעם פאָלק גלייך פאַרהייליגט.

„ווען דער הער פון טעקסעס רעדט אין דעם זעלבען אָטעם וועגען דער קאָנסטיטושאָן און דער דעקלערײשאָן אָוו אינדע־פּענדענס, מאַכט ער אַן ערנסטען היסטאָרישען טעות. די דעקלע־ריישאָן אָוו אינדעפּענדענס שטעלט מיט זיך פאָר אַ צייט פון דע־מאָקראַטישען ענטוזיאַזם, ווערענד די קאָנסטיטוציע פון יאָר 1787 שטעלט מיט זיך פאָר אַ צייט פון רעאַקציע, אַ שרעק פאַר דעמאָקראַטיע. די בויער פון דער קאָנסטיטוציע האָבען געזוכט צו עטאַבלירען אַזאַ רעגירונגס־פאָרמע, וועלכע זאָל איבערלאָזען די

מאכט אין די הענט פון יענע מענשען, וואָס באזיצען אייגענ־טום. די דעקלערײשאָן אָוו אינדעפּענדענס איז דער גרעסטער דאָקומענט אין דער געשיכטע פון דעם קאַמף פאר פרייהייט. זי פּראָקלאַמירט, אז אַלע מענשען זיינען געבוירען פריי און גלייך. די דעקלערײשאָן אָוו אינדעפּענדענס אַנאָנסירט דעם נאָבעלסטען אידעאל, וואס איז ווען עס איז געגעבען געווארען דער מענשהייט. . . די קאָנסטיטוציע איז פארפאסט געווארען אין א צייט פון טומעל און כאאס. די יונגע דעמאָקראטיע האָט דאמאלס געזוכט זיך צו שטעלען אויף די פיס. די קאָנסטי־טוציע האָט, אמת, פיל געהאָלפען, אז עס זאָל זאָל געגרינדעט ווע־רען אַ סטאביליזירטע רעגירונג, אָבער זי איז ווייט אוועק פון די פרינציפּען פון דער „דעקלערײשאָן”.

לאָנדאָן איז ניט געווען צופרידען מיט דער קאָנסטיטוציע דערפאר, וואס זי באגרעניצט די פּאָליטישע מאכט פון די מאַ־סען. ער האָט אָבער פארשטאנען די היסטאָרישע אורזאכען, וועלכע האָבען די קאָנסטיטוציע געשאפען. ער האָט איר ניט פארדאמט, ווי די עקסטרעמע ראדיקאלען טוען עס, אלס א „פאר־שווערונג פון פאררעטער און פארפירער”. די פארפאסער פון דער קאָנסטיטוציע האָבען פאַר זיך געהאט אַ שווערען פּראָבלעם צו לעזען, און די קאָנסטיטוציע איז, נאָך זייער מיינונג, געווען די בעסטע פּראקטישע לעזונג פון דעם פּראָבלעם.

אָבער אויב די קאָנסטיטוציע איז פארפאסט געווארען צו לעזען אַ געוויסען פּראָבלעם, וואָס האָט עקזיסטירט מיט הונ־דערט און פערציג יאָר צוריק, איז ניטאָ קיין אורזאכע ווארום מיר זאָלען איר היינט מוזען פאָלגען, סיידען זי קען אויך היינט דינען פאר דעם זעלבען צוועק ווי דאן. כמעט אַלע וויסענשאפט־ליכע פאָרשער פון רעגירונגס־פאָרמען גיבען צו, אז צו דער מאָדערנער צייט פּאסט זיך די קאָנסטיטוציע זייער ווייניג צו. פילע געזעצען אין דער קאָנסטיטוציע זיינען אפּגעלעבט און זיי שטערען דעם דעמאָקראטישען פּראָגרעס, אי דעם פּאָליטישען, אי דעם אינדוסטריעלען.

די אָפּגעלעבטע פּונקטען אין דער קאָנסטיטוציע מוזען אויס־

געמעקט ווערען, אום די קאָנסטיטוציע זאָל קענען ווערען א לע־בעדיגער, לעבען־ווירקענדער אָרגאַן. ווי אזוי דאָס קען געטאָן ווערען האָט לאָנדאָן ערקלערט אין א רעדע, וואָס ער האָט גע־האַלטען אין קאָנגרעס, פּראָטעסטירענדיג געגען דער ענטשיידונג פון סופרים קאָורט, וואָס האָט בטל געמאכט דעם געזעץ געגען קינ־דער ארבייט. ער האָט זיין פּראָטעסט באגרינדעט אויף צוויי פונקטען: ערשטענס, וואָס דער סופרים קאָורט שטעלט זיך העכער איבער דעם ווונש פון קאָנגרעס און פון פּרעזידענט, און צווייטענס, וואָס דאָס פאָלק ערלויבט אז א קאָנסטיטוציע, וועלכע איז פארפאסט געווארען מיט 140 יאר צוריק, זאָל אים האַלטען געבונדען און אים ניט לאָזען מאכען אזוינע געזעצען, וואָס ער געפינט פאר נויטיג פאר זיין וואוילזיין און זיין פּראָ־גרעס.

דאָס פאָלק מוז זיך באפרייען פון דער דאָפּעלטער שטערונג צו זיין דעמאָקראַטישער הערשאפט. און אום דאָס דורכצופירען איז ניט נויטיג קיין רעוואָלוציע. לאָנדאָן דייטעט אָן אויף אַן איינפאכען מיטעל. מען דארף בלויז אזוי אויסנוצען די קאָנסטי־טוציע אז דאָס פאָלק זאָל קריגען דאָס רעכט צו מאכען אין איר וועלכע ענדערונגען ער וויל. „לויט דעם איצטיגען געזעץ איז זייער שווער צו מאכען די מינדסטע ענדערונג אין דער קאָנ־סטיטוציע. דאָס מוז געביטען ווערען. עס דארף זיין אַן איינ־פאכער, דירעקטער וועג פאר'ן פאָלק צו מאכען אז די קאָנסטיטו־ציע זאָל זיך צופאסען צו די אומשטענדען." . . . און איינע פון די ערשטע ענדערונגען וואָס מוזען אין דער קאָנסטיטו־ציע געמאכט ווערען, איז צונעמען פון די קאָורטס דאָס רעכט און די מאכט צו פארגוואַלטיגען דעם ווילען פון פאָלק, „צו שטע־רען די לעזונג פון לעבעדיגע פּראָבלעמען אין נאָמען פון דער טויטער פארגאַנגענהייט." „דעמאָקראַטי קען מאכען טעות'ן, דאָס איז ריכטיג. זי האָט א רעכט טעות'ן צו מאכען, זי האָט א רעכט צו טאָן דומהייטען פון צייט צו צייט. אָבער דעמאָ־קראַטי וויל בעסער ליידען פון איר אייגענער דומהייט, ווי פון דער דומהייט פון זיבען אָדער ניין ריכטער".

קאַפּיטעל 46.

פאַרזיכערונג פאַר קרבנות פון אַרבייט

יאָרען לאַנג איז אין קאָנגרעס געלעגען אַ ביל מיט אַ פאָרשלאָג צו שאַפען אַן אינשורענס פאָנד פאַר ארבייטער, וואס ווערען געשעדיגט און געטויטעט ביי דער ארבייט אין דעם שטאַט וואַשינגטאָן. די קאָנגרעס קאָמיטע האָט דעם ביל רעקאָמענדירט. עטליכע מאָל זיינען פאַרזוכען געמאַכט געוואָרען צו נעמען דעם ביל צו אַן אפשטימונג אין קאָנגרעס גופא, אָבער שטענדיג האָט זיך אימיצער אריינגעמישט און ניט צוגעלאָזען דערצו.

די מאַיאָריטעט פון די קאָנגרעסלייט זיינען ניט געווען געגען דעם גרונד־געדאנק פון דעם ביל. געזעצען צו באַלוינען קרבנות פון דער ארבייט זיינען דורכגעפירט געוואָרען כמעט אין אַלע סטייטס — דער אַלטער פאַראורטייל געגען סאָציאַלע אינשורענס איז פיל אפגעשוואכט געוואָרען. אין דעם פאַל איז אָבער געווען אַ זייטיגער פונקט, וועלכער האָט אויסגעזען עטוואס סאָציאַליסטיש: אַ פונקט וואָס האָט געפאָדערט, אַז דער אינשורענס פאָנד זאָל פאַרוואַלטעט ווערען פון דער רעגירונג און אַז פריוואַט אינשורענס קאָמפּאַניעס זאָלען ניט קריגען קיין טייל פון די אינשורענס ביזנעס. אָט דער זייטיגער פונקט איז געלעגען ווי אַ שטיין אין וועג פון דעם ביל.

ווען לאָנדאָן האָט גענומען דאָס וואָרט דעם ביל צו פאַרטיידיגען, זיינען די פאַרביסענע געגנער פון סאָציאַליזם געווען „אויף דער וואך". נאָר איידער ער האָט זיין רעדע אנגעפאַנגען, האָט איינער פון זיי אים אַ קיבעץ געטאָן וועגען זיין סאָ־

ציאַליזם. דאָס איז געווען קאָנגרעסמאַן עליס, וועלכער האָט געמאַכט די באַמערקונג: „איך ווייס, אַז ער וועט דאָ באַלד האַלטען אַ סאָציאַליסטישע רעדע. דער הער (לאָנדאָן) איז דער איינציגער מענש, וואָס גיט צו, אַז ער איז אַ סאָציאַליסט".

לאָנדאָן האָט אין זיין רעדע זיך אָפּגעשטעלט הויפּטזעכ־ליך אויף דעם „סאָציאַליסטישען" פּונקט אין דעם ביל. ער האָט דעם פּונקט פאַרטיידיגט אויפ'ן גרונד פון פּרינציפּ און פון פּראַקטישע ביזנעס. ער האָט גע'טענה'ט, אַז פּריוואַטע קאָמפּאַ־ניעס האָבען ניט קיין מאָראַלע רעכט צו פּראָפיטירען פון דעם טויט אָדער פון די וואונדען פון אַרבייטער און ער האָט באַוויזען, אַז מען קען ניט געטרויען די פּריוואַט קאָמפּאַניעס אַז זיי וועלען די פאָנדען פאַרוואַלטען ערליך.

„אינשורענס האָט אין אַלגעמיין ניט געטאָרט ווערען אַ פּריוואַט געשעפט. עס איז אינטערעסאַנט דאָס ווען דער ערש־טער אינשורענס פּראָצעס איז פאָרגעקומען אין אַ פראַנצויזישען געריכט נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָט דער גע־ריכט זיך ענטזאָגט צו משפּט'ן. די ריכטער האָבען ערקלערט, אַז עס איז נידעריגער פון דער ווירדע פון אַ פראַנצויז, צו שטעלען אַ געלד־פּרייז אויף זיין לעבען. דאָס איז געווען דער געפיל פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. דער געפיל אַז דער פראַנצויז איז אַ צו־נאָבעלע פּערזענליכקייט אַז זיין לעבען זאָל קענען געשאַצט ווערען אין פראַנקען. . . דער טויט איז אונ־פאַרמיידליך. . . עס איז ניטאָ קיין אורזאַכע אין דער וועלט, וואָרום אַ גרופּע פון פּריוואַט מענשען זאָלען מאַכען פּראָפיטען פון דעם, וואָס זייערע מיטמענשען מוזען שטאַרבען. עס איז קיין אורזאַכע ניטאָ וואָרום פּראָפיטען זאָלען געמאַכט ווערען פון אינשורענס.

„אין די ערשטע יאָרען זיינען די אינשורענס קאָמפּאַניעס געווען רויבער באַנדעס. די שווינדלען פון די אינשורענס קאָמ־פּאַניעס האָבען איבערגעטראַטען אַלע געזעצען. אין די פּאַ־

ליסים זיינען אריינגעשריבען געוואָרען אַזוינע פּונקטען, אַז עס איז אונמעגליך געווען צו קאָלעקטירען אַ סענט אויף זיי. יאָרען לאַנג האָבען די גרויס־מאַכער געזוכט עצות ווי אַזוי צו באַשיצען דאָס פּובליקום געגען די שווינדלען פון די אינשורענס קאָמפּאַניעס. דער רעזולטאַט איז געווען אַז כמעט אין אַלע סטייטס פון לאַנד איז דאָס רעכט אויף צו מאַכען די אינשורענס קאָנטראַקטען צוגענומען געוואָרען פון די אינשורענס קאָמפּאַניעס און דער געזעץ שרייבט פאָר די פּונקטען פון דעם קאָנטראַקט, די פאָרמע פון די פּאָליסים. דער געזעץ האָט צוגענומען פון די אינשורענס קאָמפּאַניעס דאָס רעכט אויף מאַכען פּריוואַטע קאָנטראַקטען".

דאָס באַווייזט אַז פּאַקטיש איז אינשורענס אַ רעגירונגס־געשעפט. די רעגירונג באַשטימט די באַדינגונגען, די רעגירונג שרייבט די פּאָליסים. בלויז איין רעכט אין די ביזנעס האָט די רעגירונג ביי די פּריוואַט קאָמפּאַניס ניט צוגענומען, — דאָס רעכט צו מאַכען פּראָפיטען און אריינלייגען די פּראָפיטען צו זיך אין קעשענע. און לאָנדאָן ווייזט אָן אויף דעם, אַז די אמת'ע אורזאַכע פאַרוואָס די פּריוואַט אינשורענס קאָמפּאַניעס באַקעמפען דעם אַרבייטער־אינשורענס ביל פון וואַשינגטאָן, איז ווייל ער ענטהאַלט דעם פּונקט, אַז דער פאָנד זאָל פאַרוואַלטעט ווערען פון דער רעגירונג. די פּריוואַט קאָמפּאַניעס האָבען מורא אַז אויב אַזאַ סיסטעם וועט איינגעפירט ווערען אין וואַשינגטאָן וועלען אַנדערע סטייטס נאָכטאָן דעם ביישפּיל.

„פאַרוואָס ווערט דער ביל באַקעמפט פון די אינשורענס קאָמפּאַניעס? איז עס דערפאַר וואָס זיי ווילען קריגען די ביזנעס פון די אינשורענס אין וואַשינגטאָן? ניין. דאָס איז דערפאַר, ווייל זיי ווילען ניט, אַז די רעגירונג זאָל אריין אין אינשורענס; ווייל זיי פאַרשטייען, אַז ווען מענשען וועלען נעמען טראַכטען וועגען דעם, וועלען זיי אַלע קומען צום שלום, אַז די ביזנעס ספּעציעל געהערט צו דער געזעלשאַפט, און אַז זי טאָר ניט פאַרוואַלטעט ווערען פאַר פּריוואַטע פּראָפיטען".

און דאָ איז לאַנדאָנ׳ען געשטעלט געוואָרען די אַלטע, אויס־געדראָשענע קשיה פון די געגנער פון סאָציאַליזם, צי די רעגירונג איז פייאיג אויף פארוואַלטען געשעפטען. „איז עס ניט אמת, — האָט געפרעגט קאָנגרעסמאַן וואַיענט, — „אַז כמעט אַלע געשעפטען, וואָס די רעגירונג פאַרוואַלטעט קענען ניט קאָנקו־רירען מיט פריוואַטע געשעפטען?”

לאַנדאָן האָט זיך באַנוצט מיט דער געלעגענהייט פון דער פראַגע צו געבען זיינע קאָלעגען אַ קליינע לעקציע אין סאָציאַ־ליזם.

„איך וויל זאָגען דעם הער, אַז עס איז דאָ אַ פּריוואַט קאָמפּאַני, וועלכע קאָנקורירט מיט דעם פּאָסט אָפיס. איך וועל דעם נאָמען פון דער קאָמפּאַני ניט דערמאָנען. זי קאָנקורירט מיט דער רעגירונגס־פּאָסט אין פירען קליינע פּעקלאך און צירקו־לאַרען און ענליכע זאַכען. ווי אַזוי טוט זי עס? אָט ווי: ווערענד די רעגירונג צאָלט אירע פּאָסט־אָנגעשטעלטע אַ רעגולערן געהאַלט, מיט מענשליכע שטונדען און גיט זיי באַשעפטיגונג יעדען טאָג אין יאָר, גיט זיי אַ וואַקיישאָן, צאָלט זיי אַ פּענ־סיע, צווינגט די פּריוואַט קאָמפּאַני אירע אָנגעשטעלטע צו ארבייטען פון צוועלף ביז פערצען שטונדען אַ טאָג און צאָלט זיי אַ העלפט פון די ווידזשעס, וואָס די רעגירונג צאָלט. דער פּאָסט אָפיס איז דער ביליגסטער און זיכערסטער טראַנספּאָרט־מיטעל, טראָץ דעם, וואָס די פּריוואַט ריילראָוד קאָמפּאַניס פּרע־סען פון אים ארויס הויכע פראַכט פּרייזען.

„נעמט אַזאַ סאָציאַליסטישע אינסטיטוציע ווי די פּאָבליק סקולס. דער גרעסטער פילאָזאָף פון זיין צייט, הערבערט ספּענ־סער, ניט קיין נאַר און ניט קיין איגנאָראַמוס, האָט אין זיין בוך „די צוקונפטיגע שקלאַפעריי”, געזוכט צו באַווייזען, אַז די פּאָבליק סקולס וועלען פאַרשקלאַפען די געזעלשאַפט. עס איז דאָ אַ געוויסער טייל אמת אין דעם. דורכדעם, וואָס די רע־גירונג קאָנטראָלירט די בילדונג פון אַלע קינדער, לערענט זי זיי אַלע צו דענקען גלייך און צו האַלטען זיך אָן געוויסע באַ־

שטימטע אינסטיטוציעס. אָבער כאָטש עס איז דאָ אין דעם אבי־סעל אמת, וועלען אָבער אַלע צוגעבען, אז די פּאַבליק סקול איז דער פונדאַמענט פון אַ דעמאָקראַטישער אָרדנונג.״

און לאָנדאָן גייט ווידער אריבער צו זיין אָריגינעלער טעמא, דעם ביל װעגען אינשורענס. „עס קען ניט זיין קיין אַנ־דער אויסזעצונג געגען דעם ביל, ווי נאָר די אַלטע שרעק פאר פארשטארקען די מאכט פון דער רעגירונג. מיינע הערען, צי איר ווילט עס צי ניט, עס איז אָבער אמת, אז דער פּראָבלעם היינט איז דער קאמף צווישען אונבאגרענצטען אינדיווידואליזם און קאָאָפּעראַציע. מאָדערנע אינדוסטריע איז קאָאָפּעראַטיוו, אָם ווייניגסטענס, וואס איז שייך פּראָדוקציע. די קאָאָפּעראַציע אין פּראָדוקציע פירט צו קאָאָפּעראַציע אין דענקען און אין אַלגעמיינע טעטיגקייטען״.

און ווידער אמאָל האָט זיך ארויסגערוקט אַן אַלטע, אָפּגע־לעבטע קשיה געגען סאָציאליזם. קאָנגרעסמאַן גערובערג האָט געפרעגט: „גלויבט ניט דער הער אין קאָנקורענץ? איז עס ניט אמת אז אָן קאָנקורענץ איז ניטאָ אין לעבען קיין טרייב־קראפט?״

לאָנדאָן האָט אויף דער פראגע געגעבען א קורצען ענטפער:

„לאָמיר זיך אין דעם אביסעל אריינטראכטען. מיר זיינען נאָך פארבליבען בלויז צוויי מינוטען אָבער איך מוז דעם הער ענטפערען. דער פּרינציפּ פון קאָנקורענץ, וועלכער ווערט פון מאנכע אויסגעטייטשט אַלס אַ טייל פון דעם אַלגעמיינעם קאמף פאר עקזיסטענץ, וואָס גייט אָן צווישען די לעבעדיגע באַשעפע־נישען אין דער נאַטור, איז בריליאַנט ערקלערט געוואָרען פון דעם בארימטען דארוויניסט אַלפרעד ראָסעל וואלאס. ער האָט געזאָגט, אז דער קאמף פאר׳ן עקזיסטענץ אין דער נאטור איז דער שארפּ־סטער אויסדרוק פון אינדיווידואליזם. אין די קאַלטע געגענדען ביי דעם נאָרט און סאוט פּאָל קומט פאָר אַ קאָנקורענץ צווישען דעם ווייסען בער און דעם שווארצען בער. דער ווייסער בער

קען לייכטער באַפּאַלען זיין קרבן ווי דער שוואַרצער, ווייל דער ווייסער שניי מאַכט אַז דער קרבן זאָל אים ניט קענען פּאַראויס באַמערקען. דער ווייסער בער וועט דאָרטען דערפאַר האָבען מער ערפאָלג ווי דער שוואַרצער בער. אָבער דאָס באַווייזט ניט אַז דער ווייסער בער איז אַ דזשענטעלמען. אונטער דעם סיסטעם פון קאָנקורענץ, וואו עגאָאיזם און גייציגקייט ווערען באַלוינט, וועט דער גרעסטער לומפּ מאַכען דעם גרעסטען ערפאָלג.״

קאפיטעל 47.

לאָנדאָן אַלס רעדנער און דעבאַטאַנט אין קאָנגרעס

„דער הער רעדט אָפט און רעדט אינטערעסאַנט, אָבער מיין צייט איז באַגרעניצט און איך קען אים מער פון מיין צייט ניט באַוויליגען", — דאָס האָט איינמאָל געזאָגט קאָנגרעסמאַן ברענד, אַלס ענטפער צו לאָנדאָנ'ען, וועלכער האָט אים עטליכע מאָל אונטערבראָכען מיט פראַגען. די באַמערקונג פון קאָנגרעסמאַן ברענד איז ניט געמאַכט געוואָרען בלויז אויף העפליכקייט. לאָנדאָן איז פון זיינע קאָלעגען אָנערקענט געוואָרען אַלס איינער פון די געבילדעטסטע און וויסענהאַפטסטע מיטגלידער פון קאָנ־גרעס. ער איז אימער געווען אויפ'ן פּלאַץ, גרייט צו פאַרטיי־דיגען זיינע פּרינציפּען און די אינטערעסען פון דעם קלאַס וואָס האָט אים אין קאָנגרעס געשיקט. ניט שטענדיג איז אים לייכט אָנגעקומען צו קריגען דאָס וואָרט: ער האָט זיך געמוזט באַ־נוצען מיט פאַרשידענע פּאַרלאַמענטאַרישע מיטלען און אמאָל זאָ־גאַר מיט פּאַרלאַמענטאַרישע דריידלאַך און „טריקס" זיין ציל צו ערגרייכען. אָבער אַם ענדע האָט ער אויסגעפירט. ער האָט וואַר־שיינליך אין פאַרלויף פון זיינע דריי טערמינען גערעדט איבער מער פאַרשידענע בילס און רעזאָלוציעס און האָט אַרויסגעוויזען אַ ברייטערען וויסען און אַ טיפערע פאַרשטענדניש איבער פּראָ־בלעמען, אינערליכע און אינטערנאַציאָנאַלע, ווי אירגענד אַן אַנ־דער מיטגליד אין דער הויז אָוו רעפּרעזענטאַטיווס.

לאָנדאָן האָט זעלטען פאַרנאַכלעסיגט אַ געלעגענהייט אויפ־צוצייגען אונלאָגישקייט און ווידערשפּרעכונג אין דער שטעלונג פון זיינע קאָלעגען צו פראַגען, וואָס זיינען געווען פאַרבונדען מיט

סאָציאַליסטישע טעאָריע אָדער פּראַקטיק. אָט איז אַ ביישפּיל פון דעם. עס איז געווען אַ קאָנגרעסמאַן פון מיסיסיפּי, וועלכער פלעגט שטענדיג קלאַפּען דעם סאָציאַליזם. האָט פּאַסירט אַז דער זעלבער קאָנגרעסמאַן האָט איינמאָל געהאַלטען אַ שטאַרקע רעדע צו גונסטען אַ ביל אַז די רעגירונג זאָל בויען שאַסייען אין זיין סטייט. לאָנדאָן האָט גלייך נאָכדעם גענומען דאָס וואָרט און אויפמערקזאַם געמאַכט דעם קאָנגרעסמאַן, אַז ער שטיצט אַ שטיק סאָציאַליזם. „דער פייאיגער און אַנגענעמער הער פון מיסיסיפּי האָט געזאָגט, אַז ער איז געגען סאָציאַליזם. דאָס אָבער האַלט אים ניט צוריק פון שטיצען אַ ביל אַז די רעגירונג זאָל באַווילינגען געלד צו העלפען די פאַרמער באַפעלקערונג... די סאָציאַליסטען פאָדערען אַז אַלע געזעצען זאָלען האָבען אַלס זייער ציל צו דינען דעם גאַנצען פאָלק, דער גאַנצער געזעלשאַפט. דער וואָרט „סאָציאַליזם" שטאַמט פון דעם געדאַנק. די געזעלשאַפט אַלס אַ גאַנצע מוז טאָן יענע זאַכען, וואָס דער איינצעלנער קען אַליין ניט טאָן. דער הער פון מיסיסיפּי שטיצט דעם פּרינציפּ אויף אַזוי ווייט ווי ער באַציט זיך אויף בויען שאַסייען. לאָמיר זיין דאַנקבאַר כאָטש פאַר דעם".

און אָט איז אַ צווייטער פאַל אין וועלכען לאָנדאָן האָט אויף אַ קלוגען אופן פאַרטיידיגט דעם פּרינציפּ פון קלאַסענקאַמף אין דער היינטיגער געזעלשאַפט. עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דער פעדעראַל רעזערוו באָארד וואָס דער פּרעזידענט האָט געדאַרפט אַפּאָינטען צו קאָנטראָלירען דעם קרעדיט סיסטעם פון לאַנד. די קאָנגרעסלייט פון די פאַרמער סטייטס האָבען געפאָדערט אַז דער געזעץ וועגען דער באָארד זאָל געענדערט ווערען אַזוי, אַז דער פּרעזידענט זאָל זיין מאָראַליש פאַרפליכטעט צו אַפּאָינטען אַ פאַרמער פאָרשטייער אַלס מיטגליד פון דער באָארד. לאָנדאָן האָט דאַן צוגעגרייט נאָך אַ פאָדערונג, אַז דער געזעץ זאָל אויך מאָראַליש פאַרפליכטען דעם פּרעזידענט צו אַפּאָינטען אַ פאָרשטייער פון אַרבייט אויף דער באָארד. אין זיין רעדע וועגען זיין פאָרשלאַג האָט ער צוגעגעבען דאָס ער ווייס גאַנץ גוט, אַז קיין פּראַקטישע נוצען וועט דער פאָרשלאַג ניט ברענגען. ווען

דער פּרעזידענט וואָלט זיך געקימערט פאַר די אינטערעסען פון די אַרבייטער אָדער די פאַרמערס, וואָלט ער ניט געוואַרט ביז וואַנען דער קאָנגרעס וועט אים בעטען צו אַפּאָינטען פאָרשטייער פון די צוויי קלאַסען אויף דער באָארד. ער וואָלט עס אליין געטאָן. דער אַלטער געזעץ האָט אים דאָך געגעבען ערלויבניש צו אַפּאָינטען וועמען ער האָט נאָר געוואָלט. אויב ער האָט פריער ניט געוואָלט אַריינזעצען אין דער באָארד אַרבייטער און פאַרמער פאָרשטייער וועט ער צוליב דער מאָראַלער פאַרפליכטונג פון קאָנגרעס דאָס אויך ניט טאָן.

דאָך געפינט עס לאָנדאָן פאַר וויכטיג זיין פאָרשלאָג צו מאַכען. פאַרוואָס? אַמאָל האָבען „ווערטער" אויך אַ ווערט, אויב ניט קיין פּראַקטישען ווערט, איז אָבער אַ מאָראַלען ווערט.

„ווערטער זיינען סימבאָלען פון אידעען. דורך ווערטער ווערען אין אונז אויפגעוועקט געדאַנקען. די פאַרמערס וועלען לייענען אַז אין דער באָארד זיצען פאָרשטייער פון אַגריקולטור, וועלען זיי טראַכטען, צו וואָס עפּעס דאַרפען דאָרטען זיין ספּעציעלע פאָרשטייער פון לאַנד־ווירטשאַפט? דאָס וועט זיי ברענגען צום געדאַנק, אַז זיי, אַלס פאַרמערס, אַלס אַגריקולטור מענשען האָבען באַזונדערע אינטערעסען, זיינען אַ באַזונדער קלאַס, וועלכע מוזען האָבען ספּעציעלע, אייגענע פאָרשטייער".

נו, טענה'ט ווייטער לאָנדאָן, אַז דערמיט האָבען די קאָנגרעס־לייט פון די פאַרמער־סטייטס ניט ווילענדיג אַנערקענט דעם סאָציאַליסטישען פּרינציפּ, אַז די געזעלשאַפט איז צונויפגעשטעלט פון קלאַסען, וואָס קעמפען איינער געגען דעם אַנדערען פאַר עקאָנאָמישע אינטערעסען. אויב אַזוי, מוז אויך דער אַרבייטער־קלאַס קריגען די זעלבע אַנערקענונג אַלס אַ קלאַס מיט קלאַסען־אינטערעסען. „איך מאַך מיין פאָרשלאָג, ניט ווייל איך ערוואַרט אַז ער וועט ברענגען פּראַקטישע נוצען דעם אַרבייטער קלאַס, נאָר ווייל די לאָגיק פאָדערט עס. אויב איר זאָגט אַז אויף דער רעזערוו באָארד מוזען זיין פאַרטראָטען די פינאַנציעלע, די האַנדעלס, די אינדוסטריעלע און די פאַרמער־אינטערעסען, טאָ מוזען דאָרטען אויך זיין פאַרטראָטען די אַרבייטער אינטערעסען."

לאָנדאָן האָט איין מאָל געוואגט אויפצוהויבען אין קאָנגרעס א פראַגע וואס איז פאר דער גרויסער מאַיאָריטעט פון די מיט־גלידער געווען נאָך מער טריף ווי די פראגע פון סאָציאַליזם. ער האָט געוואגט צו פאָדערען גערעכטיגקייט פאר אומגעזעצליכע קינדער.

די פראגע וועגען די קינדער איז אויפגעשוואומען אויף אן אינדירעקטען אופן. עס האָט זיך געהאנדעלט וועגען א ביל פאר דער פארוואלטונג פון דעם געגענד וואו עס געפינט זיך דער פאנאמא קאנאל. א פונקט אין דעם ביל האָט געלויטעט אזוי: „אויב א פאָר פאָלק גט זיך, זאָל די געזעצליכקייט פון די קינדער דורכדעם ניט ליידען, סיידען די הייראט איז אומגילטיג אויף דעם גרונד פון א פריהערדיגע הייראט.“ לאָנדאָן האָט אויסגעזעצט נעגען דעם לעצטען טייל פון דעם פונקט. ער האָט געפרעגט: „פארוואָס זאָל דאָס קינד באשטראָפט ווערען אין אירגענד וועלכען פאָל?“ אויב אפילו עס ווערט באוויזען, אז די הייראט איז אומ־געזעצליך איז דאָך דאָס קינד אין דעם ניט שולדיג.

די דיסקוסיע וואָס האָט זיך אנטוויקעלט איבער דער פראַגע צווישען לאָנדאָנ׳ען און די פארטיידיגער פון דעם ביל באווייזט, ווי ווייט לאָנדאָנ׳ס באגריף פון מאָראל האָט זיך אונטערשיידט פון דעם באגריף פון זיינע קאָלעגען.

אויף זיין פראגע האָט לאָנדאָן באקומען דעם פאָלגענדען ענטפער: „מר. דעניסאָן — אה! די פראגע דארף דער הער שטעלען די עלטערען. מיר באשטראָפען ניט דאָס קינד“.

דער ויכוח איז פארגעזעצט געווארען אָט ווי:

„מר. לאָנדאָן — אָה, יעס, איר באשטראָפט יע דאָס קינד. איר שטעמפעלט אים אלס אומגעזעצליך.“

„מר. דעניסאָן — ניין, מיר טוען עס ניט. די עלטערען טוען עס. ווען א מאן איז פארהייראט צו איין פרוי און הייראט א צווייטע, וועט די צווייטע פרוי, לויט דעם ביל, קענען קריגען פון אים א גט.“

„מר. לאָנדאָן — דאָס פארשטיי איך, אָבער נעמט א פאָל ווען א פרוי הייראט אומשולדיגערהייט א מאן, וואָס איז שוין פאר־

הייראַט צו אַן אַנדערער. זייער הייראַט ווערט ערקלערט אומ־גילטיג. פאַרוואָס זאָל זייער קינד געשטעמפּעלט ווערען אַלס אומגעזעצליך?"

„מר. דעניסאָן — אַזוי ווערט עס געטאָן איבעראַל."

„מר. לאָנדאָן — ניין. איך בין אונטער'ן איינדרוק, אַז אין די מערסטע סטייטס לײדט ניט דאָס קינד. יעדענפאַלס דאַרף דאָס קינד ניט ליידען."

„מר. דעניסאָן — אַ מאַן קען ניט האָבען אַ געזעצליכע קינד פון איין פרוי ווען ער איז געזעצליך פאַרהייראַט צו אַ צווייטער פרוי."

קאָנגרעסמאַן דעניסאָן האָט ניט פאַרשטאַנען לאָנדאָנ'ס אויפ־פאַסונג פון דער פראַגע. אים איז געלעגען אין זינען די „זינד פון די עלטערען"; לאָנדאָן האָט גערעדט פון דעם שטאַנדפּונקט פון דאָס אומשולדיגע קינד.

לאָנדאָן האָט זיך געפילט אַבסאָלוט פריי אין קאָנגרעס, ווי ביי זיך אין דער היים. ער האָט זיך אָפט ערלויבט צו קיבעצען זיינע קאָלעגען, חוזק צו מאַכען, אָפּצולאַכען פון דער גאַנצער קערפּערשאַפט. די קאָנגרעסלייט האָבען געוואוסט, אַז ער טוט עס ווי אַן אייגענער, אַז ער מיינט עס ניט בייזוויליג, און זיי האָבען זיין קיבעץ און זיין סאַטירע גענומען אין גייסט פון האַלב אָדער גאַנץ ערנסטע קריטיק.

אַן אַמוזירענדער עפּיזאָד איז איינמאָל פאָרגעקומען צווישען לאָנדאָנען און קאָנגרעסמאַן בלענטאָן פון טעקסעס. די צוויי קאָנגרעסלייט האָבען דעבאַטירט איבער אַ מיליטערישער פראַגע. לאָנדאָן האָט אין פאַרלויף פון זיין רעדע געמאַכט די פאָלגענדע באַמערקונג:

„איך קען אים (בלענטאָנ'ען) ניט נעמען ערנסט. ער איז אַזוי פיינדליך צו אַרבייט, ער איז אַזוי פאַרביסען געגען יעדען פאַרזוך פון די אונטערדריקטע זייער לאַגע צו פאַרבעסערען, אַז ווען ער רעדט וועגען דעם, פאַרלירט ער פשוט דעם פאַרשטאַנד. איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געהערט פון אים אַ לאָגישע אָדער אינטעליגענטע רעדע איבער אַן אַרבייטער פראַגע. און אַזוי ווי ער רעדט אָפּט

וועגען ארבייטער פראגען, צווייפעל איך איבערהויפט צי ער איז קלאָר."

ווי עס ווייזט אוים האָט זיך לאָנדאָן אַביסעל אַליין דער־שראָקען פאר דער שארפקייט פון דעם קיבעץ. ער האָט גלייך צו־געגעבען: „איך וויל, אז דאָס וואָס איך זאָג איצטער זאָל געגומען ווערען אין א פריינדליכער שטימונג. איך טראָג ניט קיין פער־זענליכע שנאה צו קיינעם אין קאָנגרעס." שפעטער אביסעל האָט ער אָבער ווידער „אריינגעריבען" דעם רעאַקציאָנער בלענטאָן: „די צרה מיט מאַנכע מענשען איז דאָס זיי ריידען וועגען דעמאָ־קראַטיע, כאָטש זיי פארשטייען ניט דעם אלף בית דערפון. דער הער פון טעקסעס רעדט וועגען דעמאָקראטיע, אבער ווען עס האָט זיך געהאנדעלט וועגען ארויפלייגען אַ טאַריף אויף אָקסען האָט ער געשטימט מיט די רעפובליקאנער. איך ווייס ניט צי ער איז אַן אָקסענער רעפובליקאנער אָדער אַן אייזעלדיגער דעמאָקראט."

פון בלענטאָנ'ס ענטפער איז קלאָר, אז ער האָט גענומען די קיבעצעריי אין דעם גוטמוטיגען גייסט ווי לאָנדאָן האָט גע־מיינט עס זאָל גענומען ווערען. בלענטאָן האָט אזוי געזאגט: „דער פריינד אונזערער פון ניו יאָרק מעג זיך זיין א סאָציאַליסט אויב ער וויל. איך שטים ניט איין מיט אים און מיט זיינע אידעען, כאָטש איך באוואונדער אים פערזענליך. עס איז ניטאָ קיין מער געלערנטער מענש און קיין מער אויפריכטיגער מענש ווי ער איז."

אָט זיינען אייניגע ביישפּילען פון לאָנדאָנ'ס סאטירע און שארפזין פאר וועלכע זיינע קאָלעגען האָבען זיך גאַנץ שטאַרק געשראָקען:

עס האָט זיך געהאנדעלט וועגען דאָס אייגענטום פון דייטשע בירגער וואָס די היגע רעגירונג האָט פארכאַפּט אין דער צייט פון דער מלחמה. לאָנדאָן האָט אַטאַקירט דעם קאָנגרעס דער־פאר וואָס ער איז גלייכגילטיג דערצו. ער האָט אָנגעוויזען אויף דעם, אַז די רעגירונג באַנוצט זיך מיט אַלערליי לאָיערשע דריידלאַך אום ניט אָפּצוגעבען דאָס אייגענטום צו די אייגענטימער. דערביי האָט ער באמערקט: „לאָמיר זאָגען צו די לאָיערס, וועלכע האָבען

א סך וויסען אָבער קיינע פּרינציפּען — דאָ האָט אים א קאָנגרעס־מאַן אונטערבראָכען מיט אַן „אַפּיל צום פּאָרזיצער" — איידער דער פּאָרזיצער האָט צייט געהאט צו ענטפערען, האָט לאָנדאָן זיך געווענדט צו דעם אונטערברעכער: „איך האָב נאָך ניט געענדיגט. איר פאַרשטייט ניט פאַרוואָס איר נעמט מיינע ווערטער אלס א פּערזענליכע באַליידיגונג."

אָט איז אַ צווייטער פאַל פון דעם סאָרט. דער קאָנגרעס האָט פאַרהאַנדעלט א פאָרשלאַג, אַז די רעגירונג זאָל באַווילינען געלט פאַר דער „שיפּינג באָארד". לאָנדאָן איז ארויסגעטראָטען געגען דעם פאָרשלאַג. אין זיין רעדע האָט ער אָנגעגריפען קאָנגרעסמאַן לעיטאָן פון דעלעווער, א פאַרביסענעם שונא פון סאָציאַליזם: „דער הער פון דעלעווער", האָט לאָנדאָן געזאָגט, „ווען פאַר־דאַמט שטענדיג דעם סאָציאַליזם, פּראָטעסטירט ניט געגען דעם סאָרט סאָציאַליזם. ער האַלט עס הפנים פאַר גערעכט, אַז דער קאָנגרעס זאָל געבען געלט צו אנטוויקלען אַן אינדוסטריע פאַר פּריוואַט קאַפּיטאַל."

קאָנגרעסמאַן לעיטאָן האָט פּראָטעסטירט געגען דער באַמער־קונג: „איר האָט פון מיר קיין וואָרט ניט געהערט וועגען דעם ביל", האָט ער אויסגערופען.

„אויב אַזוי, האָט לאָנדאָן געענטפערט, „הייסט עס, אַז איך מעג גלויבען, אַז אייער שטעלונג צו דער פראַגע איז די זעלבע ווי מיינע. דער אונטערשייד איז נאָר וואָס איך זאָג ארויס מיין מיינונג."

„מר. לעיטאָן — איך האַלט נאָך ווייט פון איינשטימען מיט אייך. איך האָב מורא מיט אייך איינצושטימען."

„מר. לאָנדאָן — איך האָב פאַר קיינעם קיין מורא ניט, ניט אפילו פאַר'ן הער פון דעלעווער, און איך האָב פאַר זיך אויך קיין מורא ניט, ווייל איך ווייס וואָס איך וויל."

די לעצטע רעדע וואָס לאָנדאָן האָט אין קאָנגרעס געהאַלטען איז געווען א סאַטירע אויפ'ן גאַנצען קאָנגרעס. עס איז פאַר־האַנדעלט געוואָרען א פאָרשלאַג וועגען רעאָרגאַניזירען געוויסע צווייגען פון דער אדמיניסטראַציע אום דערמיט איינצושפּאָרען

הוצאות. לאַנדאָן האָט דעם ביל גענומען אַלס א טעקסט צו כאַראַקטעריזירען די גאַנצע ארבייט פון קאָנגרעס.

„איך האָב מיט יאָרען צוריק געלייענט א פאַבעל, וועלכע איז מיר איצט אויפ'ן זינען ארויף. דאַכט זיך, אז דער פאַבעל איז אזוי: אַן אייזעל, א ציג, אַן אַפּע און א בער האָבען באַשלאָסען צו געבען א קאָנצערט. דער אייזעל איז באַשטימט געוואָרען פאַר דעם דיריגענט. זיי האָבען געפּרובירט זינגען, אָבער זיי האָבען זיך באַלד איבערצייגט, אז אפילו פאַר זייערע אויערען טויג עס ניט. זיי האָבען באַשלאָסען צו רעאָגאַניזירען דעם ארקעסטער און צו מאַכען אַן אַנדערען פאַר'ן דיריגענט. זיי האָבען ווידער געפּרובירט זינגען, אָבער עס איז אַלץ ניט געגאַנגען. דאַן איז געמאַכט געווארען א פאָרשלאַג, אז אָנשטאָט זיצען אין א צירקעל זאָלען זיי זיך צוזעצען אין א גלייכער שורה. די מוזיק האָט אָבער אַלץ געטויגט אויף א כפּרה. דאַן האָבען זיי זיך געווענדט צום נאַכטיגאַל, ער זאָל זיי געבען אַן עצה. דער נאַכטיגאַל האָט זיי געזאָגט קורץ און שאַרף: „מיינע פריינד, וואָס איר וועט ניט טאָן וועט ניט טויגען, איר זייט ניט קיין זינגער."

„איר האָט באַשאַפען א קאָמיסיע צו רעאָרגאַניזירען די פאַר־שיידענע צווייגען פון דער אדמיניסטריישאָן, אָבער איר האָט איבערגעלאָזען די הויפּט־אַמטען אין די הענט פון פּאָליטישענס. ווי קענט איר דערוואַרטען אויסצומיידען פאַרשווענדניש און אומפייאַיגקייט אונטער די אומשטענדען. די קאָמיסיע וועט פּונקט אזוי איינשפּאָרען געלט, ווי דער דערמאָנטער אָרקעסטער האָט אָפּגעגעבען קאָנצערט."

קאַפּיטעל 48.

לאָנדאָן אויפ׳ן וואַך צו שיצען אימיגראַנטען

מיט באַגרענצען די אימיגראַציע אַליין האָבען זיך די שונאים פון די „פרעמדע״ ניט באַנוגענט. זיי האָבען אויך געזוכט צו מאַכען געזעצען וואָס זאָלען דיסקרימינירען געגען דער אימיגראַנטען באַפעלקערונג אין לאַנד. געטאָן האָבען זיי עס אונטער דער מאַסקע פון „געזעץ און אָרדנונג״, מיט דעם אויסרייד אז זיי ווילען באַשיצען דאָס לאַנד געגען פאַרברעכער אָדער אז זיי זוכען צו ערהויבען דעם מאָראַלען טאָן פון אַמעריקא. לאָנדאָן האָט אָבער געוואוסט וואו די ליִיט צילען און ער האָט יעדען פאַרזוך פון דעם סאָרט באַקעמפט מיט אַלע זיינע כוחות.

אָט איז פאָרגעשלאָגען געוואָרען אַ ביל אז אַ ניט־בירגער וואָס איבערטרעט דעם פּראָהיבישאָן געזעץ זאָל אַרויסגעשיקט ווערען פון לאַנד. פאַר דעם זעלבען פאַרברעכען, הייסט עס, פאַר וועלכען אַ בירגער ווערט באַשטראָפט מיט אַ קורצען טערמין פּריזאָן אָדער גאָר מיט אַ געלד שטראָף, זאָל אַ ניט־בירגער אַרויסגעטריבען ווערען פון אַמעריקא, אַ שטראָף וואָס אין אַ סך פאַלען גרענעצט זיך נאָענט מיט טויט שטראָף. ווען לאָנדאָן האָט זיך אויפגעשטעלט ריידען האָט ער געברענט מיט כעס. ער האָט ניט געקענט געפינען ווערטער שטאַרק גענוג זיינע געפילען אויסצודריקען: „וואו נעמט מען ווערטער, האָט ער אויסגעשריען, צו זאָגען אייך וואָס איך פיל וועגען די פאָרשלעגער פון דעם ביל. די רעגעלען פון פּאַרלאַמענט פאַרבאָטען צו געברויכען די ווערטער וואָס איך וואָלט געוואָלט געברויכען. די רעגעלען פון פּאַרלאַמענט ערלויבען ניט איין מיטגליד צו זאָגען צו

אנדערע מיטגלידער, אז זיי זיינען היפּאָקריטען, פאַנאַטיקער אָדער אידיאָטען".

און לאָנדאָן ערקלערט פאַרוואָס ער האָט אַזאַ מיינונג וועגען זיי: „איר גייט נאָך אַלץ אויפ'ן וועג, וואָס די מלחמה היסטעריע האָט געשאַפען. דער פּרינציפּ פון דעפּאָרטאַציע איז אָנגעווענדעט געוואָרען אין מלחמה צייט צוליב דער אויסערגעוויינליכער לאַגע וואָס האָט דאַן עקזיסטירט. איצטער ווילט איר ארויסשיקען פון אַ לאַנד אַ מענשען דערפאַר וואָס ער האָט געמאַכט אַ שנאַפּס. אויב אַזוי, וואָלט מען מאַנכע פון אייך געדאַרפט ארויסשיקען, אויב איר וואָלט ניט געווען קיין בירגער. איר ווילט דעם אימיגראַנט מאַכען פאַר אַ גענזעצליכען אויסוואורף. זאָגט אָפען, וואָס איר מיינט. איך וועל אייך זאָגען, וואָס איך קלער: דער פאָרשלאַג באַווייזט, אַז דער קאָנגרעס איז גייסטיג באַנקראָט.

„שוין אַ יאָר באַלד, אַז דער קאָנגרעס זיצט. די אַרבייט צוליב וועלכע איר האָט זיך לכתחילה פאַרזאַמעלט האָט איר שוין לאַנג פאַרענדיגט. איר האָט מער ניט וואָס צו טאָן. אָבער מאַנכע פון אייערע קאָמיטעס טראַכטען פאַר אונז אויס אַלערליי ווילדע, לעכערליכע זאַכען און ברענגען זיי צו אונז מיר זאָלען זיך מיט זיי ראַנגלען. עס איז צייט מיר זאָלען די זיצונג שליסען."

אַ צווייטער ביל וואָס איז געצילט געווען געגען אימיגראַנטען האָט פון דרויסען אויסגעוויזען גאַנץ גערעכט און גאַנץ אומשולדיג. דער ביל האָט פאָרגעשלאָגען, דאָס ווען אַן אימיגראַנטקע הייראַט אַן אמעריקאַנער בירגער זאָל זי פאַרבלייבען אַ ניט-בירגערין, ביז וואַנען זי וועט ארויסנעמען סיטיזענס פּייפּערס. דער פאָרשלאַג איז גענומען געוואָרען אין נאָמען פון גלייכע רעכטע פאַר פרויען ווי פאַר מענער; וויבאַלד מענער ווערען ניט קיין בירגער דורכדעם וואָס זיי הייראַטען אַמעריקאַנער פרויען, דאַרפען פרויען אויך ניט ווערען קיין בירגער דורכדעם וואָס זיי הייראַטען אַמעריקאַנער מענער. לאָנדאָן האָט אָבער געוואוסט, אז הינטער דעם „גערעכטען" מאָטיוו איז געשטאַנען אַ ציל פון אַ גאַנץ אַנדער סאָרט — צו פאַרצאַמען דעם וועג פון טויזענדער

אימיגראַנטען פרויען ווען עס איז צו ווערען בירגערינס. די דאָזיגע פרויען האָבען ניט געהאַט די נויטיגע בילדונג וואָס עס פאָדערט זי דורכצוגיין דעם עקזאַמען ביים ארויסנעמען די סי־טיזענס פייפּערס; זיי וואָלטען קיינמאָל די בילדונג ניט קענען באַקומען. אין נאָמען פון די פרויען און פון זייערע פאַמיליעס האָט לאָנדאָן דעם ביל באַקעמפט.

אין זיין רעדע האָט לאָנדאָן אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם, אז דער ביל דיסקרימינירט געגען אימיגראַנטען: „אַ פרוי געבוירען אין אַמעריקאַ, ווען זי הייראַט אַן אויסלענדער בלייבט זי אַן אַמעריקאַנער בירגערין, סיידען זי אַליין זאָגט זיך אָפּ דערפון. איך פאָדער די זעלבע רעכט פאַר דער אויס־לענדישער פרוי וואָס הייראַט אַן אַמעריקאַנער בירגער. זי דאַרף אויך פאַרבלייבען אַן אַמעריקאַנער בירגערין סיידען זי זאָגט זיך דערפון אָפּ, סיידען זי ערקלערט אז זי וויל ניט זיין קיין אַמערי־קאַנער בירגערין. איך פאָדער עס אין נאָמען פון די הונדערטער טויזענדער, אפשר מיליאָנען, פרויען פון ארבייטער. איך פאָדער אַז די פרויען זאָלען ניט פאַרלירען זייער בירגער רעכט. זעכציג פּראָצענט פון ארבייטער פאַמיליעס אין די וויכטיגסטע אינדוס־טריען פון לאַנד וועלען פון דעם געזעץ געטראָפען ווערען".

פון אויבען אויף האָט עס געקענט אויסווייזען, אז דער ביל זוכט צו געבען דער פרוי די זעלבע רעכטע ווי דעם מאַן. אָבער לאָנדאָן האָט געוואוסט, אז דאָס איז ניט דער ציל פון די, וואָס האָבען דעם ביל אַריינגעטראָגען און אים פאַרטיידיגט.

„דער ביל איז אַריינגעטראָגען געוואָרען אויף דעם פאָר־שלאָג פון געוויסע פרויען אָרגאַניזאַציעס. דאָס איז אַ שטיק פּאָ־ליטישע קענדי פאַר די פרויען. דער טייל פון דעם ביל וועל־כער ערלויבט דער אַמעריקאַנער פרוי צו פאַרבלייבען אַן אַמע־ריקאַנער בירגערין ווען זי הייראַט אַן אויסלענדער איז גוט, גע־גען אים זעץ איך ניט אויס. איך בין אָבער געגען דער שטיק פאַרגיפטעטע קענדי וואָס איר גיט צו די מיליאָנען אָרימע פרויען וועלכע ערציען זייערע קינדער און גיבען אכטונג אויף זייערע מענער און וועלכע בויען היימען פאַר זייערע פאַמיליעס".

לאָנדאָן האָט פאַרדאַמט דעם גייסט אין וועלכען דער ביל איז פאַרפאַסט געוואָרען. ער האָט פאַרדאַמט די פּאָליסי פון מאַכען עס שווערער און שווערער פאַר דעם אימיגראַנט צו ווערען אַן אַמעריקאַנער בירגער. דער נייער געזעץ איז געווען נאָך אַ שריט אין דער ריכטונג פון דערווייטערען זיך פון דעם אימיגראַנט, פון פאַרשטויסען דעם אימיגראַנט.

„די אויפגאַבע פון אונזערע שטאַטסלייט דאַרף זיין צו ברענגען די אימיגראַנטען נעענטער צו אַמעריקאַ, מאַכען עס לייכטער פאַר זיי צו פאַרשטיין די אַמעריקאַנער אינסטיטוציעס. עס זיינען פאַראַן מיליאָנען איינגעבוירענע אַמעריקאַנער וועלכע קענען ניט לעזען און שרייבען אָבער וועלכע באַזיצען דעם פאַרשטאַנד און דעם מאָראַלען געפיל וואָס מאַכע דאָקטאָר פילאָזאָפען באַזיצען ניט. דער ביל ווי ער איז איצטער וועט ארויסהעלפען אַ קליינע צאָל אויסערווײלטע מענשען אָבער ער וועט שעדיגען אַ גרויסע צאָל פון די איבעריגע. דער ביל איז געגען אונזער אַלטער, געזונטער פּאָליסי פון מאַכען וואָס לייכטער פאַר אימיגראַנטען צו ווערען בירגער, אַ פּאָליסי וואָס איז ביז איצט קיינמאָל ניט אַטאַקירט געוואָרען, אויסער אין מאָמענטען פון עקסטרעמער רעאַקציע. . . ווי עס שיינט, קען זיך דער איצטיגער קאָנגרעס באַוועגען בלויז אין איין ריכטונג — אויף צוריק”.

קאַפּיטעל 49.

אַ כאַראַקטער בילד פון מאיר לאָנדאָן

וואָס פאַר אַ מענש איז געווען מאיר לאָנדאָן?

עטוואָס העכער פון מיטעלען וואוקס, אַ מאָגערער, מיט גרויסע גראָהע אויגען, אַ הויכען ברייטען שטערען, אַ דאַרער געזיכט, אַ לאַנגליכער אידישער נאָז און נערוועזע ארטיסטישע הענט. ער האָט זיך אימער געהאַלטען גלייך, דעם קאָפּ עטוואָס פאַרריסען און פלעגט גיין מיט אַ שנעלען, פעסטען טראָט. ער האָט קיינמאָל ניט גערוט, האָט קיינמאָל ניט געקענט איינשטיין אָדער איינזיצען אויף אַן אָרט. ווען ער פלעגט ריידען אויף דער פּלאַטפאָרמע פלעגט ער ארומגיין הין און צוריק, ארויף און אראָפּ. ביי קאָנפערענצען פלעגט ער זיך אַלע מאָל אויפהויבען פון זיין שטול, ארומגיין איבער דעם צימער, זיך זעצען און זיך ווידער אויפשטעלען. אפילו אין געזעלשאַפט צווישען באַקאַנטע און פריינט וואו ער פלעגט קומען פאַרברענגען פלעגט ער האַלטען אין ארומשפּאַצירען, ארומשפּאַנען איבער די צימערען.

ליבע צו מענשען און אויפריכטיגקייט — דאָס זיינען געווען די צוויי שטאַרקסטע שטריכען פון זיין כאַראַקטער. ער האָט ניט געקענט פאַרמאַסקירען זיך, באַהאַלטען זיינע געפילען. זיינע האַנדלונגען זיינען דיקטירט געוואָרען פון מענשליכע אימפּולסען. ער האָט קיינמאָל ניט געפירט קיין דיפּלאָמאַטיע, קיינמאָל ניט אויסגערעכענט פאַראויס צי די אָדער יענע האַנדלונג זיינע וועט העלפען אָדער שעדיגען זיינע פּערזענליכע אינטערעסען.

ער האָט זיין לעבען געווידמעט צו העלפען זיינע מיט־מענשען. אָבער געטאָן האָט ער עס ניט אויס אַ צדקה געפיל, אויס מיטלייד אָדער ווייל ער האָט געהאַלטען אַז דאָס איז זיין פליכט. ביי אים איז עס געווען אַן אינסטינקט, אַ נאַטור זאַך;

אַנדערש האָט ער ניט געקענט. אין געזעלשאַפטליכע טעטינקייט האָט זיך זיין וועזען אויסגעלעבט.

צו דער זעלבער צייט האָט ער געהאַט א שטאַרקען חוש פאַר'ן לעבען, פאַר די לעבענס-פריידען. ער פלעגט לאַכען האַרציג און הנאה געהאַט פון פרייליכער געזעלשאַפט. ער האָט ליב געהאַט צו פאַרברענגען מיט מענשען, צו פירען געשפּרעכען סיי ערנסטע, סיי לייכטע. ער איז געווען א וויצלינג, האָט געקענט דערציילען אנעקדאָטען. די לאַנגווייליגסטע געזעלשאַפט פלעגט אויפלעבען ווי נאָר ער פלעגט זיך דאָרטען באַווייזען.

ער איז געווען אַן אידעאַליסט—ניט אזוי פון איבערצייגונג, ווי פון אַן אינערליכען דראַנג. ער האָט געהאַסט אונגערעכטיגקייט און שלעכטס ניט אין אבסטראַקט, נאָר אלס קאָנקרעטע ערשיינונגען. ער האָט זיין גאַנצען לעבען חרטה געהאַט וואס ער איז געוואָרען א לאָיער, ווייל ער האָט ניט געקאָנט צוקוקען די עולות פון זיינע קאָלעגען אין דער פּראָפעסיע. זייערע זינד האָבען אים געפּלאָגט. ער האָט ניט ווילענדיג גענומען צווייפלען אין זיין אייגענער ערליכקייט. ער פלעגט זיך פרעגען: „בין איך טאַקע בעסער ווי זיי? בין איך פאַרזיכטיג גענוג מיט'ן אמת? פאַרבויג איך ניט אמאָל די גערעכטיגקייט? נעם איך ניט צופיל באַצאָלט פאַר מיין ארבעט? טו איך גענוג פאַר די מענשען, וועלכע טרויען מיר אָן זייערע אינטערעסען, זייער שיקזאַל?”

זיין מענשליכקייט, אויפריכטיגקייט, און לעבענס-לוסט האָבען צוגעצויגען צו אים טויזענטער מענשען, וועלכע האָבען אים באַוואונדערט און געליבט. אין זיינע יונגע יאָרען איז ער געווען איינער פון די פּאָפּולערסטע סטריט רעדנער אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אין יענער צייט האָט יעדער ראַדיקאַלער פירער אויף דער איסט סייד געהאַט זיינע „פּאַטריאָטען”, אזוי ווי טעאַטער ליבלינגע. לאָנדאָנ'ס פאַרערער זיינען געווען מענשען אי פון עלטערן, אי פון אינגערן דור; אי אמעריקאַנער געבוירענע און ערצויגענע, אי אימיגראַנטען וואָס זיינען ערשט אהער געקומען. זיינע רעדעס פלעגען אויפוואַרימען די הערצער פון די צוהערער, זיי באַגייסטערען, זיי דערהויבען. ער

האָט קיינמאָל ניט אפּעלירט צו די נידעריגע אינסטינקטען, ער האָט קיינמאָל ניט געזוכט זיינע צוהערער אויפצורייצען. ער האָט ניט געשימפּט, ניט באַליידיגט. זיינע רעדעס פּלעגען מאַכען די צוהערער פילען יום־טוב'דיג, זיי מאַכען גלויבען און חלום'ען פון אַ צייט ווען גערעכטיגקייט וועט הערשען אויף דער וועלט, ווען אַלע מענשען וועלען זיין גליקליך, און ליידען און עולות וועלען פאַרשוואונדען ווערען פון דער ערד.

ער האָט געהאַט ברייטע אינטעלעקטועלע אינטערעסען. ער האָט געקאָנט עטליכע שפּראַכען: אידיש און רוסיש, אויף וועלכע ער איז ערצויגען געוואָרען; דייטש, וועלכע ער האָט געלערענט אין זיינע קינדער יאָרען; ענגליש, וועלכע איז געוואָרען זיין צווייטע מוטער־שפּראַך אין אמעריקע. ער האָט אויך געלעזען פראַנצויזיש, און איטאַליעניש האָט ער געקענט אַזוי גוט, אַז ער פלעגט האַלטען רעדעס צו די איטאַליענישע בירגער פון זיין קוואַרטאַל. ער האָט געהאַט אויסערגעוויינליכע פעהיגקייטען צו שפּראַכען.

ער האָט ליב געהאַט שעהנע ליטעראַטור און האָט געלעזען די קלאַסיגער פון די פאַרשיידענע שפּראַכען אין אָריגינאַל. אָבער דעם גייסטיגען פאַרגעניגען האָט ער זיך ניט געקענט אָפט פאַרגינען. ער האָט פּשוט ניט געהאַט גענוג צייט אויף דעם. ער איז אויך זייער זעלטען געגאַנגען צו קאָנצערטען אָדער צו אָפּעראַס, כאָטש ער איז געווען אַ ליבהאָבער פון גוטע מוזיק. אין טעאַטער איז ער אויך געווען זייער אַ זעלטענער גאַסט.

זיין קאָפּ איז געווען אַממייסטענס ארייגעטאָן אין ביכער איבער געשיכטע און עקאָנאָמיע. זיינע קאָלעגען אין קאָנגרעס האָבען אים באַטראַכט פאַר אַן אויטאָריטעט איבער דער געשיכטע פון דער אמעריקאַנער אנטוויקלונג אויף דעם פּאָליטישען, עקאָ־נאָמישען און סאָציאַלען געביט. אין זיינע רעדעס אין קאָנגרעס האָט ער זיך זייער אָפט באַזירט אויף געשיכטליכע פאַקטען. פילע פון זיינע לענגערע רעדעס זיינען געווען אפּהאַנדלונגען איבער אמעריקאַנער געשיכטע און אמעריקאַנישע עקאָנאָמישע און פּאָלי־טישע איינריכטונגען.

לאָנדאָן איז ניט געווען קיין שמאָל־קעפּיגער פּאַרטיי־מענש. זיין איבערגעבענהייט צום סאָציאַליזם איז געווען, אין גרונט, אַן איבערגעבענהייט צו די אונטערדריקטע און פאַרשקלאַפטע. ער האָט געטאָן אָפט זאכען וואָס זיינען ניט געפעלען געווען די פרומע פאַרטיי מיטגלידער; און האָט זיך ענטזאגט צו טאָן זאכען וואָס די פאַרטיי האָט ערוואַרטעט אז ער וועט יע טאָן. דאָך האָט קיי־נער, אויסער די פאַרבלענדטע פאַנאַטיקער, ניט געצווייפעלט אין זיין לאָיאַליטעט און זיין אויפריכטיגקייט אלס סאָציאַליסט. מאנכע האָבען אים געהאַלטען פאַר אַ קאַפּריזנעם מענשען, מאנכע האָבען געדענקט אז אים פעלט טאַקט. דער אמת איז אז ער איז געווען אימפּולסיוו און האָט געפילט אז ער קען זיך אויף זיינע אימ־פּולסען פאַרלאָזען, אז זיי וועלען אים פירען אויף אַ גראַדען וועג.

דערמיט ערקלערט זיך אויך אַ ווידערשפּרוך אין לאָנדאָן׳ס פּאָליטישע האנדלונגען. מאנכעס מאָל פלעגט מען אים קענען לייכט איבעררייִדען, ביי אים קענען לייכט אויספירען ער זאָל איינגיין אויף קאָמפּראָמיסען, און מאנכעס מאָל איז ער, פאַר־קערט, געווען איינגעשפּאַרט און ניט געוואָלט אָפּטרעטען אויף אַ האָר פון זיין פּאָזיציע. דאָס איז דערפאַר, וואָס ער האָט זיך אימער גערעכענט מיט די ענדליכע רעזולטאַטען פון זיינע האנד־לונגען, ווי זיי וועלען ווירקען אויף דעם שיקזאַל פון די מענ־שען וועמען ער האָט פאַרטראָטען, פאַר וועמען ער האָט גע־אַרבייט. אים האָט ניט געאַרט וואָס מענשען וועלען איצטער אויף דעם מאָמענט דענקען אָדער זאָגען.

די אַכטונג און ליבע פון די גרויסע מאַסען צו לאָנדאָנ׳ען זיינען קיינמאָל ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרען. די מאַסען האָבען געוואוסט, אז ער איז צייטענווייז איינגע׳עקשנ׳ט, אז אַמאָל טוט ער אַפּ אַפּיקורסישע זאכען, אָדער זאָגט ארויס אַפּיקורסישע געדאנקען. זיי האָבען אָבער קיינמאָל ניט פאַר־געסען, אז אין אַלע זיינע האנדלונגען זוכט ער ניט זיין טובה. זיי האָבען געוואוסט, אז אויב אַפילו ער אורטיילט אַמאָל אַ פּראָבלעם אָדער אַ סיטואַציע ניט ריכטיג, וועלען זיינע געפילען, זיינע אימפּולסען ניט דערלאָזען ער זאָל אויפ׳ן גרונד פון דעם

טעות שעדיגען זייערע אינטערעסען, די אינטערעסען פון די מאסען.

לאָנדאָן האָט געהאט אַן אייגענאַרטיגע באציאונג צו די מאסען. ער האָט ניט באנוצט קיינע דעמאגאָגישע מיטלען צו געווינען זייער צוטרויען: ער האָט זיך זיי ניט ערקלערט אין ליבע, זיי ניט גע׳חנפ׳עט, זיי ניט געצערטעלט. ניכער איז ער געניינט געווען זיי צו מוסר׳ן פאר זייערע פעלערען. די עלטערע פירער פון דער איצטיגער ארבייטער באוועגונג, וועלכע האָבען געארביים צוזאמען מיט לאָנדאָנ׳ען, דערציילען, אז לאָנדאָן פלעגט אין יענע יאָרען אָפט זידלען די ארבייטער דערפאר, וואָס זיי האָבען ניט גענוג מוט צו קעמפען, דערפאר וואָס זיי פירען זיך ניט לויט די העכערע סטאנדארדס פון ארבייטער מאָראל. דאָך האָבען די ארבייטער געפילט, אז ער איז זייער בעסטער און אי־בערגעבענסטער און ווארימסטער פריינד. צווישען אים און די מאסען וועמען ער האָט געלערענט און געפירט איז קיינמאָל ניט געשטאנען די וואנט פון קולטורעלע אָדער סאָציאלע אונטער־שידען. ער האָט זיך ניט געהאלטען העכער פאר די מאסען, בעסער פאר די מאסען. ער פלעגט ליב האָבען זיך צו טרע־פען מיט׳ן פּראָסטען עולם, זיצען צווישען זיי, ריידען מיט זיי דיסקוטירען פראגען מיט זיי. נאָך אַן ארבייטער מאסמיטינג אָדער נאָך אַן ארבייטער קאָנפערענץ, פלעגט ער אָפט אראָפּ־גיין פון פלאטפאָרמע אָדער ארויסגיין פון בעראטונגס־צימער, ארומקלייבען אַ גרופּע ארבייטער ארום זיך און פארברענגען שטונדען לאנג. זיין היים און זיין ביזנעס אָפיס זיינען שטענ־דיג געווען אָפען פאר די מער אַקטיווע יוניאָן טוער און פּארטיי טוער; זיי זיינען געווען ווילקאָמען צו קומען ווען זיי האָבען נאָר געוואָלט. אָפט פלעגט ער פלוצלונג אריינקומען אין אַן ארבייטער לאָקאַל אדער אַ פּארטיי קלוב־צימער און זיך אוועק־זעצען ריידען מיט די, וועמען ער האָט דאָרטען געטראָפען. ער האָט דערפון געהאט פארגעניגען. ער האָט ליב געהאט זיך צונויפצוגיסען מיט׳ן פאָלק, צו פארלירען זיך אין אַ מאסע פון ארבייטער, צו פילען ארום זיך דעם גרויסען המון.

די באַציאונג צווישען לאַנדאָנ'ען און די מאַסען האָט אי־מער עקזיסטירט, פון די ערשטע יאָרען ווען ער איז אין דער באַ־וועגונג אריין, ביז די לעצטע יאָרען פון זיין לעבען.

בענדזשאַמין שלעזינגער דערציילט אן אינטערעסאַנטען עפּיזאָד פון דער צייט ווען די קלאוקמאַכער יוניאָן איז נאָך גע־ווען יונג און שוואַך. „לאַנדאָן איז דאַן געווען דער לאָיער פאַר אונזער אָרגאַניזאַציע. זיין הויפּט־אויפגאַבע איז געווען צו מאַ־כען די קאָנטראַקטען מיט די באָסעס. נאָמינעל איז דער פּרייז פאַר א קאָנטראַקט געווען פינף דאָלאַר. מאַנכע באָסעס פלעגען צאָלען ניט מער ווי צוויי. זיין איינקונפט פאַר א גאַנצען סי־זאָן פלעגט זיין ארום צוויי הונדערט דאָלאַר, ווייל מער ווי א צען אָדער פופצען שעפּער פלעגען מיר דאַן ניט קענען צווינגען דעם אַגרימענט אונטערצושרייבען.

„אויסער דעם פלעגט לאַנדאָן דאַמאַלס פירען די קייסעס געגען באַלעבאַטים וואָס האָבען ניט באַצאָלט ווייַדזשעס צו די אַרבייטער. ווען אן ארבייטער פלעגט קומען אין דער יוניאָן מיט א קלאַגע געגען זיין באַלעבאָס, פלעגען מיר אים שיקען צו לאַנדאָנ'ען, עס מאַכט ניט אוים וואָס די קלאַגע איז געווען. מיט דער צייט האָבען די אַרבייטער אָנגעהויבען אליין גיין צו לאָנ־דאָנ'ען, ניט אָנפרעגענדיג זיך ביי דער יוניאָן. זיי פלעגען צו אים גיין מיט אַלע זייערע צרות, אפילו אזוינע, וואָס האָבען גאָרניט געהאַט צו טאָן מיט דעם שאָפּ אָדער מיט דער יוניאָן. איך עראינער מיך אַ פאַל, וואָס האָט דאַמאַלסט פּאַסירט: מען האָט וועגען דעם דאַן זייער פיל גערעדט. אן ארבייטער איז געקומען צו לאַנדאָנ'ען מיט א קלאַגע, אז דער באָס האָט אים געגעבען אַ פּאַטש. (אזוינע זאַכען פלעגען אין יענע יאָרען ניט זעלטען פּאַסירן.) נאָכדעם ווי לאַנדאָן האָט דעם ארבייטער אויס־געהערט האָט ער אים געפרעגט: „און וואָס האָט איר געטאָן, ווען ער האָט אייך דעם פּאַטש געגעבען?" „גאָרנישט", האָט דער ארבייטער געענטפערט. לאַנדאָן איז געוואָרען אן אָנגעצונ־דענער. „ארויס פון דאַנען!" האָט ער געשריען.

לאַנדאָן האָט געלייגט זייער פיל געוויכט אויף אייגענ־

ווירדע, און ער האָט ניט געקענט מוחל זיין א מענשען, וואס האָט זיין אייגענעם כבוד ניט פאַרטיידיגט. אין זיינע רעדעס צו ארבייטער האָט ער געזוכט צו ענטוויקלען אין זיי א געפיל פון שטאָלץ, פון רעספעקט פאַר זיך. ער האָט געהאלטען אז דאָס איז נאָך פיליכט וויכטיגער ווי מאטעריעלע אויסבעסערונגען.

זיין שטאָלץ האָט ניט געשטערט אויף א האָר זיין איינגעבוירענע, טיף איינגעוואָרצעלטע באַשיידענהייט. ביז׳ן סוף פון זיין לעבען האָט ער געהאָט א שעמעוודיגען שמייכעל און פלעגט לאַכען ווי א קינד. ער האָט ניט געקענט פאַרטראָגען צו הערען קאָמפּלימענטען. ער האָט אַמאָל זיינעם א פריינד געזאָגט: „איך האָב פיינט ווען מענשען לויבען מיך, איך פריי זיך וואָס איך וועל ניט קענען הערען די שבחים וואס וועלען אויף מיר געזאָגט ווערען אויף מיין לויה”. אין זיינע פּאָליטישע קאַמפּיינס איז ער געווען געגען פּערזענליכע פּובליסיטי. ער האָט אימער געלייגט דעם הויפּט געוויכט אויף דער פּאַרטיי, די פּלאַטפאָרמע און די ארבייט, וואָס ער וועט קענען טאָן אויב ער וועט עלעקטעט ווערען.

זיין פּאָפּולאַריטעט אין קאָנגרעס האָט ער געוואונען דורך זיין פּערזענליכקייט. ווען ער איז צום ערשטען מאָל אריינגעקומען אין קאָנגרעס האָט עס אויסגעוויזען אז ער וועט דאָרטען קיינמאָל ניט ווערען א „היימישער מענש”, אז זיינע קאָלעגען וועלען אים אימער אָפּשטויסען פון זיך, באַהאַנדלען ווי א פרעמדען. ער איז געווען א סאָציאַליסט, אַן אימיגראַנט און אַן איסט סיידער, — דריי מאָל „פאַרשאָלטען”, הייסט עס. עס האָט אָבער ניט געדויערט לאַנג ביז וואַנען ער האָט פאַר זיך געוואונען די גוטע געפילען פון דעם גאַנצען „הויז” און די באַוואונדערונג פון די בעסערע און געבילדעטערע צווישען די מיטגלידער.

אָט וואָס איינער פון זיינע קאָלעגען, קאָנגרעסמאַן בעילי, פון פּענסילוויניא, א העכסט באַגאַבטער און פּראָגרעסיווער מענש, האָט וועגען לאָנדאָנ׳ען געשריבען אין א לייט ארטיקעל אין א צייטונג וואָס ער האָט רעדאַגירט: „זיין (לאָנדאָנ׳ס)

פיינער פאַרנונפט, זיין ברייטער, פרייער בליק, זיין פילאָזאָפי־שער פארנעם האָבען צו אים צוגעצויגען די גאַנצע מיטגלי־דערשאַפט פון קאָנגרעס אויף א מערקווירדיגען אופן.״

לאָנדאָן׳ס נאַטור איז געווען א דעליקאַטער געוועב פון פּראַקטישען פארשטאַנד און פּאָליטישע טרוימען. ער איז גע־ווען אי א טוער, אי א טרוימער. ער האָט פאַר זיך אָנגעצייכענט הויכע אידעאַלען און אָנגעשטרענגט אַלע כוחות זיך צו זיי צו דערנעענטערען. ער איז געווען א שטאַרקער אָפּטימיסט. ער האָט קיינמאָל ניט פאַרצווייפעלט. ער איז אימער גרייט גע־ווען אָנצוהויבען איבער א נייס. דער אָפּטימיזם זיינער האָט געשטאַמט פון זיין ליבע צום לעבען, פון זיין ליבע צו טעטיג־קייט. ער האָט ניט געקענט פאַרלירען זיין מוט ווייל דאַן וואָלט ער דאַך געמוזט אָפּשטעלען זיין ארבייט און דאָס האָט זיין נאַטור אים ניט ערלויבט. אין די לעצטע יארען פון זיין לע־בען האָט ער געטראַכט ערנסט וועגען צוריקציען זיך פון זיינע פּריוואַט געשעפטען און ווידמען זיין גאַנצע צייט און ענערגיע ווידער אויפצובויען די אָפּגעשוואַכטע טרייד יוניאָנס און די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. ריכטיג האָט א סאָציאַליסטישער שריי־בער, וועלכער האָט אים זייער גוט געקענט, באַמערקט וועגען אים: „לאָנדאָן איז געווען איינער פון די ערנסטסטע מענשען וואָס האָבען ווען עס איז געלעבט. די וואָס האָבען אים גע־זען אויף דער פּלאַטפאָרמע, אין א סטרייק, אין א פּאָליטישען קאַמפּיין, האָבען געמוזט באַוואונדערען זיין ערנסטקייט. ער פלעגט ריידען מיט דער נשמה אויף די ליפּען. ווען ער פלעגט פאַרדאַמען אַן עולה, פּראָטעסטירען געגען אַן אומגערעכטיגקייט פלעגט זיין גאַנצער קערפּער ציטערען פון אויפרעגונג.״

לאָנדאָן איז צוגעצויגען געוואָרען צום סאָציאַליזם ניט אַזוי דורך א באַגער צו פאַרניכטען דאָס אַלטע, נאָר דורך א וואונש אויפצובויען דאָס נייע. אפילו ווען ער איז נאָך יונג געווען, ווען זיין בלוט האָט געברענט מיט רעוואָלוציע, און די איסט סייד איז פול געווען מיט רעוואָלוציאָנערער לײדענשאַפט, האָט לאָנדאָן גערעדט און געאַרבייט פאַר זאכען וואָס האָבען דעם

אַרבייטער פאַרשפּראָכען באַלדיגע פאַרלייכטערונגען. ער האָט אימער געטראַכט וועגען דער פּראַקטישער זייט פון דער באַוועגונג, וועגען דער קאָנסטרוקטיווער זייט. אַזוי האָט ער געהאַנדעלט אין די טרייד יוניאַנס און אַזוי אויך האָט ער געהאַנדעלט שפּעטער, ווען ער האָט זיין טעטיגקייט אַריבערגעטראָגען אויף דעם פּאָליטישען פעלד. ער האָט זעלטען אַריינגעטראָגען אַ ביל אָדער רעזאָלוציע אין קאָנגרעס אַלס אַ רעוואָלוציאָנערען זשעסט אָדער צוליב אַ מאָראַלען עפעקט. זיין יעדער פּאָרשלאַג האָט געצילט צו פּראַקטישע רעזולטאַטען. אַלעס וואָס ער האָט אין קאָנגרעס פּאָרגעלייענט איז געווען אין די גרעניצען פון באַלדיגער פאַרווירקליכונג. און ענליכעס קען געזאָגט ווערען וועגען זיינע רעדעס אין קאָנגרעס. ער האָט אימער געזוכט צו באַזירען זיינע אַרגומענטען אויף לאָגיק, געזוכט צו באַווייזען אַז אפילו פון שטאַנדפּונקט פון די אָנגענומענע באַגריפען פון מאָראַל און גערעכטיגקייט איז זיין פאָדערונג אַ גערעכטע. ער האָט געזוכט צו איבערצייגען זיינע קאָלעגען, אַז זיינע אידעען און פּרינציפּען זיינען גאָר ניט אַזוי אונפּראַקטיש, אַזוי „ווילד", ווי די מערסטע פון זיי האָבען געגלויבט. ער איז אויך גרייט געווען צו מאַכען קאָמפּראָמיסען צו באַקומען אַ ביסעל גוטעס פאַר די מאַסען, אויב קריגען אין גאַנצען איז אונמעגליך געווען. דער טרוימער האָט אין אים זעלטען באַזיגט דעם פּראַקטישען, לאָגישען דענקער.

פאַר זיך אַליין האָט ער אָבער אָנגעצייכענט אַ ליניע פון העכסטען און שטרענגסטען אידעאַליזם, סיי אין זיין פּריוואַטען, סיי אין זיין פּראָפעסיאָנעלען לעבען. ער האָט זיך געפירט לויט די פּרינציפּען פון דער רעוואָלוציאָנערער מאָראַל וועלכע זיינען פאָרמולירט געוואָרען אין די געהיימע אָרגאַניזאַציעס פון די סאָציאַליסטישע אידעאַליסטען אין דער אונטערערדישער רוסלאַנד. אין די ערשטע יאָרען פון דער באַוועגונג אויף דער איסט סייד, ווען די פירער זיינען נאָך געווען יונג און באַגייסטערט, האָבען זיך אַלע געפירט לויט'ן רוסישען אידעאַליסטישען שולחן ערוך. אָבער מיט דער צייט איז די באַוועגונג דאָרטען געוואָרען פּראַקטישער און די מענשען האָבען געמוזט מאַכען פּשרות מיט'ן לעבען.

לאָנדאָן איז געווען איינער פון א קליינער צאָל צווישען די פירער וועלכע זיינען פארבליבען טריי צו די אלטע אידעאלען און לעבענס שטייגער. ער איז געגאנגען דעם גאנצען לעבען אויף דעם שווערען וועג פון די אלטע פיאָנערען אין דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג.

לאָנדאָן האָט קיינמאָל ניט פארגעסען דעם אלטען רעוואָלוציאָנערען פרינציפּ פון ארבייטער סאָלידאריטעט, ארבייטער איינינקייט. ער האָט ביז'ן לעצטען טאָג געגלויבט, אז אלע ארבייטער זיינען איין פאמיליע און אז אלע זיינען זיי פאראייניגט אין א שטענדיגען קאמף געגען דעם באלעבאטים קלאַס. ער האָט זיך געהיט ניט אויפצודעקען פאר'ן שונא די שוואכקייט פון דעם ארבייטער קלאַס, ניט צו געבען די באלעבאטים א געלעגענהייט צו קלייבען נחת פון דעם ארבייטער'ס טעות'ן אָדער נארישקייטען. ווען עס פלעגען פאָרקומען אינערליכע רייסערייען אין די ארבייטער רייען פלעגט לאָנדאָן אָנווענדען אלע כחות די פאקטען צו באהאלטען פון דער קאפּיטאליסטישער פרעסע, ניט צו דערלאָזען אז דער קאמף זאָל אריינגעטראָגען ווערען אין די קאפּיטאליסטישע קאָורטס.

א פאל האָט פּאסירט קורץ בעפאָר זיין טויט. די קאָמוניסטען האָבען דאַן געזוכט אריינצוכאפּען דעם ארבייטער רינג אין זייערע הענט. זיי האָבען דורך געוויסע מאַנעווערעס געקראָגען קאָנטראָל איבער די ארבייטער רינג שולען און זיך אנטזאגט דאָס אייגענטום פון די שולען צוריק אָפּצוגעבען צו דעם אָרדען. די באאמטע פון דער אָרגאניזאציע האָבען זיך מיישב געווען מיט לאָנדאָנ'ען ווי אזוי דאָס אייגענטום צוריקצוקריגען. מאנכע פון זיי זיינען געווען מיט דער מיינונג, אז מען דארף זיך באנוצען מיט דעם איינציגען ווירקזאמען מיטעל, זיך ווענדען צום געריכט. לאָנדאָן האָט פון דעם ניט געוואָלט הערען. ער האָט צוגעגעבען, אז אין געריכט וואָלט דער ארבייטער רינג זיכער געוואונען. ער איז אָבער געווען געגען דעם אויף מאָראלע גרונדען. „איך וועל ניט גיין אין געריכט אויפטרעטען געגען מענשען פון אונזער קלאַס, געגען מענשען וואָס זיינען ביז נעכטען געווען אין אונ־

זערע אייגענע רייען". ער האָט ערקלערט, אז דאָס וואָס קומט פאָר אין דער אַרבייטער באַוועגונג מוז בלייבען אין דער באַוועגונג, טאָר ניט אַרויסגעטראָגען ווערען אויף דער גאַס. „אונזערע שונאים וועלען אויסטייטשען דעם ברודער-קאַמף אונזערען גאַנץ אַנדערש ווי דער אמת איז. און דאָס טאָר ניט געשען".

נאָך זיין טויט האָט די פּרעסע פון גאַנצען לאַנד געשריבען לייט-אַרטיקלען וועגען זיין מערקווירדיגער צוואה. די צוואה האָט געוויזען, דאָס לאָנדאָנ'ס גאַנצער פאַרמעגען האָט באַטראָפען אַרום פיר טויזענט דאָלער. דאָס האָט אַלעמען איבערראַשט. ווי איז דאָס מעגליך? לאָנדאָן האָט אַ פערטעל יאָרהונדערט געפּראַקטיצירט אַלס לאָיער. און זיין פּראַקטיס איז געווען אַ גוטע. ער איז זעקס יאָר געווען אַ קאָנגרעסמאַן, ער האָט געהאַט אַ נאַציאָנאַלע רעפּוטאַציע, ער איז געווען דער לאָיער פון די גרעסטע אידישעם יוניאָנס און פון דעם רייכען אַרבייטער רינג אין די בעסטע יאָרען פון זייער עקזיסטענץ. אַליין האָט ער געלעבט זייער איינפאַך, האָט ניט אויסגעגעבען קיין איבעריגען סענט אויף קליידער, אויף פאַרגעניגענס. זיין היים איז געווען כמעט אָרים מעבלירט. ער האָט קיינמאָל קיין וואַקיישאָן אפילו ניט גענומען, האָט אימער געאַרבייט. און זיין פרוי און איינציגע טאָכטער האָבען געלעבט פּונקט אַזוי איינפאַך ווי ער. וואו, אַלזאָ, איז זיין געלט אַהינגעקומען?

אַזוי האָבען זייטיגע מענשען געפרעגט. די וואָס האָבען אָבער אים געקענט מער אינטים, האָבען זיך גאָרניט געוואונדערט. זיי האָבען שטענדיג געוואוסט, אַז פון אים וועט פאַר זיין פאַמיליע קיין ירושה ניט בלייבען. פון זיין פּראָפעסיע האָט ער ניט געקענט פאַרדינען קיין סך, כאָטש ער האָט געהאַט אַ גרויסע פּראַקטיס. איינער פון דער לאָאָ פירמע, מיט וועלכער ער איז געווען פאַרבונדען, האָט דערציילט פאַר ציטונגס-רעפּאָרטערס דאָס פאָלגענדע: „לאָנדאָן האָט קיינמאָל ניט גענומען קיין גט קייסעס און קיין אַנדערע קייסעס, וועלכע האָבען געהאַט צו טאָן מיט פאַמיליען סקאַנדאַלען. ער האָט זיך אַנטזאָגט צו נעמען באַנקראָט קייסעס, ווייל ער האָט געגלויבט, דאָס אַ מענש, וועלכער

באַנקראָטירט, איז מאָראַליש פאַרפּליכטעט צו באַצאָלען אַלע זיינע חובות, אפילו ווען דאָס זאָל אים געדויערען דעם גאַנצען לעבען. די מערסטע קייסעס זיינע זיינען געווען פון צוויי סאָרטען: ווידזשעס און אינדזשאָנקשאָן. ווען ער האָט געקלאָגט אַ באָס פאַר 15 דאָלער ווידזשעס האָט ער די קייס געהאַלטען פאַר פונקט אַזוי וויכטיג ווי אַן אינדזשאָנקשאָן קייס פאַר 15 טויזענט אַרבייטער. ער פלעגט אויף זיינע קייסעס אַרבייטען טאָג און נאַכט און נעמען פלעגט ער פאַר זיי אַ דריטעל אָדער אַ פערטעל פון דעם געוויינליכען פּרייז".

ער האָט באַטראַכט זיין לאָיערשע אַרבייט פאַר די יוניאָנס און פאַר אַנדערע אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס אַלס אַרבייט פאַר דער באַוועגונג און ער האָט ניט געוואָלט מען זאָל אים פאַר דער אַרבייט באַצאָלען. יעדען מאָל וואָס ער האָט געקענט געפינען אַ תירוץ צו אַנטזאָגען זיך פון אַ באַלוינונג פלעגט ער עס טאָן. אין די יוניאָנס און אין דער גאַנצער באַוועגונג האָט מען גע־וואוסט דערפון און מען האָט אָפט וועגען דעם גערעדט. די פירער פון די אָרגאַניזאַציעס פלעגען אָפט מוזען זוכען עצות ווי אַזוי אַרויפצוצווינגען באַלוינונג אויף לאָנדאָנ'ען פאַר זיינע פּראָפעסיאָנעלע דינסטען, ווייל זיי האָבען געוואוסט, אַז ער איז אַן אָרימאַן און אַז ער קען פּשוט ניט אָפּגעבען זיין צייט און זיין מי אין גאַנצען פריי. אָט איז איינער פון די טיפּיטשנע פאַלען פון דעם סאָרט, דערציילט פון אַן אַלטען יוניאָן פירער.

„אונזער יוניאָן האָט באַשלאָסען צו קויפען אַן אייגענע הויז. אַ קאָמיטע איז אָפּאָינטעט געוואָרען צו זען זיך מיט לאָנדאָנ'ען און זיך מיישב זיין מיט אים. ער האָט די קאָמיטע אויסגעהערט און געראַטען, אַז די יוניאָן זאָל עס ניט טאָן. ער האָט מורא געהאַט, אַז די הויז וועט אַריינטרייבען די יוניאָן אין גרויסע הוצאות און אַז זי וועט מעגליך געצוואונגען זיין אַרויפ־צולעגען אַ טעקס אויף די מעמבערס. מיר האָבען די פראַגע דיס־קוטירט, אַרגומענטירט זעקס מאָנאַט צייט און אַם ענדע באַשלאָ־סען אַז מען דאַרף די הויז דאָך קויפען.

„לאָנדאָן האָט אָנגענומען דעם באַשלוס פון דער יוניאָן. מיר

האָבען אים איצט געבעטען, ער זאָל אונז פאַרטרעטען אין קויפען די הויז. דאָס האָט ער געטאָן. ער האָט אונז געגעבען אַזוי פיל צייט און אַזוי פיל ענערגיע, ווי עס האָט זיך געפאָדערט. אונזער קאָמיטע פלעגט פאַרברענגען גאַנצע טעג אין זיין אָפיס. ער האָט אויסגעפאָרשט יעדע קלייניגקייט אין פאַרבינדונג מיט די הייזער וואָס זיינען אונז פאָרגעשלאָגען געוואָרען און ער האָט פאַר אונז די פּאַסיגסטע הויז אויסגעקליבען. מיר האָבען אָן אים קיין טריט ניט גענומען. אם ענדע, ווען די הויז איז געקויפט געוואָרען, האָט די יוניאָן אים געשריבען ער זאָל אריינשיקען א ביל פאַר זיין ארבייט. מיר האָבען אויף אונזער בריף קיין ענטפער ניט באַקומען. מיר האָבען דאָן אים אריינגעשיקט א טשעק פאַר א סומע וועלכע מיר האָבען אַליין באַשטימט. אין עטליכע טעג ארום איז דער טשעק אַנגעקומען צוריק צוזאַמען מיט א בריוועל, אין וועלכען ער האָט ערקלערט, אַז ער האָט די יוניאָן געהאָלפען ניט דערפאַר וואָס ער האָט ערוואַרטעט באַצאָלט, נאָר ווייל ער איז אירער א פריינט".

ארבייטען פריי פאַר דער באַוועגונג האָט אים פאַרשאַפט גייסטיגען פאַרגעניגען. אים האָט ווירקליך וויי געטאָן ווען מען האָט אים געצוואונגען באַצאָלט צו נעמען. אַלס לאָיער פון ארבייטער רינג האָט ער געמוזט אַנוועזענד זיין ביי די קאָנווענ־שאָנס פון דער אָרגאַניזאַציע און דאָרטען אָפּגעבען א באַריכט פון זיין ארבייט. איינמאָל האָבען זיך די באַאַמטע פון דעם אָרדען געכאַפּט, אַז לאָנדאָן „פאַרגעסט זיך" צו קאָלעקטירען פאַר זיינע הוצאות, פאַר ריילראָוד פעיר און האָטעל בילס. זיי האָבען אים „געוואָרענט" אַז אויב ער וועט ווייטער אַזוי טאָן, וועט מען אים מער ניט איינלאַדען צו די קאָנווענשאָנס. די ארבייטער רינג באַאַמטע האָבען געוואוסט, אַז בלויז אַזאַ סטראַשונאַק וועט אויף אים האָבען א ווירקונג.

לאָנדאָן האָט זיך אימער געפילט ווי א סאָלדאַט אין דער סאָציאַליסטישער ארמיי. ער איז געווען דער אמת'ער פּאַטריאָט פון דעם סאָציאַליסטישען קאַמף און האָט אַלע זיינע זיגען און ערפאָלגען צוגעשריבען צו זיין פּאַרטיי, זיין באַוועגונג, זיין

אידעאַל. אים איז קיינמאָל ניט איינגעפאַלען אפילו צו נעמען קרעדיט פאַר זיך, צו מאַנען אנערקענונג פאַר זיין פערזענליכקייט. א שלאָגענדער ביישפּיל פון דעם שטריך אין זיין כאַראַקטער קען דינען א בריף, וואָס ער האָט געשריבען צו מר. סיירום סולצבערגער אַלס ענטפער אויף א גראַטולאַציאָנס אויסדרוק נאָך די וואַלען פון 1914. מר. סולצבערגער איז ניט קיין סאָציאַליסט, ניט קיין איסט־סאַידער איד. ער געהערט צו דעם קלאַס פון דייטשע יהודים, וועלכע האָבען אין די פאַר־מלחמה יאָרען געקוקט פון אויבען אראָפּ אויף די אידישע אימיגראַנטען פון רוסלאַנד. סולצבערגער איז אָבער געווען איינער פון דער גרופּע דייטש־אידישע כלל־טוער, וועלכע זיינען אריינגעצויגען געוואָרען אין די סעטעלמענטס פון די סטרייקס אין די איסט־סאַידער טריידס און אויף אזא אופן האָט ער זיך באַקענט מיט לאָנדאָנ׳ען און מיט לאָנדאָנ׳ס טעטיגקייט. ער איז געוואָרען לאָנדאָנ׳ס א פאַרערער. און ווען לאָנדאָן איז ערוויילט געוואָרען צום קאָנגרעס האָט ער אויסגעדריקט זיין צופרידענהייט און זיין אנערקענונג. עס פאַרשטייט זיך, אז סולצבערגער׳ן האָט אינטערעסירט דורכאויס לאָנדאָנ׳ס פערזענליכער טריאומף, לאָנדאָנ׳ס פערזענליכער זיג.

אין זיין ענטפער האָט לאָנדאָן, אָבער, דעם פּונקט אינגאַנצען איגנאָרירט. אים אינטערעסירט סולצבערגער׳ס גראַטולאַציאָן, ווייל ער זעט אין דעם א בעסערע באַציאונג צום סאָציאַליזם אויף דער זייט פון די אמעריקאַנער אידען. אָט וואָס ער שרייבט:

„איך וויל דערהויפּט אייך זאָגען, דאָס אויף מיר מאַכט א טיפען איינדרוק די ענדערונג פון דער שטעלונג פון די פירער פון דעם אמעריקאַנער אידענטום צו די פאַרשטייער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג צווישען אידען... יאָרען לאַנג איז אויף דער איסט־סאַיד באַנוצט געוואָרען דער ארגומענט, דאָס אין פאַל א סאָציאַליסט וועט דאָרטען ערוויילט ווערען, וועט אמעריקע מער ניט אריינלאָזען קיין אימיגראַנטען. די וואָס האָבען דאָס געזאָגט האָבען זיך באַרופען אויף די פירער פון דער אידישער קהלה... דער אידישער אימיגראַנט האָט ארויסגעוויזען א מערקווירדיגע אָרגאַניזאַציאָנס פיאיגקייט און דער ביטערסטער

שונא פון אימיגראַציע קען ניט זאָגען, אַז דער אידישער אימי־גראַנט האָט רעדוצירט דעם לעבענס סטענדאַרד אין אַמעריקע... די אָרגאַניזירונג פון די אידישע אַרבייטער איז געווען די אַרבייט כמעט אויסשליסליך פון די סאָציאַליסטען".

און ריידענדיג וועגען דעם איז ווערט צו דערמאָנען נאָך אַ גראַטולאַציאָנס בריף, וועלכען לאָנדאָן האָט באַקומען פון אַ צווייטען אידען פון זעלבען חדר ווי סולצבערגער. דער בריף לייענט זיך ווי פאָלגט: „מיין טייערער מר. לאָנדאָן. מיר האָט געפרייט צו לעזען אין די צייטונגען היינט פרי, אַז איר זייט ערוויילט געוואָרען צום קאָנגרעס. דאָס באַווייזט, אַז אונזערע מענשען שאַצען אָפּ אייער אַרבייט. דורך דער ערוויילונג וועט אייער אַרבייט קריגען נאָך אַ ברייטערע אַנערקענונג און אָפּשאַ־צונג. מיט אַלע גוטע וואונשען, אייער לואיס ד. בראַנדייס".

מר. בראַנדייס האָט צוזאַמען מיט לאָנדאָנ'ען אויסגעאַרבייט דעם באַרימטען פּראָטאָקאָל אַלס סעטעלמענט פון דעם קלאָוק־מאַכער סטרייק אין 1910. ער האָט אין די שפּעטערדיגע יאָרען אויך געהאַט פילע געלעגענהייטען צו באָאָבאַכטען לאָנדאָנ'ס דינ־סטען פאַר דער יוניאָן און ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז לאָנדאָן וועט אַלס קאָנגרעסמאַן ציען די אויפמערקזאַמקייט פון גאַנצען לאַנד מיט זיין פייאיגקייט, ערליכקייט און אידעאַליזם.

לאָנדאָן האָט געוואונען דעם גלויבען, דעם צוטרויען און די אַנערקענונג פון מענשען פון פאַרשידענע טעמפּעראַמענטען, פון פאַרשידענע כאַראַקטערען. אַלס פאַרשטייער פון דעם טיפּ מענש פון קאַלטען פאַרשטאַנד, פון שטרענגער לאָגיק, קען דינען אַם בעסטען דער באַרימטער וויסענשאַפטסמאַן טשאַרלס פּ. סטאַינ־מעטץ. אַלס פאַרשטייער פון דעם פּאָעטישען אידעאַליסט קען דינען יודזשין וו. דעבס, און אַלס פאַרשטייער פון דעם טיפּ פייערדיגער רעוואָלוציאָנער קען מען נעמען וויליאַם ד. הייוואוד. און יעדער איינער פון די דריי האָבען לאָנדאָנ'ען געשענקט זייער פולסטע צוטרוי און אַנערקענונג.

אָט זיינען אויסצוגען פון בריף, וואָס די דריי באַרימטע פּער־זענליכקייטען האָבען געשריבען צו לאָנדאָנ'ען:

„אַפּריל 6, 1917. מיין ליבער לאָנדאָן. איך האָב אָקאָרשט באַקומען אַן איינלאַדונג צו ווערען אַ באַאַמטער אין אַ פּאַטריאָטישער אָרגאַניזאַציע מיט'ן נאָמען „אַמעריקא פוירסט סאָסייטי". אין בריף ווערט געזאָגט, אַז אַן ענליכע איינלאַדונג איז געשיקט געוואָרען צו אייך. איך וועל אייך דאַנקבאַר זיין, אויב איר וועט מיר לאָזען וויסען, צי איר האָט די איינלאַדונג אָנגענומען. איך וועל זיך זייער פיל רעכענען מיט אייער האַנדלונג. מיט בעסטען גרוס... טשאַרלס פּ. סטאַינמעטץ".

„נאָוועמבער 11, 1916. מיין ליבער לאָנדאָן. די הערצליכסטע גראַטולאַציעס מיט אייער טריאומפענדער ווידערערוויילונג וועלכע איך באַגרים מיט אויפריכטיגע פרייד. איר וועט ניט לאָזען, אַז דער פייער פון רעוואָלוציע זאָל זיך אויסלעשען. איך וואָלט געוואָלט זיין איצטער לעבען אייך און אָננעמען אייער האַנט און אויסדריקען פּערזענליך די שטאָלץ און גליק וואָס איך פיל איבער אייער זיג. זאָלען די געטער אייך שענקען געזונט און כח פאַר די שווערע אַרבייט וואָס איר דאַרפט טאָן. מיט ליבע, אייער געטרייער יודזשין וו. דעבס".

„קוק קאונטי דזשייל, סעפּטעמבער 2, 1918. מאיר לאָנדאָן, טייערער גענאָסע: איך האָב ערשט באַקומען אַ קאָפּיע פון אייער רעדע איבער אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליזם און די מלחמה צילען פון די עליים. איך האָב איר נאָך ניט איבערגעלייענט. אָבער איך וועל עס טאָן מיט פאַרגעניגען אַזוי שנעל ווי איך וועל האָבען די צייט. איך ריכט זיך, אַז באַלד וועט מען מיך אָפּפירען אין לעווענוואָירט דזשייל, וואו איך וועל וואַרשיינליך פאַרבלייבען אַ לאַנגע צייט. איך שרייב איצטער צו אַ צאָל פריינט, וועמען איך בעט זיי זאָלען מיך ניט פאַרגעסען. שטעלט אַרויף מיין נאָמען אויף אייער פּאָסט צעטעל. אַ פּערזענליכער בריוועל פון אייך וועט מיר פאַרשאַפען פאַרגעניגען. איך פיל, אַז איר וועט אונז העלפען ביי יעדער געלעגענהייט. אייער וו. ד. הייוואוד".

קאפיטעל 50

טעמעני פאַרניכטעט לאָנדאָנ'ס קאָנגרעס־דיסטריקט

לאָנדאָנ'ס זיג אין 1920 געגען דער פאראייניגטער מאכט פון די צוויי גרויסע פארטייען האָט זייער באאונרואיגט די פּאָליטישע פירער פון דער איסט־סאַיד. זיי האָבען גענומען זוכען עצות ווי אזוי לאָנדאָנ'ען איין מאָל פאר אַלע מאָל צו באזייטיגען. זיי זיינען איצט געווען איבערצייגט, אז די אַלטע מעטאָדען פון שווינדעל און געוואלד קענען מער ניט ווירקען. זיי האָבען זיך אויך איבער־צייגט, אז לאָנדאָן איז שטארקער ווי ביידע פארטייען צוזאמענ־גענומען. עס איז פארבליבען איין מיטעל בלויז, א זיכערער מיטעל — צו צושניידען, צו צוהאקען לאָנדאָנ'ס דיסטריקט אזוי אז זיינע אָנהענגער זאָלען צוזייט און צושפּרייט ווערען איבער עטליכע אנדערע דיסטריקטען און זאָלען פאר אים מער ניט קענען שטימען. די פארשווערונג צו פארניכטען לאָנדאָנ'ס דיסטריקט איז פון די פּאָליטישענס געמאכט געוואָרען אין געהיים. עס זיינען שטילערהייט אריינגעטראָגען געוואָרען בילס אין ביידע צווייגען פון דער לעדזשיסלייטשור אין אלבאני, וועלכע האָבען פאָרגע־שלאָגען, אז די פיר דיסטריקטען אויף דער איסט־סאַיד זאָלען איבערגעמאכט ווערען, אז געוויסע גאסען זאָלען אוועקגענומען ווערען פון לאָנדאָנ'ס דיסטריקט און צוגעטשעפּעט ווערען צו די אנדערע דיסטריקטען און אז געוויסע אנדערע גאסען זאָלען צו־גענומען ווערען פון יענע דיסטריקטען און צוגעזעצט ווערען צו לאָנדאָנ'ס דיסטריקט. עס פארשטייט זיך, אז צוגענומען האָט מען די גאסען וואו עס האָבען געוואוינט אידישע ארבייטער, סאָציא־ליסטישע וואוטערס און אז צוגעגעבען האָט מען אזוינע גאסען,

וואו עס האָבען געוואוינט מענשען וואָס זיינען געווען טריי צו טעמעני האָל.

סענאַטאָר טאַלבערט, וועלכער האָט פאַרגעשלאָגען דעם ביל אין סענאַט האָט שפּעטער אַליין מודה געווען, אַז ער האָט אפילו ניט געוואוסט דעם אינהאַלט פון דעם ביל. ער האָט ערקלערט אַזוי: „איך האָב דעם ביל ניט אויפגעשריבען. ער איז פאַר־פאַסט געוואָרען פון די פירער פוןביידע פּאַרטייען. איך געדענק ניט ווער עס האָט מיר דעם ביל געגעבען. דאַכט זיך אַ שיק־אינגעל האָט מיר אים צוגעטראָגען. קיינער איז ניט געווען געגען. אי די דעמאָקראַטען, אי די רעפּובליקאַנער זיינען מיט אים געווען צופרידען".

כל זמן דער ביל איז געלעגען אין לעדזשיסלייטשור האָט קיינער, אויסער די פּאָליטישענס, וועגען אים ניט געוואוסט. מען האָט אים גענומען צום אָפּשטימונג דעם לעצטען טאָג פון דער זיצונג, ווען אַלע איילען זיך אהיים צו פאָרען, און קיינער לייענט אפילו ניט די בילס וואָס ווערען פאָרגעלעגט. אויף אַזאַ אופן איז ער דורכגעשמוגעלט געוואָרען אָן דעבאַטען און אָן אירגענד וועלכער אָפּאָזיציע.

ערשט ווען די פאַקטען זיינען פאַרעפענטליכט געוואָרען אין דער פּרעסע איז געוואָרען אַ שטיקעל גערודער. די צייטונגען האָבען קריטיקירט דעם ביל. די איינציגע האָפנונג איצט איז געווען, אַז דער גאָווערנאָר וועט אים צוריקוואַרפען. ביים פאַרהער וואָס דער גאָווערנאָר, מר. מילער, האָט וועגען דעם ביל אָפּגע־האַלטען, איז געקומען בלויז איין פאַרטיידיגער — דאָס איז געווען מר. קעניג, דער טשערמאַן פון דער רעפּובליקאַנישער קאָונטי קאָמיטע. געגען דעם ביל זיינען אויפגעטראָטען פאַרשטייער פון טרייד יוניאָנס, פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און פּראָגרע־סיווע אָרגאַניזאַציעס. פון געוויסע באַמערקונגען וואָס דער גאָווערנאָר האָט געמאַכט אין פאַרלויף פון דעם פאַרהער האָט עס אויסגעוויזען, אַז ער איז אַנטשידען געגען אים. ער האָט זאָגאָר ערקלערט, דאָס נאָך זיין מיינונג איז דער ביל געגען דעם גייסט פון דער קאָנסטיטוציע. איינע פון די איינפלוסרייכסטע צייטונגען

אין ניו יאָרק האָט אויך שארף קריטיקירט דעם ביל, זי האָט געשריבען: „די רעפובליקאנער אין אלבאני האָבען איבערגע־טיילט די דיסטריקטען כדי לאָנדאָן זאָל פארלירען זיין דיסטריקט. דאָס איז ניט ערליך. לאָנדאָן פארטרעט 46 טויזענט וואוטערס אין ניו יאָרק און 540 טויזענט וואוטערס איבער'ן לאנד. ער האָט געוואונען דעם רעספעקט פון קאָנגרעס און טוט דאָרטען קיין שאדען ניט".

דזשאן בלאָק, וועלכער האָט ביים פארהער פארטראָטען די סאָציאַליסטישע פארטיי, האָט באוויזען די אונערליכע מאָטיווען הינטער דעם ביל. דער אויסרייד פון די לייט וואָס האָבען דעם ביל פאָרגעשלאָגען און פארטיידיגט איז געווען, אז די פיר דיסטריקטען אויף דער איסט־סאיד זיינען ניט גלייך איינ־געטיילט אין באצוג צו דער באפעלקערונג, אז איין דיסטריקט האָט א סך מער איינוואוינער ווי דער צווייטער. די נייע איינטיילונג האָט, הייסט עס, געצילט דעם פעלער גוט צו מאכען, געבען יעדען דיסטריקט אונגעפער די זעלבע צאָל מענשען. האָט דזשאן בלאָק באוויזען מיט אָפיציעלע ציפערען פון דער רעגירונגס צענזוס, אז די פאקטען זיינען פונקט פארקערט, אז לויט דער נייער איינ־טיילונג וועט דער אַלטער פעלער נאָך פיל מער פארשארפט ווערען. אין די פיר דיסטריקטען איז די באפעלקערונג געווען אַן ערך פון 725 טויזענט. אונטער דער אַלטער צוטיילונג האָט די באפעל־קערונג אין לאָנדאָנ'ס דיסטריקט געציילט איבער 165 טויזענט; לויט'ן נייעם פלאַן איז די באפעלקערונג אינ'ם דיסטריקט רעדו־צירט געוואָרען צו 147 טויזענט. אום אז אַלע דיסטריקטען זאָלען זיין גלייך, האָט אין יעדען פון זיי געדארפט זיין ארום 181 טוי־זענט. לויט דעם אַלטען פלאַן האָט אין לאָנדאָנ'ס דיסטריקט געפעלט ניט מער ווי 16 טויזענט מענשען; לויט דעם נייעם פלאַן האָט שוין אין אים געפעלט 34 טויזענט מענשען.

„דער ביל, האָט בלאָק געזאָגט צום גאָווערנאָר, גיט דעם 11טען דיסטריקט מיט 62 טויזענט מער איינוואוינער ווי דעם 12טען (לאָנדאָנ'ס) דיסטריקט; דער 13טער דיסטריקט קריגט מיט 44 טויזענט איינוואוינער מער ווי דער 12טער, און דער

14טער דיסטריקט מיט 24 טויזענט איינוואוינער מער ווי דער 12טער. די אונגלייכהייטן זיינען אזוי אָפען און אזוי קלאָר, אַז עס איז גאָרניט נויטיג צו ברענגען אנדערע באווייזע, אַז די לעדזשיסלייטשור האָט מיט דעם ביל פאַרלעצט די קאָנסטיטוציע. דער 12טער דיסטריקט איז בארויבט געוואָרען פון א גרויסער טייל באפעלקערונג צו וועלכער ער איז געזעצליך בארעכטיגט געוועז״.

ווי עס שיינט, האָבען די ציפערען געמאַכט אַן איינדרוק אויף דעם גאָווערנאָר. ווען דער פאַרטיידיגער פון ביל האָט זיך געשטעלט ריידען, האָט דער גאָווערנאָר איהם געשטעלט די פאָל־גענדע פראַגע: „איז עס ניט א פאַקט, דאָס אונטער דעם אַלטען געזעץ איז די באפעלקערונג אין די צוויי דיסטריקטען, אין דעם 11טען און 12טען, אונגעפער גלייך און אַז אונטער דעם נייעם געזעץ וועט דער 11טער האָבען מער מיט 50 טויזענט ווי דער 12טער?״ אויף דעם האָט דער פאַרטיידיגער געענטפערט: „יעס״. דאַן האָט דער גאָווערנאָר באמערקט: „זעט עס אויס, אַז דער נייער געזעץ רעכענט זיך ניט מיט דער פאָדערונג פון דער קאָנסטיטוציע, וועלכע וויל, אַז די באפעלקערונג אין אַלע דיסטריקטען זאָל זיין אונגעפער די זעלבע״.

די באמערקונג האָט דער גאָווערנאָר געמאַכט דעם 11טען אַפּריל. מיט דריי טעג שפּעטער האָט ער דעם ביל אונטערגע־שריבען. ווי עס ווייזט אויס, האָט ער אויך צוליב געוויסע גע־היימע אורזאַכען פאַרקוקט דעם געזעץ אין דער קאָנסטיטוציע. לאָנדאָנ׳ס דיסטריקט איז צושניטען געוואָרען דורך א רעפּובלי־קאַנישען לעדזשיסלייטשור מיט דער גוטהייסונג פון א רעפּובלי־קאַנישען גאָווערנאָר. די רעפּובליקאַנישע פּאַרטיי, וועלכע האָט אין עטליכע קאַמפּיינס געשטיצט דעם דעמאָקראַטישען קאַנדידאַט וואָס איז געלאָפען געגען לאָנדאָנ׳ען, האָט איצט געמאַכט דעם 12טען דיסטריקט פאַר א פּערמאַנענטער טעמעני פעסטונג, אבי די סאָציאַליסטען זאָלען פון דאָרטען ארויסגעטריבען ווערען.

לאָנדאָן האָט געוואוסט, אַז אין דעם צושניטענעם דיסטריקט וועט עס אוממעגליך זיין פאַר אים ווידער ערווײלט צו ווערען.

גאַסען וואו עס האָבען געוואוינט טויזענטע סאָציאַליסטישע וואוּ־טערס, זיינען ארויסגענומען געוואָרען פון דעם דיסטריקט און צוגעטשעפּעט געוואָרען צו דעם 11טען דיסטריקט. אַנשטאָט די סאָציאַליסטישע גאַסען זיינען צוגעזעצט געוואָרען צו לאָנדאָנ׳ס דיסטריקט די גאַסען פון די באַוערי, פון טשיינאַ טאַון און פון ריווער פראָנט, וואו עס וואוינען די אונוויסענדסטע און צוריק־געשטאַנענסטע בירגער פון דער גאַנצער שטאָדט.

לאָנדאָן האָט באַשלאָסען מער פאר קאָנגרעס ניט צו לויפען. אויסער די פאַסירונג מיט זיין דיסטריקט זיינען געווען אַנדערע אורזאַכען, וואָס האָבען אויף איהם געווירקט. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז נאָך מער אָפּגעשוואַכט געוואָרען. די קאָמוניסטישע באַוועגונג איז געווען זייער טעטיג אין איר ברעכערישער ארבייט אויף דער אידישער ארבייטער גאַס, אויף וועלכער לאָנדאָן האָט זיך אימער געשטיצט. ער איז אויך מיד געוואָרען פון זיין דער איינציגער סאָציאַליסטישער פאָרשטייער אין קאָנגרעס, פון שטיין איינער אַליין געגען אַ פּאַראייניגטער רעאַקציע פון איבער פיר הונדערט קאָנגרעסלייט. ער האָט די גאַנצע צייט געהאָפט, אַז זיין ארבייט אין קאָנגרעס, זיין קאַמף דאָרטען פאר פּראָגרעס און גערעכטיגקייט וועט אויפוועקען די מאַסען זיי זאָלען פאָלגען דעם ביישפּיל פון דער אידישער איסט־סאַיד און שיקען אַלס זייערע פאָרשטייער סאָציאַליסטען אָדער פּראָגרעסיסטען. ער האָט גע־האָפט, אַז דורך זיין מי וועט געשאַפען ווערען אין קאָנגרעס כאָטש אַ קליינער פליגעל פון פּראָגרעסיווע פאָלקס פאַרטרעטער. אין דער האָפנונג איז ער אַנטוישט געוואָרען און די אַנטוישונג האָט אָפּגעשוואַכט זיין אייגענעם ווילען און מוט ווייטער אין קאָנגרעס צו זיצען, ווייטער דאָרטען זיין איינזאַמען קאַמף פאָרט־זעצען.

ער האָט פון וואשינגטאָן געלאָזט וויסען זיין פּאַרטיי און זיינע פריינט אין די טרייד יוניאָנס, אַז ער וויל מער פאר קאָנ־גרעס ניט לויפען. אַלס ענטפער האָבען זיך צו איהם אַ שאָט געטאָן בריף מיט ביטעס און פּראָטעסטען. עס זיינען איהם אָנ־געקומען אַפילו אין נאָמען פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי,

פון די טרייד יוניאנס, פון פראגרעסיווע באוועגונגען. דער געשריי איז געווען, אז זיין צוריקציען זיך וועט צוגעבען מוט די שונאים פון רעכטס און פון לינקס. זיינע פארערער האבען געלייקענט, אז צוליב דער נייער איינטיילונג פון די דיסטריקטען קען ער ניט ערוויילט ווערען. זיי האבען פארזיכערט, אז טראץ אלע נייע און אלטע שוועריגקייטען וועט ער דאך ארויס דער זיגער. זיי האבען זיך פארפליכטעט צו ארבייטען שווערער, אנצושטרענגען זיך מער אין דעם קאמפיין.

דער פאלגענדער בריף וואס לאנדאן האט באקומען פון א וויס־פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט וואירקערס יוניאן ווייזט, וואס פאר א שטימונג עס האט דאמאלסט געהערשט אין די יוניאן רייען וועגען לאנדאנ׳ס קאנדידאטור. „ליבער ברודער, לאנדאן. א גרופע פון פראמינענטע טוער אין דער קלאוקמאכער יוניאן האבען מיר געבעטען איך זאל זען מיט אלעם מעגליכעס ווירקען אויף אייך איר זאלט ווידער לויפען פאר קאנגרעס אין 12טען דיסטריקט. איך שרייב אייך ניט בלויז ווייל איך וויל צוליב טאן די מענשען וואס האבען זיך צו מיר געווענדעט, נאר טאקע צוליב מיין פערזענליכער אכטונג צו אייך און מיין הייסען וואונש, אז איר וועט זיך ניט אפזאגען ווידער צו טראגען דעם סטאנדארד פון די ארבייטער מאסען פון דער שטאט ניו יארק... איך צווייפעל ניט, דאס איר ווייסט ווי גרויס עס איז די ליבע פון די קלאוקמאכער צו אייך. איר מוזט אויך וויסען ווי גרויס עס איז זייער צוטרויען אין אייער פייאיגקייט צו פארטרעטען זייערע אינטערעסען און ווי זיי שאצען אפ אלעס וואס איר האט פאר זיי געטאן אין דער פארגאנגענהייט. זיי פילען, אז דורך אייער ארבייט אין קאנגרעס האבען זיי זייער פיל געוואונען. איר, וועלכער האט געארבייט צוזאמען מיט אונז אין די פינסטערע טעג; איר, וועלכער האט אונז געפירט אין אונזער קאמף פאר ליכט, טארט זיך איצט ניט צוריקציען. די קלאנגען, אז איר טראכט מער ניט צו לויפען פאר קאנגרעס האט אונז שטארק געטראפען. אלע זיינען מיר דא מיט דער מיינונג, אז דאס טאר ניט געשען. אונטער אלע אומשטענדען טארט איר זיך ניט

אָפּזאָגען פון ווייטער צו פאַרטרעטען די ארבייטער אין קאָנגרעס״.
לאָנדאָן האָט זיך אונטערגעגעבען. די אמת׳ע אורזאַכע פאַרוואָס ער האָט עס געטאָן, האָט ער ערקלערט אין פּריוואַט צו זיין פרוי. ער האָט געזאָגט: „איך קען ניט אַנטוישען די פריינט מיינע, איך מוז זיי נאָכגעבען״. ער האָט געוואוסט, אַז ערוויילט ווערען וועט ער ניט, ער האָט געוואוסט, אַז די שטימען וואָס די פּאָליטישענס אין אלבאַני האָבען פון איהם אוועקגערויבט וועלען איהם אין עלעקשאָן טאָג פעלען. פון א פּראַקטישען שטאַנד־פּונקט וואָלט פאַר איהם זיכער בעסער געווען ניט צו לויפען. ער וואָלט זיך פאַרשפּאָרט די שווערע קאַמפּיין ארבייט און די שאַנדע פון א נידערלאַגע. אָבער אַנטקעגען די פּראַקטישע חשבונות זיינען געשטאַנען די געפילען פון די מענשען וועלכע זיינען געווען פאַרבלענדעט פון זייער ליבע און באַגייסטערונג פאַר איהם. וואָס וועלען זיי דענקען, וואָס וועלען זיי פילען אויב ער וועט זיי אָפּ־זאָגען און ניט לויפען? ער האָט געזוכט זיי צו איבערצייגען, אַז זיי מאַכען א טעות, ער האָט געזוכט אָפּצוקילען זייער ענטוּ־זיאַזם און ווירקען זיי זאָלען זיך רעכענען מיט די קאַלטע פאַק־טען. דאָס איז איהם אָבער ניט געלונגען. ער האָט דאַן זיי געטאָן צוליב און דעם נאָמינייִשאָן אָנגענומען.
דער קאַמפּיין איז געווען א שטורמדיגער. אַזוי גרויס איז געווען די באַגייסטערונג פאַר לאָנדאָנ׳ען, אַז די פּאָליטישענס פון די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען האָבען זיך דערשראָקען און די לעצטע מינוט האָבען די רעפּובליקאַנער צוריקגעצויגען זייער קאַנ־דידאַט און זיך פאַראייניגט מיט די דעמאָקראַטען. ביים שטימען און ביים ציילען די שטימען האָבען די פאַראייניגטע פּאָליטישע מאַשינען אָנגעווענדעט אַלע זייערע באַקאַנטע מיטלען פון גנבה און שווינדעל.
לאָנדאָן האָט דעם עלעקשאָן פאַרלאָרען.

קאַפּיטעל 51

לאָנדאָנ'ס לעצטע יאָרען און זיין טראַגישער טויט

די לעצטע דריי יאָר פון לאָנדאָנ'ס לעבען זיינען צוזאַמענגעפאַלען מיט דער שווערסטער צייט אין דעם פאַרצווייפעלטען קאַמף פון די סאָציאַליסטען געגען דעם קאָמוניסטישען שונא. די סאָציאַליסטען האָבען ערליטען נידערלאַגעס אין די יוניאָנס, וועלכע זיי האָבען געגרינדעט און געבויט און געהאָלפען איבער אַ פּעריאָדע פון דרייסיג יאָר. און דער שיקזאַל האָט געוואָלט, אַז די שווערסטע סאָציאַליסטישע פאַרלוסטען זאָלען געשען גראדע אין יענע צוויי אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען געווען ענג פאַרבונדען מיט לאָנדאָנ'ס נאָמען פון דעם טאָג פון זייער געבורט. לאָנדאָן האָט געדאַרפט צוקוקען ווי זיין קלאָוקמאַכער יוניאָן און זיין פּאָרעיער יוניאָן האָבען זיך אַרויסגעגליטשט פון די סאָציאַליסטישע הענט און זיינען אַריבער אין די הענט פון די קאָמוניסטען.

טרויעריגע יאָרען זיינען עס געווען פאַר מאיר לאָנדאָן, וועלכער האָט זיין לעבען געווידמעט צו לערנען און צו אָרגאַניזירען די אידישע אַרבייטער מאַסען און זיי פירען אויף דעם וועג פון סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם. לאָנדאָן האָט אימער גרויס געוויכט געלעגט אויף דער וויכטיגקייט פון בילדען די אַרבייטער, אויף אויפקלערען זיי, אויף מאַכען זיי איידעלער און שענער גייסטיג. איצט האָבען זיי זיך פון זיינע לערען אָפּגעקערט. זיי האָבען זיך גענומען צוהערען צו די קאָמוניסטישע נביאים, וועלכע האָבען געפּריידיגט די יעזואיטישע תורה פון „צוועק הייליגט דעם מיטעל" און גע'כשר'ט אַלערליי עולות און זינד אין נאָמען פון רעוואָלוציע און פון באָלשעוויזם.

די קאָמוניסטען דאָ האָבען אָנגעווענדט געגען די סאָציאַליסטען די זעלבע וואפע, וועלכע האָט זיך ארויסגעוויזען פאר ווירקזאם אין רוסלאנד — די וואפע פון ליגנערישער פראָפּאַגאנדע. די סאָציאַליסטען זיינען פארלוימדעט געוואָרען אַלס פאררעטער און שפּיאָנען, אַלס געהיימע אַגענטען פון די באַלעבאַטים, אַלס פארקויפטע צום קאַפּיטאַליסטישען קלאַס. דער קאַמפּיין פון ליגנערישער פּראָפּאַגאנדע האָט איבערטראָטען אַלע גרעניצען פון אַנשטענדיגקייט און ערליכקייט. מענשען וואָס האָבען זייערע לעבענס אָפּגעגעבען דער ארבייטער באוועגונג זיינען פארדאמט געוואָרען אַלס פארפירער און פאררעטער. די שענסטע נעמען אויף די בלעטער פון דער ארבייטער געשיכטע זיינען באַשפּיגען געוואָרען און פארוואָרפען געוואָרען מיט דער בלאָטע פון די שמוציגסטע בלבולים.

לאָנדאָן איז צוריקגעקומען אין ניו יאָרק דאַמאָלסט ווען דער ווילדער באַרבארישער אָנפאַל אויף די סאָציאַליסטען האָט זיך ריכטיג פאנאנדערגעשפּילט. ער האָט געזען ווי די צוויי יוניאָנס וועלכע זיינען געווען אזוי טיף איינגעבאקען ביי אים אין הארץ, זיינען באזיגט געוואָרען פון דער קאָמוניסטישער משוגעת. ער האָט געזען ווי די פּראַכטפולע סאָציאַליסטישע געביידע וועלכע ער האָט געהאָלפען בויען איז האַלב צובראָכען געוואָרען דורך די קאָמוניסטישע אַטאַקעס.

וואָס ער האָט געקענט טאָן דער באוועגונג צו העלפען געגען דעם אָנפאַל האָט ער געטאָן. ער איז געגען די קאָמוניסטען ארויסגעטראָטען ביי קאָנווענשאָנס פון ארבייטער אָרגאַניזאַציעס. ער איז געווען איינער פון דער „אַלטער גוואַרדיע" וואָס האָט צוריקגעשטויסען די קאָמוניסטען ביי דער קאָנווענשאָן פון ארבייטער רינג און זיי אויף שטענדיג געמאַכט אומשעדליך אין דעם גרויסען ארבייטער אָרדען.

אָבער די מערסטע צייט האָט לאָנדאָן אין פארלויף פון די לעצטע יאָרען אָפּגעגעבען פאר זיינע פּריוואַטע אנגעלעגענהייטען און פאר זיין פאַמיליע. ער האָט וויניג געקענט טאָן פאר דער באוועגונג; עס זיינען ניט געווען די מעגליכקייטען דערצו. געוויס האָט די ארויסגעצוואונגענע אונטעטיגקייט אים קיין גליק

ניט פארשאַפט. ער האָט געגלויבט און געהאָפט, אז די לאַגע וועט זיך שנעל ענדערען, אז דער עולם וועט זיך פון דער קאָמוניס־טישער שכרות אויסניכטערען. זיין איינגעבוירענער אָפּטימיזם האָט אים ניט געלאָזען פארצווייפלען. ער האָט ניט פארלוירען זיין גלויבען אין דעם געזונטען פארשטאַנד פון די מאַסען. ער האָט שוין פריער בייגעוואוינט ענליכע איבערגאַנגען, ענליכע סור־מאַטאָכעס צווישען די ארבייטער און ער האָט געוואוסט, אז פריער אדער שפּעטער זעען זיך די ארבייטער ארום וואו דער ריכטיגער וועג ליגט. לאָנדאָן האָט זיך גערינכט אז באַלד וועט ווערען רואיגער און אז דאַן וועט ער זיך ווידער אריינוואַרפען אין דער ארבייט פון צוריקאויפבויען דאָס, וואָס איז צובראָכען געוואָרען, פון צוריק שטאַרקען דאָס, וואָס איז אַזוי פיל אָפּ־געשוואַכט געוואָרען.

די האָפנונג לאָנדאָן׳ס איז ניט ערפילט געוואָרען. דער טויט האָט אים אוועקגערויבט א סך פריער, איידער דער ברודער קאַמף אין דער ארבייטער באַוועגונג האָט זיך אָפּגעשטעלט.

לאָנדאָן האָט זיין טויט באַגעגענט זונטאָג, דעם 6טען יוני, 1926. אזייגער עלף אינדערפרי איז ער פון זיין וואוינונג ארויס צוזאַמען מיט זיין פרוי. ער איז געגאַנגען איבער דער 15טער סטריט, אין דער ריכטונג פון סטייוועסענט פּאַרק; דאָרטען האָט ער געוואָלט זיצען א ווייל און לעזען א בוך — טשעכאָוו׳ס מעשיות, וועלכע ער האָט מיטגענומען מיט זיך. ביים ארי־בערגיין די צווייטע עוועניו האָט ער זיך אריינגעפּלאָנטערט צווי־שען לויפענדע אויטאָמאָבילס. א קאַר איז אויף אים אָנגעלאָ־פען און אים א שליידער געטאָן. ווען מען האָט אים אויפגע־הויבען האָט מען בלויז באַמערקט א טיפען שניט אין קאָפּ. אין בעלוויו האָספּיטאַל, וואו מען האָט אים געבראַכט, האָבען די דאָקטוירים געפונען אז ער האָט באַקומען זייער ערנסטע אי־נערליכע וואונדען. צוועלף שטונדען האָבען דאָקטוירים איבער אים געארבייט; זייער מי איז אָבער געווען אומזיסט. ער איז געשטאָרבען צען אזייגער ביינאַכט, ארומגערינגעלט פון זיין משפחה און פון צענדליגער פון זיינע אינטימסטע פריינד. איי־

דער ער איז אויסגעגאנגען האָט ער געבעטען אז דער מאַן וואָס האָט אים איבערגעפּאָרען זאָל ניט באשטראָפט ווערען.

אזא טרויער דעמאָנסטראציע ווי לאָנדאָן׳ס טויט האָט ארויס־גערופען צווישען די אידישע ארבייטער מאסען פון ניו יארק, האָט די שטאָדט קיינמאָל ניט בייגעוואוינט. גלייך ווי די נייעס האָט זיך פארשפּרייט אז לאָנדאָן איז געשטארבען, האָבען זיך מענשען גענומען פארזאמלען ארום דעם האָספּיטאל, לעבען זיין וואוינונג און ארום דעם „פאָרווערטס״ בילדינג. די גאנצע נאכט האָט דער טעלעפאָן ניט אויפגעהערט צו קלינגען אין די אָפּיסעס פון דער סאָציאליסטישער פארטיי, פון „פאָרווערטס״, און פון אנדערע צייטונגען. הונדערטער, טויזענטער מענשען האָבען געוואָלט וויסען צי איז עס אמת וואָס מען זאָגט אז לאָנ־דאָן איז טויט.

די מאָרגען צייטונגען פון ניו יארק, סיי די אידישע, סיי די ענגלישע, האָבען געגעבען די נייעס וועגען לאָנדאָן׳ס טויט אלס די וויכטיגסטע געשעהעניש פון טאָג. זיין קערפּער איז געבראכט געווארען אין זיין לעצטער וואוינונג, א קליינע דירה אויף דער איסט 18טער סטריט. גלייך נאָכדעם האָבען טוי־זענדער מענשען דאָס הויז באלאגערט; זיי זיינען געקומען אויס־דריקען זייער טרויער איבער דעם טויט פון דעם מענשען, וועמען זיי האָבען אזוי שטארק געליבט. א גאנצען טאָג ביז שפּעט אין דער נאכט האָט זיך געצויגען א שנור פון מענשען פארביי דער טרונע אין וועלכער דער טויטער איז געלעגען. מענ־שען פון פארשידענע שיכטען פון דער געזעלשאַפט, פון פארשי־דענע ראסען און נאציאָנאליטעטען זיינען געקומען — אזוינע, וואָס האָבען מיט אים צוזאמען געטאָן געזעלשאפטליכע אר־בייט, אזוינע וואס האָבען ביי אים געלערענט די באדייטונג פון סאָציאליזם, אזוינע וואס זיינען פון אים געפירט געווארען אין די גרויסע ארבייטער קאמפּען.

אויף מאָרגען איז דער קערפּער אריבערגעבראכט געווא־רען אין דער „פאָרווערטס״ געביידע, וואו ער איז געלעגען א גאנצען מעת־לעת. נאָך איידער דער טויטענוואָגען איז אָנגע־

קומען איז דער גרויסער פּלאַץ לעבען דער געביידע געפּאַקט געוועזן מיט אַ פיל־טויזענד קעפּיגער מאַסע. און דאָ איז ווי־דערהאָלט געוואָרען די זעלבע סצענע, ווי אין דער לאָנדאָן־וואוינונג מיט אַ טאָג פריער, נאָר אויף אַ פיל גרעסערען, אַ מער איינדרוקספולען מאַסשטאַב. אַ גאַנצען טאָג און אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך געצויגען אַ לאַנגע פּראָצעסיע פון אבלים אַרום דער טרונע פון דעם טויטען. מיר ציטירען פון דעם באַריכט וואָס די וויכטיגסטע ניו יאָרקער צייטונג, די „טיימס", האָט יענעם טאָג געדרוקט:

„פינף־און־צוואַנציג טויזענד מענער, פרויען און קינדער, (מאַנכע זיינען אַ שטונדע לאַנג געשטאַנען אין דער ליין) זיינען פאַרבייגעגאַנגען די טרונע פון דעם מאָמענט וואָס דער קער־פּער איז אָנגעקומען ביז וואַנען די געביידע האָט זיך געשלאָ־סען אַרום האַלבע נאַכט. פרויען מיט קינדער אויף די הענד, קליינע אינגעלאַך, וועלכע האָבען אויפגעהויבען זייערע נאָך קלענערע באַגלייטער אַ קוק צו טאָן אויף דעם פּנים פון דעם געוועזענעם קאָנגרעסמאַן; מענער מיט בערד, וועלכע האָ־בען געקלעטערט אויף די טרעפּ מיט דער הילף פון שטע־קענס; מענער אין אַרבייטער קליידער, אויפ׳ן וועג אַהיים פון דער אַרבייט; פרויען אין פאַטשיילעס און אין סוועטערס, און מענער און פרויען געקליידעט נאָך דער מאָדע — אַלער־ליי מענשען זיינען געווען צווישען די אבלים. פילע האָבען אָפען געוויינט ווען זיי זיינען פון דער געביידע אַרויס".

שפּעט נאָכמיטאַג זיינען געקומען גרופּען פון יונגע באָים און מיידלאַך און זיך געשטעלט אין דער ליין צוזאַמען מיט די גרויסע. זיי האָבען ערקלערט, אַז זייערע לערער אין סקולס האָבען זיי געשיקט אָפּגעבען ערע דעם אָנדענקען פון מאיר לאָנדאָן.

די לויה איז פאָרגעקומען מיטוואָך, דעם 10טען יוני, און איז געווען די איינדרוקספולסטע טרויער־פּראָצעסיע וואָס ניו יאָרק האָט ווען עס איז בייגעוואוינט. לויט די אָפיציעלע ציפערען פון די שטאָט־בעאַמטע האָבען זיך אין דער דעמאָנ־

סטראַציע באַטײליגט אַרום א האַלבער מיליאָן מענשען. איין צײטונג האָט געשריבען: „זעקס שעה צײט האָט די איסט סייד אױעקגעלײגט אַלעס אָן א זײט, סײ די װיכטיגע, סײ די אונװיכטיגע אױפגאַבען, אָפּצוגעבען ערע איר פאַרשטאָרבענעם נביא.”

די לויה־צערעמאָניע האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט א צאָל הספדים פון די פּראָמינענטסטע פירער פון די טרייד יוניאָנס און פון דער סאָציאַליסטישער באַװעגונג. דער „פאָרװערטס” האָל, װאו די הספדים זײנען געמאַכט געװאָרען, איז געװען געפּאַקט מיט צװײ מאָל אַזױ פיל מענשען, װי דער פּלאַץ האָט ערלױבט. אין גאַס, אַרום האָל, זײנען געשטאַנען נאָך פילע, פילע טױזענדער און זיך צוגעהערט צו די רעדעס דורך די ראַדיאָס.

נאָך די הספדים האָט זיך אָנגעהױבען די פּראָצעסיע דורך די גאַסען פון דער איסט סײד. די ליניע פון מענשען האָט זיך געצױגען פון דער „פאָרװערטס” געבײדע ביז לאָנדאָן׳ס װאױנונג, אױף דער 18טער סטריט, א שטרעקע פון צװײ מײל. הינטער דעם אָרון זײנען געגאַנגען ניט װײניגער װי 50 טױזענד מענער, פרױען און קינדער. אױף די טראָטואַרען, אין די פענסטער, אױף די דעכער און פײער עסקײפּס זײנען געשטאַנען נאָך הונדערטער־טױזענטער און געװאַרט ביז די פּראָצעסיע װעט פאַרבײגײן.

אָט װאָס די „טײמס” האָט אין איר באַריכט געשריבען:

„די פאַרזוכען צו האַלטען אָרדנונג אין דעם מאַרש האָבען זיך ניט אײנגעגעבען. הונדערטער פון די מענשען אױף די סײד־װאָקס האָבען זיך אַלע װײלע אָן די ליניעס אָנגעשלאָסען. מען האָט געדאַרפט גײן פיר אין דער ברײט, אָבער װען די פּראָצעסיע האָט דערגרײכט די צװײטע עװעניו זײנען די ליניעס געװען צװעלף אין דער ברײט. טױזענטער האָבען מאַרשירט אױף די סײד־װאָקס די גאַנצע לענג פון מאַרשרוט. עס האָט אױסגעזען אז יעדע אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפט אין שטאָט איז געװען פאַרטראָטען אין דער פּראָצעסיע — יעדע נאָדעל־טרײד יוניאָן, בעקערס, אַקטיאָרען, נעקטײ װאָירקערס,

ארבייטער רינג ברענטשעס, סאָציאַליסטישע ברענטשעס און פאַר־שידענע אנדערע אָרגאַניזאַציעס זיינען דאָרטען געווען מיט זיי־ערע באַנערס."

אין דעם גרויסען טרויער האָט די איסט סייד פאַרגעסען אירע רעליגיעזע, סאָציאַלע און פּאָליטישע צוטיילונגען. אַלע־מענס טרערען האָבען זיך צוזאַמענגעגאָסען אין איינעם. אָר־טאָדאָקסישע אידען, אַזוי ווי פרייַדענקער, קאָנסערוואַטאָרען אַזוי ווי ראַדיקאַלען, רייך אַזוי ווי אָרים. אפילו יענע מענשען, וועל־כע האָבען ביים לעבען לאָנדאָנ'ען באַקעמפּט און אים פאַר־לוימדעט אין צייט פון קאַמפּיינס אדער אין פאַל פון סטרייקס, האָבען איצט אנערקענט זיין גרויסען ווערט אַלס מענש און זיינע גרויסע פאַרדינסטען פאַר דער געזעלשאַפט. פילע פון זיינע פּאָליטישע שונאים זיינען געגאַנגען אין דער פּראָצעסיע פון דער לויה און געשיקט טרויער טעלעגראַמעס צו דער פאַ־מיליע. רבנים פון שולען האָבען געמאַכט „מלא'ס" נאָך דעם טויטען, כאָטש זיי האָבען געוואוסט, אַז לאָנדאָן איז זיין גאַנ־צען לעבען געווען א פרייַדענקער.

וואָכען לאַנג נאָך לאָנדאָנ'ס טויט האָט דער „פאָרווערטס" געדרוקט לאַנגע קאָלומס מיט טרויער רעזאָלוציעס וואָס זיינען צוגעשיקט געוואָרען פון ארבייטער און פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַ־ציעס איבער דער לענג און ברייט פון לאַנד — פון טרייד־יוניאָנס, פּאָליטישע און פילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציעס, סטו־דענטען גרופּעס, געזעלשאַפטליכע פאַראיינען און זאָ ווייטער.

מאיר לאָנדאָנ'ס מערקווירדיגע לויה האָט געדינט אַלס טע־מע פאַר לייט־ארטיקלען אין פילע צייטונגען איבער'ן לאַנד. די אַלטע שנאה צו לאָנדאָנ'ען פאַר זיין שטעלונג צו דער מלחמה און פאַר זיין ראַדיקאַליזם אין קאָנגרעס האָט זיך שוין דאַן געהאַט א סך אָפּגעקילט. די צייטונגען זיינען צו אים איצט געווען מער אדער ווייניגער גערעכט, האָבען אָפּגעשאַצט זיין לעבענס ארבייט מער אדער ווייניגער אומפּאַרטייאיש. אָט זיינען אויסצוגען פון אייניגע פון די פּראָמינענטסטע צייטונגען, וועל־

כע שטעלען מיט זיך פאַר די מיינונגען פון דער גאַנצער פּרע־
סע:

די „באַלטימאָר סאַן" האָט געשריבען: „לאָנדאָן'ס ערשטער פאַרלאַנג נאָכדעם ווי ער איז שטערבליך פאַרוואונדעט געוואָרען פון אַן אויטאָמאָביל, איז געווען, דער דרייווער פון דעם אויטאָמאָביל זאָל ניט באַשטראָפט ווערען. דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם מענשען מאיר לאָנדאָן. פּערזענליכע לייַדען, שווערע ארבייט, פּריוואַטע פליכטען האָבען קיינמאָל ניט געקענט דערשטיקען די פריינדליכע געפילען צו זיינע מיטמענשען, וועלכע האָבען שטענדיג באַהערשט די נשמה פון דעם סאָציאַליסטישען פירער. ער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין גוטען קאָפּ אַזוי ווי מיט זיין גוטער מענשליכער הארץ. דאָס האָבען אנערקענט זיינע קאָלעגען אין קאָנגרעס וואו ער איז געזעסען דריי טערמינען פּונקט אַזוי ווי די ארבייטער אויף דער איסט סייד, וועמען ער האָט געדינט מיט זיינע אויסערגעוויינליכע פעאיגקייטען אלס לאָיער".

די „טיימס־יוניאַן" פון ראָטשעסטער האָט געשריבען: „עס זיינען דאָ בלויז צוויי אדער דריי מענשען אין גאַנץ ניו יארק, וואָס קענען ערוואַרטען אז נאָך זייער טויט וועלען זיי באַגלייט ווערען פון א פּראָצעסיע פון 50 טויזענד אבלים, צווישען סייד־וואָקס שוואַרץ מיט אַן אָנגעפּאַקטער מאַסע פון מענשען. דער רייכסטער מאַן אין ניו יארק אָדער דער באַרימטסטער קינסטלער אויף בראָדוויי, קען ניט קריגען אַזאַ אויסדרוק פון אנערקענונג. אַזאַ אויסערגעוויינליכען ספּעקטאַקעל אין דער אויסערגעוויינליכער שטאָט איז געגעבען געוואָרען אין ערע פון דעם געוועזענעם קאָנגרעסמאַן מאיר לאָנדאָן, א איד, א סאָציאַליסט, א פּאַרקעמפּער און פריינד פון זיינע איסט סיידער מענשען".

די ניו יאָרק „העראַלד־טריביון": „קיינער ניט, ניט אפילו זיינע פּאָליטישע געגנער אין קאָנגרעס האָבען אויף איין מאָמענט געצווייפעלט אין זיין אויפריכטיגקייט אדער זיינע גוטע אבזיכטען. ער האָט זיין לעבען געווידמעט צו פאַרבעסערען דעם לעבען פון זיינע מיטמענשען. . . דער טויט פון מאיר

לאַנדאָן נעמט צו פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, פון וועל־כער ער איז געווען דעם גאַנצען לעבען א מיטגליד, איינעם פון אירע וויכטיגסטע און ניכטערסטע פאָרשטייער".

די ניו יאָרק „וואָירלד": „זיין שטענדיגע טעטיגקייט, זיין סימפּאַטי, זיינע הויכע אידעאַלען האָבען אים געמאַכט פּאָפּו־לער. אַלס סאָציאַליסט האָט מאיר לאָנדאָן ענטוישט פילע פון די עקסטרעמיסטען. ער איז געווען צו פּראַקטיש. ער איז געשטאַ־נען אונערשראָקען פאַר זיינע איבערצייגונגען".

צווישען די פּערזענליכע טרויער אויסדרוקען, וואס זיינען אָנגעקומען פון פילע פּראָמינענטע פּערזענליכקייטען, איז דער רירענדסטער, פיליכט, געווען די טעלעגראַמע פון יודזשין וו. דעבס. ער האָט געשריבען אָט וואָס:

„דער טראַגישער און פריצייטיגער טויט פון מאיר לאָנ־דאָן איז א שווערער קלאַפּ פאַר זיין פאַמיליע און פאַר פילע סאָ־ציאַליסטען איבער׳ן גאַנצען לאַנד, ווי אויך א גרויסער פאַרלוסט פאַר דער סאָציאַליסטישער און פאַר דער ארבייטער באַוועגונג. די שרעקליכע נייעס איז צו מיר געקומען ווי א בליץ פון א קלאָרען הימעל. איך קען זיך ניט פאָרשטעלען, אז אזא קאַ־טאַסטראָפע האָט אונז ווירקליך געטראָפען, אז פון אונז איז ווירקליך צוגענומען געוואָרען איינער פון די בעסטע קעפּ, פון די אויפריכטיגסטע הערצער, פון די פיינסטע און נאָבעלסטע נשמות, וועלכע האָבען געדינט די אָרימע, אונטערדריקטע און באַרויבטע אין זייער קאַמף אַרויסצוקלעטערען פון דער פינס־טערניש אין דער ליכטיגקייט. . . מער ווי דרייסיג יאָר האָב איך געקענט, הויך געשעצט און רעספּעקטירט דעם חבר וועלכער איז געפאַלען אין רעכטען מיטען פון זיין נאָבעלען לעבען, און וועלכער ליגט איצטער איינגעוויקעלט אין די שוואַרצע קליי־דער פון טויט . . . מאיר לאָנדאָן איז אין דעם שענסטען זין פון וואָרט געווען א מענש מיט זעלבסטווירדע. ער האָט גע־האַט די אַלע איינגענשאַפטען פון א שיינעם, ווירדיגען פאָר־שטייער און צו דער זעלבער צייט האָט ער געהאַט די ווייכ־האַרציגקייט, די סימפּאַטי, און די ליבענדע צערטליכקייט פון

א מאַמע. . . ער האָט זיינע פליכטען צו דער סאָציאַליסטי־שער פּאַרטיי און צו דער ארבייטער באַוועגונג דורכגעפירט מיט גרויסען מוט, מיט אבסאָלוטער איבערגעבענהייט און לאָ־יאַליטעט. אין דער געשיכטע פון דער ארבייטער באַוועגונג וועט לאָנדאָן'ס נאָמען פאַרשריבען ווערען מיט גאָלדענע בוכ־שטאַבען און וועט געלעזען ווערען פילע, פילע יארען שפּעטער."

צו דער אלמנה האָט דעבס געשריבען די פאָלגענדע טרייסט־ווערטער:

„מרס. מאיר לאָנדאָן, מיין ליבע גענאָסינע: ערלויבט מיר, אַלס איינער פון די אונציילבאַרע פאַרערער און ליבהאָבער פון אייער נאָבעלען מאַן, אייך אויסצודריקען די טיפסטע סימפּאַטי פון מרס. דעבס און פון מיר און מיין גאַנצע פאַמיליע, אין דעם מאָמענט פון אייער גרויזאַמען און הארצרייסענדען פאַרלוסט. די טרויעריגע נייעס האָט אונז אויפגעטרייסעלט. עס ווילט זיך ניט גלויבען אַז מאיר לאָנדאָן, דער מענש מיט דער ערהאַבענער נשמה און גוטער הארץ, וועמען מיר האָבען אַלע אַזוי געליבט, איז אַוועק פון אונז אין דער אייביגקייט אריין. . . ווערטער זיינען צו שוואַך אויסצודריקען וואָס מיר פילען, ווען מיר טראַכ־טען וועגען דעם שרעקליכען קלאַפּ וואָס איר און אייער פאַמיליע האָט ערליטען און וועגען דעם פאַרלוסט, וואָס מיר אַלע און די גאַנצע וועלט האָט געהאַט. מיר ווילען אָבער, אַז איר זאָלט צום ווייניגסטענס וויסען דאָס אונזערע הערצער זיינען מיט אייך אין דער שמערצליכער שטונדע, און אַז ווען דאָס וואָלט נאָר מעג־ליך געווען וואָלטען מיר זיך געטיילט מיט אייך אייער טרויער און פאַרלוסט. . . . איר האָט צום ווייניגסטענס די טרייסט פון וויסען, אַז אייער באַליבטער מאַן האָט געהאַט דעם רעספּעקט פון יעדען וואָס איז מיט אים אין בארירונג געקומען און אַז ער האָט געהאַט די ליבע און איבערגעבענהייט פון יעדען סאָ־ציאַליסט וואָס האָט געוואוסט זיין אמת'ע ווערט. . . זיין נאָמען און אנדענקען וועלען געהאַלטען ווערען טייער ניט בלויז פון זיינע גענאָסען פון דעם דור, נאָר אויך פון די דורות סאָציאַליס־טען וואָס זיינען נאָך ניט געבוירען".